STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07256

DE PROFUNDIS

Oscar Wilde

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין זעלבן פארלאג זיינען דערשינען פאלגנדע ביכער:

קנוט האמסון:

די קינדער פון דער צייט

אידיש: ש. שניידער

ארטור שניצלער:

קאסאנאווא'ס אהיימקער

אידיש: ב. אלקוויט

יעקב גלאטשטיין

פרייע פערזן

לידער

אין דרוק

און וועלן באלד דערשיינען:

דושיימס ברענטש קאבעל:

יורגען

אידיש: מיכל ליכט

ראבערט לואיס סטיוונסאן:

אוצר־אינזל

אידיש: אלף קץ

ס'גרייט זיך צום דרוק:

אן אלגעמיינער ארייגפיר צום פסיכאאנאליז

פון פראפעסאר זיגמונד פרויד

אידיש פון נ. ב. מינקאוו



J. Epstein OSCAR WILDE

אָסקאַר וויילד

דע פראָפונדיס

(פון דער טיפעניש)

Epistola: In Carcere et Vinculis

(געשריבן אין תפיסה און קייטן)

אידיש פון ק. מרמר

1926

פֿאַרלאַג בראָער און סטאַדאָלסקי, ניו יאָרק

Copyright, 1926
by
GROHAR & STODOLSKY

פאָרוואָרט

אָסקאַר ווײַלד'ס גרויס פּראָזע־ווערק, וואָס ער האָט „געשריבן אין תפיסה און אין קייטן, ווערט דאָ צום ערשטן מאָל איבערגעגעבן אין אידיש. אויך יענע קינסטלאַך צוזאַמענגעשטעלטע שטעלן פון אַט דעם ווערק אונטערן נאָמען „דע פּראָפונדיס". וועלכע איך האָב איבערזעצט אין יאָר 1909, זיינען איצט איבערגעגעבן טרייער צום ענגלישן אָריגינאַל.

אין ענגליש איז נאָך פאַרלויפיק ניט מעגלאַך צו פאַרעפנטלאַכן ווײַלד'ס ווערק אַזוי ווי ער האָט דאָס געשריבן. בלויז אין דייטש איז לעצטן יאָר (1925) אַרויס די פולע אויסגאַבע און פון דאָרט זיינען דאָ איבערזעצט אַלע שטעלן וואָס פעלן אין ענגליש. דער אידישער לייענער האָט דערמיט פאַר זיך ווײַלד'ס קונסטווערק אין פולן, אַ זאַך וואָס די וועלכע לייענען בלויז ענגליש, קאָנען עס נאָך ניט געניסן.

מיט אויסנאַמע פון די דייטשע שטעלן איז די אידישע איבערזעצונג אַ ווערטלאַכע. אָסקאַר ווײַלד איז געווען איינער פון די גרעסטע, אויב ניט גאָר דער גרעסטער וואָרט־מייסטער אין דער ענגלישער ליטעראַטור. ברייט אָפן איז פאַר אים געשטאַנען דער שאַץ־קאַמער פון דער ענגלישער שפּראַך פון אַלע דורות. ער האָט אויך קיין וואָרט ניט געשריבן צופעליק. ער האָט זיך באַמיט, דערציילט ער, אַז זיינע ווערטער אין אַט דעם בריוו, „זאָלן זיין דער דעקנדיקער אויסדרוק" פאַר זיינע געדאַנקען און „קיין פעלערן זאָלן ניט אַנטשטיין דורך איבעריקייט אָדער ניט גענוגקייט". ער האָט כסדר געזוכט איבערצוגעבן זיין „ווירקלאַכן איינדרוק, צו געפינען דעם גענויעם גלייכן וואָרט" פאַר זיין שטימונג. ער האָט פאַרזיכערט, אַז אַט דער בריוו האָט „זיין אויסדריקלאַכע באַדייטונג הינטער יעדן זאַץ. עס איז ניטאָ אין דעם קיין מליצה". איך האָב דאָס אַלץ געהאַט

אין זין. בפרט אז איך בין פול מיט ליבע און אכטונג צום טראַגישן קינסטלער, פון וועמעס ווערטער עס האָט מיך אָפּט, אין מיטן איבערזעצן, פאַרדריקט דאָס האַרץ און געשטיקט אין האַלז...

דאָס ביאָגראַפיש מאַטעריאַל פאַר מיין איינלייטונג „אָסקאַר ווײַלד און זיין טראַגעדיע", איז גענומען הויפּטזאַכלאַך פון די שריפטן (ביאָגראַפיעס מעמוארן און נאָטיצן) פון אזוינע מענטשן, וואָס האָבן געקאַנט ווײַלד'ן פּערזענלאַך, ווי ראָבערט שעראַרד, בערנאַרד שאָו, ראָבערט ראָס, אַנדריי זשיד, פריינק העריס, אַל־פרעד דאַגלאַס, אַ תּפיסה־וועכטער א. ד. ג. נאָך דערביי האָב איך זיך אויך באַנוצט מיט יעדן בוך, אָפּהאַנדלונג און צייטונגס אַרטיקל איבער ווײַלד'ן, וואָס איז מיר מעגלאַך געווען צו קריגן דאָ אין לאַנד, און מיט אַלץ וואָס איך האָב אויסגעפונען אין ענגלאַנד, ביים איבערזעצן דאָרט די פאַרקירצטע אויסגאַבן פון „דע פּראָפונדיס" (לאָנדאָן 1909).

דער איבערזעצער.

ניו יאָרק, פעברואַר 1926

אָסקאַר ווײַלד און זײַן טראַגעדיע

„איין טאָג וועט און מוז ארויסקומען דער אמת —
דאָס דאַרף ניט זײַן דווקא בײַ מײַן לעבן".

— אָסקאַר ווײַלד

I

אין דעם ענגלישן זשורנאַל „דהי איידלער" האָט אַמאָל אַ דיכטער פאַרעפנטלאַכט אַ געדיכט מיטן נאָמען „דער טרויער מאַרש". איבער דאָס געדיכט איז געווען געצייכנט אַ בילד פון די אבלים. עס האָבן מאַרשירט אייננעוויקלט אין שוואַרץ, די ירמיהס פון סוף 19טן יאָרהונדערט: איבסען, זאָלאַ, טאָלסטאָי, און זייער גלייכן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען די פאַרטרויערטע געשטאַלט פון אָסקאַר ווײַלד.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אָסקאַר ווײַלד האָט נאָך געגאָלטן פאַר דעם דיכטער פון זונענשיין. ער איז דע־מאָלט געוואָרן אַלגעמיין באַטראַכט פאַר אַזאַ פערזאָן, וואָס לעבט אויף יענער זייט פון דער מענטשלאַכער מאָראַל און האָט ניט קיין מיטגעפיל פאַר זיינע מיטמענטשן. נור אַ ברודער־דיכטער האָט אים דערקענט. ער האָט געזען, אַז אונטער ווײַלד'ס מאַסקע פונ'ם ווערטלאַכזאָגער און שפּאַסמאַכער איז באַ־האַלטן צער און צאָרן. האָט ער אים געשילדערט פאַר איינעם פון די אַלוועלטלאַכע אבלים, וועמעס האַרץ בלוטיקט פאַר די מענטשלאַכע ליידן, און וועמעס קונסט איז דורכגעדרונגען פון טיפער מענטשנליבע און אומענדלאַכן צער.

אין זיין עסיי „די דעקאַדענץ פון זאָגן ליגן", שרייבט אָסקאַר ווײַלד, אַז אויב אַ מענטש וויל זאָגן דעם אמת אויף זיך אַליין, אַזוי מוז ער אָנטאָן אַ מאַסקע. ערשט דעמאָלט ווען אַ מענטש

רעדט אינ'ם נאָמען פון אַ צווייטן, קאָן ער אויפדעקן זיין אינעווייניקסטן וועזן.

דאָס איז געווען דער סוד פון ווײַלד'ס מאַסקאַראַדן. אַ גרויס טייל פון זיין לעבן, פון זינט ער איז אַרויס פון אוניווערזיטעט ביז ער איז אַריין אין תפיסה, האָט ער אויף זיך געטראָגן פאַרשידענע מאַסקן. ער האָט פאָזירט פאַר אַ לעבע־יונג, אַ הולטאַי, אַ דענדי, און פראַנט. נור אונטער די אַלע מאַסקעס, וואָס האָבן אים ווייט דערווייטערט פון די ברייטע מאַסן, האָט זיך באַוועגט אַ צאַרט פילנדיק האַרץ, פול מיט ליבע און רחמנות.

אין תפיסה זיינען פון ווײַלד'ן אַרונטערגעפאַלן אַלע קינסטלאַכע מאַסקעס. „דאָס ליידן איז ניט פאַרמאַסקירט אַזוי ווי די פריידן", רופט אויס ווײַלד אין זיין נויט. דעמאָלט האָט זיך דער קינסטלער באַוויזן אין זיין עכטער געשטאַלט: אַ מענטש פול מיט ליבע צום גאַנצן באַשאַף און מיט אַ טיפן מיטגעפיל פאַר אַלץ וואָס ליידט. דער אומבאַמערקבאַרער טוי פון סאָציאַלן מיטגעפיל, וואָס האָט געפּערלט אויף די בלעטער פון זיינע ווערק, האָט זיך איצט צוזאַמענגעגאָסן אין אַ ברייטן שטראָם. די קונסט איז שוין ניט געווען מער פאַר אים קיין שאָטנשפּיל, קיין מאַסקאַראַד. זי איז פאַר אים געוואָרן דער העכסטער אויסדרוק פון אַ באַלאָדן האַרץ מיט פּיין. ער האָט געזוכט דורך איר צו ווערן „די אויגן פון דעם בלינדן, די אויערן פון דעם טויבן און אַ הילפסרוף אויף די ליפּן פון די, וועמעס צונגען עס זיינען געווען געבונדן".

דער נייסטער פאַרזוך צו דראַמאַטיזירן ווײַלד'ס לעבן *) איז ניט געלונגען. זיין געשיכטע איז נאָך צו ניי, אום צו קאָנען ווערן באַהאַנדלט ווי אַ קונסט־שטאָף. נור שוין איצט איז קלאָר, אַז זיין לעבן האָט אַלע עלעמענטן פון דער קלאַסישער טראַגעדיע.

געבאָרן אין אַ וואוילהאַבנדיקן אינטעליגענטן הויז, באַשאָנקן מיט גרויסע מעלות, דערצויגן אין די פאַרנעמסטע לערנאַנשטאַלטן פון זיין לאַנד, איז אָסקאַר ווײַלד כסדר געשטיגן

---

*) קאַרל שטערנהיים, „אָסקאַר ווײַלד", דראַמע אין פיר אַקטן, פּאָסטדאַם 1925. דוד פּענאַ: „אָסקאַר ווײַלד", דריי אַקטן. בוענאָס איירעס 1922.

אויפ׳ן לייטער פון רום. בלינד און טויב פאר די צייכנס און שטימען, וואס ווארענען אים קעגן די נסיונות און געפארן אויף זיין וועג, שטייגט ער אלץ העכער און העכער. נאר ווען ער שטייט שוין אויפ׳ן העכסטן טרעפ, גליטשט ער זיך אויס און פאלט אראנטער אין תהום פון עלנט, שאנד און שפאט.

ווײַלד׳ס טראגעדיע איז נאך טיפער ווי די פון קינסטלער געשאפענע, דורכדעם וואס אירע צוקוקער זעען ניט אין זיין צוזאמענברוך קיין טראגיזם, נאר א שפאס, און קייקלען זיך פאר געלעכטער.

II

אסקאר (פינגאל א׳פלאהערטי ווילס) ווײַלד איז געבארן געווארן דעם 16טן אקטאבער 1854 אין דעם פיינסטן קווארטאל פון דובלין, די הויפטשטאט פון אירלאנד. זיין טאטע־מאמע האבן געשטאמט פון אדעליקע און אינטעליגענטע משפחות, און זיינען ביידע געווען בארימטע פערזענלאכקייטן אין זייער צייט.

דר. סער וויליאם ראבערט ווילס ווײַלד (1815—1876), אסקאר׳ס פאטער, איז געווען דער גרעסטער אירלענדישער ספעציאליסט אויף אויגן און אויערן קראנקהייטן. זיין אויגן און אויער קליניק איז אויך געווען בארימט דורכדעם וואס ארימע פאציענטן פלעגן דארט באהאנדלט ווערן אומזיסט. דר. ווײַלד איז אויך געווען אן אויסגעצייכנטער ארכעאלאג און פאלקלאריסט, און דער פארפאסער פון א היבשע צאל ווערק איבער היסטארישע און ארכעאלאגישע פראבלעמען. פאר זיינע אויפטואונגען אויף פארשידענע גייסטיקע געביטן, איז דר. וויליאם ווײַלד געווארן אויסגעוויילט פאר׳ן פרעזידענט פון דער אירלענדישער אקאדעמיע און אויך געקראגן פון ענגלאנד דעם טיטל „סער".

דזשיין פראנציסקא עלדזשי ווײַלד (1826 — 1896) אסקאר׳ס מאמע, איז געווען די טאכטער פון א פראטעסטאנטישן גלח. זי איז געווען העכסט געבילדעט, גוט באלעזן אין אלע געביטן פון דער וועלט ליטעראטור, האט געלייענט אין

אריגינאַל גריכיש און לאַטיין און די באַדייטנסטע אייראָפּייאישע שפּראַכן פון איר דור. אין דער יוגנט האָט זי געשריבן, אונ־טערן נאָמען „ספּעראַנצאַ" (האָפנונג) אין רעוואָלוציאָנערע זשורנאַלן. זי האָט דאָרט גערופן דאָס פאָלק, אין פּאָעזיע און פּראָזע, צו רעוואָלוציאָנערע מעשים, אין קאַמף פאַר אירלאַנד'ס באַפרייאונג. אויסער אַ באַנד לידער און אירע ביכער „אירלענ־דישע לעגענדעס" און „סאָציאַלע שטודיעס", האָט זי אויך גע־שריבן און איבערזעצט ראָמאַנען, וואָס זיינען געווען פּאָפּולער אין דער פרויען־וועלט. די רעוואָלוציאָנערע מאַסן אין אירלאַנד האָבן איר באַטראַכט פאַר זייער פרייהייט־דיכטערין און איר געליבט און געשעצט. גלייכצייטיק איז זי געווען אויך הויך אָנ־געזען אין די אינטעליגענטע קרייזן. איר סאַלאָן אין דובלין, אַזוי ווי שפּעטער, נאָך איר מאַנ'ס טויט, אין לאָנדאָן, איז גע־ווען אַ זאַמלפּלאַץ פון קינסטלער, געלערטע און געזעלשאַפטלאַכע טוער.

ווײַלד'ס עלטערן זיינען ביידע געווען שטאַרק פאַראינטערע־סירט אין זאַמלען פאָלקלאָר. ווען אָסקאַר איז נאָך געווען אַ קליין אינגל, האָט אים דער פאָטער מיטגענומען אויף זיין רייזע צו באַזוכן אַלטע חורבות און זאַמלען אַבערגלויבנס און זאַ־באַבאָנעס. אַזוי, אַז אַ דאַנק זיין פאָטער, איז אָסקאַר ווײַלד שוין אין זיינע אינגל־יאָרן געווען גוט באַהאַוונט אין מיטאָ־לאָגיע און אַרכעאָלאָגיע און געגוי באַקאַנט מיט די קונסט־ווערק פון אַלע צייטן. פון זיין קונסטפאַרשטענדיקן טאַטן האָט אויך אָסקאַר ווײַלד גע'ירש'נט זיין געשמאַק פאַר אַנטיקן און זיין מבינות אויף קונסטזאַכן.

אָסקאַר ווײַלד איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זיינע עלטערן, ברודער, וויליאַם טשאַרלס קעניגסבורי ווילס (1862—1899), און שוועסטער, איזאָלאַ, אַ אינגערע פון אים. באַזונדערס האָט ער גע־ליבט זיין מאַמען, וועמעס אויסזען ער האָט געהאַט און איז געווען אַזוי ווי זי פול התלהבות פאַר אַלץ וואָס אים איז געווען געפעלן.

אין די מוטערס אויגן האָט דער עלטערער זון, ווילי, אויס־געזען אַ סך געראָטענער ווי אָסקאַר. נאָר אָסקאַר ווײַלד האָט אַלע מאָל געהאַלטן זייער פיל פון זיין מאַמען. ניט געקוקט אויף איר אַבנאָרמאַלער גרויסהאַלטעריי און ניט פּאָעטישער גראַמענ־

מאַכעריי, האָט איר ווײַלד פאַרגליכן סאָציאַל צו דער קלוג אויס־געדעכנטער מאַדאַם ראָלאַן און קינסטלעריש צו דער באַגאַב־טער דיכטערין, עליזאַבעט באַרעט ברויגינג.

לײַדי ווײַלד האָט געלאָזן אירע יונגע אינגלאַך זײַן אַנוועזנ־דיק ביי די פרייע אונטערהאַלטונגען אין איר סאַלאָן. זי האָט אַפילו דערמוטיקט זייער טיילנעמען אין די געשפּרעכן פון די על־טערע, און זיי צוגעגעבן קוראַזש צו מאַכן שיינע, געשליפענע באַמערקונגען. דאָס האָט זיי אַנטוויקלט צו פרי, און אַוועקגע־נומען פון זיי, באַזונדערס פון דעם איינגערן, די נאַאיוויטעט פון דער קינדהייט.

דער מער פילנדיקער אָסקאַר האָט איבערהויפּט איבערגע־נומען פון זיינע עלטערן אַלע זייערע שוואַכקייטן. אַפילו יענע קראַנקהייטן פון זיין משפּחה, ווי שכרות, תאווה און גאווה, פון וועלכע ער איז געוועזן פריי אין זיין יוגנט, האָבן אין אים גע־האַט זייערע קערנער, וועלכע האָבן בלויז געוואַרט אויף דער גינסטיקער געלעגנהייט פאַר זייער אַנטוויקלונג.

אָסקאַר ווײַלד האָט ניט פאַרמאָגט זיין מאַמע׳ס רעוואָלוצי־אָנערע ענערגיע, איר אויפריכטיקן צאָרן קעגן אונטערדריקונג און איר מוטיקן קאַמף פאַר פרייהייט.

אין זיין יוגנט, קענטיק אונטער דער מאַמע׳ס איינפלוס, האָט ווײַלד געשריבן אַ „סאָנעט צו פרייהייט", וואו ער זאָגט, אַז „דאָס ברומען פון אירע דעמאָקראַטיעס, טעראָר־הערשאַפטן, אי־רע גרויסע אַנאַרכיעס", שפּיגלען אָפּ זיינע „ווילדסטע ליידנ־שאַפטן ווי דער ים" און „אין געוויסע זאַכן" איז ער מיט „אַט די קריסטוסעס וואָס שטאַרבן אויף די באַריקאַדן". נאָר שפּעטער ווען ער טרעט אַרויס אין לעבן, חבר׳ט ער זיך מערסטנס מיט אַריסטאָקראַטן און דערווייטערט זיך גאַנץ פון די ליידנדיקע מאַסן און פון די וואָס שטאַרבן פאַר זיי אויף די באַריקאַדן.

ער האָט אויך ניט פאַרמאָגט זיין טאַטע׳ס וויסנשאַפטלאַכע ענערגיע, זיין אומדערמידלאַכן פאָרשן און אונטערזוכן. ער איז געווען שוואַך אין מאַטעמאַטיק און ניט געהאַט קיין אינטערעס פאַר נאַטורוויסנשאַפט, דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער מאָ־דערנער קולטור.

נאָר דערפאַר האָט אָסקאַר ווײַלד איבערגענומען און ווײַ־טער אַנטוויקלט, צו זיין אומגליק, אַלע חסרונות פון זיינע על־

טערן. ער איז געווען, אַזוי ווי זיין מאַמע, טעאַטראַליש און גענייגט געוויכט אויף דער אויסערלאַכקייט, קליידונג און פּוץ. ער האָט, אַזוי ווי זיין טאַטע, ניט געקאָנט קאָנטראָלירן זיינע תאוות.

ווײַלד'ס מאַמע האָט זיך אַלעמאָל באַנומען, אין איר ריידן, זיך קליידן, אויפפירן, ווי זי וואָלט געשפּילט טעאַטער. אַלץ אַרום איר איז געווען אַפעקטירט און איבערגעטריבן. אַפילו אין העלסטן טאָג זיינען אירע פענסטער געווען דיק פאַרהאַנגען און אין איר הויז האָבן דונקעלע לאָמפּן געברענט ליכט.

ווען אָסקאַר ווײַלד איז אַלט געווען קנאַפּע צען יאָר, האָט זיין טאַטע דורכגעמאַכט אַ סקאַנדאַליעזן פּראָצעס. דער חשוב'ער און געאַכטער אויגן־און־אויער ספּעציאַליסט, דער פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע, דר. סער וויליאַם ווײַלד, איז געוואָרן אָפן באַשולדיקט אין פאַרגוואַלטיקן זיינע אַ יונגע שיינע פּאַציענטין, די טאָכטער פון אַ קאָלעגע, אַ דובלינער פּראָפעסאָר. עס איז אויך ניט געווען קיין סוד, אַז דער אַלטער דאָקטאָר האָט פאַר־שווענדט כמעט זיין גאַנצן פאַרמעגן אויף הוליאַנקעס און אויס־געלאַסנקייטן.

די ברידער ווײַלד האָבן זיך יעדער, זינט זיין ניינטן יאָר, דערצויגן אין דער פּאָרטאָרא ראָיאַל סקול, אַ פּראָטעסטאַנטישע פּריוואַט שול, אין אָלסטער, אין פּראָטעסטאַנטישן צפון פון איר־לאַנד. דאָרט האָט אָסקאַר ווײַלד געלערנט פון האַרבסט 1864 ביזן זומער 1871. ער האָט זיך שוין דאָרט אַרויסגעוויזן מיט די מערסטע מעלות און חסרונות פון זיין שפּעטערן לעבן. ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם זכרון, און געקאָנט זאָגן אויסווייניק גאַנצע שטיקער פון די גריכישע און רוימישע קלאַסיקער. אַ דאַנק זיין שיין קלינגענדיקע שטים, פלעגן ווײַלד'ס רעציטאַציעס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע זיינע צוהערער.

אין ווײַלד'ס שול־יאָרן האָט זיך שטאַרק אָנגעזען די ווייב־לאַכע צאַרטקייט פון זיין געזיכט. זיינע לאַנגע העלבלאָנדע האָר האָבן נאָך פאַרשטאַרקט אָט דעם איינדרוק. ער האָט זיך אויך אונטערגעשיידט פון די מערסטע שילער דורך זיין גלייכ־גילטיקייט צו ספּאָרט. ער פלעגט זאָגן, אַז די באַוועגונגען ביי ספּאָרט זיינען ניט עסטעטיש. ער האָט זיך ניט געראַנגלט, ניט געשפּילט בייזבאָל אָדער פוסבאָל, און אַפילו ניט געקאָנט גוט

רודערן א שיפל. נאָר דערפאַר פלעגט ער אַ סך לייענען, מער־סטענס ראָמאַנטישע ווערק. ער איז געווען באַזונדערס באַגייס־טערט פאַר די ראָמאַנען פון בנימין דיזראַעלי, (דער שפּעטערער לאָרד ביקאָנספּילד).

דער איינפלוס פון היימישן סאַלאָן, זיינע רייזן מיט דער מאַמען וואַקאַציע־צייט, זיין גרויס באַלעזנקייט און זיינע מיט־געבאָרענע פעיִקייטן, האָבן ווײַלד'ן שוין אין די אינגל־יאָרן אויסגעצייכנט מיט זיין טאַלאַנט צו אונטערהאַלטן אַ געזעל־שאַפט. זיין שפּראַך איז געווען הומאָריסטיש, בילדערדייך. האָט ער איינעם געגעבן אַ צונעמעניש, איז שוין דאָס געוואָרן צו־געקלעפּט צו יענעם, האָט ער עפּעס־וואָס דורכגעמאַכט, האָט ער געהאַט צו דערציילן נסים און נפלאות. און כאָטש אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט פּאַסירט בלויז אין זיין פאַנטאַזיע, פלעגן זיי דאָך ווערן מיטגעריסן פון זיין וואונדערשיינעם הו־מאָריסטישן דערציילן. נאָר ניט געקוקט אויף זיין שיין ריידן, שיינע מאַנירן, גוטהאַרציקייט, גוטמוטיקייט און איידלקייט ביז גאָר, האָט ווײַלד ניט געהאַט קיין נאָענטע חברים. אויך זיין עלטערער ברודער האָט זיך צו אים פאַרהאַלטן, אַקוראַט ווי דער אונטערשייד אין זייער עלטער וואָלט געווען אַ סך מער ווי צוויי יאָר. אָסקאַר ווײַלד האָט שוין דעמאָלט געפילט, אַז ער שטייט פיל העכער ווי זיין עלטערער ברודער. נאָר האָט זיך איינער דערנענטערט ווײַלד'ן, האָט זיך יענער אין אים פאַר־ליבט.

אַ דאַנק זיין גוטן זכרון האָט ווײַלד געענדיקט די שול מיט אַ פּרייז פאַר גריכיש. דאָס האָט אים געגעבן אַ קעניגינ'ס סטי־פּענדיע אין טריניטי קאָלעדזש פון דובלין. די זעלבע מעלה האָט אים געהאָלפן צו ענדיקן דעם קאָלעדזש מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר גריכיש און געווינען אַ סטיפּענדיע אין אָקספאָר־דער אוניווערזיטעט (פינף יאָר צו 95 פונט — בערך 475 דאָ־לאַר אַ יאָר).

אַזוי ווי אין שול, אַזוי אויך אין קאָלעדזש האָט ווײַלד געהאַט ווייניק חברים. ער האָט זיך ניט גע'חבר'ט מיט די סטודענטן, ווײַל זיי האָבן אָפּגעגעבן זייער מערסטע צייט אויף ספּאָרט, שכרות און הולטאַיסטווע. ער פלעגט מער פאַרברייי־גען אין שטאָטישער געזעלשאַפט. נאָר ער האָט ניט געשפּילט אין

קאַרטן, האָט ווייניק געטרונקען און, אַזוי ווי זיין גאַנץ לעבן, קיינמאָל ניט געזאָגט קיין גראָבן וויץ, קיינמאָל ניט דערציילט קיין צווייידייטיקע געשיכטלאַך. ער האָט תמיד געהאַלטן זיינע ליפּן ריין, עסטעטיש.

די סטודענטן האָבן אים רעספּעקטירט, נאָר ניט געליבט. ער האָט צופיל געהאַלטן פון זיך. ער האָט געוואוסט, אַז ער ווייס און פאַרשטייט מער פון זיי אַלעמען.

III

דעם 17טן אָקטאָבער 1874, אַ טאָג נאָכדעם ווי ער איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, איז אָסקאַר ווײַלד אַריינגעטראָטן אין מעדעליין קאָלעדזש פון אָקספאָרדער אוניווערזיטעט. געוויינלאַך קומען דאָרט אָן אָכצן־יאָריקע אינגלאַך. ווײַלד איז דערפאַר געווען מער אַנטוויקלט שוין צוליב זיינע יאָרן אַליין. ער הייבט זיך גיך אַרויס איבער זיינע קלאַסן. ער ווערט אומעטום דער וואָרטפירער. ער פילט זיך העכער פון אַלע. ער איז געווען באַהאַוונט ניט בלויז אין דער ענגלישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער פראַנצויזישער און דייטשער. נאָר דער עיקר איז געווען וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט אַזוי שיין ריידן ווי ער. זיין פּראָפעסאָר וואָלטער פּייטער, איז אַמאָל געוואָרן אַזוי אַנטציקט פאַר ווײַלד'ס ריידן, אַז ער איז געפאַלן פאַר אים אויף די קני און געקושט זיין האַנט.

אָט דער באַדייטנדיקער ענגלישער עסטעטיקער, דער פּראָפעסער פון די ביכער „רענעסאַנס", מאַריוס דער עפּיקורייער א. א. וו. האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף אָסקאַר ווײַלד.

„די איינציקע שרייבער, וועלכע האָבן מיר באַאיינפלוסט".
— האָט ווײַלד שפּעטער געשריבן, — „זיינען קיטס, פלאָבער, און וואָלטער פּייטער". און אין אַ פּריוואַט געשפּרעך האָט נאָך ווײַלד צוגעגעבן: „פּייטער האָט געמיינט אַלצדינג פאַר מיר. ער האָט מיר געלערנט די העכסטע פאָרמע פון קונסט: די שטריינגקייט פון שיינקייט. איך בין געקומען צו מיין פולן וואוקס מיט פּייטערן". אויך אין זיינע טעג פון לייד און פּיין, הערט ווײַלד ניט אויף צו ריידן מיט ליבע און רעספּעקט פון וואָלטער פּייטער. ער האָט באַטראַכט פּייטער'ס „רענעסאַנס" פאַר די „גרעסטע פּראָזע אין ענגליש" און אַ טייל דערפון פאַר „די

גרעסטע פּראָזע אין דער גאַנצער ליטעראַטור". נאָר כאָטש פּיי־טער איז געווען און פאַרבליבן פאַר ווײַלד'ן די העכסטע אויטאָ־ריטעט, האָט ער דאָך קיינמאָל ניט באַזוכט זיינע פאָרלעזונגען.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויך געמאַכט אויף ווײַלד'ן „דער ענגלישער טאָלסטאָי", דזשאָן ראַסקין. ווײַלד איז ניט געוואָרן מיטגעריסן פון זיין פּראָפעסאָר'ס סימפּאַטיע מיט די אָרימע מאַסן. פאַרקערט, דאָס האָט דעם אַריסטאָקראַטישן אינ־דיווידואַליסט אָפּגעשטויסן. ווײַלד'ן האָבן אויך ניט באַגייס־טערט דזשאָן ראַסקין'ס סאָציאַל־עטישע לערן פון קונסט און לעבן. דער יונגער עסטעטיקער איז שוין דעמאָלט געווען אַן אָנהייגער פון „קונסט צוליב קונסט". נאָר ער איז געוואָרן באַ־צויבערט פון דזשאָן ראַסקין'ס נאָבעלער פּערזענלאַכקייט און פון זיין קרעפטיקער פּראָזע. ער רופט אים אַן „ענגלישער פּלאַטאָ" און שרייבט שפּעטער וועגן אים אַזוי:

„ראַסקין וועט מיר שטענדיק זיין און בלייבן אַ לערער פון איידעלער לעבנסקונסט און גייסטיקן וויסן. שוין דערפאַר אַליין, ווייל ער איז דאָס געווען גאַנץ באַזונדער, וועלכער האָט אונז אין אָקספאָרד, דורך דעם צויבער פון זיין קענגוואַרט און די מו־זיק פון זיינע ווערטער, אַריינגעגעבן יענע באַרוישטקייט פון שיינהייט, וועלכע איז פאַר אונז דער סוד פון העלענישן גייסט, יענע בענקשאַפט נאָך באַשאַפער־קראַפט, וועלכע האָט ווייניק־סטענס אייניקע אונטער אונז אָנגעפילט מיט דעם דערהאַבע־נעם און ליידנשאַפטלאַכן ערגייץ, אַריינצודרינגען אין וואונדער־ווייטע לענדער, מיט אַ שליחות פאַר די נאַציעס, מיט אַ בשורה פאַר דער וועלט".

ביי די עקזאַמענס אין 1876 האָט זיך ווײַלד שטאַרק אויס־געצייכנט אין די גריכישע קלאַסיקער. און אַזוי ווי אין יענעם יאָר איז געשטאָרבן זיין פאָטער און אים איבערגעלאָזן אַ ביסל געלט, אויך אַ קליין הויז און אַ שטיקל לאַנד, האָט ווײַלד באַ־שלאָסן אונטערצונעמען, אין יאָר 1877, אַ לייננגערע שטודיע־רייזע נאָך גריכנלאַנד, אונטער דער אויפזיכט פון זיין פּראָ־פעסאָר מאַהאַפי. די רייזע האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַל־טיקן איינדרוק און געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זיין גאַנצן לעבן. גריכנלאַנד איז געווען דאָס לאַנד פון זיינע חלומות און בענקשאַפטן. ווײַלד'ס רייזע אין זיין ביבללאַנד האָט אָנגע־

פילט מיט לעבן זיין קלאסישן ווערטערבוך. פון אלע זייטן האבן פאר אים אויפגעלויכטן מיטאלאגישע געשטאלטן און אים באגייסטערט זיי צו געבן א קינסטלערישן תקון.

דעם זעלבן יאר האט אויך ווײַלד געמאכט א קורצע רייזע איבער איטאליע. דאס האט באַרייכערט זיין וויסן פון דער קונסט, פון דער רענעסאנס־עפאכע, ווי אויך פון דער פאר־ראפאעלישער, וועלכע האט דעמאלט געהאט אין ענגלאנד א קונסט־באוועגונג — די פרע־ראפאעליטישע — מיט וועלכע ווײַלד האט שטארק סימפאטיזירט. זיין רייזע איבער איטאליע האט אים אויך באקאנט מיט דער קאטוילישער מיסטיק וואס האט באאיינפלוסט זיין יוגנטלאך ליד און געווארן זיין לעצטער עיר־מקלט ווען ער, דער פרינץ פון לעבן, איז געלעגן א געזונקענער בעטלער אויף זיין טויטנבעט. נאר דעמאלט האט נאך ווײַלד געדיינקט און געפילט דורך און דורך ווי א גריך פון דער קלאסישער צייט, אדער ווי דער פון אים פארערטער פראנצויזישער דיכטער גאטיע, „איינער פאר וועמען עס עקזיסטירט בלויז די זיכטבארע וועלט אליין". ווײַלד איז געווען צופרידן וואס ער האט געפונען אין וואטיקאן, אין קאטוילישן הייליקטום פון רוים, די גריכישע געטער און העלדן. ער האט פון זיי געהאלטן מער ווי פון דעם געקרייציקטן משיח און זיין ליידנדיקע מאמע, די מאטער דאלאראזא. זיין אידעאל איז געווען, דאס דינסט פון ליידן זאל אפטרעטן פארן דינסט פון שיינקייט. דאס איז אויך געווען דער אינהאלט פון זיין רעדע, וועלכע האט געבראכט דעם שיינקייט־דינענדיקן וואלטער פייטער צו פאלן כורעים פאר זיין סטודענט און קושן זיין האנט.

„דער בלאסער קריסטוס האט זיך שוין אויסגעלעבט" — האט ווײַלד דעמאלט אויסגעפירט אין זיין שמועס מיט פייטער'ן — „זיינע זעלבסטפארלייקענונגען און זיינע סימפאטיעס זיינען בלויז שוואכקייטן: מיר באוועגן זיך צו א סינטעז פון קונסט, וואו די באצויבערנדיקע פארפיומען פון ראמאנס זאלן ווערן פארקנאסט צו דער שטרייכגער שיינקייט פון דער קלאסישער פארמע".

שוין אין זיינע אינגל־יארן האט ווײַלד ארויסגעוויזן א באזונדער ליבע צו שיינע קליידער. קענטיק א ירושה פון זיין מאמען. אט די ליבע איז געוואקסן מיט זיינע יארן. אין קאלעדזש

פון דובלין האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן פוצן און אין אָקס־פּאָרד איז ער אַרויסגעטראָטן דער ערשטער אין ניקערס און זײַ־דענע זאָקן. ער איז דאָרט באַלד געוואָרן דער פירער פון מאָ־דע און עלעגאַנץ צווישן די אַריסטאָקראַטישע זין, וועלכע האָבן אים אָנערקענט אויך פאַר זייער גייסטיקן וועגווייזער. ער האָט פאַר זיי געפּרעדיקט זיין אידייע פון אינדיווידואַליזם: דער יחיד זאָל צעברעכן די צאַמען פון די בירגערלאַכע מנהגים און זיטן. דער יחיד זאָל ניט פאַרשווענדן זיינע כחות פאַרן כלל, נאָר זיך אָפּגעבן מיט זיין אייגענער עסטעטישער און אינטע־לעקטועלער פולקומענהייט. ער האָט געלערנט, אַז די זינד מיט זייערע קוריאָזיטעטן דערווייטערן דעם האָריזאָנט פון לעבן; אַז פאַראורטיילן און פאַרבאָטן זיינען בלויז צאַמען איינצושפּאַרן די נשמה; אַז דער גייסט ווערט פון קיין זאַך ניט געשעדיקט א חוץ פון ליידן; אַז זעלבסט־פאַרלייקענונג און אנטהאַלטזאַמקייט פאַרקריפּלן און צוקאַליעטשן די נשמה.

אין אָקספאָרד האָט אויך ווײַלד אָנגעהויבן זאַמלען מיט ליבע שיינע און שיין געבונדענע ביכער. ער האָט זיך אָפּגעגעבן הויפּטזאַכלאַך מיט פילאָזאָפישע און עסטעטישע לימודים, און ביסלאַכווייז אָנגעהויבן אויך אַליין שרייבן. איינער פון זיינע עסיים פון יענער צייט, „היסטאָרישע קריטיק", איז יאָרן נאָך זיין טויט געפונען געוואָרן אין מאַנוסקריפּט און פאַרעפנטלאַכט, צוזאַמען מיט אַנדערע שריפטן אין א באַנד, אונטערן נאָמען „עסיים". גלייכצייטיק האָט ער אויך אָנגעהויבן שרייבן פּאָ־עזיע. איינס פון זיינע ערשטע לידער איז געווען א „רעקוויעם־קעט", א מין „אל מלא רחמים", נאָך זיין יונג פאַרשטאָרבענע איינציקע שוועסטער, איזאָלאַ. איבערזעצט ווערטלאַך, און אָן גראַמען, לייענט זיך זיין ליד אַזוי:

„טרעט לייכטער, זי איז נאָענט
אונטער דעם שניי,
רייד שטילער, זי קאָן הערן
די בלומען וואַקסן.

איר פינקלדיקס גאָלדנע האָר
באַדעקט מיט ראָסט,

זי אַמאָל יונג און שיין
צופאַלן אין שטויב.

ליליע־גלייך, ווייס ווי שניי,
האָט קוים געוואוסט
זי איז אַ פרוי, אַזוי
ליב וואַקסט זי אויף.

ארון־ברעט, שווערער שטיין,
ליגט אויף איר ברוסט,
איך פּלאָג מיין האַרץ אַליין,
זי ליגט אין רו.

שטיל, שטיל, זי קאָן ניט הערן
ליד צו סאָנעט,
מיין גאַנץ לעבן איז באַגראָבן,
הויפן ערד אויף איר".

אין יאָר 1878 האָט ווײַלד געקראָגן אַ פּרייז פאַר זיין פּאָעמע „ראַוועננאַ", אַ שילדערונג פון דער איטאַליענישער שטאָט מיט אַט דעם נאָמען, איר פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, די שטאָט, „וואו דאַנטעס שלאָפט, וואו בייראָן האָט ליב געהאַט צו וואוינען." ווײַלד האָט פאָרגעלייענט די פּאָעמע אין אַ טעאַטער, ביי דער פייערונג פון די גראַדואירונג עקזאַמענס, דעם 26טן יוני 1878. זיין שיין קלינגענדיקע שטים און גוטע טעכניק האָט אַלעמען באַצויבערט. מען האָט אים אַפּלאָדירט ווי אַ דערפאָלגרייכן טענאָר. די פּרעסע האָט דאָס פאַרצייכנט פאַר די ליטעראַרישע געשעעניש פון יאָר.

אין דער זעלבער צייט האָט ווײַלד געקראָגן זיין אַקאַדעמישן טיטל ב. א. (בעטשלער אָוו אַרט) און איז אַפּגעפאָרן נאָך לאָנדאָן זוכן פרנסה. מיטן פאָטער'ס טויט איז געוואָרן צעשטערט די אַלטע היים אין אירלאַנד. האָט זיך זיין מאַמע באַזעצט אין לאָנדאָן וואו זי האָט געלעבט פון דער הכנסה פון איר מאַנ'ס ירושה. אַ פאַרמעגן פון אומגעפער זיבן טויזנט פונט (אַרום פינף־און־דרייסיק טויזנט דאָלאַר).

IV

אסקאר ווײלד איז געקומען פון אקספארד קײן לאנדאן מיט א געמישטער רעפוטאציע פון א דיכטער, אן עסטעט און א דענדי. עס זײנען שוין אויך געווען קלאנגען, אז ער באזיצט אבנארמאלע לײדנשאפטן. זײן ליבע צו טעאטראלישקײט, זיך אויסצושטעלן, צו לאזן פון זיך רײדן, האט אים געמאכט האבן הנאה דערפון וואס מען לאכט אים אויס. אזוי האט ער אנגעקוואלן, וואס ער איז געווארן געשילדערט אלס דענדי אין אן אפערעטע „פײ־שענס", פון גילבערט און סאליוואן, וואס האט אויסגעלאכט די נײע עסטעטן. אט דעם חוש אסקאר'ס פאר לאזן פון זיך רײדן, האט זײן ברודער ווילי באפרידיקט אין פולער מאס. ווילי האט גע־האט א פרײע האנט בײם רעדאקטאר פון „דהי װארלד", א וואכנבלאט פאר דער „בעסערער" געזעלשאפט. האט ער אויס־גענוצט זײן פריווילעגירטע שטעלונג צו פאפולאריזירן זײן אינ־גערן ברודער. אלץ וואס אסקאר האט געטאן, האט ווילי הויך אנאנסירט. באלד האט אויך אסקאר גענומען ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקײט פון אט דער „בעסערער" געזעלשאפט. זײן שײן רײדן, און מעגלאך אויך דער חשד, אז ער האט אומנאטיר־לאכע תאוות, האט ארום אים געשאפן א קרײז. א סך האט דערצו אויך מיטגעהאלפן זײן גרויסער יוגנטלאכער אנטוזיאזם פארן טעאטער. ער האט ניט געהאט קײן חוש פאר מוזיק. האט זיך געלאנגווײליקט בײ קאנצערטן. האט איבערהויפט ניט גע־קאנט הארכן געדולדיק. ער איז געווען געוואוינט אלע זאלן צו אים הארכן. נאר דאס טעאטער האט ער געליבט לײדנשאפט־לאך און געווען אנטציקט פאר שוישפילער, אפילו פאר מיטלמע־סיקע.

זײן אויפריכטיקער אנטוזיאזם פאר אלץ וואס אפעלירט צו זײן עסטעטישן חוש, זײן גוטמוטיקײט, שײנע מאנירן, דער שטענדיקער שמײכל אויף זײן פנים, זײן נעמען דאס ווארט בײ יעדער געלעגנהײט צו לויבן דאס, וואס ער האלט פאר לויבנסווערט און זײן טאלאנט זיך אויסצודריקן זעלטן־שײן, האט אים באלד אריינגעפירט אין דער געזעלשאפט פון די שוי־שפילער, מאלער, דיכטער און זײערע אריסטאקראטישע פארערער. ער איז געווארן באפרײנדט מיט מעטיו ארנאלד, ברוינינג, טא־

מאַס האַרדי, וויסטלער, וויליאַם מאַריס, מערעדיט, סווינבורן
א. ד. ג. קינסטלער. פון עטלאַכע פון זיי האָט ער אַ סך גע־
לערנט. באַזונדערס פון וויסטלער און מאַריס, וועמעס איינ־
פלוס עס איז קענטיק אין זיינע לעקציעס איבער הויז־דעקאַ־
ראַציעס און איבער קונסט בכלל. דיסערטאַציעס און ביכער אי־
בער ווײַלד'ן ווייזן אויך נאָך דעם איינפלוס אויף אים פון מעטיו
אַרנאָלד. נאָר ווײַלד האָט דאָס ביי קיין געלעגנהייט ניט
אָנערקענט.

זיין גרויסער דערפאָלג אין געזעלשאַפט האָט דאָך ווײַלד'ן
ניט געגעבן קיין פרנסה. פאַרלאָזנדיק אָקספאָרד האָט ער אָנ־
געגעבן זיין באַשעפטיקונג אַלס „פּראָפעסאָר פון עסטעטיק און אַ
קונסטקריטיקער". דאָס האָט געמיינט אין לאָנדאָן — אַן אינטע־
ליגענטער פּראָלעטאַריער. דאָך האָט ער זיך דערמוטיקט מיט'ן
ברודער'ס פאַרהעלטניסמעסיקן דערפאָלג אַלס זשורנאַליסט. נאָר
ער איז אויף אָט דעם געביט געווען אַ קאַליקע, אינם פאַרגלייך
מיט זיין ברודער. דער לעצטער האָט זיך ניט אויפגעהויבן אי־
בער דעם געשמאַק פון דורכשניטלאַכן צייטונגס לייענער, בעת
אָסקאַר איז פאַר זיי געווען צו אינטעליגענט, צופיל עסטעט. עס
האָט אים אָפילו שטאַרק וויי געטאָן צו מוזן אָנקומען נאָך הילף
צו זיין אָרימע מאַמען. דאָך איז ער ביי זיך ניט אַרונטער־
געפאַלן. זיין אָפּטימיזם, זיין שטאָלץ האָט ניט געהאַט קיין
גרעניץ. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט גרויסע פיאַיקייטן און
איז געווען זיכער אין זיין ענדלאַכן דערפאָלג. ער האָט גע־
טראַכט די, וואָס האָבן אים מבטל געווען, אָדער זיך פאַרהאַלטן
צו דעם גלייכגילטיק. איז אַרומגעגאַנגען אָנגעטאָן אין ניקערס
און זיידענע זאָקן מיט משונהדיקע בלומען אין לאַץ, גרינע קאַרנ־
בלומען און גאָלדיקע ליליעס. האָט גערעדט וועגן באָדלער, ווע־
מען קיינער אין ענגלאַנד האָט דעמאָלט ניט געקאָנט, ווי פון אַ
וועלט־דיכטער. האָט זיך געמאַכט צום וואָרטפירער פון דער
ענגלישער עסטעטישער באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן צוגעגרייט
דורך דער קונסט פון די פּרע־ראַפאַעליטס, און צום כהן גדול פון
אַ קולט, וועמעס גאָטהייט איז שיינקייט — שיינקייט אין קונסט
און אין לעבן.

די גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט, אַז אויב אים געלינגט
צו פאַרעפנטלאַכן אַ באַנד לידער, וועט זיך אים עפענען דער וועג

צו אַנערקענונג און פּרנסה. אויסער זיין פּאָעמע „ראַווענאַ“, וואָס האָט געמאַכט אַ פורור ביי דער אינטעליגענציע פון אָקספאָרד, האָט ער אויך געהאַט פאַרעפנטלעכט אייניקע לידער אין פאַרשידענע אַקאַדעמישע זשורנאַלן. דאָך איז קיין פאַרלעגער ניט געווען גרייט צו ריזיקירן די קאָסטן אַרויסצוגעבן ווײַלד'ס לידער. נאָר זיין מאַמע, וואָס האָט אים שטאַרק געליבט, איז געווען שטאָלץ אויף אים, געקאָנט אויף אויסווייניק זיין יעדעס ליד, און פון אים געראַדט אין איר סאַלאָן ווי פון בייראָן, האָט אים געהאָלפן מיט איר ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט אַרויסצוגעבן זיין ערשטן בוך לידער. ער האָט אָפּגעדרוקט זיינע לידער אויפ'ן אייגענעם חשבון און פאַר אַ געוויסן פּראָצענט געקראָגן אַ פאַרלעגער, וואָס זאָל אָנגעבן זיין פירמע אויף דעם.

אָנהויב זומער 1881 איז אַרויס ווײַלד'ס ערשטער לידער־בוך. עס איז געווען רייך אַרויסגעגעבן, אויף גוטן פּאַפּיר, מיט ברייטע ליידיקע ברעגעס. דער פּרייז איז געווען צען שילינג (קרום צוויי און אַ האַלב דאָלאַר) אַ באַנד, אַן אומגעהויער גרויסער פּרייז פאַר יענער צייט. נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווײַלד'ס קוראַזש און אָפּטימיזם איז געווען באַרעכטיקט. ניט פריער גאָר ניט שפּעטער האָט אַ בוך לידער געהאַט אַזאַ דערפאָלג אין ענגלאַנד. אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן האָבן זיך פאַרקויפט פיר אויפלאַגן. די סבות פון דעם דערפאָלג זיינען געווען פאַרשידענע. ערשטנס, די באַמעט איינשטימיקע פאַרדאַמונג פון זיין בוך דורך אַלע בירגערלאַכע ליטעראַרישע זשורנאַלן. צווייטנס, די פיינטלאַכע קאַריקאַטורן אויפ'ן פּראָפעסער און די אָפּהוזקנדיקע פּאַראָדיעס אויף זיינע לידער אין דעם פּאָפּולערן באַלעבאַטישן וויצבלאַט „פּאַנטש“. דריטנס, זיינע סאָנעטן צו עלן טערי.

עלן טערי איז געווען די אָנערקענטסטע שוישפּילערין פון יענער צייט. זי האָט געשפּילט צוזאַמען מיטן דעמאָלט באַרימטן ענגלישן בינעקינסטלער הענרי אירווינג, אין די הויפּטראָלן פון שעקספּיר'ס פּיעסן, ווי אויך אין מאָדערנע קונסטווערק. זי איז געווען אַנטציקט פון ווײַלד'ס סאָנעטן און געלויבט ביזן הימל דעם פּראָפעסער און זיין ווערק. אין איר מעמואַרן־בוך שרייבט עלן טערי, אַז ווײַלד און וויסטלער האָבן געמאַכט אויף איר מער איינדרוק ווי אַלע מענער פון איר דור.

V

דער גרויסער דערפאָלג פון זיין לידער־בוך האָט ווײַלד'ן מאַטעריעל ווייניק געהאָלפן. די דאָגה פאַר חיונה איז געווען אַזוי שטאַרק ווי פריער. נאָר ניט געקוקט אויף דער שאַרפער קריטיק פון די ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס האָט אים ווי געטאָן, האָט דאָך דער דערפאָלג פון זיינע לידער אים געגעבן מוט צו נייע אונטערנעמונגען. ער האָט קלאָר איינגעזען, אַז ער וועט ווייניק דערגרייכן אויפ'ן וועג פון זשורנאַליזם, און אַז ער קאָן מאַכן אַ סך אַ בעסערן איינדרוק אַלס רעדנער. האָט זיין פּרייוויליקער פּרעס־אַגענט, דער טרייער ברודער ווילי, פּלוצלונג מיטגעטיילט אין „דהי וואָרלד", אַז צוליב דעם „אומגעהייערן דערפאָלג פון זיינע לידער, איז מר. אָסקאַר ווײַלד געוואָרן איינגעלאַדן צו לעקטשורן אין אַמעריקע".

באמת האָט ווײַלד'ן קיינער ניט איינגעלאַדן קיין אַמעריקע. ער איז אַהין געפאָרן ניט געבעטענערהייט. נאָר אַ חוץ זיין פּלאַן צו פאַרבעסערן זיינע פינאַנצן דורך אַן אַמעריקאַנער לעקטשור־טור, האָט ער אויך געפּלאַנט אויפצופירן אין אַמעריקע זיין פּיעסע „ווערא, אָדער די ניהיליסטן".

„ווערא, אָדער די ניהיליסטן", האָט ווײַלד געשריבן אין גייסט פון דעם ענגלישן ליבעראַליזם, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט דער באַוועגונג קעגן צאַריזם אין רוסלאַנד. צוליב דעם אינטערעס פאַר דער באַוועגונג האָט ווײַלד פאַרעפנטלאַכט די פּיעסע אין סעפּטעמבער 1880. נאָר „ווערא" איז ניט געווען קיין קונסטווערק און ניט געמאַכט קיין אויפזען, כאָטש זי האָט שוין סמנים פון זיין שפּעטערן הומאָר און געשליפענעם דיאַלאָג. אַן אַקטריסע, וואָס האָט אים צוגעזאָגט עס אויפצופירן, האָט באַלד חרטה געקראָגן. ווײַלד האָט דערפאַר געהאָפט אויף אַמעריקע, וואָס שטייט ליטעראַריש אונטער ענגלישן איינפלוס. ער האָט גערעכנט, אַז זיין רעפּוטאַציע אין לאָנדאָן וועט אים דערביי אַ סך מיטהעלפן. בפרט אַז די טעמע איז געווען אַנציִענדיק דורך דעם דערפאָלגרייכן אַטענטאַט אויפ'ן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

דער פּלאַן איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק אַ דערפאָלג. ווײַלד'ס מאַנירן און ווערטלאַך האָבן באַלד אויפגערודערט אַמע־

ריקע. א סך פּאָפּולאַריטעט האָט ער אויך געקראָגן פאַר זיין ד'ערקלערונג צום טאַמאָזשנע־באַאַמטן ביים לאַנדן: „איך האָב ניט וואָס אָנצוגעבן א חוץ מיין זשעני". די פּרעסע האָט אים געגעבן א סך פּובליציטעט. מען האָט אים קאַריקאַטוּאירט, גע־מאַכט פּאַראָדיעס אויף זיינע לידער א. א. וו. אַלץ אַזוי יוי אין ענגלאַנד. זיין ערשטע לעקציע אין ניו יאָרק, 9טן יאַנואַר, 1882, האָט אָנטציקט זיינע צוהערער. דער אינטעליגענטער עולם איז געווען מיטגעריסן פון זיין שיינע אויסשפּראַכע, בליצאַר־טיקע אַפּאָריזמען, ראָמאַנטישן אויסזען, עלעגאַנטע מאַנירן. דער דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז א באַרימטער אימפּרעסאַריאָ האָט פאַר אים אָראַנזשירט א טור איבערן לאַנד. זיינע טע־מעס זיינען געווען „די ענגלישע רענעסאַנס פון 19טן יאָרהונ־דערט", „הויז דעקאָראַציע" און „די קונסטן און דער בעל־מלאכה" א. ד. ג. קיין נייס האָט ער כמעט ניט געזאָגט. אַלץ איז שוין געווען פון פריער אין די שריפטן פון דזשאָן ראַסקין און וויליאַם מאָריס, וואַלטער פּייטער און מעטיו אַרנאָלד. א סך פון דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן קונסט, האָט ער געהערט פון ווּיסטלער'ן. נאָר דער אופן ווי ער האָט עס איבערגעגעבן, איז געווען עכט ווײַלדיש און געוואונען די הערצער פון זיינע צוהע־רער.

זיין גרעסטן טריאומף האָט ווײַלד געפייערט אין באָסטאָן. ארום פופציק־זעכציק סטודענטן האָבן זיך צוזאַמענגענומען אים אויסצולאַכן ביי זיין לעקציע, צו מאַכן א קאַריקאַטור אויף זיין אויספאַלנדיקער קליידונג. האָבן זיי זיך אַלע אָנגעטאָן אין פראַקן מיט ניקערס, אין לאַנגע פּאַרוקן און גרינע שניפּסן און אריינגעשטעקט אין זייערע לאַצן גרויסע רויזן (זונענבלומען) און ליליעס. נאָר ווײַלד איז געקומען אָנגעטאָן אין געוויינלאַכע קליידער און זיך געמאַכט ניט זעענדיק די קאַריקאַטור אויף אים. ער האָט גערעדט אַזוי שיין און אַרויסגעוויזן אַזוי פיל וויסן און גײַסט, אַז ער האָט פאַרוואַנדלט זיינע אָפּלאַכער אין פאַרערער און פריינט.

גרויס אויפזען האָט אויך דעמאָלט געמאַכט זיין שיינע הקדמה צו ראָד רימעל'ס לידער־בוך „רויזנבלאַט און עפּלבלאַט" (פילאַ־דעלפיע 1882), אין וועלכער ווײַלד האָט אויסגעדריקט זיינע עסטעטיש־פילאָזאָפישע אידייען.

פון יאנואר ביז יולי 1882 האָט ווײַלד געהאַלטן אין אַמע־ריקע נײַנציק לעקציעס. נאָר וואָס טיפער אין לאַנד, איז דער באַזוך צו זײַנע רעדעס געוואָרן קלענער. איז ער ווײַטער פון נעבראַסקאַ אין די וועסט ניט געפאָרן. די הכנסה פון זײַנע נײַנ־ציק לעקציעס האָט באַטראָפן אַרום צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. ער האָט דערפון געקראָגן בערך זעקס טויזנט דאָלאַר. נאָר ווײַלד האָט אַ סך פאַרשווענדט און בכלל געלעבט אָן אַ חשבון. דאָך איז אים נאָך אַלע הוצאות געבליבן אַרום צוויי טויזנט דאָלאַר. האָט ער דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויס דערפאָלג. געשיקט אויך דערפון פיר הונדערט דאָלאַר זײַן מאַמען, וועלכע ער האָט אַלע־מאָל געשטיצט מער ווי זײַן עלטערער ברודער פלעגט דאָס טאָן.

VI

נאָך אַ באַזוך אין קאַנאַדאַ האָט זיך ווײַלד אומגעקערט צוריק אין ענגלאַנד און איז אַרײַנגעטראָטן, ווי ער האָט געזאָגט, אין צווייטן פּעריאָד פון זײַן לעבן און שאַפן. זײַן אַמעריקאַנער דערפאָרונג האָט אים דערמוטיקט אונטערצונעמען אַ לעקטשור־טור אויך איבער ענגלאַנד, אין אַפּריל 1883. זײַן לעקציע איבער „דאָס וועזן פון קונסט" פאַר די קונסט־סטודענטן, האָט אַרויסגע־רופן קעגן ווײַלד'ן דעם צאָרן פון'ם גרויסן מאָלער ווייסטלער. דער לעצטער האָט באַשולדיקט ווײַלד'ן אין פּלאַגיאַריזם, אין ליטעראַרישער גנבה. נאָר אַפילו דער ביטערער ווייסטלער, דער קינסטלער זיך צו מאַכן שונאים, האָט ניט געקאָנט מאַכן דעם גוטמוטיקן איידעלן אָסקאַר ווײַלד פאַר זײַן שונא. אין זײַנע אָנפאַלן רופט אים אָן ווייסטלער: „ליבנסווירדיק און אומפאַר־אַנטוואָרטלאַך".

אומבאַקימערט פון ווייסטלער'ס אַטאַקעס, האָט ווײַלד געגעבן לעקציעס איבערן גאַנצן לאַנד איבער זײַנע „פּערזענלעכע אײַנ־דרוקן פון אַמעריקע". שפּעטער איז עס אַרוים אין אַ באַזונדער בוך אונטערן זעלבן נאָמען. נאָר וועגן קונסט האָט ער שוין ווייניק גערעדט. ווײַלד האָט דערמיט שווייגנדיק צוגעגעבן, אַז כאָטש ער האָט געלערנט אַ סך איבער קונסט פון וואָלטער פּייטער און דזשאָן ראַסקין, ווי אויך פון זײַן פאָטער, איז ער דאָך ניט אַזוי קאָמפּעטענט צו ריידן איבער קונסט ווי אַ ווייסטלער.

די אויפפירונג פון זײַן „ווערא" אין ניו יאָרק, אין אויגוסט

1883, צו וועלכער ווײַלד איז עקסטראַ געקומען צופאָרן, איז געווען אַ דורכפאַל. האָט ער זיך באַלד אומגעקערט צוריק נאָך לאָנדאָן און זיך ווייטער גענומען צו געבן לעקציעס, וואָס האָט אים אַרײַנגעבראַכט אַ סך מער ווי שרײַבן אין צײַטונגען. נאָר דאָס אַרומפאָרן כסדר איבערן לאַנד האָט אים דערעסן, דערצו האָט ער כסדר געשטרעבט זיך גײַסטיק ווייטער צו אַנטוויקלען. איז ער, אַזוי שנעל ווי ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר הונדערט פונט, אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז.

אין פּאַריז האָט ווײַלד אַ סך געלערנט און געשריבן. אַ דאַנק זײַן שפּראַך־קענטשאַפט, ער האָט גערעדט פראַנצויזיש כמעט ווי אַ געבאָרענער פראַנצויז, האָט זיך ווײַלד דאָרט געפילט היימיש. ער איז באַלד געוואָרן באַקאַנט מיט די העכסטע קינסטלער פון פראַנקרײַך: די דיכטער הוגאָ, דע גאָנקור, דאָדע, מאַלאַרמע א. ד. ג. די מאָלער: דעגאַ, פּיקאַסאָ, סאַרדזשענט א. א. וו. די שוישפּילער: קאָקעלין און סאַראַ בערנאַרד א .א. וו. ער האָט געלייענט אַ סך פראַנצויזישע ליטעראַטור און געוואָרן באַזונדערס מיטגעריסן פון באַלזאַק'ס ווערק. אין זײַן באַגײַסטערונג פאַר באַלזאַק'ן האָט ווײַלד זיך געמאַכט אַזאַ שלאָפראָק ווי באַלזאַק פלעגט טראָגן. נאָר ווײַלד האָט איבערהויפּט געהאָט אַ שוואַכקייט צו אַזאַ ראָמאַנטיציזם, אָדער פעטישיזם, ווי זײַנע שטרענגע קריטיקער רופן דאָס אָן. ער האָט באַנוצט די זעלבע שרײַב־פּאַפּיר ווי הוגאָ; אָפּגעקויפט דעם שרײַבטיש, אויף וועלכן קאַרלײַל האָט געשריבן אַ גרויס ווערק; פּרובירט געניסן פון די זעלבע גיפטן, וואָס באָדלער האָט באַנוצט. צו זײַן גליק האָט ער ניט געקאָנט קריגן אַלע; נאָר דאָס אײַנגעוואוינען זיך צו טרינקען אַבסינט, ווי באָדלער, האָט אויך ווײַלד'ן גענוג שאָדן געבראַכט און פאַרשנעלערט זײַן אונטערגאַנג. ווײַלד האָט אויך ליב געהאַט כסדר צו ציטירן די דיכטער, וועלכע האָבן אים באַגײַסטערט. נאָר זײַנע קריטיקער נעמען דאָס ניט אָן פאַר אַ צייכן פון זײַן התלהבות, נאָר פשוט פאַר מאַנגל אין אָריגינאַליטעט, ווי דאָס איז געוויינלאַך דער פאַל ביי מענטשן, וואָס וואַרפן זיך צופיל מיט ציטאַטן.

זייענדיק אין פּאַריז האָט ווײַלד אויפגעשריבן זײַן פּיעסע „די הערצאָגין פון פּאַדואַ" (אויפגעפירט אין ניו יאָרק, 1891, בערלין און האַמבורג, נאָר אומעטום דורכגעפאַלן). און זײַנע צוויי באַ־

דייטנדיקע פּאָעמען: „דאָס הורנהויז" און די „ספינקס". די ענג־לישע פּיוריטאַנער און פּיליסטער קרייזן האָבן „דאָס הורנהויז" שטאַרק פאַרדאַמט, און דאָס דערמיט געגעבן אַן אויסערגעוויינ־לאַכע פּאָפּולאַריטעט.

די עטלאַכע חדשים אין פּאַריז האָבן פאַרצערט זיינע פאַר הונדערט פונט און ער האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק נאָך לאָנדאָן. נאָר ווײַלד האָט געגלויבט, אַז ער האָט געהאַנדלט אַ מציאה, אַז ער האָט אַראָפּגענומען די שמאַנט פון פּאַריז.

אין לאָנדאָן איז ווײַלד ווידער געווען אויף צרות. די הכנסה איז געווען קליין און זיין הוצאה אויסערגעווײנלאַך גרויס. ער האָט ליב געהאַט שיינע קליידער, גוטע שפּייז, גוטע משקאות, געווען פאַרשווענדעריש אין געבן „טיפּס" א. א. וו. דאָך האָט ער, אויף דער עצה פון זיין מאַמען, וואָס האָט פאַנאַטיש גע־גלויבט אין זיין ענדלאַבן דערפאָלג, גענומען צימערן אין אַ ריי־כער געגענט. ער האָט אויך אָנגעהויבן נאָך מער אויבטרעטן אין דער געזעלשאַפט ווי פריער. ער האָט ניט פאַרפעלט צו זיין אנוועזנד ביי קיין פּרעמיערע, רייסעס, אויסשטעלונג א. א. וו. ער איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט ביי אַלע בעלער, באַנקעטן, הוליאַנקעס א. א. וו. האָט פאַרקערט צווישן דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע און דער אָרעמער באָהעמיע. פּלעגט פאַרברייג־גען מיט אַריסטאָקראַטישע מיניסטער־פרויען און מיט ניט אָנער־קענטע שוישפּילערינס. האָט גענומען געלט ביי רייכע מעצע־נאַטן פאַר אָרעמע קינסטלער. ער האָט דערביי קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָן זיין אייגענע באַדערפעניש, נאָר געטאָן אויך גרויסע טובות צו אַנדערע. בכלל איז ווײַלד געווען גוטהאַרציק, פריי־געביק און געטאָן פאַר קרובים און פריינט אַלצדינג וואָס איז געווען אין זיין מעגלאַכקייט.

אין מאַי 1884, אין עלטער פון דרייסיק יאָר, האָט ווײַלד פּלוצלונג חתונה געהאַט מיט קאָנסטאַנס מערי לויד, די טאָכטער פון אַן אירלענדישן אַדוואָקאַט. זי איז ניט געווען איבערן דורכ־שניט, האָט דער עולם געגלויבט, אַז דאָס איז אַ געלט־שדוך, כאָטש איר שטענדיקע הכנסה איז געווען בלויז אַרום פערציק דאָלאַר אַ וואָך. נאָר אין לאָנדאָן פון די אַכציקער יאָרן איז דאָס געווען גענוג צו פירן אַן אָנשטענדיק לעבן. דאָס ווײַלד־פּאָרל האָט זיך אײַנגעקליבן אין אַ באַשיידן קליין הויז אין

טאַיט סטריט, טשעלסי, אַ פיינע רעזידענץ געגנט אין לאָנ־דאָן. דער זאַל איז פאַר ווײַלד'ן געוואָרן דעקאָרירט פון אַ באַ־דייטנדיקן מאָלער. אַלץ איז דאָרט געווען איינגעאָרדנט אַר־טיסטיש, און דאָס הויז איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין קינסט־לערישע קרייזן.

פטור געוואָרן פון זאָרג פאַר חיונה, האָט זיך ווײַלד אָפּ־געגעבן מער מיט ריידן ווי מיט שרייבן. (לויט זיינע ביאָגראַפן שעראַרד און רענסאָם, איז פאַר ווײַלד'ן געווען דאָס ריידן וואָס פאַר אַנדערע שרייבער זיינען נאָטיצן). ווײַלד האָט שטאַרק געליבט זיינע צוויי אינגלאַך, געווען אַ גוטער מאַן. נאָר דער פאַקט, וואָס ער איז אומעטום געגאַנגען אַליין אָן זיין פרוי האָט נאָך פאַרשטאַרקט די קלאַנגען און חשדים וועגן זיינע אַב־נאָרמאַלע תאוות. ער ווידער האָט גאָרנישט געטאָן אָפּצושוואַכן אָט די מיאוסע קלאַנגען. זיין שוואַכקייט צו לאָזן פון זיך הערן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אים האָט ניט געקימערט וואָס מען זאָגט וועגן אים, אַבי ער איז אויף אַלעמעס ליפּן.

ווײַלד האָט געוואוסט זיין שוואַכקייט צו לאָזן פון זיך ריידן. ער האָט דאָס פּרובירט פאַרענטפערן מיט אַ וויץ. היינטיקע צייטן, פלעגט ער זאָגן, מוז מען זיך אַליין רימען, ווייל קיין פרעמדע וועלען דאָס ניט טאָן. געוויסע אַרטיקלען ווערען אַ סך געניצט ניט ווייל זיי זיינען בעסער פון אַנדערע, נאָר ווייל זיי זיינען גוט אַנאָנסירט. וויל דער קינסטלער ווערען געלייענט פון די מאַסן מוז ער זוכן מען זאָל פון אים כסדר ריידן.

נאָר זיין ווייב'ס הכנסה איז ניט געווען גענוג אויף ווײַלד'ס גרויסע הוצאה. ער האָט ליב געהאַט אַנטיקע מעבל, זילבער; אָריענטאַלישע טעפּיכן, רענעסאַנס בראָנז, שיינע בילדער, ערשטע אויפלאַגען פון גרויסע דיכטונגען א. א. וו. האָט ער געמוזט זוכן צו פאַרדינען פון זשורנאַליזם. האָט ער געשריבן רעצענזיעס איבער ביכער אין „פּאַל מאַל גאַזעט" און טעאַטער קריטיקן אין „דהי דראַמאַטיק רעוויו". ראַבערט ראָס האָט זיי אַרויסגעגעבן אין אַ בוך. זיי האָבן ניט קיין גרויסן ליטעראַרישן ווערט פאַר זיך אַליין. נאָר זיינען וויכטיק ווי אַ שליסל צו זיינע שפּעטערע ווערק. אין וועלכע ווײַלד האָט זיי אָפט איבערגעאַרבעט. אין אָקטאָבער 1887 האָט ווײַלד אָנגענומען די רעדאַקטאָר־שטעלע פון אַ מאָנאַט־לאַכן זשורנאַל „דהי וווּמענס וואָירלד" (די פרויענוועלט). ער

האט געקראגן זעקס פונט (ארום דרייסיק דאלאר) א וואך און צוזאמען מיט זיין פרוי'ס הכנסה געקאנט לעבן אין קאמפארט, לויט די לעבנס קאסטן פון יענער צייט. נאר ווײלד איז געווען א שלעכטער רעדאקטאר, ניט פינקטלאך, ניט פלייסיק. אנשטאט ארבעטן, פלעגט ער דערציילן זיינע קאלעגן אלערליי אנעקדאטן. קיין וואונדער וואס ער איז ניט געווארן ווידער באשטימט פאר זיין אמט, ווען זיין קאנטראקט איז אויסגעגאנגען, אין סעפטעמ־בער 1889.

VII

זיין גאנץ לעבן איז ווײלד געפאלן כורעים פאר שיינקייט. נאר ער אליין איז ניט געווען שיין. באזונדערס אלס מיטליערי־קער מאן. זיין גוף איז געווען אומגעלומפערט גרויס, ברייט און דיק. ער איז געווען איבער זעקס פוס די הויך, און האט אויס־געזען ווי א רוימישער קייזער אין צייט פון רוים'ס ירידה. זיין דיקע מארדע מיט די גיידערס אויפ'ן האלז, זיין געלבע הויט, וואס האט אלע מאל אויסגעזען שמוציק, זיינע שמאלציקע צע־גאסענע פייכטע הענט, זיין אויליקער פעטער גוף, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעגאסן פוילקייט און זיך נאכגעביקייט, ווי אויך זיין צופיל אויסגעפוצטקייט האט אים ניט געגעבן קיין סימ־פאטישן אויסזען. דערצו האט זיין מאסיווער קערפער געהאט אין זיך עפעס ווייבלאכעס און ער האט געמאכט דעם איינ־דרוק פון א זיסלאכע פעטע פרוי. בלויז זיינע האר זיינען גע־ווען שיין, נאר זייער לאנגקייט האבן געמאכט זיין פנים נאך מער ווייבלאך. זיינע ליפן, וועלכע האבן אייניקע פון זיינע פריינט אויסגעזען שיין געשניצט און פול מיט חן, האבן אנדערע אפגעשטויסן מיט זייער תאוה. עס פלעגט זיי אויך אפעקלען פון זיין שווארצן פראנט־צאן, ווען ער פלעגט לאכן. נאר קוים האט אסקאר ווײלד אנגעהויבן צו ריידן, האט ער זיך פארוואנ־דעלט אין א לעגענדארישן בן־מלך. זיין גאנצער אויסזען איז געווען מלא־חן, און מען האט זיך געוואונדערט, פאר וואס האט מען דאס פריער ניט געמערקט.

ווען אסקאר ווײלד האט גערעדט, האט גערוט די שכינה אויף זיין פנים. מען האט געזען בלויז זיינע אויסדרוקספולע, לעבעדיקע, לאכנדיקע, גרויע אויגן, פון וועלכע עס האט ארויסגע־

שיינט זיין שיינע נשמה. מען האָט געהערט בלויז זיין מוזיקאַלי־שע טענאָר־שטים, וואָס האָט געקלונגען אַזוי האַרציק, אַזוי מענטשלאַך. זיין פריילאַכקייט האָט באַצויבערט. זיין אַנטו־זיאַזם איז געווען אַנשטעקנדיק. זיין כאַראַקטעריסטישער הו־מאָר האָט אַלץ באַלויכטן ווי מיט בליצן. קורץ, ער איז געווען אַ רײדער פון גאָט׳ס גנאָד.

זיין באַדייטנדיקער ענגלישער ביאָגראַף פריינק העריס, דער־ציילט אין נאָמען פון אַן ענגלישן לאָרד פאָלגנדיקן פאַקט: ביים לאָרד אין הויף זיינען געווען פאַרזאַמלט אַן עולם פריצישע יעגער און ספּאָרטס. ווען דער לאָרד האָט זיך דערוואוסט, אַז אין אַ דערבייאיקע שטאָט געפינט זיך אָסקאַר ווײַלד, האָט ער אים איינ־געלאַדן צו אַ לאַנטש. אויף מאָרגן איז געוואָרן איינגעמעלדט אָסקאַר ווײַלד, און ווען ער איז אַריין אין צימער, האָבן זיך די ספּאָרטסלייט באַהאַלטן אונטער צייטונגען, כדי ניט צו דאַרפן ווערן פאָרגעשטעלט פאַר דעם שרייבער, וואָס האָט ביי זיי גע־האַט אַ שלעכטן נאָמען. אָסקאַר האָט זיך געגריסט מיטן לאָרד און זיך געמאַכט אַזוי ווי ער וואָלט קיין זאַך ניט באַמערקט און אָנגעהויבן שמועסן.

„אין פינף מינוט", דערציילט דער לאָרד, „זיינען אַלע צייַ־טונגען געוואָרן אַוועקגעלייגט און יעדער איינער האָט זיך צוגע־רוקט צו אים זיך איינצוהאָרכן און לאַכן".

נאָכן מאָלצייט האָט יעדער פון זיי געבעטן דעם לאָרד, ער זאָל פאַרהאַלטן ווײַלדן צום דינער. דער סוף איז געווען, אַז אַלע זיינען אַוועק באַגייסטערט און יעדער האָט דערקלערט, אַז קיין מענטש האָט ווען־עס־איז גערעדט שענער ווי ווײַלד.

ווײַלד׳ס רייד־קונסט איז באַשטאַנען ניט אין האַלטן לאַנגע רעדעס, אין מאַנאָפּאָליזירן די אונטערהאַנדלונג, נאָר אין שפּילן זיך מיטן שמועס ווי מיט אַ פּילקע, עם אויפכאַפּן פון צייט צו צייט און באַלויכטן מיט זיין פיינעם הומאָר. „עס איז געווען אַ שפּיל פון געניאַלן הומאָר איבער יעדער פראַגע, וואָס איז אַרויפגעקומען, אַזוי ווי זונענשיין טאַנצט איבער כוואַליעס".

זיינע קונסט אידייען פון יענער צייט, און גלייכגילטיקייט צו כאַציאַלע פּראָבלעמען, האָט ווײַלד׳ן רעקאָמענדירט צו דער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט געלעבט נאָר פאַר דאָס, וואָס איז שיין, אויסערגעוויינלאַך, ניט פאַר דאָס, וואָס איז גוט פאַרן כלל. ער

האָט זיך ניט אינטערעסירט מיטן אַלגעמיינעם וואוילזיין. ער האָט זיך געהאַלטן הויך איבער די מאַסן און ניט אָנערקענט קיין מאָראַלישע אָדער געזעלשאַפטלאַכע פליכטן. סאָציאַלע פּראָבלע־מען האָבן אים אינטערעסירט נאָר אויף וויפיל זיי האָבן אַ שייכות מיט קונסט. אַלץ איז פאַר אים געווען בלויז קונסט־מאַ־טעריאַל, אפילו דאָס לעבן גופא. ווײַלד האָט געמיינט, אַז ער איז אומפּאַרטייאיש, אַז ער איז בלויז קינסטלער. נאָר באמת איז ער געווען דער קינסטלערישער אידעאָלאָג פון דעם הערשנ־דיקן גוטבאַזיצער קלאַס. ער איז געווען אַזוי ווי זיי פאַר אינדי־ווידועלער פרייהייט, אָדער ווי פּריינק הערים דריקט זיך אויס, פאַר אַנאַרכיע אונטערן שוץ פון דער פּאָליציי... ער איז געווען פּאָפּולער ביי דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע, ווייל ער האָט אידעאָ־לאָגיש פאַרטיידיקט איר קלאַסנהערשאַפט. זיין פאַראַכטונג פאַר די ברייטע אומוויסנדיקע מאַסן. און אפילו זיין האָס צום פּיליסטערטום, צו דער אויפגעקומענער בורזשואַזיע האָט גע־שטימט מיט די פאַראורטיילן פון דר ענגלישער אַריסטאָקראַטיע.

אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין איז ווײַלד געוואָרן דער אויס־דרוק פון הערשנדיקן קלאַס אין ענגלאַנד. און וואָלט ער גע־ליבט ספּאָרט, געגאַנגען אויף געיעג, אַנשטאָט שרייבן לידער. וואָלט ווײַלד פאַר זיין ריידן שיין געקאַנט ווערן אַ פּאָליטישער פירער ביי די אַריסטאָקראַטן און פאַרנעמען אויב ניט די שטעלע פון אַ פּריים־מיניסטער, איז פון אַ פאָרזיצער אין פּאַרלאַמענט, אָדער אַ וויצע־קעניג אין אַ קאָלאָניע, און מעגלאַך געענדיקט זיין קאַריערע מיטן טיטל לאָרד, מאַרקיז אָדער גאָר הערצאָג.

די אָרימע מאַסן האָבן ווייניק געוואוסט פון ווײַלד'ס שרייבן. ווען יאָ, וואָלטן זיי אויסגעפונען, אַז טיף אין הארצן האָט ער דאָך געפילט זייערע ליידן, ווי דאָס באַווייזן זיינע קינדער־מעשיות, כאָטש ער האָט דאָס געזוכט צו פאַרדעקן מיט שיינע ווערטלאַך און פּאַראַדאָקסן. פאַרקערט, די בורזשואַזיע מיט איר שאַרפן קלאַסנגעפיל, האָט אים דערקענט דורך און דורך. זי האָט אים געהאַסט, אַזוי ווי ער האָט זי פאַראַכטעט. זיין צאַ־מענברעכעריי, זיין פאַראַכטונג פאַר אַלץ, וואָס איז קאָנווענצי־אָנעל, מעג דאָס אויך זיין באַדעקט מיט הייליקן שימל, די לייכט־הארציקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַלץ נאָכגעגעבן, און דער עיקר, זיין איבערלעגנהייט, זיין זשעני, זיינע געווען פאַר־

ברעכנס, וועלכע דער פּוריטאַנישער ענגלישער מיטלקלאַס האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט מוחל זיין. די קלאַנגען און חשדים וועגן ווײַלד'ס געהיימע אומנאַטירלאַכע זינד, וועלכע האָבן אים געמאַכט אַנציִענדיק פאַר דער דעגענערירטער אַריס־טאָקראַטיע, זיינען ניט געווען קיין רעקאָמענדאַציע צו דער בכבודיקער בורזשואַזיע. אירע הייזער זיינען פאַר אים געווען פאַרשלאָסן אפילו אין דער צייט פון זיין העכסטן גלאַנץ.

דאָך האָט ווײַלד געהאַט אַ סך חסידים אויך צווישן דער בורזשואַזיע, דער „גילדענער יוגנט”. אַ טייל רייכע אויסגע־לאַסענע יונגעלייט האָבן באַטראַכט ווײַלד'ן פאַר אַ כהן גדול פון אַ טעמפּל, וועמעס גאָטעסדינסט איז געניסן פון לעבן, און טאָקע געניסן ביזן דעק. האָבן זיי זיך געמאַכט פאַר זיינע פּריוו־ווּיליקע אויסרופער און אַנמעלדער און כסדר געזונגען זיין לויב. נאָר אָסקאַר ווײַלד האָט זיך באמת ניט גענויטיקט אין פּרעס־אַגענטן און שבחים־זינגער צו ווערן פּאָפּולער. זיינע שפּריכווער־טער און אַנעקדאָטן האָבן געהאַט פליגל און געטראָגן זיין רום וויים איבער די גרענעצן פון ענגלאַנד.

ווען אַן אַמעריקאַנער פאַרלאַג האָט זיך געווענדט צו אָס־קאַר ווײַלד'ן, ער זאָל אָנשרייבן אַ בוך, וואָס זאָל אַנטהאַלטן אַ הונדערט טויזנט ווערטער (אַרום 300 זייטן), און אים אַנגע־באָטן דערפאַר פינף טויזנט דאָלאַר, האָט ווײַלד געענטפערט, אַז ער קאָן דאָס ניט טאָן, ווייל די ענגלישע שפּראַך פאַרמאָגט ניט אַזויפיל ווערטער. ווען מען האָט ביי אים געבעטן אַ צעטל פון הונדערט גוטע ביכער, האָט ווײַלד געענטפערט, אַז ער קאָן דאָס ניט טאָן, ווייל ער האָט לעת עתה אָנגעשריבן בלויז פינף. אַזוינע הומאָריסטישע באַמערקונגען האָט ווײַלד געמאַכט אין מאַסן, יעדן טאָג.

VIII

ווײַלד'ס שאַפונגס פייאיקייט איז געווען אומגעהויער גרויס, ער האָט געקאָנט שרייבן אַזוי שנעל און אַזוי פיל ווי באַלזאַק. נאָר אַזוי ווי ווײַלד'ן האָט די נויט ניט געצוואונגען צו זיין אַזוי פלייסיק ווי יענער, האָט ער געמאַכט פון זיין פוילקייט אַ טוגנד. האָט זיך זאָגאָר שטאַרק באַליידיקט, ווען אַ קריטיקער האָט באַמערקט, אַז ער, ווײַלד, איז אַ פרוכטבאַ־

רער שרייבער. דאַך האָט ווײַלד אין צייט פון זיין רעדאַקטירן די פּרויענצייטונג פאַרפאַסט אַ היבשע צאָל דערציילונגען („לאָרד סעוויל׳ס פאַרברעכן“ און אַנדערע) און קינדער מעשיות („דער גליקלאַכער פּרינץ“ און אַנדערע, וואָס זיינען אַרויס אין 1888, מיט בילדער פון וואָלטער קרוין, דער קאַרטוניסט פון אַרבעטער אויס־גאַבן, און זשאַקאָם הוד).

„דער גליקלאַכער פּרינץ“ איז געלויבט געוואָרן פון וואָל־טער פּייטער און אַנדערע באַדייטנדיקע ענגלישע ליטעראַטור־קריטיקער. איינער האָט עס אַפילו אָנגערופן „די ליבלאַכסטע מעשה׳לע פון מאָדערנער צייט“. ווײַלד אַליין האָט זיך פאַר־גליכן מיט אַנדערסען׳ען, דעם מייסטער פון קינדער־מעשיות. נאָר ווײַלד האָט ניט געקאָנט דערציילן אַ קינדער־מעשה׳לע אַזוי איינפאַך ווי יענער. אין זיינע קינדער־מעשיות געפינען זיך צו אינטעליגענטישע אויסדרוקן און אָנשפּיגלונגען, וואָס קינדער קאָנען ניט באַגרייפן. ער האָט דאָס שפּעטער איינגעזען און זיין צווייטן בוך מעשיות „דאָס מילגרוימענהויז“ (1891), וואָס ער האָט געווידמעט זיין פרוי, האָט ער שוין אַליין דערקלערט, אַז דאָס איז פאַר דערוואַקסענע. דאָך ווערן ווײַלד׳ס קינדער־מעשה׳לאַך נאָך היינט געלייענט פון קינדער, און זיינען איבער־זעצט אין מאַסן שפּראַכן. די מערסטע פון זיי אויך אין אי־דיש. אין אַמעריקע זיינען זיי אַרויס אין אַ רייך אילוסטריר־טער אויסגאַבע, מיט אַן איינלייטונג פון דעם באַדייטנדיקן לי־טעראַטור־קריטיקער ה. ל. מענקען. צוויי מעשה׳לאַך, „דער גליקלאַכער פּרינץ“ און „דער געבורטסטאָג פון דער אינפאַנטין“. זיינען לעצטנס געוואָרן דראַמאַטיזירט (באָסטאָן, 1916 און 1924) און ווערן אָפט אויפגעפירט פון שול קינדער.

נאָכדעם ווי ווײַלד האָט פאַרלאָרן די רעדאַקטאָר־שטעלע אין דער פרויענצייטונג, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מער מיט זיין קונסט. זיינע עסייען פון יענער צייט: די דעקאַדענץ פון זאָגן ליגן; פּעדער, בליישטיפט און גיפט; דער קריטיקער אַלס קינסטלער און דער אמת פון מאַסקעס; זיינען אַרויס אין יאָר 1891 אין אַ בוך אונטערן נאָמען „אינטענשאָנס“ (צילן). אָט די עסיים, צו וועלכע עס ווערט צוגעגעבן אין זיינע געזאַמלטע שריפטן אויך זיין עסיי „די מענטשלאַכע נשמה אונ־טער סאָציאַליזם“, האָבן געמאַכט גרויס אויפזען ביי דער העכס־

טער אינטעליגענץ (זיין „מענטשלאכע נשמה“ איז אויך תיכף געווארן איבערגעדרוקט אין אמעריקע). זיי, אט די עסייען, און ניט זיין פאפולאריטעט ביי דער ענגלישער אריסטאקראטיע, האבן געלייגט דעם פונדאמענט פאר ווײַלד׳ס קינסטלערישן רום.

אין אט די עסיים צייכנט זיך אוים ווײַלד מיט זיין אריגינאליטעט. ער פירט אין זיי דורך ביז צום עקסטרעם זיין אידייע, אז די קונסט איז אויף יענער זייט פון גוט און שלעכט. זי קאן שילדערן מיט דער זעלבער מייסטערשאפט און באגייסטערונג, שלעכטס און גוטס. נאר ביים בכבודיקן באלעבאטישן קלאס האט ווײַלד דערמיט נאך מער געשעדיקט זיין רעפוטאציע. די באלעבאטישע קריטיק האט עס אויסגעטייטשט, אז ווײַלד פארטיידיקט דאס זאגן ליגן, דאס באגיין קאלטבלוטיקע מערדערייען. נאר באזונדערס איז ער געווארן פארדאמט פאר זיין אפהאנדלונג „דאס בילד פון מר. וו. ה.“ (1889).

ראבערט ראס, ווײַלד׳ס טרייער פריינט און ליטעראַרישער צוואה־דורכפירער, דערקלערט, אז ווײַלד האט „דאס בילד פון מר. וו. ה.“ געשריבן מיט א שפאסיקער כונה. ער האט געוואלט אויסלאכן די ענגלישע שעקספיר־לומדים, וואס פלפולן זיך אויף יעדן אות אין זיינע ווערק. האט ער אויסגעטייטשט שעקספיר׳ס ווידמונג פון א סאנעט צו איינעם וו. ה., אז דער שטאלץ פון ענגלאנד האט געהאט אן אבנארמאלע ליבע צו א יונגנמאן. נאר די ענגלישע געזעלשאפט האט דאס אנדערש אויפגענומען. אפילו דער פרייגייסטיקער פריינק העריס, ווײַלד׳ס רעדאקטאר, פריינט און ביאגראף, פארזיכערט, אז ווײַלד האט עס געמיינט ערנסט, און האט דערמיט פארראטן זיינע אייגענע אבנארמאלע ליידנשאפטן.

ניט ווייניקער איז ווײַלד געווארן אטאקירט פאר זיין ראמאן „דאס בילד פון דאריאן גריי“. זשעראם ק. זשעראם׳ס צייטונג „טו־דיי“, ווי א סך אנדערע האבן דערקלערט „דאריאן גריי“ פאר א בוך, וואס קאן האבן א פארדארבלאכן איינפלוס. זיי האבן דערפאר געפאדערט זיין אונטערדריקונג. אפילו די ליבעראלע „דיילי קראניקל“, וואס איז געווינלאך געוועזן פריינטלאך צו מאדערנע קינסטלער, האט פארדאמט „דאס בילד פון דאריאן גריי“ אלס א „געשיכטע געבארן פון דער קרעציקער ליטעראטור פון דער פראנצויזישער דעקאדענץ — א גיפטיק

בוך, וועמעס אטמאספערע איז אנגעפילט מיט די שטינקענדיקע ריחות פון מאראלישער און גייסטיקער פארפוילטקייט".

פון דער אנדער זייט האט „דאריאן גריי" ארויסגערופן דעם העכסטן לויב אין קינסטלערישע קרייזן. אפילו די, וואס האבן אנערקענט, אז אלס גאנצעס איז דאס בוך ניט ווערט דעם נאמען ראמאן.

„דאריאן גריי" איז א לייננערע דערציילונג, געשריבן אין פראנצויזישן סטיל און אונטערן איינפלוס פון א ריי פראנצויזישע דערציילונגען, באזונדערס פון באלזאק'ס „לע פא דע שאגרען", אין וועלכער א שטיקל פעל פון א ווילדן אייזל שרומפט איין מיט יעדן וואונטש פון זיין באזיצער. דאריאן גריי'ס פנים, אויף זיין בילד, געמאלן פון א גרויסן מאלער, ווערט כסדר עלטער און באדעקט מיט די שטריכן פון אכזריות, תאוה און צביעות. נאר ער אליין, דאריאן, בלייבט דער זעלבער שיינער, סימפאטישער יונגערמאן, וואס ער איז געווען צו איין־און־צוואנציג יאר, ווען ער האט באגייסטערט דעם בארימטן מאלער צו שאפן זיין מייסטערווערק. צום סוף, ווען ער וויל פארניכטן דאס בילד, וואס איז זיין געוויסן, טרעפט זיין מעסער אין דער אייגענער ברוסט. דאס בילד קריגט ווידער די געשטאלט פון דעם וואונדערשיינעם סימפאטישן בחור און אויף דער ערד ליגט טויט אן עקלהאפט אויסזעענדיקער אלטער בעל־תאוה'ניק און פארברעכער.

די דערציילונג איז צוערשט געווען געדרוקט אין א זשורנאל. איר ארויסגעבנדיק אין בוך־פארם, האט ווילד צוגעגעבן ארום א דריטל לעזע שטאף, כדי דאס בוך זאל אויסזען גרעסער און קריגן קונים. דערצו האט ער אנגעשריבן א הקדמה, וואס איז מער אן עסיי איבער קונסט ווי א פארווארט פון א ראמאן. דאס אלץ ווירקט, אז „דאריאן גריי" זאל ניט זיין איינהייטלאך. זיינען אנדערע טיילן עכטע קונסט, געשריבן מיט דעם פיינעם הומאר און עלעגאנטן סטיל פון די בעסטע ווילדישע ווערק. אנדערע טיילן ווידער לייענען זיך ווי א מיטלמעסיקער פראנצויזישער ראמאן, געשריבן אין איילעניש, ניט פאלירט, ניט געשליפן.

א דאנק די ערשטע זעקס קאפיטלען, ארום א דריטל פון דאס גאנצע ווערק, איז „דאריאן גריי" געווארן גערימט פון וואל־

מער פּייטער און אנדערע קונסט־קריטיקער פון ערשטן ראַנג. וואָלט ווײַלד, אנשטאָט אויסצוציען זײַן ראָמאַן צוליב מאָטע־רעלע מאָטיוון, אים פאַרקלענערט און איבערגעאַרבעט צו אַ קורצע דערציילונג, אַזוי וואָלט עס געקאָנט ווערן איינע פון די קאַסטבאַרסטע פּערלען פון דער וועלט־ליטעראַטור. אַזוי ווי „דאָ־ראַן גריי" איז איצט, גלאַנצט ער הויפּטזאַכלאַך מיט די עכט־ווײַלדישע עפּיגראַמען, אַרײַנגעלייגט אין מויל פון לאָרד הענרי וואָטאָן, וועלכער איז אַ מוסטער פון ווײַלד׳ס שיין ריידן אין אַ געזעלשאַפט. מיט אַ טייל פון זײַנע געלונגענע עפּיגראַמען אין „דאָריאַן גריי" האָט זיך ווײַלד שפּעטער באַנוצט פאַר זײַנע דערפאָלגרײַכע פּיעסן.

נאָך „דע פּראָפונדיס", די „באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה" און „סאַלאָמע" איז „דאָריאַן גריי" דאָס פּאָפּולערסטע בוך פון אָסקאַר ווײַלד. אין אַנדערע שפּראַכן איז דאָס געוואָרן איבער־זעצט צו עטלאַכע מאָל (אין דײַטש פון אַכט באַזונדערע איבער־זעצער). עס איז אויך איבערזעצט אין אידיש און העברעאיש. אין פראַנצויזיש איז „דאָריאַן גריי" געוואָרן דראַמאַטיזירט פון ס. מערמע (פּאַריז, 1922), אין אַ פּראָלאָג מיט פינף אַקטן.

דער אַנפאַל פון דער בירגערלאַכער פּרעסע אויף זײַן ראָ־מאַן האָט ווײַלד׳ן ניט אַנטמוטיקט, נאָר איבעררואַשט. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט געשאַפן אַן עכט־מאָראַליש ווערק, וואו דאָס גוטע אין מענשן זיגט איבער דאָס שלעכטע, דער יצר טוב איבער דעם יצר הרע, די מענטשלאַכע נשמה איבער די תאוות פון גוף. מעגלאַך, אַז די סיבה פון דער באַשולדיקונג אין אוממאָראַלישקייט האָט געשטאַמט דערפון, ווי אַרטור רענ־סאָם דיינקט, וואָס ווײַלד האָט צו שיין געשילדערט דעם וועג פון זינד. אַלנפאַלס האָט זיך ווײַלד געפילט העכער ווי זײַנע קריטיקער, און זיי געענטפערט שטאָלץ: „דאָס ווערק „דאָריאַן גריי" איז גיפטיק אויב איר ווילט; נאָר איר קאָנט ניט אָפּלייקענען אַז דאָס איז אויך פולקומען און פולקומענהייט איז דאָס נאָך וואָס דער קינסטלער שטרעבט".

שאַרפער קעגן זײַנע קריטיקער איז ווײַלד אַרויסגעטראָטן אין דער הקדמה, וואָס ער האָט אַנגעשריבן צו „דאָריאַן גריי" פאַר זײַן איצטיקער פאַרגרעסערטער פאָרם. ווײַלד זאָגט דאָרט אַזוי:

„דער קינסטלער איז דער באשאפער פון שיינע זאכן.
„צו אנטפלעקן די קונסט און פארבארגן דעם קינסט־לער איז קונסט׳ס צוועק.
„דער קריטיקער איז דער, וואס קאן איבערזעצן אין אנאנדער פארם אדער אין א נייעם מאטעריאל זיין איינדרוק פון שיינע זאכן.
„די העכסטע, אזוי ווי די נידעריקסטע, פארם פון קריטיק איז א מין אויטאביאגראפיע.
„די וואס געפינען מיאוסע אבזיכטן אין שיינע זאכן זיינען פארדארבן, ניט זייענדיק ליבנסווירדיק. דאס איז א חסרון.
„די וואס געפינען שיינע אבזיכטן אין שיינע זאכן, זיינען די קולטיווירטע. פאר זיי איז נאך דא האפ־נונג.
„זיי זיינען די אויסדערוויילטע, פאר וועמען שיינע זאכן מיינט בלויז שיינקייט.
„עס איז ניטא אזא זאך ווי א מאראליש אדער אומ־מאראליש בוך. ביכער זיינען גוט געשריבן, אדער שלעכט געשריבן. דאס איז אלץ.
„דער ווידערווילן פון ניינצנטן יארהונדער קעגן רע־אליזם איז דער כעס פון קאליבאן, זעענדיג זיין איי־גענעם פנים אין א שפיגל.
„דער ווידערווילן פון ניינצנטן יארהונדערט קעגן ראמאנטיציזם איז דער כעס פון קאליבאן, ניט זעענ־דיק זיין אייגענעם פנים אין א שפיגל".

זיינע שונאים האבן געפונען אין „דאריאן גריי" א סך אנ־צוהערענישן אויף ווײַלד׳ס אבנארמאלע ליידנשאפטן. זיי האבן אויך פארשפרייט א קלאנג, אז זיין יונגטלאכער פריינט דזשאן גריי, איז געוועזן דער מאדעל פאר „דאריאן גריי". ווײַלד האט ניט אפגעלייקנט די קלאנגען, כאטש ער האט זיך באקאנט מיט דזשאן גריי נאכדעם ווי זיין ראמאן איז שוין געווען פארעפנט־לאכט. פארקערט, ווײַלד האט אזוי ווי זיך געדרייצט מיט דער בירגערלאכער געזעלשאפט און אפט לאכנדיק אנגערופן דזשאן גריי׳ען מיטן נאמען „דאריאן". דערפאר האט זיך די בירגער־לאכע געזעלשאפט אז אים נוקם געווען און איגנארירט זיינע

טיף־מענטשלאכע קינדער־מעשיות, וועלכע זיינען ארויס אין יע־
נער צייט אין בוך־פארם.

מער אנערקענונג האט ווײלד געקראגן אין פאריז, וואו די ליי־
טעראַרישער קרייזן האבן פאר אים געמאכט א באנקעט, אין
דעצעמבער 1891, ווען ער האט דארט אנגעשריבן אין פראנ־
צויזיש זיין „סאלאמע". סארא בערנאר האט עס געוואלט אויפ־
פירן אין א לאנדאנער טעאטער אין יאר 1892. נאר דער לארד־
טשעמבערליין, דער ממונה אויפ'ן קעניגלאכן הויף, וועלכער האט
אויך דעם אמט פון א טעאטער־צענזאר אין ענגלאנד, האט דאס
פארבאטן אויפצופירן, ווען סארא בערנאר האט שוין אנגעהויבן
מאכן פראבע. דער מאטיוו איז געווען, אז עס קאן ניט דער־
לויבט ווערן די אויפפירונג פון ביבלישע כאראקטערן.

אומזיסט האט ווײלד פראטעסטירט, פארוואס ווערן דער־
לויבט ביבלישע כאראקטערן אין אנדערע געביטן פון קונסט,
צום ביישפיל, אין מאלעריי, אין סקולפטור. קיין זאך האט ניט
געהאלפן. זיין דראונג, אז אלס אירלענדער איז אים לייכט זיך
אפצוטרייסלן פון ענגלאנד און זיך באזעצן אין פראנקרייך און
ווערן א דארטיקער בירגער, האט נאטירלאך בלויז ארויסגערופן
שפאס. „סאלאמע" איז צוערשט געווארן אויפגעפירט ניט אין
לאנדאן, נאר אין פאריז, און ניט דורך דער פחדנישער, מאַ־
טעריאַליסטישער, „געטלאכער סארא", נאר דורך לואיניע־פאָע,
ווען ווײלד איז שוין געזעסן אין תפיסה, אין 1896.

„סאלאמע" איז געווען די פאפולערסטע פיעסע פון אסקאר
ווײלד. זינט 1901, א יאר נאך ווײלד'ס טויט, ווען זי איז גע־
ווארן אויפגעפירט אין בערלין, געפינט זי זיך אין דער רעפער־
טואר פון דער אלוועלטלאכער בינע. דורך דער מוזיק פון ריכארד
שטרויס איז „סאלאמע" געווארן א פאפולערע אפערע. ניט קוקנ־
דיק אויף דעם, וואס נאך דער ערשטער אויפפירונג אין ניו
יארק, אין 1907, האבן די אמעריקאנער מיליאנערטעס געצוואונ־
גען עס ארונטערצונעמען, ווערט „סאלאמע" אפט געשפילט אויך
אין אמעריקע. „סאלאמע" איז איבערזעצט אין אלע קולטור־
שפראכען. אפילו אין עספעראנטא. אין אידיש האט זי צוויי איי־
בערזעצונגען, און אין אנדערע שפראכן פיל מער. פאר קונסט־
ליבהאבער האט נאך „סאלאמע" א באזונדער ווערט צוליב די

זעלטענע קינסטלערישע אילוסטראציעס, וואס בוירדסלי האט צו איר געשאפן.

ווענן דעם ליטעראַרישן און דראַמאַטישן ווערט פון „סאַ־לאָמע“ זיינען פאראן פארשידענע מיינונגען. ווײַלד אַליין האט געהאלטן „סאלאמע“ פאר איינס פון זיינע בעסטע קונסטווערק. ער האט געדיינקט, זי איז „ענלאך צו א מוזיק־שטיק“. אַזאַ הויכע מיינונג איבער „סאלאמע“ האבן אויך ארויסגעזאגט א גאנצע ריי באדייטנדיקע אייראפּיאישע ליטעראַטור־קריטיקער. פון דער אַנדער זייט ווערט זי שטאַרק אונטערגעשעצט פון א סך שריפטשטעלער. זיי זעען אין איר דעם איינפלוס פון פלאָ־בער׳ס „הערואַדיאַ“ (אין סוזשעט) און מעטערלינקס׳ס „זיבן פרינצעסינס (אין שפּראַך). נאָר אפילו זיינע ארונטעררייסער דערקענען, אַז ער איז אָריגינעל אין זיין אויפפאסונג פון סאַ־לאָמע׳ן, און אַז דאָס ווערק מאכט אַן אומגעהייער שטארקן איינ־דרוק.

דער דערפאָלג פון „סאלאמע“ נאך דעם טויט פון איר באַ־שאַפער, קאן זיך ניט פארגלייכן מיט די דערפאָלגן, וואס זיינע קאָמעדיעס האבן ווײַלד׳ן געבראכט ביי זיין לעבן.

אין דעם זעלבן יאר, וואס מען האט ניט דערלויבט אין ענגלאַנד די אויפפירונג פון זיין „סאלאמע“, האט זיך אנגעהויבן ווײַלד׳ס שנעלער אויפשטייג בארג־ארויף, פון וועלכן ער איז דריי יאר שפּעטער אַזוי טראַגיש ארונטערגעפאַלן. דעם 20טן פעברואר 1892, האט דער דעמאָלט־פּאָפּולערער ענגלישער שוי־שפּילער, דזשאָרדזש אַלעקסאַנדער אויפגעפירט ווײַלד׳ס קאָמעדיע „לײדי ווינדערמער׳ס פעכער“. דער דערפאָלג האט אריבער־געשטייגט ווײַלד׳ס העכסטע אָפּטימיסטישע פאַרשטעלונגען. ער איז געוואָרן אויפגענומען ווי א קעניג און באַלד האט זיך גע־מוזט צו אים נעמען בוקן אפילו די טעגלאכע פּרעסע, וואס האט אים געהאסט, פונקט אַזוי ווי ער האט איר פאראכטעט.

וויליאם ארטשער, דער באַדייטנדסטער דראַמאַטישער קריטי־קער פון יענער צייט, דער איבערזעצער, ביאגראף און פּאָפּולאַרי־זאַטאָר פון איבסען אין ענגלאַנד, האט דערקלערט, אַז ווײַלד באַזיצט "עכטע דראַמאַטישע אייגנשאַפטן". אַנדערע קריטיקער זיינען געגאַנגען ווייטער און דערקלערט אַז „לײדי ווינדערמער׳ס

פּעבער" איז בעסער ווי שעקספּיר'ס קאָמעדיעס. די ענגליש־איר־דישע הומאָריסטין, מרס. לעווערסאָן, האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם בירגערלעכן הומאָריסטישן וואָכנבלאַט „פּאַנטש" א ריי פּריינטלעכע פּאַראָדיעס אויף אָסקאַר ווײַלד, וואָס האָבן געהאָלפן אים מאַכן פּאָפּולער ביי די ברייטע בירגערלעכע מאַסן.

זיינע פּיעסן „א פרוי אָן באַדייטונג" (1893), א „אידעאַלער מאַן" און „די באַדייטונג פון זיין ערנסט" (1894) האָבן אים געבראַכט כבוד און געלט. ווײַלד, וואָס האָט זיך נאָך מיט א פּאָר יאָר פריער געראַנגלט מיט דער זאָרג פאַר חיונה, האָט איצט געקראָגן א שטענדיקע הכנסה פון אומגעפער פערציק טויזנט דאָלאַר א יאָר, מיט אויסזיכטן אויף נאָך מער. די לעצ־טע צוויי פּיעסן האָבן אָנהייב יאָר 1895 זיך ביידע געשפּילט מיט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג אין איין צייט: די ערשטע פון (סער) בירבאָם טרי און די צווייטע פון דזשאָרדזש אַלעקסאַנדער. אין די צוויי פּראָמינענטסטע טעאַטערן פון לאָנדאָן.

ווײַלד'ס דערפאָלג פון יענער צייט האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער ליטעראַטור, אפילו בייראָן, איז קיינמאָל ניט געווען אזוי באַרימט אין ענגלאַנד ווי דאָס איז געווען אָסקאַר ווײַלד א פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד. ער איז געווען ניט בלויז דער־פאָלגרייך, נאָר אויך זיגרייך. דער פּיליסטערהאַפטער זשורנאַ־ליסט, וואָס האָט ניט קיין אייגענע מיינונג, האָט זיך איצט צו־ריסן לויבנדיק ווײַלד'ן, פּונקט ווי פריער אים שענדנדיק.

זיינע פּיעסן האָט ווײַלד ניט באַטראַכט פאַר קיין קונסטווערק. ער האָט זיי געשריבן זייער לייכט. אויב ער וועט זיך נויטיקן אין געלט, האָט ער באַמערקט צו זיינעם א פריינט, וועט ער דעם קומענדיקן זומער אָנשרייבן א האַלב טוץ פּיעסן. האָט ער גלייכצייטיק געאַרבעט אויף אַנדערע ווערק, וועלכע ער האָט באַ־טראַכט פאַר ריינע קונסט: די „פלאָרענטינישע טראַגעדיע", „די הייליקע קורטיזאַנע, אָדער די פרוי באַצירט מיט עדל־שטיינער..„ „די ספינקס", וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אין 1883.

נאָך גראָד זיינע טעאַטערשטיק האָבן אים דעמאָלט געגעבן א וועלט־נאָמען און אים געגעבן כבוד און רייכקייט אָן א מאָס. ער איז געווען אַנערקענט צוגלייך פון דער העכסטער אינטעלי־גענץ און פון די בירגערלעכע מאַסן.

צוערשט האָבן די שבחים פון אַלע זייטן געווירקט אויף ווײַלד'ן צום גוטן. ווי יעדער קינסטלער האָט זיך אויך ווײַלד גענויטיקט פון צייט צו צייט אין קאָמפּלימענטן, ווי בלומען אין טוי און זונענשײַן. ער האָט אַנגעהויבן רײַדן שענער ווי פריער. זײַן וואָרטשפּיל און וויץ האָבן דערגרייכט די העכסטע ווירטואָזיטעט. נור ווען די אָנערקענונג איז אַריבער אַלע מאָסן, האָט זי געהאַט אַ פאַטאַלן אײַנפלוס אויף זײַן לעבן.

IX

שוין פריער איז ווײַלד געווען אין קלוב און סאַלאָן אַן אומגעקרוינטער קעניג — „דהי קינג אָוו לײַף". ווי ער פלעגט זיך אַליין אָנרופן — איז ער ווי יעדער קעניג געוואָרן אַלץ מער אַראָגאַנט. באַזונדערס אין די טעג פון זײַן רײַכקייט און רום. פאַרשכורט פון גליק, האָט ווײַלד פאַרלאָרן דעם קאָפּ. ער האָט געגלויבט, אַז ער מעג זיך אַלץ דערלויבן, אַז ער שטייט ווי אַ גאָט אויסערהאַלב יעדן מנהג און געזעץ. דער קערנדל סנאָביזם, וואָס ער האָט געקראָגן אַ ירושה פון זײַן מאַמען, האָט אַנגעהייבן וואַקסן. ער האָט זיך אונטערגעשריבן אָסקאַר אָ'פלאַהערטי, צו באַצייכענען זײַן יחוס פון אַלט־אײַרישן קעניגטום. ער האָט אָנגעהייבן צופיל האַלטן פון זיך.

אָסקאַר ווײַלד, ווי בערנאַרד שאָו כאַראַקטעזירט אים, איז געווען בטבע אַ גוטער מענטש. ווען שאָו האָט געזוכט אונטערשריפטן פאַר אַ פּעטיציע צו פאָדערן די באַגנאַדיקונג פון די צום טויט פאַראורטיילטע פינף אַרבעטער־פירער אין שיקאַגאָ, איז אָסקאַר ווײַלד געווען דער אײנציקער קינסטלער אונטערצושרייבן זײַן נאָמען אויף דעם. אַלע אַנדערע האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

ראָבערט שעראַרד, אין זײַן בוך "אָסקאַר ווײַלד„ (1902), דערמאָנט מיט ווייטאָק, דעם כבוד, מיט וועלכן ווײַלד איז אַמאָל געוואָרן אויפגענומען אין געריכט. דאָס איז געווען אין 1888, ווען ער איז געקומען אַלס רעדאַקטאָר פון •דער בכבודיקער פּרויענצײַטונג, צו געבן פּופציק פונט (אַרום 250 דאָלאַר) „בײל" (ערבות) פאַר אַן אַנאַרכיסטישן דיכטער, דזשאָן באַרלאָס, וואָס האָט אויסגעשאָסן מיט אַ רעוואָלווער קעגן פּאַרלאַמענט, אויסצודריקן, ווי ער האָט דערקלערט, „זײַן פאַראַכטונג צום פּאַרלאַמענטאַריזם". דער ריכטער האָט געפּלאַנט אַרײַנצוגעבן דעם אָרימען

קראנקען דיכטער אין א משוגעים־הויז, וואו ער וואלט גיך אומ־געקומען. נאר א דאנק ווײלד׳ס גוט הארץ, אויפריכטיקע מענטשנ־ליבע און אפערוויליקייט (250 דאלאר איז פאר אים דעמאלט געווען א היבשע סומע), איז יענער געראטעוועט געווארן פון אונטערגאנג.

ווײלד׳ס גוט הארץ, זיין געטריישאפט צו העלפן מיט ראט און טאט, ווארט און געלט, יעדן מענטשן, וואס האט זיך צו אים געווענדט נאך הילף, איז געווען פריער פאר 1892, גוט באַ־קאנט. די לאגע האט זיך געענדערט צום בייזן, ווען ער איז געווארן דערפאלגרייך און אנגעהייבן הולטעווען נאך ערגער ווי זיין טאטע.

אין זיין ווידוי, געשריבן אין תפיסה און אין קייטן, דער־ציילט אסקאר ווײלד, אז "די געטער„ האבן אים "געגעבן כמעט אלצדינג". ער האט פארמאגט „זשעני, א בארימטן נאמען, א הויכע סאציאלע שטעלונג, כבוד, גלאנץ און אינטעלעקטועלן מוט". ער האט געמאכט „די קונסט פאר א פילאזאפיע, די פילאזאפיע פאר א קונסט". ער האט די מענטשן געלערנט „אנ־דערש דיינקען" און געגעבן די זאכן „אנדערע פארבן". אלץ וואס ער האט בארירט, "דראמע, ראמאן, פאעזיע אין פראזע, פראזע איןריימען, דעם געשליפענעם דיאלאג פון דער ווירק־לאכקייט, אדער פאנטאסטישן", האט ער פארשענערט, האט ער איינגעוויקלט אין „א נייעם לבוש פון שיינקייט". אלע פילאזא־פישע סיסטעמען האט ער צוזאמענגעדריקט אין א פראזע, דעם גאנצן זין אין אן עפיגראם ; ער האט אויפגעוועקט די פאנ־טאזיע פון זיין יארהונדערט, אזוי אז עס האבן זיך ארום אים געשאפן פאבלען און לעגענדעס.

נאר „דערביי", זאגט ער, האט ער געהאט „נאך עפעס אנ־דערש". ער האט זיך „געלאזט אריינארן פון דעם לאנגדויער־דיקן כשוף פון א זינלאזער און תאוהדיקער באקוועמלאכקייט...ער האט זיך „אמוזירט דערמיט, צו זיין א „פלאנאר", א „דענדי". א מאדע־העלד". ער האט זיך „ארומגערינגלט מיט די קלענערע נאטורן און נידעריקערע גייסטער". מיד פון ארומוואנדערן אין דער הויך, איז ער „פרייוויליק ארונטערגעשטיגן אין די טיפע־נישן, כדי דארט צו זוכן נייע רייצן". וואס דער פאראדאקס איז פאר אים געווען אין דער סביבה פון דיינקן, איז דאס פערווערזע

געווארן פאר אים אין דער סביבה פון ליידנשאפטן. „צום סוף איז די תאוה געווארן א קראנקהייט, אדער א משוגעת, אדער ביידע צוזאמען". עס האט אים „וויניק געקימערט פאר דאס לעבן פון אנדערע". ער האט זיך אנגעטאן, וואו זיין הארץ האט נאר געגלוסט, און געגאנגען ווייטער. ביז עס איז געקומען דער שרעקלאכער טאג פון רעכענונג און באצאלונג.

ווײלד איז געשטיגן אלץ העכער. נאר אין מיטן פון זיין העכסטן רום און גליק, האבן זיך ארויסגעהייבן פון טיפן תהום שווארצע שאטנס, וואס האבן אים געצויגן צום אפגרונט.

די כחות פון אונטערגאנג האבן געצויגן זייער יניקה פון צוויי קוועלן. צוערשט די שווערע ירושה פון זיין שטאם. די קערנער פון שיכרות, תאוה, סנאבעריי א. א. וו. האבן דורך זיין רייכ־קייט באקומען א גינסטיקן באדן פאר זייער וואקסן. צווייטנס, זיין קראנקער, ניט נארמאלער קערפער. ווײלד איז געווען פי־זיש איבערגעוואקסן. ווײלד'ס ריזיקע וואוקס, זאגט בערנארד שאו, איז געווען א קראנקהאפטע. דאס איז ניט געווען דער נא־טירלאכער וואוקס פון א מענטשן, נאר דאס ריזנהאפטע, אדער ריזעניזם, וואס איז אזוי ניט נארמאל, ווי דאס קארליקנהאפטע, אדער קארליקניזם. לויט די פאקטן, וואס האגעמאן ברייננגט אין זיין אויספירלאכע ווײלד־ביאגראפיע, (בערלין 1925) האט ווײלד געליטן פון עפילעפסי. ער האט דערפאר צייטנווייז ניט געקאנט קאנטראלירן זיינע האנדלונגען. ער האט זיי אפילו ניט געננוי געדיינקט. ער האט דערפאר אין די פויזן צווישן די עפילעפ־טישע פעריאדן, ווען ער איז געווען נארמאל, זיך געפילט גאנץ אומשולדיק.

צו ענלאכע רעזולטאטן קומען די פארשידענע פארשער, וואס האבן געמאכט א באזונדער שטודיום פון ווײלד'ס ניט־נארמאלע ליידנשאפטן און זיין פסיכאלאגישן צושטאנד. מאקס נארדוי'ס דיאגנאזע, אין זיין בוך „ענטארטונג" (1894), וואס האט דער־קלערט ווײלד'ן פאר דעגענערירט, איז געווען ריכטיק. נאר ווײלד'ס דעגענערירונג האט געהאט אזוי וויניק שייכות מיט ווײלד'ס אידייען פון "קונסט צוליב קונסט„ און מיט זיין עקסטרע־מען אינדיווידואליזם ווי מיט נארדוי'ס טעאריעס וואס איז קראנק און וואס איז געזונט אין דער קונסט און פילאזאפיע. זיינע אידייען האט גראד ווײלד אנטוויקלט ווען ער איז געווען אין פולער קראפט

און אלס נארמאלער מענטש. אידייען ענדערן זעלטן דעם כאראק־טער פון מענטשן, בפרט זיין פיזישן צושטאנד.

גערעכט איז לארענס הויסמאן, אין זיין בוך „עקא דע פארי“. וועלכער זאגט, אז ווען ווילד וואלט זיך אין רעכטער צייט גע־לאזט אונטערזוכן פון א טיכטיקן ספעציאליסט פאר גייסטיקער קראנקהייט, וואלט מעגלאך פארמידן געווארן זיין קאטאסטראפע, דורך א צייטמעסיקער אפעראציע. וויסנשאפטסלייט האבן בא־וויזן, זאגט הויסמאן, אז עס זיינען פאראן דריזן, וואס פארווייבלאכן א מאן, מאכן אים ניט גלייכגילטיק צו זיין אייגענעם געשלעכט. אן אפעראציע אויף אט די אבנאר־מאלע דריזן בריינגען דעם קערפער אין ארדנונג און דער מענטש ווערט גענעזן פון זיינע אומנאטירלאכע ליידנשאפטן.

א סך מיטגעהאלפן צו אנטוויקלען ווילד׳ס קראנקע אייגנ־שאפטן און צו פארשנעלערן זיין סוף, האט זיין אומגליקלאכע פריינטשאפט מיט לארד אלפרעד דאגלאס.

אין הערבסט 1891, האט דער 37־יאריקער קינסטלער זיך באקאנט מיט א יונגן 21־יאריקן סטודענט, א זון פון דער העכס־טער אריסטאקראטיע. ווילד, וועלכער האט אלעמאל געהאט א שוואכקייט פאר הויכע טיטלען און היסטארישע נעמען, האט ניט געקאנט בלייבן גלייכגילטיק צום נאמען דאגלאס, וואס קלינגט אזוי שיין אין די אויערן פון אן ענגלישן ראמאנטיקער. אויסער־דעם איז דער יונגער לארד געווען זעלטן שיין. צו זעכצן יאר האט זיין פנים אויסגעזען ווי דעם וואס מאלער נעמען פאר א מאדעל פון א מלאך. צו 21 יאר האט ער אויסגעזען ווי א בילד־שיינע מיידל, מיט זיין צארט־ווייס געזיכט, גרויסע בלויע אויגן און ליכטיקע גאלדענע האר. זיין שיינקייט האט שטארק אפעלירט צו די עסטעטישע געפילן פון דעם פארפאסער פון „דאריאן גריי“. און, געוויינלאך, אויך צו זיינע דרעמלענדיקע אבנארמאלע ליידנ־שאפטן.

נאר דאגלאס איז שוין לאנג ניט געווען דער מלאכ׳ל פון זיין 16טן יאר. ער האט שטודירט אין אקספארד, אין דעם זעלבן מעדעליין קאלעדזש וואס ווילד. דארט אין פארדארבע־נעם, דעגענערירטן אריסטאקראטן־קרייז האט דער יונגער לארד פריצייטיק דערלערנט אלערליי זינד. ווען ער האט זיך באגעגנט מיט ווילד׳ן, איז דער 21 יעריקער דאגלאס שוין געווען אן אל־

טער בעל־עבירה'ניק, מיט א לייכגערע זינדיקע פארגאנגענהייט ווי דער מיטליעריקער „קעניג פון לעבן". אזוי אז דער איגגערער איז באלד געווארן דער וועגווייזער פון דעם עלטערן.

דער יונגער לארד, וואס האט געהאט קינסטלערישע נייגונגען און זיך שפעטער אנטוויקלט צו א מייסטער פון שיינע פערזן. איז נאטירלאך געווען באגייסטערט פאר דעם בארימטן קינסטלער. קומענדיק נאנט צו ווײַלד'ן, און אויסגעפינענדיק, אז ווײַלד איז פערזענלאך נאך פילפאך אינטערעסאנטער און באצויבערנדיקער ווי זיין קונסט, איז דאגלאס געווארן אין אים ממש פארליבט. ווײַלד איז געווען זיין גאט, זיין פאמיליע, זיין אלץ. בפרט, אז דער רייכער מיוחסדיקער מארקיזן־זון איז באמת געווען פארעלטניסמעסיק אן ארימער לעבעדיקער יתום, און האט געפונען ביי ווײַלד'ן „פראכט־ליבע, הויכע לעבנספירונג, אומבאגרענצטע פרייד, געלט אן א מאס". אויסער די גייסטיקע צונייגונג צום גרויסן ווארט־מייסטער, האט דאגלאס'ן צוגעבונדן צו ווײַלד'ן אויך „די פלייש־טעפ פון מצרים", ווי ווײַלד זאגט שפעטער אין זיין ווידוי.

צו זיין אומגליק, איז ווײַלד דעמאלט כסדר געשטיגן פון דערפאלג צו דערפאלג. האט זיך אנגעהויבן אן ארגיע פון לוקסוס, פארשווענדונג און הולטאיסטווע, וואס האט געשטעלט אין שאטן אלץ וואס אסקאר'ס פאטער, דער אלטער סער דר. וויליאם ווײַלד, האט אפגעטאן אין זיין גאנצן זינדיקן לעבן.

קיינער האט שפעטער ניט געוואלט גלויבן, אז דער עלטערער שטאלצער קינסטלער האט זיך געלאזט פירן פון דעם אומפאראנטווארטלאכן אריסטאקראטישן אינגל. נאר אלע, וואס האבן געזען די זאך נאנט, פארזיכערן, אז דער גוטמוטיקער ווײַלד איז געווען ווילנלאז און נאכגעביק אין דער אנוועזנהייט פון דעם קאפריזנעם, ריקזיכטסלאזן און איינגעשפארטן דאגלאס.

לארד אלפרעד דאגלאס האט באקומען פון זיינע עלטערן נאך א שווערערע ירושה ווי אסקאר ווײַלד פון די זייניקע. אויסער דעם „אומגליקלאכן דאגלאס טעמפעראמענט" פון זיין אלטן דעגענערירטן שטאם, האט ער נאך גע'ירש'נט א היבשן פעקל פון זיין דעגענערירטן טאטן, דעם מארקיז פון קווינסבערי. דער אלטער שכור און האלב־משוגענער סקאנדאליסט איז געווען געשיידט פון זיין פרוי, די מארקיזין. די קינדער זיינען געווען אויף

דער זייט פון דער אינטעליגענטער מאמען קעגן דעם ברוטאלן טאטן, וואס האט איר פארשאפט צרות אן א שיעור. אזוי אז צווישן דעם יונגן לארד דאגלאס און זיין טאטן, דעם מארקיז פון קווינסבערי, האט געהערשט אזא העסלאכע שנאה, ווי זי קאן נאר פארקומען צווישן דעגענעראטן.

ווײלד׳ס נײ לעבן אין אומגעהויערן לוקסוס און אויסגעלאסנ־הייט, האט אנגעהייבן ווייזן שפורן אויף זיין קראנקן קערפער. דער אויסערלאך מאסיווער ריזיקער גוף איז געווען צופרעסן פון סעקסועלער זינד, טרינקען און רויכערן. ווײלד פלעגט רויכערן אן א שיעור. די בארימטע זינגערין, מאדאם מעלבא, דערציילט אין אירע ערהאינערונגען (אין „ליבערטי", פון 7טן נאוועמבער, 1925), אז ווײלד פלעגט טראגן אין זיינע קעשענעס ניט וויניקער ווי זעקס ציגארעטן־האלטערס, פון גאלד, זילבער און לעדער. די סיבה איז געווען, ווי זי האט אויסגעפונען, וואס ער פלעגט יעדע פינף מינוט פארויכערן א נייעם ציגארעט.

אין מיטן פון זיין העכסטן גלאנץ האבן זיך אנגעהייבן ארויס־ווייזן ביי ווײלד׳ן די סמנים פון זיין אונטערגאנג. ער איז גע־ווארן אויסערלאך זייער דיק, גראב און אראגאנט. ער האט גע־מאכט אן אפשטויסנדיקן איינדרוק אפילו אויף זיינע טריע פריינט הערים, שעראַרד, א. ד. ג. אויך אנדריי זשיד, אין זיין בוך "אָס־קאר ווײלד", וועלכער זוכט בכלל צו פארטיידיקן און גלאריפיצירן דעם טראגישן דיכטער, גיט צו, אז אין יענע יארן פון דערפאלג האט ווײלד געמאכט אויף אים א שווערן איינדרוק. דאגלאס האט אויך געווירקט אויף ווײלד׳ן צום בייזן. ווײלד איז געווארן פאר־וואנדלט אינערלאך ווי אויסערלאך. ער האט פארלארן זיין גוט־מוטיקייט, איידלקייט, הילפגרייטשאפט. זיין שפאט איז געווארן גאליקער, זיין הומאר בייסיקער, זיין אנגריף דרייסטער. פון צייט צו צייט פלעגט אים אויפרעגן דאגלאס׳עס טאקטלאזיקייט און קאלטהארציקייט. עס פלעגט אים ווערן קלאר, אז ער גייט אויף א פאלשן וועג. נאר יענער איז אים נאכגעגאנגען ווי א שאטן. האט אים זעלטן איבערגעלאזן צו זיך אליין. האט אים באקאנט מיט זיינע „פריינט", מענלאכע פראסטיטוטן און דעם אפשוים פון דער געזעלשאפט. דאגלאס איז דארט ניט געווען אויספאלנד. ער איז געווען איינער פון פילע. אריסטאקראטישע זין מיט אבנארמאלע תאוות זיינען דארט געווען די רעגעל. נאר

דער וועלט־בארימטער אסקאר ווײַלד האט דארט ניט געקאנט בלײַבן אומבאמערקט. האבן זיך אנגעהויבן טראגן מיאוסע קלאנגען וועגן זײַן אויפפירונג. מען האט אויך דערציילט, אז ווײַלד האט אויסגעצאלט גרויסע סומען לא־יחרץ־געלט, צו פרא־פעסיאנעלע „בלעקמײַלער", געלד־אויספרעסער, וואס האבן אריינגעקראגן זײַנע ליבע־בריוו צום יונגן לארד דאגלאס. נאר ווײַלד האט אזוי ווי פריער גארנישט געטאן אפצולייקענען די שלעכטע קלאנגען וועגן זײַן מיאוסער אויפפירונג. פארקערט, עס האט אים פארשאפט א באזונדער פרייד צו רייצן און סקאנדאליזירן דעם בכבודיקן פיליסטערהאפטן ענגלישן בירגער.

ווײַלד האט אויך גארנישט געטאן אפצושוואכן דעם איינדרוק, וואס עס האט געמאכט דאס בוך „דהי גרין קארניישאן". א סאטירע אויף ווײַלד'ס עסטעטישע אידייען און סנאביש־דענדישע אויפפירונגען. דער שרייבער, וואס האט געקראגן זײַנע פאקטן פון לארד דאגלאס, און דורך יענעם, אויך באקומען די געלעגנהייט צו באאבאכטן ווײַלד'ן פון נאענטן, האט אויך נאכגעמאכט ווײַלד'ס סטיל. א סך האבן דערפאר געמיינט, אז ווײַלד אליין האט געשריבן דאס בוך, וואס האט אויך געהאט אנצוהערענישן אויף זײַנע אבנארמאלע ליידנשאפטן.

גרוים אויפרעגונג קעגן זיך האט ווײַלד אויך ארויסגערופן מיט זײַן מיטארבעטערשאפט אין דעם סטודענטן־זשורנאל "דהי קעמיליאן" (דעצעמבער 1894). ער האט דאס געטאן, ווי ער דערציילט אין זײַן ווידוי, אויף דער בקשה פון דאגלאס'ן. ווײַלד אליין האט אפילו ניט געקאנט פערזענלאך דעם רעדאקטאר פון יענער אויסגאבע. ער האט צוגעשיקט א פאר זייטן „פראזן און פילאזאפיעס פארן נוצן פון דער יוגנט", וואס ער האט פריער, זאגט ער, געפלאנט צו דרוקן אין א חשובן ענגלישן זשורנאל. נאר די זעלביקע סטודענטן־אויסגאבע האט אנטהאלטן א פאר זאכן, וואס האבן שטארק אויפגערייצט די עפנטלאכע מיינונג און פאר וועלכע מען האט אים געמאכט פאראנטווארטלאך. באזונדערס פאר דער דערציילונג „דער פריסטער און זײַן ליכטטראגער", וואו עס ווערט געשילדערט סימפאטיש די אבנארמאלע ליבע פון דעם ערשטן צו דעם לעצטן. די דערציילונג איז געשריבן אין ווײַלד'ס סטיל און א סך גלויבן נאך היינט, אז ער האט דאס געשריבן, כאטש ער האט דאס אפנלייקנט אין געריכט.

ארומגערינגלט, ווי זיין ברודער ווילי האט שפעטער דערקלערט פון „א באנדע פאראזיטן, וואס האט אים געזונגען שבחים א גאנצן טאג נאכאנאנד", און צו וועמען ער האט אוועקגעגעבן זיינע ציגארעטן־האלטערס, שפילקעס א. א. וו. פאר זייער עקלהאפטער חניפה", איז ער געווארן אזוי גרויס ביי זיך, אזוי ארראגאנט, אז ער האט פון קיינעם ניט געוואלט מער הערן קיין ווארט פון קריטיק איבער זיינעם א ווערק, אפילו ניט פון אייגענעם ברודער.

זיינע פריינט האבן זיך אנגעהויבן פון אים צו דערווייטערן. א טייל קלובן און סאלאנען האבן זיך אנגעהייבן פאר אים פארמאכן, נאר ווילד איז געווען בלינד און טויב צו אלעווארנענדיקע צייכנס און שטימען און האט מארשירט ווייטער מיט שנעלע טריט צו זיין אונטערגאנג.

X

צווישען לארד דאגלאס און זיין טאטן, דער מארקיז פון קווינסבערי, האט ניט געהערשט קיין ליבע אויך פריער, ווען דער זון האט געלעבט אויפן טאטנס חשבון. לעבנדיק „אויפן ברייטן פוס", אין אומגעהייערן לוקסוס און משוגענער פארשווענדונג אויף ווילד'ס רעכענונג, האט דאגלאס ארויסגעוויזן זיין טאטן אפענער שנאה. דער יונגער לארד האט געמיינט, אז ער נעמט דערמיט נקמה פאר זיין מאמע'ס ליידן און דערנידעריקונגען פון איר דעגענערירטן מאן. דער מארקיז פון קווינסבערי האט דערפאר געהאט א בייז הארץ אויף אסקאר ווילד, און מער ווי יעדער אנדערער געגלויבט אויף ווילד'ן אלדאס בייז.

ווען די קלאנגען וועגן דעם מיאוסן לעבן פון דאס דאגלאס־ווילד פארל, האבען זיך גענומען הערן אלץ העכער און העכער, האט דער מארקיז דערזען פאר זיך די געלעגנהייט פון זיין לעבן.

דער מארקיז פון קווינסבערי האט געוואוסט, אז ער איז אלגעמיין פאראכטעט. דערצו האט ער געהאט אזא גרויסע ליבע פאר סקאנדאלן, אז ביי אים איז געווען רעכט קומען צו א רעליגיעזער פארזאמלונג און זיך דארט פראקלאמירן פאר אן אטעאיסט, כדי צו מאכן א טומל און לאזן פון זיך הערן. איצט האט ער געקראגן א געלעגנהייט צו מאכן סקאנדאלן און גלייכ־

ציימיק זיך צו רעהאבילירן. בפרט, אז קיינער האָט ניט געקאָנט אָפּלייקענען דאָס רעכט פון אַלטן טאַטן צו וועלן באַשיצן זיין יונגען זון קעגן די פאַרפירונגען פון דעם "אוממאָראַלישן קינסטלער". קיינער האָט דאָך אויך ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז ווײַלד'ס באַציאונג צו דאַגלאַס'ן איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין „שפלות־קאָמפּלעקס", וואָס ער האָט זיך געפילט טיף אין הארצן נידעריקער פאַר יעדן איינעם, וואָס טראָגט אַ הויכן אַריסטאָקראַטישן טיטל. ווײַלד איז אין דעם פּרט געווען ענלאַך צו אַן אינטעליגענטן אידישן מה־יפית'ניק, וואָס ווערט בטל פאַר אַ ליאָדע גוי. נאָר אַפילו ווײַלד'ס נאָנטע פרײַנט האָבן דאָס נאָך דעמאָלט ניט קלאָר פאַרשטאַנען און ניט געקאָנט באַגרייפן דעם סוד פון ווײַלד'ס שוואַכקייט אין געגנוואַרט פון דעם יונגען לאָרד.

קווינסבערי, וועלכער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף שרייבען גיפטיקע, אויפרייצנדיקע בריוו האָט צוגעשיקט זיין זון אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן ער האָט ווײַלד'ן שטאַרק באַליידיקט. צוערשט שטעלט ער, קווינסבערי, זיך אַרויס פאַר אַ טרייען טאַטן, וואָס זאָרגט פאַר דער צוקונפט פון זיין זון. ער ווייזט אַז מיט רעכט, אַז דאַגלאַס האָט גאָרנישט אויפגעטאָן אין אָקספאָרד, און אַז ער ברענגט אויך איצט אוים זיין צייט אין גאָרנישט. אַנשטאָט אָנצונעמען אַ רעגירונגס שטעלע, אָדער ווערן אַן אַדוואָקאַט, לאָזט ער פאַרגיין די טעג אָן שום תכלית פאַר דער צוקונפט. צום סוף פאָדערט אויף, דער פאָטער, זיין זון אָפּצוברעכן זיין פרײַנטשאַפט מיט ווײַלד'ן, און ענדיקט דעם בריוו מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„איך האָב ניט בדעה צו אַנאַליזירן אַט די אינטימע פרײַנטשאַפט, און איך מאַד ניט קיין באַשולדיקונג; נאָר לויט מיין מיינונג איז פּאַזירן פאַר עפּעס אַזוי שלעכט ווי דאָס צו זיין. מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך אייך געזען ביידן אין דער אָפּשוילאַכסטער און עקלהאַפסטער באַציאונג ווי דאָס איז געווען אויסגעדריקט דורך אייער באַנעם און אויסדרוק. קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך ווען געזען אַזאַ אַנבליק ווי דער, וואָס איז געווען אין אייערע שוידערהאַפטע געזיכטסצוגן. קיין וואונדער, אַז מענטשן ריידן אַזוי. איך הער אויך איצט פון גלויבווירדיקע קוועלן, נאָר מעגלאַך, אַז דאָס איז פאַלש, אַז זיין ווייב גייט אים אָנקלאָגן פאַר אַ גט צוליב סאָדאָמיע און אַנדערע פאַרברעכנס.

איז דאָס אמת, אָדער דו ווייסט ניט דערפון? ווען איך וואָלט געווען זיכער, אַז די עצם זאַך איז אמת, און דאָס וועט ווערן עפנטלאַך־אייגנטום, וואָלט איך זיין גאַנץ באַרעכטיקט אים צו דערשיסן ביים ערשטן בליק. אַט די קריסטלאַכע ענגלישע פייגלינגס און מענער, ווי זיי רופן זיך, וועלן ניט אויפוואַכן.

דיין, איבערדריסיקער אַזוי־גערופענער טאַטע,

קווינסבערי.״

דער זון, וואָס איז געווען ניט ווייניקער „קינסטלער״ צו שרייבן גיפטיקע בריוו, ווי זיין טאַטע, האָט יענעם געענטפערט טעלעגראַפיש:

„וואָס פאַר אַ קאָמישער קליינער מענטשעלע דו ביזט! אַלפרעד דאַגלאַס״.

דאָס האָט דעם אַלטן היצקאָפּ נאָך מער אויפגערעגט. איז ער אין יוני 1894 געקומען מיט אַ חברה שיכורים צו ווײַלד'ן אין הויז מאַכן אַ סקאַנדאַל. ער האָט געסטראַשעט ווײַלד'ן, אַז אויב ער וועט ניט אָפּלאָזן זיין זון, וועט ער זיי ביידן שלאָגן. ווײַלד האָט געהייסן דעם דינער אַרויסוואַרפן דעם אַלטן מאַר־קיז, און אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט וואַגן נאָך אַמאָל צו מאַכן אַ סקאַנדאַל, וועט ער אים דערשיסן. נאָר באמת איז ווײַלד געוואָרן דערפון שטאַרק צוטומלט. ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז זיין פּאָזיציע איז ניט מער זיכער, ניט קוקנדיק אויף זיין אויסערגעוויינלאַכן דערפאָלג אַלס קינסטלער. נאָר דאַגלאַס האָט אים באַרואיקט, אַז ער וועט שרייבן זיין טאַטן אַ בריוו, וואָס וועט אָפּנעמען ביי אים דעם חשק צו מאַכן ווייטערע סקאַנדאַלן און זיי פאַרפאַלגן. דער בריוו פון דעם אַריסטאָקראַטישן זון צו זיין טאַטן האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„אַזוי ווי דו קערסט אום מיינע בריוו ניט געעפנט, בין איך גע־צוואונגען צו שרייבן אויף אַ פּאָסטקאַרטל. איך שרייב כדי דיר מיטצוטיילן, אַז איך באַהאַנדל דיינע נאַרישע סטראַשונקעס מיט אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט. זינט דיין אויפטריט אין אָ. וו.'ס הויז, האָב איך דאָס געמאַכט פאַר אַ פּונקט זיך צו באַווייזן מיט אים אין אַ סך עפנטלאַכע רעסטאָראַנען אַזוינע, ווי די בערקלי, ווילים' רומס, קאַפע ראָיאַל א. א. וו. און איך וועל פאָרטזעצן צו גיין אין יעדער פון אַט די פּלעצע־

וועז איך וועל נאר וועלן און מיט וועמען איך וועל וועלן. איך בין שוין דערוואקסן און בין מיין אייגענער האר. דו האסט זיך פון מיר אפגעזאגט וויניקסטנס א טוץ מאל, און מיר זייער געמיין בארויבט פון געלט. דו האסט דערפאר קיין רעכט ניט איבער מיר, ניט געזעצלאך, ניט מאראליש. אויב א. וו. זאל דיר אנקלאגן אין צענטראלן קרימינאל געריכט פאר פארלוימדונג, וועסטו קריגן זיבן יאר קאטארגע פאר דיינע אומפארשעמטע חוצפה׳דיקע פארלוימדונגען.

אויף וויפיל איך פארהאס דיך, בין איך דאך באזארגט דאס צו פארמיידן צוליב דער משפחה; נאר אויב דו וועסט פרובירן מיך אנצוגרייפן, וועל איך זיך פארטיידיקן מיט אן אנגעלאדענעם רעוואלווער, וועלכן איך טראג אלעמאל מיט זיך; און אויב איך וועל דיך דערשיסן אדער ער וועט דיך דערשיסן, וועלן מיר זיין פולשטענדיק בארעכטיקט, ווייל מיר וועלן האנדלען אין זעלבסטפארטיידיקונג קעגן א געוואלטיקן און געפערלאכן גראביאן, און איך דיינק, אז אויב דו וועסט זיין טויט, וועסטו א סך מענטשן ניט פעלן. — א. ד.״

אזוינע בריוו פון א זון, אפילו א דעגענעראט, האבן געמוזט טרייבן דעם אלטן מארקיז צו פארצווייפלטע טאטן. בפרט אז דער טאטע איז געווען ניט וויניקער דעגענערירט, היציק און בייזוויליק ווי דער זון. ווײלד האט דערפילט, אז אין דעם „עקלהאפטן שנאה־שפיל״ צווישן פאטער און זון, האבן ביידע געשטעלט אין קאן זיין נשמה. נאר אפרעכן די פריינטשאפט מיט דאגלאס׳ן איז ווײלד ניט געווען בכח. דער אינגערער האט דעם עלטערן גאנץ באהערשט, און ווײלד האט בלויז דורכגעפירט וואס דאגלאס האט געוואלט.

אין זיין אוימגעהויערן האס צו זיין טאטן, האט דער פארדארבענער אריסטאקראטן־זון ניט געזען, אז ער פירט צום אונטערגאנג דעם פריינט, וועלכן ער האט דעמאלט באמת געליבט, אויף וויפיל אזא מענטש ווי דאגלאס קאן איבערהויפט ליבן. דער אלטער האלב־משוגענער מארקיז, כסדר געהעצט פון זיין אייגן בלוט און פלייש, איז ווײלד׳ן נאכגעגאנגען פון רעסטאראן צו רעסטאראן און אים ניט אויפגעהערט צו באליידיקן. איז ווײלד אפגעפארן אין יאנואר 1895 קיין אלזשיר. נאר ווײלד האט שוין ניט געקאנט מער ענדערן זיין לעבנס־פירונג. ער איז ניט מער געווען דער האר, נאר דער קנעכט פון זיינע ליידנשאפטן. האט ער זיך אויפגעפירט אין אלזשיר נאך ערגער

ווי אין לאנדאן. האבן מענטשן אים אנגעהייבן אויסווייכן, שיקן באליידיקונגס־בריוו. גלייכצייטיק האט מען וועגן אים גערעדט אין די קלובן און סאלאנען ווי פון א פייגלינג, וואס איז אנט־לאפן פון קאמפס־פלאץ.

וויילד דערפילט ענדלאך, אז די שפיל איז אויס, אז ניט קוקנ־דיק אויף זיין גרויסן קינסטלערישן דערפאלג, איז ער אין א פארצווייפלטער לאגע. נאר ער האט ניט קיין מוט און קיין קראפט צו קעמפן קעגן זיין שיקזאל. לארד דאגלאס ווידער, געבלענדט פון זיין טיפער שנאה צו זיין טאטן, האט ניט געזען, אז דער אלטער אריסטאקראטישער דעגענעראט איז געווארן דער פאר־קעמפער פון עכטן פיוריטאניזם, פון דער בירגערלאכער מאראל. און אלס טאטע, וואס וויל ראטעווען זיין זון פון שלעכטן איינ־פלוס, האט אויף זיין זייט די פולע סימפאטיע פון דער געזעל־שאפט. דאגלאס האט דערפאר דערמוטיקט וויילד'ן צוריקצוקערן נאך לאנדאן און באשטראפן זיין פארלוימדער.

אסקאר וויילד קומט צוריק נאך לאנדאן צו דער אויפפי־רונג פון זיין פיעסע, „די באדייטונג פון זיין ערנסט" (14טן פעב־רואר 1895). דער אלטער מארקיז פלאנט צו מאכן א סקאנ־דאל ביי דער פרעמיערע. נאר אין זיין שכרות פלוידערט ער אוים זיינע פלענער. לאזט אים די פאליציי ניט אריין אין טעאטער. די פיעסע ווערט אויפגענומען מיט אויסערגעוויינלא־כער באגייסטערונג, אפילו די בירגערלאכע פרעסע איז געווען פול מיט וויילד'ס לויב. נאר דער מאמענט פון וויילד'ס העכסטן טריאומף איז געווארן דער מאמענט פון זיין שאנד און צוזאמענ־ברוך.

XI

דער מארקיז פון קווינסבערי, ניט קאנענדיק מאכן וויילד'ן א סקאנדאל אין טעאטער, האט ער אים עטלאכע טעג שפע־טער איבערגעלאזן א וויזיטקארט פול מיט שווערע באליידיקונגען, אין אלבימארל קלוב, וואו זיי האבן ביידע געהערט. דאס איז געווען אן ארויספאדערונג וויילד זאל אים אנקלאגן פאר פאר־לוימדונג.

אומזיסט האבן וויילד'ס טרייעסטע פריינט אים געווארנט ניט אנצוהייבן א פראצעס אין ענגלאנד קעגן דעם מארקיז פון קווינסבערי. וויילד איז געווען גענונג נאאיוו צו גלויבן, אז מען

וועט קענען אים אַרויסשטעלן פאַר עדות בלויז זיינע ווערק, האָט ער זיך געווענדט צו זיין פריינט, פריינק העריס, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַן אָנגעזעענעם זשורנאַל, ער זאָל עדות זאָגן, אַז „דאָריאַן גריי" איז ניט קיין אוממאָראַליש ווערק. נאָר העריס איז געווען מער דערפאַרן ווי ווײַלד. ער האָט געוואוסט, אַז קעגן ווײַלד'ן ווערן אַרויסגעשטעלט שטאַרקערע עדות ווי זיינע ווערק, און אים געראָטן צו פאַרלאָזן ענגלאַנד. ער האָט אים פאַרגעלייגט צו שרייבן אַ בריוו צו דער „טיימס" מיט אַזאַ מין נוסח. אַזוי ווי דער מאַרקיז פון קווינסבערי האָט אים באַליידיקט, האָט ער געמוזט זוכן גערעכטיקייט אין געריכט. נאָר ער האָט באַלד אויסגעפונען, אַז קיין דזשורי (געריכטס גע־שווארענע), וועט ניט אַרויסטראָגן דעם אורטייל שולדיק קעגן אַ טאַטן. מעג ער אויך מאַכן דעם גרעסטן טעות. דער איינציקער אויסוועג פאַר אים איז דערפאַר אָפּצופאָרן נאָך אויסלאַנד און איבערצולאָזן די גאַנצע אַרענע מיט אַלע אירע מכשירים פאַרן מאַרקיז. ער, ווײַלד, איז אַ קינסטלער, ניט קיין קעמפער, און זאָגט זיך איבערהויפּט אָפּ צו קעמפן מיט אַ טאַטן אונטער אַזוינע אומשטענדן.

בערנאַרד שאָו, וועלכער איז געווען אַנוועזנד דערביי, האָט אונטערשטיצט העריס'עס מיינונג. ווײַלד איז געווען גרייט אָנ־צונעמען דעם פּלאַן. דערווייל איז אָנגעקומען דאָגלאַס. ווען ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אויסער זיך פאַר צאָרן, און אויסגערופן: „אַזאַ עצה ווייזט, אַז איר זייט ניט קיין פריינט פון אָסקאַר'ן." און פאַרלאָזן דעם צימער. דער ווילנלאָזער ווײַלד האָט איבערגעחזר'ט דאָגלאַס'עס ווערטער און איז אים נאָכגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק זיינע פריינט ווי זיי וואָלטן אים באַליידיקט.

ווײַלד דערציילט אין זיין ווידוי, אַז ער האָט אָנגעווענדט אַלערליי תירוצים ניט צו פאָלגן דאָגלאַס'ן, וואָס האָט אים גע־דריינגט אָנצוקלאָגן זיין טאַטן פאַר פאַרלוימדונג. צולעצט, ווען ער האָט זיך ניט געקאָנט מער אַרויסדרייען, האָט ווײַלד גע־טענה'ט, אַז ער איז פאַראיינגט און קאָן ניט דעקן די געריכטס־קאָסטן. האָט דאָגלאַס פאַרזיכערט, אַז דאָס וועט טאָן זיין מאַמע'ס משפּחה, וועלכע וועט באַטראַכטן ווײַלד'ן פאַר איר דער־

לייזער, אויב אים וועט געלינגען צו פארשפארן דעם אלטן קווינסבערי אין תפיסה.

אזוי איז ווײלד קעגן זיין ווילן אריין אין דער „נאראנים פאסטקע", וואס זיינע שונאים האבן פאר אים געשטעלט, און זיך געלאזט פירן ווי אן „אקס צום שלאכטהויז". עס האט זיך אויך באלד ארויסגעוויזן, אז דאגלאס'עס פאטער שטייט ניט אליין קעגן ווײלד'ן. ארום דעם מארקיז פון קווינסבערי האבן זיך פארזאמלט אלע כחות, וואס זיינען געווען פיינטלאך צו ווײלד'ן, און זיין קונסט. זייער אנפירער איז שפעטער געווארן באשטימט פארן טעאטער-צענזאר; אט די לייט האבן אפגעגעבן א סך ענערגיע צו זאמלן פאקטן פאר קווינסבערי'ן קעגן ווײלד'ן. אזוי אז דער אלטער קווינסבערי וועלכער האט זיך צוערשט פארטיידיקט מיט דער פריווילעגיע פון א טאטן, איז באלד אי־בערגעגאנגען צו דער מדרגה פון אן אנקלעגער, וואס האט גע־נוג פאקטן צו בארעכטיקן זיין אנגריף אויף ווײלד'ן.

קווינסבערי'ס אדוואקאטן האט גאנץ געלונגען אונטערצו־מינעווען ווײלד'ס רעפוטאציע. אזוי אז נאך איידער זיי האבן ארויסגערופן קעגן אים די עדות, די „פסולת פון לעבן", מיט וועלכע ער האט זיך גע'חבר'ט און וועמען ער האט געשיינקט מתנות, האט ווײלד'ס אדוואקאט צוריקגעצויגן די אנקלאגע. דער מארקיז פון קווינסבערי איז ארויס פון געריכט ניט בלויז אלס פריוויליגירטער ניט-שולדיקער, נאר אלס גערעכטער באשול־דיקער. אויף דער פראגע פון זיינע אדוואקאטן, האבן די גע־שווארענע ריכטער געענטפערט, אז קווינסבערי איז געווען בא־רעכטיקט מיט זיין אנגריף אויף ווײלד'ן, און זיי האבן נאך פרייוויליק צוגעגעבן, אז דאס איז געווען פאר'ן נוצן פון דער געזעלשאפט.

די אפלאדיסמענטן, מיט וועלכע דער עולם אין געריכט און גאס האט באגריסט דעם דערפאלג פון קווינסבערי און די באליידיקנדיקע אויסרופן, וועלכע האבן באגלייט ווײלד'ן אויף זיין וועג, האבן באוויזן וואס דעם „קעניג פון לעבן" דערוואַרט נאך אין ענגלאנד.

ווײלד'ס אדוואקאטן האבן דאס באלד פארשטאנען. דעם דריטן טאג פון פראצעס (דעם 5טן אפריל 1895) האבן זיי אים גע־ראטן אפצופארן פון ענגלאנד, און זיי וועלן פארציען די פאר־

האנדלונגען אין געריכט ביז ער וועט אנקומען אין קאלע, פראנסרייך. נאר ווײלד האט דערפון ניט געוואלט הערן .

נאכדעם ווי דער פראצעס האט זיך געענדיקט קעגן אים, האט ווײלד א ווײל געטראכט פון אפפארן. ער האט געגעבן ראבערט ראס'ן אפבייטן א טשעק אויף צוויי הונדערט פונט (ארום 1,000 דאלאר). ראס האט באמערקט, אז א דעטעקטיוו גייט אים נאך. ארום צוויי אזייגער ביטאג איז ראס צוריקגעקומען צו ווײלד'ן אין קאדאגען האטעל, וואו דאגלאס איז איינגעשטאנען. ראבערט ראס און רעדזשי טוירנער האבן ביידע צוגערעדט ווײלד'ן תיכף אפצופארן נאך אויסלאנד. ווײלד האט נאר געענטפערט: „דער צוג איז שוין אוועק; עס איז שוין צו שפעט". ער האט געשיקט ראס'ן מיטטיילן דער פרוי, וואס האט פאסירט. יענער האט דאס געטאן און דורכגעלעבט א שמערצלאכע סצענע. פרוי ווײלד האט וויינענדיק באמערקט: „איך האף אסקאר פארט אפ נאך אויסלאנד". ראס האט דאס אים איבערגעבן. נאר ווײלד האט געהאט צו ווייניק ווילנסקראפט עפעס וואס אונטערצונעמען. שפעטער אוווײל איז געקומען א פריינטלאכער צייטונגס־רעפארטער און מיטגעטיילט, אז געדריינגט פון קווינסבערי'ס אדוואקאט, האט די פאליציי שוין געקראגן א „ווארענט", א באפעל אים צו ארעסטן פאר ניט־אנשטענדיקער אויפפירונג. ווען ראס האט דאס ווײלד'ן איבערגעגעבן, האט ער גארנישט געענטפערט, נאר זיין פנים איז געווארן זייער גרוי. א ווײלע שפעטער האט ווײלד געבעטן דאס געלט, וואס ער האט פריער ניט געוואלט נעמען. זיינע פריינט האבן געמיינט, אז ער האט זיך שוין אנטשיידעט אפצופארן. נאר באלד האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף זיין שטול און געזאגט: „איך וועל בלייבן און אפקומען מיין שטראף וואס זי וועט אויך זיין".

ווײלד איז געווען מאכטלאז אפצושטעלן זיין קייקלען זיך בארג אראפ. ער האט געזען דעם צוזאמענברוך פון זיין וועלט. ער האט ניט מער געגלויבט אין זיך, אין זיין עסטעטישער מיסיע אויף דער ערד. סתם לעבן אויף דער וועלט האט פאר אים ניט געהאט קיין זין. צוגלייך האט ער זיך פארגעשטעלט, אז ער ווערט פארפאלגט ווי סאקראט פאר לערנען די יוגנט, און באשלאסן נאכצוטאן יענעם, ניט אנטלויפן פון זיין לאנד, נאר

אויסטרינקען דעם גיפטבעכער ביזן דעק. (שפעטער ווען ער איז שוין געווען ארעסטירט, האט ער געבעטן אים שיקן פלא־טא׳ס בוך וועגן סאקראט׳ן). סאקראט׳ס ארגומענט, אז לעבן אין אויסלאנד אן אנטלאפענער פון גערעכטיקייט פון זיין היים, מיינט לעבן אין שאנד, האט באזונדערס שטארק אפעלירט צו ווײַלד׳ן, וועלכער האט געקראגן באלײדיקנדע בריוו אויך פון פרייגייסטיקן פראנקרייך. אזוינע סוביעקטן ווי לעאן דאדע האבן אים אטאקירט עפנטלעך. מער ראפינירטע ווי פיער לואי א. ד. ג. קינסטלער, האבן צוליב זייער געזעלשאפטלעכער שטעלונג זיך פון אים אפגעזאגט אין פריוואט בריוו, כאטש זיי האבן פער־זענלעך ניט געגלויבט קיין שלעכט ווארט קעגן אים.

א שטונדע איז ווײַלד געזעסן און געווארט אויף דער פאליציי. ער האט געזוכט זיך צו באַרוישן מיט בראנפן און פאפיראסן. א פאר מאל האט ער געפרעגט אויף דאגלאס׳ן, נאר קיינער האט ניט געוואוסט וואו ער איז. ארום זעקס אזייגער אין אוונט האט זיך באוויזן דער דערווארטעטער פאליציסט. ווײַלד האט אוועק־געלייגט זיין ערשט אנגעצונדענעם פאפיראס, אויסגעטרונקען נאך א גלעזל בראנפן, שווייגנדיק געגעבן יעדן פריינט די האנט. ער איז געווען שיכור, נאר דאך גוט געוואוסט וואוהין ער ווערט געפירט. ער האט אפילו געבעטן ראס׳ן אים ברענגען א פעקל זאכן פון דער היים. אין קארידאר האבן אים דערווארט צוויי פאליציסטן מיט האנטקייטן. ביים טיר האט שוין געווארט דער גרינער פענסטערלאזער פאטרולוואגן.

ראבערט ראס איז געלאפן שנעל צו ווײַלד׳ס הויז אין טאיט סטריט. ער האט געפונען, אז פרוי ווײַלד איז אוועק צו אירע קרובים און אין הויז איז געבליבן בלויז דער דינער, וועל־כער איז שפעטער ארונטער פון זינען. ראס האט גענומען די נויטיקע קליידער און צוגעפארן צו דער פאליציי סטאנציע. פון דרויסן איז געשטאנען אן עולם און געמאכט מיאוסע אויסרופן קעגן ווײַלד׳ן. א פאליציסט האט מיטגעטיילט ראס׳ן, אז ער קאן ניט זען ווײַלד׳ן, אויך ניט איבערלאזן קיין נאכט־קליידער פאר אים. ראס איז צוריקגעלאפן נאך ווײַלד׳ס הויז ראטעווען ווײַלד׳ס מאנוסקריפטן. קומענדיק אהיים, האט אט דער טרייעס־טער פריינט פון ווײַלד׳ן גע׳חלש׳ט. די מוטער האט פארלאנגט, ער זאל גלייך אפפארן קיין אויסלאנד. אין לאנדאן האט מען

גערעדט, אַז מען וועט אַרעסטירן ווײַלד'ס אַלע יונגע פרײַנט. כדי ער זאָל איר פאָלגן האָט די מוטער געגעבן פינף הונדערט פונט (אַרום 2,500 דאָלאַר) פאַר ווײַלד'ס פאַרטיידיקונג.

נאָר דאָס איז ניט געווען דער אײנציקער צו פאַרלאָזן לאָנ־דאָן. ראָבערט שעראַרד דערציילט, אַז אין קאָלע זײַנען יענע טעג אַנגעקומען איבער טויזנט מענער, מערסטנס מיט שולדיקע געוויסנס. געווען צווישן זיי אויך אַ געוועזענער מיניסטער, אַ באַרימטער גענעראַל, א. ד. ג. מיטגלידער פון דער העכסטער לאַנדאַנער געזעלשאַפט. צווישן די לעצטע איז אויך געווען דער הויפּט־שולדיקער אין ווײַלד'ס צוזאַמענברוך, — לאָרד אַלפרעד דאָגלאַס.

XII

אין פּאָליציי־תּפיסה האָט מען ווײַלד'ן באַהאַנדלט ווי ער וואָלט שוין געווען אַ פאַראורטיילטער אַרעסטאַנט. עס איז געווען קענטיק, אַז מען מאַכט פאַר אים אויסנאַמען צום ביי־זן. די באַהאַלטענע שנאה פון דער פּיוריטאַנישער בורזשואַזיע קעגן ווײַלד'ן איז אַרויס אָפן און אים באַשמוצט ווי דעם ערגסטן פאַרברעכער. די אָרימע אומוויסנדיקע מאַסן, וועלכע האָבן גע־מיינט, אַז דאָס ווערט גע'משפט איינער פון די אַריסטאָקראַ־טישע הולטאַיעס, האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן פון דער שרעק־לאַכער העצע פון דער סענזאַציאָנעלער בירגערלאַכער פּרעסע. נאָר די פּראָסטע מאַסן זײַנען געווען פריי פון דער היפּאָקריטי־שער גאַטסטראָפּטשעריי פון דעם מיטלקלאַס. ביי זיי איז דער גאַנצער עסק באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ גראָבן וויץ און דער נאָמען „אָסקאַר" איז אַרײַן אין זייער ווערטער־בוך פון מיאוסע אָנצוהערענישן. די אַריסטאָקראַטיע ווידער האָט ניט גע־האָט קיין מוט צו פאַרטיידיקן איר געוועזענעם ליבלינג. סוף כּל סוף איז ער דאָך ניט געווען איר מענטש. די ענגלישע קינסט־לער־וועלט האָט געהאַלטן, אַז ער איז געווען צו געוואַגט, צו אַראָגאַנט און פאַרדינט זיין שטראָף.

אַזוי איז ווײַלד געשטאַנען איינער קעגן אַלע. ער איז געווען פאַראורטיילט נאָך איידער דאָס געריכט האָט זיך געעפנט. מען האָט אים אויך ניט אַרויסגעלאָזט אויף „בייל" (ערבות), אַזוי ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ שרעקלאַכן מאָרד. דערמיט האָט מען פון אים אַוועקגענומען יעדער מעגלאַכקייט זיך רעכט צו פאַר־

טיידיקן. ער האָט ניט געקאָנט שאַפן קיין געלט־מיטל פאַר זיין פּראָצעס. זיין הכנסה האָט גאַנץ אויפגעהערט. די הענע קענען אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיינע פּאָפּולערסטע ביכער זיינען ניט געוואָרן מער פאַרקויפט, זיינע דערפאָלגרייכסטע פּיעסן ניט מער געשפּילט. יעדער קרעמער, וועמען ער האָט געקומט דעם קלענסטן חוב האָט אים אָנגעקלאָגט, און אַ שנעלע ליציטאַציע איז געמאַכט געוואָרן אויף זיין הויז. אין זיין אַבוועזנהייט האָט מען געמאַכט פון אַלע זיינע זאַכן אַ מיאוסן תכלית. אַ מאָן, וועמעס הכנסה איז געווען אַרום פערציק טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, האָט מען ליציטירט פאַר אַ חוב פון אַרום פינף טויזנט דאָלאַר. דערפון אַרום דריי טויזנט צו באַצאָלן קווינסבערי׳ס געריכטס־קאָסטן. לאָרד דאָגלאַס, זיין ברודער און מוטער האָבן פריער עפנטלאַך פאַרזיכערט צו באַצאָלן קווינסבערי׳ס געריכטסקאָסטן. נאָר ווען עס איז געקומען די צייט, האָבן זיי דאָס ניט געטאָן. דערביי זיינען געוואָרן צושלעפּט און צו׳גנב׳עט אַ סך פון ווײַלד׳ס ווערטפולע מאַנוסקריפּטן, באַדייטנדיקע קונסטווערק זיינען געוואָרן אינגאַנצן פאַרלאָרן.

פאַרפאָלגן ווײַלד׳ן, אים פּייניקן איז געוואָרן אַ מצוה, וועלכע יעדער „גוטער און פרומער" ענגלישער באַלעבאָס האָט געזוכט מקיים צו זיין. נאָר זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר ווײַלד׳ן, האָט מען אין ערגעץ ניט צוגעלאָזן.

ווען פריינק העריס האָט פאַר דעם זשורנאַל, וואָס ער האָט רעדאַגירט, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, וואו ער האָט אַפילו ניט פאַרטיידיקט ווײַלד׳ן, נאָר אַפּעלירט, מען זאָל אָפּוואַרטן מיט דעם אורטייל און די באַליידיקונגען ביז נאָך דעם פּראָצעס, האָבן די אַרויסגעבער דאָס ניט געלאָזן דרוקן. די גרעסטע בוכהענדלער האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט פאַרקויפן קיין זשורנאַל, וואָס פאַרטיידיקט ווײַלד׳ן. זיי האָבן צוגעגעבן, אַז עס איז בעסער מען זאָל אינגאַנצן ניט דערמאָנען זיין נאָמען.

ראָבערט שעראַרד, וועלכער האָט פאַרטיידיקט ווײַלד׳ן אין פּאַריז, איז דאָרט געוואָרן עפנטלאַך באַליידיקט פון אַן ענגלענדער, און אין לאָנדאָן איז די סימפּאַטיע געווען אויף דער זייט פון באַליידיקער.

פון 27טן אַפּריל ביזן 1טן מאַי 1895 האָט געדויערט ווײַלד׳ס

פּראָצעס אין אָלד ביילי, דער הויפּטקרימינאַל געריכט פון לאָנ־דאָן. די אָנקלאַגע האָט אַנטהאַלטן 25 פּונקטן. זי האָט פאַר־אורטיילט זיין לעבן, זיינע ווערק און זיין ווירקן אַלס אומנאַ־טירלאַך, אוממאָראַליש, פאַרברעכעריש און מיאוס. אחוץ די עדות קעגן אים, האָט די באַשולדיקונג אויך צוגעשטעלט אַלס באַווייזן זיין ראָמאַן „דאָריאַן גריי", די זאַמלונג „פּראָזן און פילאָזאָפיעס פאַרן נוצן פון דער יוגנט" און אַ פּאָר בריוו זיינע צו דאָגלאַס'ן.

ווײַלד איז געווען, ווי ער האָט געשריבן צו ראָבערט שער־ראַרד פון האָלאָוויי־תפיסה, „קראַנק און אַפּאַטיש" און ניט מער נעגלאַנצט מיט זיינע שיינע קלוגע ווערטער ווי ביים ערשטן פּראָצעס. מעגלאַך, אַז גראָד זיין צובראָכנקייט און איינפאַכ־קייט האָט אַפּעלירט צו איינעם פון די געשוואָרענע ריכטער. האָבן זיי זיך ניט געקאָנט אייניקן און עס איז געוואָרן באַשטימט אַ נייער פּראָצעס אויף דעם 20טן מאַי.

בלויז איינמאָל אין זיין משפּט האָט זיך ווײַלד דערהייבן צו זיין אַלטן גלאַנץ און באַוויזן די פאַרזאַמלטע אין געריכט, אַז זיין רוח הקודש האָט זיך נאָך פון אים ניט אָפּגעטאָן. דאָס איז געווען אַלס ענטפער פאַרוואָס ער האָט געלויבט אַ ליד (פון סעפּטעמבער 1892) וועגן דער ליבע, וואָס וואָגט ניט אַרויסצוריידן איר נאָמען. ווײַלד האָט אויף דעם געענטפערט אַזוי:

„די ליבע וואָס וואָגט ניט אַרויסצוריידן איר נאָמען איז אין דעם יאָרהונדערט איז אַזאַ גרויסע צונייגונג פון אַן עלטערן צו אַ אינגערן מאַן, ווי דאָס איז געווען צווישן דוד און יונתן, אַזאַ ווי די, וועלכע פּלאַטאָ האָט געמאַכט פאַר דעם יסוד פון זיין פילאָזאָפיע און אַזאַ ווי איר געפינט אין די סאָנעטן פון מיקל אַנדזשעלאָ און שעקספּיר — אַ טיפע גייסטיקע ליבע, וואָס איז אַזוי ריין ווי זי איז פולקום, און דיקטירט גרויסע קונסט־ווערק ווי די פון שעקספּיר און מיקל אַנדזשעלאָ און אַט די צוויי בריוו מיינע, אַזוי ווי זיי זיינען, און וואָס ווערט מיספאַרשטאַ־נען אין אַט דעם יאָרהונדערט — אַזוי מיספאַרשטאַנען, אַז צו־ליב דעם בין איך געזעצט געוואָרן וואו איך בין איצט. עס איז שיין; עס איז די נאָבלסטע פאָרם פון ליבע. עס איז אינטע־לעקטועל און עקזיסטירט ווידערהאָלנדיק צווישן אַן עלטערן און אַ אינגערן מאַן, ווען דער עלטערער מאַן באַזיצט אינטעלעקט

און דער אינגערער מאַן באַזיצט אַלע פרייזן, האָפענונג און צויבער פון לעבן. די וועלט פאַרשטייט ניט, אַז דאָס דאַרף זיין אַזוי. זי מאַכט דערפון חוזק און אַמאָל נאָגלט זי איינעם צו צום שאַנד־קלאָץ דערפאַר".

דער עולם אין געריכט האָט שטאַרק אַפּלאָדירט ווײַלד'ן פאַר אָט דער באַמערקונג. נאָר דאָס געריכט האָט אונטערדריקט יעדן אויסדרוק פאַר ווײַלד'ן, פונקט ווי עס האָט דערמוטיקט די דעמאָנסטראַציע פאַר קווינסבערי.

צווישן איין משפט און דעם צווייטן איז ווײַלד אַרויסגע־לאָזן געוואָרן אויף „בייל" (ערבות). נאָר ענגלאַנד האָט אים שוין סאַ־ווי פאַראורטיילט. ווען ער איז אַרויס פון תפיסה, האָט מען אים ניט אַריינגעלאָזן אין קיין האָטעל. אין אַ זייטיק קליינעם האָטעל, וואו מען האָט אים ניט געקאַנט, האָט מען אים געהייסן גיין, אַזוי שנעל ווי מען האָט זיך דערוואוסט ווער ער איז. אַ המון איז פשוט באַפאַלן דעם פּלאַץ און געפאָדערט זיין קרבן. מעגלאַך, אַז דערביי האָבן מיטגעשפּילט די פון קווינס־בערי באַצאָלטע הוליגאַנעס.

געהעצט ווי אַ ווילדע חיה איז דער געוועזענער „קעניג פון לעבן" און ליבלינג פון דער הויכער געזעלשאַפט, געלאָפן אַ פאַר־צווייפלטער אין מיטן נאַכט איבער די גאַסן פון לאָנדאָן, ביז ער איז געקומען צום טיר פון זיין מאַמע'ס וואוינונג אין אוקלי סטריט. אויפן שוועל האָט ער צוזאַמענגעבראָכן.

אַ קראַנקער, אַ צובראָכענער איז ווײַלד געלעגן אין אַ קליין אָרים מעבעלירט צימער אין זיין מאַמע'ס הויז. דאָרט זיינען אים געקומען באַזוכן זיינע פריינט שעראַרד, הערים און אַנדרעוו. דער לעצטער האָט ווידער געראָטן ווײַלד'ן צו פאַרלאָזן ענג־לאַנד. אַ רייבער געבילדעטער ענגלישער איד האָט דערלויבט הערים'ן צו באַנוצן זיין יאַכט פאַר דעם צוועק אַזוי לאַנג, ווי דאָס וועט זיין נויטיק. האָט זיך הערים אונטערגענומען אוועק־צופירן ווײַלד'ן פון ענגלאַנד קיין פראַנקרייך.

נאָר ווידער האָט זיך ווײַלד ניט געקאָנט אַנטשיידן צו אַנטלויפן פון ענגלאַנד. ער האָט אָנגעגעבן דריי מאָטיוון דער־פאַר. ערשטנס, די ערבות־געלט, די 2,500 פונט (אַרום 12,500 דאָלאַר) „בייל", איז געקומען פון דאָגלאַס'עס אַ ברודער און פון אַ ניט־רייכן יונגן גייסטלאַכן, סטוּאַרט הערלעם, אַ באַגייסטער־

טער פאַרערער פון ווײַלד'ן. הערים'ס ענטפער, אַז איין אַרטיקל ווײַלד'ס ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון לאָנדאָן, וועט אַרײַנ־ברענגען מער ווי די גאַנצע ערבות־געלט באַטרעפט, האָט צו ווײַלד'ן ניט אַפּעלירט. צווייטנס, דער סאָקראַט־מאָטיוו. זיך פאַרגלײַכנדיק צו סאָקראַט'ן, האָט ווײַלד גע'טענה'ט: „איך וועל עס ניט קאָנען אַריבערטראָגן, אַרומצוקריכן אויפן קאָנטינענט ווי אַן אַנטלאָפענער פון גערעכטיקייט". דריטנס, „למה יאמרו הגוים", וואָס וועלן זאָגן די ענגלענדער פון אַן אירלענדער, וואָס אַנטלויפט פון קאַמף. אָט דער „גלות", אָדער „אתה בחרתנו" מאָטיוו האָט קענטיק געשטאַמט פון זיין פּיליסטערהאַפטן ברו־דער, ווילי, וואָס האָט זיך ניט געשטערט צו מאַכן מסחר מיטן ברודער'ס צרות, און האָט איצט אײַנגאַנצן באַהערשט דעם ווילנ־לאָזן קינסטלער. ווילי האָט בסדר גע'טענה'ט: „אָסקאַר וועט ניט אַנטלויפן. ער איז אַן אירלענדישער דזשענטלמאַן, און וועט אויפנעמען דעם קאַמף".

האָנס עווערס דערציילט, אַז ווײַלד האָט אים, נאָכן אַרויס־גיין פון תפיסה, אָנגעגעבן אַ פאַנטאַסטישן מאָטיוו פאַרוואָס ער האָט זיך ניט גענומען דאָס לעבן אין יענע טעג, כאָטש אַ פריינט האָט אים צוגעשטעלט אַ שיינעם רעוואָלווער פאַר אָט דעם צוועק. נאָר דער אמת איז געווען, ווי ווײַלד אַליין גיט דאָס צו, דירעקט און אומדירעקט, אין זיין ווידוי, אַז זיין פריינטשאַפט מיט דאָגלאַס'ן האָט גאַנץ פאַראַליזירט זיין ווילן. עס איז אים דערפאַר לײַכטער געווען צו לאָזן אַלץ גיין ווי עס גייט, איידער עפּעס־וואָס צו אונטערנעמען. דערפאַר האָט אים שוין אויך ניט נעקאָנט מער דערמוטיקן די שיינע טאַט פון דער ענגליש־אידישער שריפטשטעלערין, מרס. לעווערטאָן, וואָס האָט זיך כלל ניט גע־רעכנט מיט דער עפנטלאַכער מיינונג און אים אײַנגעלאַדן צו אַ מאָלצייט אין איר הויז. ערשט שפּעטער, אין זיינע ביטערע תפיסה־יאָרן האָט ווײַלד נאָכגעדיינקט וועגן איר שיינער טאַט; נאָכמער פלעגט ער זיך דערמאָנען אַז דער פריינטשאַפט פון אַ צווייטער ענגליש־אידישער פרוי, מיס שוסטער, די שפּעטערע לײַדי פון ווימבלדאָן, וועלכע האָט אים דעמאָלט געשיקט טויזנט פונט, ער זאָל קאָנען אָנגיין מיט זיין פאַרטיידיקונג אין גע־ריכט, ווי אויך צו העלפן זיין מאַמע'ן, ווי ער איז געווען געוואוינט.

אויף זיין צווייטן אדער דריטן משפּט, אויב מען וויל אריינרעכענען דעם פאַר אים אומגליקלאַכן קווינסבערי־פּראָצעס, איז שוין ווײַלד געווען אַ שמשון הגבור, פון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעטאָן זיין גבורה. אויף דער אַנקלאַג־באַנק איז געזעסן אַ געפאַלענער העלד, אויסגעשטעלט פאַר די שפּאָטישע בליקן פון זיינע שונאים.

אַלע באַווייזן קעגן ווײַלד'ן האָבן געשטאַמט פון דער צייט זינט ער האָט זיך באַקאַנט מיטן לאָרד דאַגלאַס. די עדות קעגן ווײַלד'ן זיינען אַלע געווען יענעמ'ס גוטע ברידער פון דער אונטערוועלט. ווײַלד'ס אַדוואָקאַט, סער עדוואַרד קלאַרק (וואָס האָט אים פאַרטיידיקט אומזיסט, כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין סימפּאַטיע מיט זיינע אידייען), האָט קלאָר באַוויזן, אַז אַלע באַווייזן קעגן ווײַלד'ן שטאַמען פון בלעקמיילער, געלט־אויספּרעסער, און דאָס גלייכן סוביעקטן. נאָר די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג איז געווען קעגן ווײַלד'ן. אומעטום, אין דער פּרעסע ווי אין שיינק, איז ווײַלד געוואָרן באַשפּויגן, פאַרלוימדעט און פאַרדאַמט. דער איינציקער מיטגליד פון דער דזשורי, וואָס האָט פריער געשטימט קעגן פאַראורטיילן ווײַלד'ן, האָט ניט מער געוואַגט צו גיין קעגן שטראָם. איז דער ענטפער פון די גערעכטס־געשוואָרענע געווען איינשטימיק: „שולדיק!"

דער פאָרשטייער פון דער בירגערלאַכער גערעכטיקייט האָט געהאַלטן אַן עקלהאַפטע רעדע קעגן ווײַלד'ן און אים צוגעטיילט די העכסטע שטראָף, וואָס ער האָט געקאָנט געבן לויטן געזעץ בוך:
"To be imprisoned and kept to hard labor for two years."

— צוויי יאָר תפיסה און שווערער אַרבעט. ווײַלד דערשטוינט פון אַזאַ שטרענגער שטראָף, האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ ווייל פון זיין אַפּאַטיע און אויסגערופן: „מעג איך וואָס עפּעס זאָגן, מיין הער?" נאָר ער איז שוין געווען אין די אויגן פון דער בירגערלאַכער גערעכטיקייט אַ קאַטאָרזשניק און מען האָט אים ניט דערלויבט צו מאַכן קיין שום דערקלערונג.

דער פאַרזאַמלטער המון אין דרויסן פון גערעכטסהויז, וואָס האָט געזען אין ווײַלד'ן פאַרקערפּערט די אויסגעלאַסענע אַריסטאָקראַטיע, האָט אויפגענומען ווײַלד'ס פאַראורטיילונג ווי אַ בשורה פון גרעסטן נאַציאָנאַלן זיג. מען האָט געיובלט, געזונגען און געטאַנצט אין די גאַסן פאַר פרייד. אַנדערע האָבן זיך געקושט

און געהאַלזט פאַר גליק. די בירגערלאַכע געזעלשאַפט האָט גע־בראַכט איר געראַטנסטן זון, וועמען עס איז געווען „געפלאַכטן דער לאַרבער־קראַנץ אַרום דעם שטערן", פאַר אַ קרבן פאַר די זינד פון איר פאַרברעכערישער „גילדענער יוגנט". דער קרבן איז געוואָרן באַוויליקט: איצט קאָן זי אַנהויבן אַ נייעם קאַפּיטל פון איר זינדיק לעבן.

געשלעכטלאַכע ליידנשאַפטן זיינען גאַנץ נאַטירלאַך און פרע־זערווירן דעם מענטשלאַכן מין. זייערע זינד זיינען מערסטנס פון מענטש קעגן מענטש, און די געזעלשאַפט האָט דערפאַר געמוזט אָנ־נעמען מיטלען צו באַשטראָפן די שענדער, פאַרפירער און באַ־שווינדלער. נאָר די ליידנשאַפטן צום זעלביקן געשלעכט זיינען ניט נאַטירלאַך. זיי זיינען מער קראַנקהייט ווי זינד. זייער רפואה איז ניט תפיסה און קייטן, נאָר שפּיטאָל און מעדיצין.

„די זינד פון פלייש" — זאָגט ווײַלד אין זיין ווידוי — „זיינען גאָרנישט. דאָס זיינען קראַנקהייטן פאַר דאָקטוירים צו היילן, אויב זיי דאַרפן איבערהויפּט ווערן געהיילט". נאָר די בירגערלאַכע געזעלשאַפט האָט דעם קראַנקן ווײַלד אַנשטאָט פון אַ דאָקטאָר, געלאָזט באַהאַנדלען פון אַ ריכטער; אַנשטאָט אין קליניק, אים געשיקט אין תפיסה, און אַנשטאָט אַן אָפּעראַציע — אים באַשטימט קאַטאָרגע.

נאָר ניט פאַר זיין זינד קעגן דער מאָראַל איז ווײַלד געוואָרן אַזוי באַשטראָפט און ניט דערפאַר האָט דער ריכטער געזאָגט, אַז אָט די שטראָף איז נאָך ניט גענוג. ווײַלד׳ס ווירק־לאַכע זינד איז געווען זיין זשעני, זיין צו־גרויסע פּאָפּולאַריטעט. ער איז געשטיגן צו־שנעל, ער האָט געשיינט צו־ליכטיק און אַרויסגערופן אַלע בייזע גייסטער פון קנאה און שנאה.

די „בעסערע" געזעלשאַפט האָט געפייערט ווײַלד׳ס פאַר־אורטיילונג מיט אַ באַנקעט לכבוד קווינסבערי׳ן. מען האָט זיך אויך ניט באַנוגנט מיטן פאַרשפּאַרן אים אין תפיסה, נאָר גע־וואָלט אויסמעקן זיין אָנדיינק פאַר אַלע דורות. זיינע ווערק זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אַלע ביבליאָטעקן און בוכ־האַנדלונגען. זיינע פאַרלעגער און טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן זיך עפנטלאַך אָפּגעזאָגט פון זייערע רעכטן. מען האָט פאַרברענט אין די גאַסן זיינע שיינע קינסטלערישע שאַפונגען און זיין נאָמען

האט ניט געטאָרט ווערן דערמאָנט אין אַן אָנשטענדיקער געזעל־שאַפט.

XIII

אונטערן יובל פון המון איז ווײַלד אַרײַנגעפירט געוואָרן אין פּענטאָנווילער תּפֿיסה. דאָרט האָט מען דעם עסטעט געצוואונגען אַרײַנצוקריכן אין אַ מקווה מיט שמוציקע וואַסער, וואו אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן זיך געבאָדן פאַר אים. מען האָט אים אָפּ־געשאָרן זײַנע זעלטן שײנע האָר און אָנגעטאָן אַלטע אָפּגע־טראָגענע אַרעסטאַנטסקע קלײדער. נאָכדעם האָט מען אים אָפּ־געפירט אין דער תּפֿיסה פון װאַנדסוואָירט, אַ פאָרשטאָט פון לאָנדאָן.

דער דירעקטאָר פון װאַנדסוואָירטער תּפֿיסה האָט געהאַט אַ באַפעל אויסצופירן דעם אורטייל איבער ווײַלד'ן מיט פולער שטרײנגקייט. האָט מען אים דאָרט באַהאַנדלט עקסטרא שלעכט. ערגער ווי אַנדערע אַרעסטאַנטן. קענטיק, אַז מען האָט אים גע־וואָלט אומברײנגען דורך הונגער אָדער דורך משוגעת. דאָס עסן איז געווען ווײניק און פאַרדאָרבן און פאַר דעם קלענסטן פאַרברעכן קעגן תּפֿיסה־רעגולמענט, האָט מען אים פאַרשפאַרט אין אַ פינסטערער גרוב און אים געפּײניקט.

אַלע האָבן געדײנקט, אַז דער איבערגאַנג פון ראַפינירטקייט און לוקסוס צו קאַטאָרגע, הונגער און פּײַן, וועט ברײנגען ווײַלד'ן צו משוגעת און פיזישן צוזאַמענברוך. די שטאַרקסטע מענער פלעגן אין װאַנדסוואָירטער תּפֿיסה לאַנג ניט אויסהאַלטן. נאָר ווײַלד האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלאַכע גײַסטיקע און פיזישע כחות. ער איז בלויז קראַנק געווען, נאָר האָט זיך דער־האַלטן און ווײַטער געטראָגן זײַן שווערן לײַד.

פון װאַנדסוואָירטער תּפֿיסה האָט מען אים, דעם 13טן נאָ־וועמבער 1895, אַריבערגעפירט קיין רעדינג, אַ שטעטל אין דרום־ענגלאַנד. אויפן וועג אַהין האָט מען די אַרעסטאַנטן אַ לאַנגע צײַט געלאָזט וואַרטן אויף אַ לאָנדאָנער וואָקזאַל. די אַרעס־טאַנטן געשמידט אין קייטן אײנער צום צווייטן, הונגעריקע, דורכ־גענעצטע פון רעגן, האָבן געמאַכט אַ שרעקלאַכן אײַנדרוק. ווען אַ באַלעבאַטישער ענגלענדער האָט צווישן זיי דערקענט דעם באַרימטן קינסטלער, האָט ער אויסגערופן: „ביי גאָט, דאָס איז אָסקאַר ווײַלד!“ און אים אַ שפּײַ געטאָן אין פּנים.

צוערשט איז ווײַלד'ס לאגע ניט געווען בעסער אויך איז רעדינג. אויך דארט איז געווען דאס עסן שלעכט און ווייניק און די ארבעט שווער:

„מיר האבן שטריק געצופט אין שטרייף,
מיט בלוטיק טעמפּע הענט;
געשייערט פּיל, די טיר און דיל,
די גראטעס און די ווענט;
און ריי נאך ריי, געפּוצט אויפסניי,
ביז אלץ האט אזש געבלענדט.

געניים די זעק, געהאקט מיט העק,
געדרייט אין שטיין דעם דריל;
געקלאפּט דאס בלעך, געשלונגען אויך
די הימנען לאנג און פּיל". *)

די צעל, וואו ער האט פארבראכט 23 פון 24 שטונדן, איז געווען אן לופט און אן ליכט, א מין קאטוך, ערגער ווי א שטעלכל פאר חזרים, ווי א בודקע פאר א הונט:

„א יעדע צעל — א נאסע גרוב,
די ווענט פון שימל גריז,
און קיין מאל קומט קיין טראפּן לופט
קיין ביסל שיין אהיז.
און אלץ, חוץ אש, ווערט דא צושטויבט
אין מענטשהייט'ס דרעשמאשיז.

דאס גרינע וואסער וואס מען טרינקט
איז לויטער שלאם און קויט,
מיט קרייד און קאלך איז אנגעפילט
דאס צוגעוואוגן ברויט.
און שלאף מיט אויגן רויט און ווילד
שפּרייזט אום און רופט דעם טויט." **)

---

*) אסקאר ווײַלד: „די באלאדע פון רעדינג־טורמע". אידיש פון א. קארלין.

**) אסקאר ווײַלד: „א געזאנג פון תפיסה". פרייע איבערזעצט פון ה. רויזנבלאט.

ווײַלד'ס לײַדן אין תפיסה האָבן זיך ניט געענדיקט מיט די שווערע אַרבעט, צו פּליקן פּלאָקס פון גראָבע האַרטע שטריק, מיט פאַרבלוטיקטע צעוואָונדעטע פינגער. זײַנע גײַסטיקע יסורים זײַנען געווען נאָך פיל שווערער. צוערשט איז געשטאָרבן זײַן היים־געליבטע מאַמע און ער האָט געליטן „אומדערטרעגלאָכן פּײַן פון עלנט און געוויסנביסן". מען האָט אים אויך ניט דערלויבט צו שטיין בײַ איר טויטנבעט. זײַן פרוי האָט, אונטערן אײַנפלוס פון איר משפּחה, אים געלאָזט שרײַבן דורך איר אַדוואָקאַט „גרויזאַמע, ביטערע, אָפּשטויסנדיקע בריוו" און זיך פון אים אָפּגע'גט. צולעצט נאָכדעם ווי זײַנע בעלי חובות האָבן אים געמאַכט פאַר אַ בעטלער, האָט מען פון אים צוגענומען זײַנע בײדע זין „אויפן געזעצלאָכן וועג". דאָס האָט אים פאַרשאַפט „אומענדלאָכע יסורים, נאָמענלאָזן צער, גרענעצלאָזן פאַרדרוס". אינ'ם פאַרגלײַך דערמיט איז פאַר אים געווען „דער בזיון צו זיצן אין תפיסה אַ גאָרנישט".

זײַן ערשטער רעדינגער תפיסה־דירעקטאָר, מײַדזשאָר אײַזיקסאָן, איז געווען אַ נאַרישער ביוראָקראַט. פאַר אַנדריי זשיד האָט ווײַלד שפּעטער דערציילט אַז שׂנאה, ווי אַזוי אַט דער ענגליש־אידישער ביוראָקראַט האָט אים געפּײַניקט, ניט אַזוי אויס בייזקייט ווי אויס נאַרישקייט. נאָר אַ דאַנק דער שתדלנות פון העריסן אין אינערן מיניסטעריום, האָט מען אײַזיקסאָנ'ען אויסגעביטן אויף מײַדזשאָר נעלסאָן, וועלכער איז געווען זייער פרײַנטלאָך צו ווײַלד'ן, ווי ער דערמאָנט אינדירעקט אין זײַן וידוי . אַ פאַרזוך פון העריס'ן צו זאַמלען אונטערשריפטן אויף אַ פּעטיציע פאַר ווײַלד'ס באַפרייאונג, האָט ניט געלונגען. מערעדיט און אַנדערע ענגלישע גדולים האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרײַבן אַזאַ פּעטיציע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער האָט כשר פאַרדינט זײַן פּסק. נאָר ווײַלד איז שפּעטער געווען צופרידן, וואָס די פּעטיציע איז דורכגעפאַלן. ווײַל דעמאָלט וואָלט ער אַרויס מיט צופיל ביטערקייט אין האַרצן, בעת די מענטשלאָכע באַציאונג צו אים פון נײַעם דירעקטאָר און פון אײניקע וועכטער (די אַרעסטאַנטן זײַנען אַלעמאָל געווען זייער פרײַנטלאָך צו אים) האָט געווירקט, ער זאָל פאַרלאָזן דעם פּלאַץ מיט גוטע געפילן צו אַ סך פּערזאָנען.

דער נײַער דירעקטאָר האָט ווײַלד'ן געגעבן די מעגלאָכקייט

צו לייענען און שרייבן וויפיל ער וויל. דאָס איז געווען ווײַלד'ס הויפּטוואונטש. פריער האָט ער זיך געלאָזט ברענגען איז אָריגינאַל סאָפאָקל'ס טראַגעדיעס און דאַנטע'ס "אינפערנאָ", וואָס איז אין זיין לייד פאַר אים געווען דאָס זעלבע וואָס "איוב" איז פאַר אַ אידישן אבל, אַ למדן. שפּעטער האָט ער צוליב דעם זעלביקן מאָטיוו גענומען לייענען דעם נייעם טעסטאַמענט אין גריכישן אָריגינאַל. ער האָט זיך געפילט אַזוי געקריוודעט פון זיין דור, ווי סאָקראַט, יעזוס און דאַנטע אין זייער צייט.

דאָס לייענען און שרייבן האָט אים אויפגעוועקט צו אַ ניי לעבן. די ערשטע צייט פלעגט ער נאָר ברעכן די הענט אין אַנמעכטיקן יאוש און אויסרופן: „וואָס פאַר אַ סוף, וואָס פאַר אַ שרעקלאַכער סוף!" ער פלעגט כסדר זיך אַליין שילטן. און "ווען" שרייבט ער — „עס וואָלט געגעבן אַ ווידערקול אין אַט די מויערן, דעמאָלט וואָלט דאָס אַז אויפהער אָפּגעקלונגען פון די ווענט: „נאַר, נאַר!" נאָר ביסלאַכווייז איז אָט דער קלאַסישער גריך, וואָס איז געבאָרן געוואָרן „ניט אין דער ריכטיקער צייט", געוואָרן דורכגעדרונגען מיט דער אידיש־קריסטלאַכער פילאָזאָפיע פון „גם זו לטובה", אַז אַלץ וואָס קומט פאָר, איז פון אונזער טובה וועגן. האָט ער אויך זיך מקבל באהבה געווען אַלע יסורים און תמיד נאָכגעדיינקט ווי אַזוי זיי איבערצואַרבעטן אין אַ קונסטווערק.

ווײַלד האָט קיינמאָל ניט געוואָלט באַשרייבן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט דערציילן, זיינע ליידן אין תפיסה. בערנאַרד שאָו זאָגט, אַז ווײַלד האָט געקאָנט שילדערן מיט מער סימפּאַטיע פרעמדע ליידן ווי אייגענע. ווײַלד אַליין האָט זיך אַ סך מאָל אויסגעדריקט, אַז כאָטש דער גיהנם, אין וועלכן ער האָט געלעבט איז אַ סך ערגער ווי דעם, וואָס דאַנטע האָט זיך פאָרגעשטעלט, פעלט אים אָבער דאַנטע'ס ביטערקייט דאָס צו קאָנען באַשרייבן. דאָך האָט זיין תפיסה־לעבן אינספּירירט די צוויי העכסטע שאַפונגען פון זיין לעבן: „דע פּראָפונדיס" און „די באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה".

„דע פּראָפונדיס" (פון דער טיפעניש) איז אַ לאַנגער בריוו געשריבן צו באָזי'ן (דאָגלאַס'ן) אין די לעצטע מאָנאַטן פון ווײַלד'ס תפיסה־לעבן. דער בריוו איז צוגלייך אַ ווידוי און

אַז אַפּאַלאַגיע, אַ פאַרדאַמונג און גערעכטפערטיקונג פון זיין פריערדיקן לעבן. כאָטש ער זאָגט, אַז ער פאַרטיידיקט ניט זיינע מעשים, נאָר דערקלערט זיי, אַז ער גיט בלויז „די פּסי־כאָלאָגישע דערקלערונג פאַר אַ באַנעמען, וואָס זעט אויס פון דרויסן ווי אַ פאַראייניקונג פון אַבסאָלוטער אידאַטישקייט און וואולגאַרער באַרימעריי". אַ גרויסער טייל פון אָט דעם בריוו באַהאַנדלט ווײַלד'ס „גייסטיקע אַנטוויקלונג" אין תפיסה און די „אומפאַרמיידלאַכע עוואָלוציע", וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין כאַראַקטער און אין זיין „גייסטיקער באַציאונג צום לעבן".

אין די לעצטע תפיסה־מאָנאַטן, אין פרילינג 1897, האָט ווײַלד אויך פאַרטראַכט זיין „באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה", אין וועלכער ער באַזינגט אין טיף רירנדיקע קלאַנגען דעם שיק־זאַל פון אַ לײַדנברודער, וועלכער איז געשטאָרבן אויף דער תליה פון רעדינג־דזשייל. ער האָט אויך דאָרט, אין תפיסה, פאַנטאַזירט פון צוויי גרויסע ווערק: „קריסטוס ווי אַ פאָר־לויפער פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג אין לעבן" און „דאָס קינסטלערלעבן באַטראַכט אין זיין שייכות צו דער לעבנסקונסט".

XIV

אין זיין עלנטער תפיסה־צעל האָט זיך אָסקאַר ווײַלד פאַר־טראַכט איבער דאָס לײַדן און די לײַדנדע. ער האָט פעסטגע־שטעלט, אַז „דער סוד פון לעבן איז דאָס לײַדן", „אַז עס לאָזט זיך קיין אמת ניט פאַרגלייכן צו לײַדן".

זיינע לײַדן, דער פאַרראַט פון זיין נאָנטן פריינט, האָט ארויסגערופן אין ווײַלד'ן אַ פאַרגלייך פון זיין לעבן מיט דעם העלד פון דער קריסטלאַכער לעגענדע. ער האָט אין זיך גע־זען אַ געקרייציקטן משיח און אין זיין פריינט דאַגלאַס, דעם יודאַס (יהודה איש קריות), וואָס פאַרראַט יעזוס'ן מיט אַ קוש. אַזוי ווי דער קעניג אין קאַטול מענדעס'עס אַ דערציילונג, מאָלט זיין פאַרשטאָרבן ווייב און עס קומט אַרויס דאָס בילד פון דער גע־ליבטע, אַזוי האָט ווײַלד געמאָלן אַ בילד פון יעזוס'ן און אַרויס־געקומען איז אָסקאַר ווײַלד:

„קריסטוס איז דער העכסטער **אינדיווידואַ־ליסט**". — „קריסטוס האָט די עצם סמנים פון העכסטן **ראָמאַנטישן טיפּ**". — „קריסטוס געהערט אין דער אמתן אונ־

טער ד י ד י כ ט ע ר " און „דער הויפט יסוד פון זיין עצם איז געווען דערזעלבער, פון וועלכן עס באשטייט דער עצם פון ק י נ ס ט ל ע ר ".

דאס קריסטוס־בילד געמאלן אזוי שיין אין „דע פראפונדיס" איז דערפאר ניט קיין בילד פון יעזוס'ן נאר פון אסקאר ווײלד, מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות, דער אינדיווידואליסט, דער פולקומענער ראמאנטישער קינסטלער, וועמען די בירגערלאכע געזעלשאפט האט געקרייציקט, צוגענאגלט צום שאנדקלאץ.

נאר אויב ווײלד'ן האט געלונגען צו שרייבן איבער קריס־טענטום אין „דע פראפונדיס" שענער און טיפער ווי רענאן און מאלסטאי צוזאמען איז ער דאך אליין ניט געווארן קיין קריסט. ווײלד איז ניט מוחל זיין יודאס, זיין פאררעטערישן פריינט, און שטעלט אויך ניט אוים זיין צווייטע באק צו ווערן געפאטשט פון זיינע באליידיקער. אין „דע פראפונדיס" רעדט ניט קיין רע־זיגנירטער קריסט, וואס האט שלום געמאכט מיט זיין שיקזאל, נאר, ווי בעל מחשבות דריקט זיך אוים*), „א שטארקער מענטש וואס קעמפט מיטן טויט. ער וויל פון זיין קאמף מיטן טויט מאכן א נייעם אינסטרומענט וואס זאל אים פון דער פינסטער־ניש ארויספירן אויף די ליכטיקייט". ווײלד אנערקענט אויך ניט, אז "גאט און זיין משפט איז גערעכט„. פארקערט, ער זאגט. אז די געטער „רואינירן אונז אויך דורכדעם, וואס איז אין אונז גוט, איידל, מענטשנפריינטלאך, ליבערייך".

אלנפאלס איז „דע פראפונדיס" איינס פון די מערקוויר־דיקסטע ביכער אין דער וועלט ליטעראטור, סיי אין פארם און סיי אין אינהאלט. ווײלד איז ניט געווען דער ערשטער צו שרייבן א בוך וועגן זיך. אויטאביאגראפיעס, און אפילו וידוים זיינען ניט קיין זעלטנהייט. נאר אפילו צווישן די בארימטסטע וידוים פון דער וועלט ליטעראטור, זאגט דוד פרישמאן, אין דער הקדמה צו זיין העברעאישער איבערזעצונג פון „דע פראפונדיס". איז ניטא קיין צווייט וידוי־בוך, „אין וועלכן א מענטש זאל אן שום מיטלייד זיך אליין צו גלידערן, יעדן ביין פון זיין פלייש און יעדן קנייטש פון זיין נשמה, און זאל אנטפלעקן פאר אונז זיין גאנצן אינעווייניק, און ניט פארבארגן און ניט פארבאהאלטן

---

*) הקדמה צו „דע פראפונדיס", איבערזעצט פון ק. מרמר, לאנדאן, 1909.

פון אונז אפילו דאס מינדסטע פון אונטערן נאגל — ווי ווײַלד האט דאס געטאן פאר אונזערע אויגן. אין דער גרויסער אויטאביאגראפיעס־ליטעראטור, וואס מיר האבן אין אלע שפראכן און צווישן אלע פעלקער, ווייסן מיר ניט נאך איינע וואס זאל זײַן ענלאך צו דער אויטאביאגראפיע, אין וועלכער א מענטש דערציילט פאר מענטשן ניט בלויז אלע זײַנע פעלערן, נאר אפילו זײַנע מערסטע מעלות — וואס דאס איז א סך שווערער„.

נאכדעם ווי פרישמאן ווײַזט אן ווי הויך „דע פראפונדיס" שטייט איבער די בארימטע וידוי־ביכער און אויטאביאגראפיעס פון אויגוסטין, שלמה מיימאן און זשאן זשאק רוסא, פירט ער אויס, אז "ווײַלד'ס בוך איז א מין מוזיקאלישע סימפאניע. אונזערע אויערן הערן מוזיק. א געוויסע שטארקע און שטורמדיקע אויפרעגונג רײַסט זיך ארויס פון יעדן ווארט, אזוי אז צײַטנווײַז דוכט זיך אונז צו הערן דעם ברענענדיקן אטעם פון שרײַבער. און נאך עפעס: מיר דארפן איין רגע ניט פארגעסן, אז אט דעם בוך האט א מענטש געשריבן אין דער צײַט, וואס ער איז געזעסן אין טונקלקייט אין א שטאל, וואס מען רופט תפיסה. און דער שטאל איז געווען פארשלאסן מיט אײַזערנע גראטעס — ווי עס זאגט עדות זײַן ביאגראף שערארד — און אײַזערנע קייטן האבן ארומגערינגלט זײַנע הענט, און זיי האבן געקלונגען ביים יעדן ווארט, וואס איז ארויס פון זײַן האנט. איך ווייס ניט אין דער גאנצער וועלט ליטעראטור נאך איין בוך, א בוך אויפן געביט פון קונסט, וואס איז געשריבן געווארן אין דער צײַט, וואס אײַזערנע קייטן זײַנען געווען אנגעטאן אויף די הענט פון זײַן פארפאסער..."

דוד פרישמאן ווײַזט אויך אן, אז דער נאקעטער אמת אליין וואלט ניט געווען גענוג, אז דער „דע פראפונדיס" זאל מאכן אזא טיפן אײַנדרוק, ווען דארט וואלט ניט געווען נאך עפעס: — „אט די גרויסע וואונדערליכע קונסט, מיט וועלכע דאס בוך איז געשריבן. ווײַלד, פון וועלכן מיר ווייסן ניט קיין צווייטן אין זײַן דור וואס האט פארשטאנען אזוי ווי ער די קונסט פון שרײַבן, ווײַלד האט דערגרייכט אין אט דעם בוך צו אזא מדרגה, וואס ער אליין האט פריער אזוינס ניט דערגרייכט אין קיינעם פון זײַנע פריערדיקע ווערק".

אסקאר ווײלד האט געוואונטשן, אז אט דעם בריוו זײנעם צו באזי׳ן (לארד אלפרעד דאגלאס) זאל מען אנרופן „עפּיסטאלא אין קארצערע עט ווינקולים“ (געשריבן אין תפיסה און אין קײטן). נאר זײן פרײנט און ליטעראַרישע צואה־אויספירער. ראָבערט ראָס, וואָס האט שפעטער, אין יאָר 1905, אפגעדרוקט א דריטל פון דעם מאנוסקריפט, האט דאס א נאמען געגעבן „דע פּראָפונדיס“. דעם בריוו אלס א גאנצן האט ראָבערט ראָס אוועקגעשײנקט דעם בריטישן מוזעאום אין לאנדאָן, מיט דער באשטימונג, אז דאס ווערק זאל ניט ווערן פארעפנטלעכט פאר דעם יאָר 1960. דאס איז געטאן געוואָרן, כדי ניט צו פארוואונדן די געפילן פון דער דאגלאס־משפחה און אנדערע וואָס זײנען פארבונדן מיט דער טראַגעדיע.

מיט דעם אויסנאם פון ראָבערט ראָס, לארד אלפרעד דאגלאס און נאך אײניקע פון ווײלד׳ס מקורבים, האט קײנער ניט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון ווײלד׳ס מאנוסקריפט. עס האבן זיך אפילו געפונען אזוינע קריטיקער, וואָס האבן געזאָגט, אז ווײלד, דער זינגער פון זונענשײן, ליבע און לוסט, האט בשום אופן ניט געקאָנט אזוי באזינגען דאס לײדן, ווי ער טוט דאס אין „דע פּראָפונדיס“. זײ האבן דערפאר אויסגעדריקט זײער חשד, אז דאס ווערק איז געשריבן פון ראָבערט ראָס, וועלכן עס האט געלונגען נאכצומאכן ווײלד׳ס סטיל. ערשט. אין יאָר 1913, איז דאס מאנוסקריפט געוואָרן געבראכט אין דער עפנטלעכקײט, צוליב דעם דאגלאס־רענסאם פּראָצעס, אין אפּריל 1913.

ווען ארטור רענסאם האט אין 1912 אפגעדרוקט זײן בוך „אסקאר ווײלד“, וואו ער האט דערמאנט דאגלאס׳עס שולד אין ווײלד׳ס צוזאמענברוך, האט דאגלאס אנגעקלאָגט רענסאמ׳ען פאר פארלוימדונג. האט מען פארגעלײענט אין געריכט ווײלד׳ס אָריגינעלן מאנוסקריפט, געשריבן אויף די אפיציעלע שרײב־פּאפּיר פון רעדינגער תפיסה. די פארגעלײענטע טײלן זײנען דעמאלט געווען פארעפנטלעכט אין דער פּרעסע און ארויס דא אין אמעריקע אין א באזונדער ביכל (1913).

עטלעכע וואכן נאכן דאגלאס־רענסאם פּראָצעס, האט דאג־לאס געמאכט א פארזוך צו פארקויפן אין אמעריקא זײן קאָפּיע

פון די ניט געדרוקטע טיילן פון „דע פראפונדיס“. האט ראבערט ראס זיך אונטערגעאיילט און אפגעדרוקט פופצן קאפיעס פון אריגינאל כדי צו האבן דאס אייגנטומס־רעכט. נאר פארן גרויסן עולם האט דאס בוך געזאלט בלייבן באהאלטן ביז יאר 1960.

ערשט אין יאר 1925 האט מאקס מייערפעלד, ווײַלד׳ס איבערזעצער אין דייטש, געקראגן פון ווײַלד׳ס יורשים (* א קאפיע פון דעם פולן אריגינאל און דערלויבט עם צו איבערזעצן אונטערן נאמען „עפיסטאלא“.

XVI

דעם 19טן מאי 1897 איז ווײַלד באפרייט געווארן פון תפיסה. מען האט אים אויסגעצאלט א האלבן פונט (ארום צוויי און א האלב דאלאר) פאר זיינע צוויי יאר קאטארזשנע ארבעט. האט ער דאס געלט אוועקגעשיינקט דעם ערשטן בעטלער וואס ער האט באגעגנט.

פאר זיין ארויסגיין פון תפיסה, האט דער דירעקטאר איבערגעגעבן ווײַלד׳ן דעם אנבאט פון אן אמעריקאנער צייטונג, אים צו באצאלן פינף טויזנט דאלאר פאר אן אינטערוויו איבער זיינע ליידן אין תפיסה. ווײַלד האט צוריקגעוויזן מיט עקל אט דעם אנבאט. אויסערדעם וואס ער האט געהאלטן פאר אונטער זיין ווירדע צו מאכן געלט פון זיין נויט, האט ער פון אלעמאל, בפרט פון דער צייט פון זיין פראצעס, געפילט די טיפסטע פאראכטונג פאר דער טעגלאכער בירגערלאכער פרעסע.

מיט דאס געלט, וואס איז אים נאך געבליבן פון די טויזנט פונט, וואס די ליידי פון ווימבלדאן האט פאר אים איינגעלייגט, ווי אויך פון דעם פאנד, וואס זיינע פריינט האבן פאר אים געזאמעלט, האט ער זיך איינגעארדנט, אונטערן נאמען סעבאסטיאן מעלמאט (סעבאסטיאן דער מארטירער און מעלמאט דער

---

*) ווײַלד׳ס עלטערער זון, סיריל האלאנד (דער אנגענומענער פאמיליענאמען פון ווײַלד׳ס פרוי נאך זיין פאראורטיילונג) איז געפאלן אלס ענגלישער אפיציר אין דער וועלט־מלחמה, דעם 19טן מאי 1915, אין עלטער פון 29 יאר. דער אינגערער זון, וויוויאן האלאנד, געבארן אין 1886, געענדיקט אין קעמברידזש אויף אדוואקאט, און געווען מלחמה־צייט אן אפיצער אין דער ענגלישער ארמיי, איז איצט דער הויפט־יורש פון אסקאר ווײַלד.

וואנדערער — א העלד פון זיין אַנקעל'ס אַ ראמאַן), אין בערנ־וואַל, ניט ווייט פון דער פראנצויזישער פארשטאט דיעפּ.

אַנדריי זשיד איז באלד געקומען אים אריינפירן צוריק אין פאַריזער געזעלשאַפט. און ווידער האָט ווײַלד געמאַכט אַ פּע־לער, און אַסך אַ גרעסערן ווי דאָס אַפּזאָגן דעם אַנבאָט פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע. ער האָט געדיינקט, אַז ער דאַרף ניט קומען אין פּאַריז מיט דער באַרימטקייט פון זיינע ליידן. ער האָט געוואָלט דאָרט אויפטרעטן בלויז אַלס קינסטלער, און ניט פריער ווי ער וועט באַווייזן וואָס ער קאָן נאָך שאַפן. ער האָט געפּלאַנט אַ פּאָר היסטאָרישע דראַמען: „פּרעה" און „אחאב און איזבל" און אַ דערציילונג „יודאס". נאָר דערווייל האָט ער פאַרזאַמט די גוטע געלעגנהייט זיך צו עטאַבלירן און רעהאַ־בילירן אין דער פּאַריזער קונסטוועלט. זיין אָפּזאָגן זיך צו שרייבן אין פּאַריזער ליטעראַרישע זשורנאַלן, כדי מען זאָל אים ניט לייענען בלויז צוליב זיין טרויעריקע באַרימטהייט, האָט אים אַלץ מער דערווייטערט פון זיין ציל, ווידער צו געווינען זיין פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט.

זיין שטעלונג צו קונסט און לעבן האָט זיך גאַנץ געענדערט. קונסט צוליב קונסט האָט ניט געהאַט מער פאַר אים קיין זין, פּונקט ווי דאָס לעבן דורכאויס פאַר פאַרגעניגען. ער איז גע־וואָרן איבערצייגט, אַז „דאָס לייד, וואָס איז די איידלסטע פּי־לונג, צו וועלכער דער מענטש איז פעיאיק, איז צו גלייבער צייט דאָס פאַרבילד און די פּראָבע פון יעדער קונסט".

„איך האָב אַמאָל געמיינט" — האָט ווײַלד דערקלערט, — „אַז אַ קונסטווערק דאַרף זיין שיין און מלא שמחה. נאָר איצט זע איך, אַז אָט דער אידעאַל איז ניט גענוג, איז זאָגאַר אוי־בערפלעכלאַך; אַ קונסטווערק מוז זיין באַגרינדעט אויף מיט־לייד; אַ בוך לידער וואָס האָט ניט אין זיך קיין מיטלייד, דאַרף בעסער ניט ווערן געשריבן".

טריי צו אָט דער נייער אידייע האָט ער אָנגעהייבן אַרבעטן אויף זיין „באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה", וועלכע ער האָט דרייסט אָנגערופן „פּאָעזיע און פּראָפּאַגאַנדע". ער האָט זיך ניט מער באַנוגנט מיט שאַפן סתם קונסט פאַר זיין אייגענעם פאַר־געניגן וועגן, אָדער כדי צו ווערן פאַרהערלאַכט פון קונסט־מבינים. פאַר זיך אַליין האָט שוין ווײַלד ניט מער געשריבן.

איצט האָט ער נאָר געשאַפן קונסט צוליב מענטשלאַכקייט. דאָס וויכטיקסטע איז פאַר אים געווען, אַז זיין ליד זאָל דערגרייכן מענטשלאַכע הערצער, זי זאָל פּראָפּאַגאַנדירן אַן אידייע, די פּאַרמענטשלאַכונג פון מענטשן, און זאָל אויך קאָנען ווערן פאַר־שטאַנען פון אַזוינע עלעמענטן ווי די וואָס זיינען געווען זיינע ליידנסברידער אין תפיסה.

נאָך פריער האָט ער אָנגעשריבן אַ גרויסן בריוו צו דער ליבעראַלער ציידונג „דיילי קראָניקל" (28טן מאַי 1897), וואו ער האָט אַפּעלירט פאַר דעם וועכטער מאַרטין, וועלכן מען האָט אָפּגעזאָגט פון תפיסה, דערפאַר ווייל ער האָט געגעבן עטלאַכע זיסע ביסקוויטס צו אַן אַרעסטירטן אָרים הונגעריק קינד דער בריוו איז דורכגעדרונגען מיט טיפער מענטשנליבע און גיט איג־דירעקט אַ בילד פון ווײַלד'ס ליידנספולן תפיסה־לעבן . אין אַ צווייטן בריוו, אונטערן נאָמען „לייענט דאָס ניט אויב איר ווילט זיין היינט גליקלאַך", האָט ווײַלד פאָרגעשלאָגן אַ ריי פּלענער ווי צו רעפאָרמירן די תפיסות. נאָר כדי צו מאַכן ווירקזאַם אַט די רעפאָרמען, האָט ווײַלד אָנגעוויזן, איז נויטיק „צו פאַרמענטש־לאַכן די דירעקטאָרן פון די תפיסות, צו ציוויליזירן די וועכטער און פאַרקריסטלאַכן די פּריסטער".

אין בערנוואַל האָט ווײַלד געפירט אפשר דעם שענסטן לעבן פון אַלע זיינע יאָרן. ער האָט זיך געפילט ווי אַ ניי גע־באָרן קינד. האָט געגאָסן פון לעבן און אַלע זיינע פריידן אין שיינקייט און ריינקייט. זיינע בריוו פון בערנוואַל, (לעצטנס אַרויס אין בוך־פאָרם) זיינען פול מיט דער לעבנס פרייד און זונענשיין פון צאַרטפילנדיקן קינסטלער. עס איז אין אים פאָר־געקומען דער סינטעז פון גריכישער לעבנספרייד און אידישער סאָציאַלער עטיק, פון וועלכע איבסן האָט פאַנטאַזירט, אין זיין „קעניג און גאַליליער". אין אַט דער שטימונג האָט ער אויך געשריבן אין בערנוואַל זיין "באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה„.

„די באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה" איז אַרויס פון דרוק אין יאַנואַר 1898, אונטערגעשריבן מיט דעם נאָמען פון ווײַלד'ס תפיסה־צעל: „סי. 3.3." דער איינדרוק איז געווען אויסערגעוויינ־לאַך. אין עטלאַכע וואָכן זיינען אַרויס טוצן אויפלאַגעס אין ענגלאַנד און אַמעריקע. זי איז געוואָרן איבערזעצט כמעט אין אַלע ליטעראַטור־שפּראַכן פון דער וועלט. אין אידיש איז זי שוין

איבערזעצט געווארן דריי מאָל, און אין אַנדערע שפּראַכן מערערע מאָל. אייניקע פון ווײַלד'ס פּרייַנט פון דער גליקלאַכער צייט איז ניט געווען געפעלן אַט דער נייער טאָן פון מיטלייד אין זיין ליד, ווי איבערהויפּט די אידייע, אַז די קונסט איז געשאַפן פאַרן מענטשן און ניט דער מענטש פאַר דער קונסט. נאָר זיי האָבן דאָס ניט אַרויסגעזאָגט עפנטלאַך. האָט זיך געהערט בלויז דער האַרמאָנישער ליבגעזאַנג פון דער אַלטער און נייער וועלט פאַר ווײַלד'ס ווערק. די שטרייַנגסטע קריטיקער האָבן דערקלערט, אַז זי איז איינע פון די גרעסטע אין דער ענגלישער שפּראַך. אַנדערע ווידער האָבן זיך ניט געקווײַנקלט צו זאָגן, אַז זי איז די גרעסטע. ערשט שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן נאָכזוכן און אָנווייזן פרעמדע איינפלוסן. נאָר אויך דעמאָלט האָבן אַלע אָנערקענט, אַז די איינפלוסן האָבן נאָר צו טאָן מיט דער באַלאַדען פאָרם פון ווײַלד'ס ליד, אָבער ניט מיט זיין רעאַליסטישן אינהאַלט. ווײַלד האָט ניט גענומען פאַר זיין באַלאַדע קיין פאָלקסמאָטיוו, קיין לעגענדע, נאָר אַ פאַקט פון לעבן, און עס גלענצנדיק דורכגעפירט. ער האָט דערמיט געשטעלט די באַלאַדע נייע ציִלן און געשאַפן אַ גאַנץ אָריגינעל ווערק.

פּאָעזיע איז ניט די שפּראַך פון קאַלטן פאַרשטאַנד, נאָר פון וואַרעמען געפיל. דאָס וויי־געשריי פון אַ האַרץ וואָס קאָרטשעט זיך אין פּיין, אָדער יובעלט פאַר פרייד. געפילן פון בייַנקשאַפט און זענזוכט, פון ליבע און ליידנשאַפט, פון קאַמף און זיג, פון צער און צאָרן. נאָר ווײַלד'ס מערסטע לידער זיינען געווען קאָפּ־אַרבעט: די קונסט פון אַ העכסט ראַפינירטן אייראָפּייאישן אינטעליגענט, פון אַ מאַן מיט אַן אומגעהויערן וויסן פון דער קונסט פון אַלע צייטן. דאָס מערקט מען אַפילו אין זיין אייגנאַרטיקער ריין קינסטלעריש פולקומסטע פּאָעמע „די ספינקס", וואָס האָט מיט איר רייכער, שיינער, געשליפענער שפּראַך קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט ליטעראַטור, און איז אַ שיר השירים צום לעבן, שיינקייט, פריידן, גענוסן און תּאוות.

זיין עכט ליד האָט ווײַלד ערשט געלערנט אין תּפיסה, ווען ער האָט זיך באַפרייט פון יעדער געקינסטלטקייט, אַרונטערגעוואָרפן אַלע מאַסקעס און געלאָזן ריידן זיין געפיל פריי און אָפן. האָט זיין דיכטונג דערגרייכט איר העכסטן שוואונג. ער האָט

ניט געשריבן זיין „באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה" ווי אַ פּסי־כאָלאָג אָדער ווי אַן עסטעט, וואָס באַאַרבעט סתם אַ שטאָף. ער האָט איר געשריבן ווי אַן עלנטער מענטש מיט אַ טיף פילנ־דיק האַרץ, אָנגעפילט מיט אומענדלאַכן מיטלייד. דער צער און צאָרן פון דיכטער האָט אין איר דערגרייכט די העכסטע הויכן פון זיין לעבן. ער טרעט דאָרט אַרויס ווי אַ מיטליידנ־דיקער און עפנטלאַכער אַנקלאַגער, אַ פּאַרטיידיקער און טרויס־טער. צוגלייך טרעט אַרויס דאָס בילד פון זיין אייגענעם תפיסה לעבן און זיינע קערפּערלאַכע און גייסטיקע ליידן.

דאָס ליד שילדערט אַ קעניגלאַכן גוואַרדע־רייטער וואָס ווערט געהאַלטן אין רעדינג ביזן הינריכטן. ער ווערט אויפפאַלנד די אַרעסטאַנטן דורך זיין באַנעמען. זיי פילן וואָס אים דער־וואַרט. זעען זיי וויזיעס, לעבן דורך די שרעקלאַכע דערוואַר־טונגען פון זיין טויט, און ברעכן צוזאַמען ווען ער קומט.

ווײַלד'ס באַלאַדע איז איינג צוזאַמענגעגאָסן מיט איר שפּראַך. איר פולער שיינהייט קאָן מען געניסן בלויז אין אָריגינאַל. נאָר אַפילו די ניט־געלונגענסטע איבערזעצונג קאָן ניט גאַנץ פאַרטונקלען די שיינקייט פון איר קלאַנג און די געפילן פון מענטשנליבע, רחמנות און יושר וואָס לייכטן אַרויס דורך טרערן פון איר יעדער שורה.

נאָר לאַנג האָט ווײַלד ניט געקאָנט בלייבן דער דיכטער פון צער און מיטלייד. ער איז געווען געשאַפן, ווי ער האָט געזאָגט, צו זינגען שירה צום זונענגאָט אַפּאָלאָ און ניט צו באַ־קלאָגן דעם פון אַפּאָלאָ געפּייניקטן מאַרסיאַס. איז די „באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה" געוואָרן זיין שוואַנען־ליד. מער האָט אָסקאַר ווײַלד ניט געזונגען.

XVII

ווײַלד האָט געלעבט אין בערנוואַל אַזוי זאָרגלאָז ווי אַ קינד. זיין תפיסה־לעבן האָט ניט געענדערט זיין פאַרשווענדע־רישער נאַטור. ער האָט זיך געוואָרפן אַזוי לייכט מיט זיין געלט ווי מיט זיינע גייסטרייכע אַפאָריזמען און עפּיגראַמען. אַ דעלעגאַציע פון פראַנצויזישע דיכטער, וואָס איז אים געקו־מען איבערגעבן די אומפאַרענדערטע סימפּאַטיע פון זייער קרייז, האָט ער אויפגענומען מיט אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט. ער האָט אויך געשפּילט די ראָל פון אַ מעצענאַט פאַר דער באַפעלקערונג

פון בערנוואל, און באזונדערס פאר די שולקינדער, וועלכע ער האט שטארק געליבט. איז זיין געלט שנעל צורונען געווארן און ער איז געוועזן אנגעוויזן אויף די פענסיעס פון זיין פרוי (ארום 15 דאלאר א וואך) און פון ראבערט ראס, אויך אומגעפער אזויפיל. דעם פארשלאג פון א לאנדאנער טעאטער־דירעקטאר צו באארבעטן א פראנצויזישע פיעסע אונטער א פסעוודאנים, האט ער צוריקגעוויזן.

זיין האפנונג, אז זיין פרוי און קינדער וועלן זיך צו אים אומקערן, איז ניט מקוים געווארן. איר משפחה האט איר באַיינפלוסט אים צו שטעלן אויף פראבע א יאר צייט. אירע קרובים און קווינסבערי האבן אים ארומגערינגלט מיט דעטעקטיווס, צו היטן אויב ער חבר'ט זיך ניט ווידער מיט דאגלאס'ן, און אויב ער פירט זיך בכלל אויף אנשטענדיק. זיי האבן קענען אים קיין זאך ניט געפונען.

די גאנצע צייט האט לארד דאגלאס פארוואָרפן ווײַלד'ן מיט בריוו און טעלעגראמען, ער זאל מיט אים ווידער ווערן פריינט; ער האט אים אנגעבאטן זיין שיינע ווילע, ביי נעאפל, אין דרום־איטאליע. ווײַלד האט פון קיין זאך ניט געוואלט הערן. ער האט געפלאנט זיך צו בויען א הויז אין בערנוואל און דארט מאכן זיין שטענדיקע היים און אנהייבן א ניי לעבן. נאר אומזיסט האט ער געבעטן זיין פרוי צו פארקירצן די צייט פון זיין פראבע. (זי האט געלעבט אין דער שווייץ אונטערן נאמען האלאנד און שטרייננג געהיט עמיץ זאל וויסן ווער עס איז דער אמת'ער טאטע פון אירע קינדער).

ווען דער זומער איז אריבער און עס האט זיך אנגעהייבן דער הערבסט מיט זיינע גרויע נאסע טעג, האט ווײַלד ניט געקאנט בײַשטיין מער דעם נסיון. פון איין זייט אן אומעטיק לעבן, ארומגערינגלט מיט שנאה און נגישות פון דער פיינער ענגלישער באלעבאטישער געזעלשאפט, וואס האט אים כסדר געגעבן צו פילן איר שנאה און פאראכטונג. פון דער אנדער זייט די זוניקע איטאליע מיט אלע גליקן וואס רייכקייט קאן דארט אנבאטן. האט ווײַלד אפגעהאקט הינטער זיך אלע בריקן און איז אוועק צוריק צו דאגלאס'ן.

XVIII

מיט ווײַלד׳ס צוריקקער צו דאַגלאַס׳ן הייבט זיך אָן דאָס לעצטע קאַפּיטל פֿון ווײַלד׳ס לעבן — זײַן זינקען און אונטערגיין. נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט איבערגעלעבט צוויי יאָר תפיסה און דערקאָנט די וועלט פֿון לײַדן, האָט ער ניט געקאָנט מער געפֿינען קיין גליק ווי אין די אַלטע צײַטן, אין אַ לעבן פֿון בלויז פֿאַרשווענדונג און אויסגעלאַסנהייט. פֿריער האָט ער גיט געוואוסט, אַז ער זינדיקט און נים געליטן. איצט האָט ער דאָס געוואוסט, זײַנען אים געווען פֿאַרשטערט אַלע זײַנע גע־נוסן. אויסערדעם האָבן באַלד דאַגלאַס׳עס קרובים צוריקגעצויגן פֿון אים זײַער מאַטעריעלע שטיצע. האָבן זיך אָנגעהייבן שווערע טעג פֿון פֿיזישע און גײַסטיקע לײַדן. צולעצט האָט אים דאַג־לאַס איבערגעלאָזן אַ עלנטן און פֿאַראַכטעטן אין איטאַליע און האָט זיך צוריקגעקערט צו זײַן רײַכער מיוחס׳דיקער משפּחה.

אין זײַן בריוו צו ראָבערט ראָס, פֿון נעאַפּל, אין דעצעמבער 1897, שרײַבט ווײַלד, צווישן אַנדערעס, אַזוי:

„באַזי האָט מיר פֿיר חדשים נאָכאַנאַנד, דורך ענדלאָזע ליגנס, אָנגע־באָטן אַ היים. ער האָט מיר אָנגעבאָטן ליבע, איבערגעבנהייט און פֿלעגע, און צוגעזאָגט אַז קיין זאַך וועט מיר ניט פֿעלן. נאָך פֿיר מאָנאַטן האָב איך אָנגענומען זײַן אָנבאָט, נאָר ווען מיר האָבן זיך געטראָפֿן אויף אונזער וועג קיין נעאַפּל, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז ער האָט ניט קיין געלט, קיין פּלענער, און האָט פֿאַרגעסן אַלע זײַנע צוזאָגונגען. זײַן איינציקע אידייע איז געווען, איך זאָל שאַפֿן דאָס געלט פֿאַר אונז ביידן. איך האָב דאָס געטאָן ביז צו דער סומע פֿון 120 פֿונט דערפֿון האָט באַזי געלעבט גאַנץ גליקלאַך. ווען עס איז געקומען דערצו ער זאָל באַצאָלן זײַן חלק, איז ער געוואָרן שרעקלאַך אומפֿרײַנטלאַך און קאַרג, אויסער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זײַנע פֿאַרגעניגנס, און ווען מײַן טאַשנגעלט האָט זיך געענדיקט, איז ער אַוועק“.

„עס איז די ביטערסטע דערפֿאַרונג פֿון אַ ביטערן לעבן. עס איז אַ זייער שרעקלאַכער קלאַפּ. עס האָט געמוזט קומען, נאָר איך ווייס אַז עס איז בעסער איך זאָל אים מער קיינמאָל ניט זען, איך וויל דאָס אויך ניט, עס דערפֿילט מיך מיט גרויל“.

אַרויסגייענדיק פֿון תפיסה איז ווײַלד געווען פֿאַרהעלטניס־מעסיג געזונט. דאָס וואָס ער איז דאָרט געוואָרן מאָגערער און

זיך צוגעוואוינט צו רעגעלמעסיקייט, האט אים געטאן גוט. אויך זיין גייסט איז געווען פריש, ווי דאס באווייזן זיין „דע פראפונ־דיס" און די באלאדע. נאר קומענדיק צוריק פון נעאפל האט ער אנגעהייבן זינקען פיזיש און גייסטיק. זיין ווייב איז גע־שטארבן, אין זומער 1898, און דערמיט האבן זיך געענדיקט אלע זיינע האפנונגען אויף אן אייגענער היים, און צו זיין א טאַ־טע צו זיינע קינדער. אומזיסט האט אים פריינק העריס געזוכט צו ראטעווען דורך א רייזע אין דרום־פראנקרייך, וואו ער האט אים אויסגעהאלטן בכבוד א האלב יאר נאכאנאנד. זינט ער האט זיך געטראפן מיט דאגלאס'ן, האט זיך פון ווײלד'ן אפגעטאן זיין רוח הקודש. ער האט דארט פרובירט אנשרייבן א „בא־לאדע פון א פישער־אינגל", נאר ער האט ניט געקאנט מער אויפשרייבן קיין רעכטע שורה. זיינע שיינע פלענער, וואס ער האט געמאכט ביים שרייבן דעם „דע פראפונדיס" זיינען צורונ־נען. דאס שיין „נייע לעבן" פון וועלכן ער האט געטרוימט, האט דאגלאס געטויט. קיין צוריק איז פאר אים מער ניט געווען.

(די לעצטע ארבעט פון ווײלד'ס פעדער איז געווען אן ענג־לישע איבערזעצונג פון א געוויינלאכן פראנצויזישן ראמאן, „דער וואס שטארבט ניט". נאר ווײלד אליין האט זיך שוין דערנענטערט צו זיין סוף).

פאראכטעט און אויסגעשלאסן פון דער געזעלשאפט, איז ווײלד פארקראכן אין א ווינקל, אין א פאריזער ארים האטעל, ווי א פארוואונדעטע חיה. געלט האט זיך קיינמאל ביי אים לאנג ניט גע־האלטן. האט ער געהאט, האט ער געלעבט פארשווענדעריש. נאכדעם פלעגט ער א צייט עסן אין ביליקע רעסטאראנען און א סך שבור'ן.

ווען אלע זיינע הכנסות האבן זיך געענדיקט האט ער אנ־געהייבן זוכן געלט־מיטלען אויף אזוינע וועגן, וועלכע האבן גע־וויזן, אז ער איז שוין ביים סוף. מאדאם מעלבא דערציילט, אין אירע פריער דערמאנטע מעמוארן, ווי אזוי ווײלד האט איר דעמאלט באגעגנט אין פאריז. פון א גאסן־ראג איז ארויס א הויכער אפגעלאזענער מאן, מיט א בליק פון א פארפאלגטער חיה אין זיינע אויגן און צו איר געזאגט:

— מאדאם מעלבא — איר ווייסט ניט ווער איך בין?

איך בין אָסקאַר ווײַלד, און איך גײ טאָן אַ שרעקלאַכע זאַך. איך וועל בײַ אײַך בעטן געלט.

און ווען זי האָט אים דערלאַנגט דאָס פראַנצויזיש געלט, וואָס זי האָט בײַ זיך געהאַט, אַרום פופציג דאָלאַר, דערציילט זי, האָט ער שנעל געגעבן אַ כאַפּ, אַרויסגערעדט קורץ אַ דאַנק און פאַרשוואונדן. מער האָט ער זיך פאַר איר ניט געוויזן.

אַזוי איז דער פּרינץ פון לעבן געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ בעטלער און אַ שכור. ער פלעגט אַרומגיין אין זײַטיקע געס־לאַך, זיצן אין אָרימע קאַפייען באַדעקט דעם פּנים מיט אַ צײַ־טונג, ער זאָל ניט ווערן דערקענט פון אַן ענגלענדער און ווערן באַליידיקט אָדער אויסגעלאַכט.

אָן האָפנונג, אָן שום ציל אין לעבן, האָט ער געטרונקען גיפטיקן גרינעם אַבסינט און געררויכערט אָן אויפהער ביליקע פּאַפּיראָסן, וואָס האָבן דערנענטערט זײַן סוף. ער האָט ניט געשריבן און ניט געלייענט, בלויז גערעדט. און אויב ער האָט גע־פילט צו מוט, האָט ער גערעדט אַזוי שיין ווי אין די צײַטן פון זײַן העכסטן גלאַנץ. נאָר קוים האָט ער דערפילט, אַז מען דול־דעט אים בלויז ווי אַ קראַנק קינד, אַז עמיצער מײַדט אים אויס, איז גלײַך פאַרשוואונדן זײַן מוט, פלעגט ער ווערן שטיל, זיך אָפּגעזעגענען און פאַרשווינדן.

פאַר זײַנע נאָענטע פרײַנט ווי הערים פלעגט ער אַמאָל ריידן ווי נאַפּאָלעאָן אויף סענט העלענאַ : דערמאָנען זײַנע „גרויסע טעג", זײַנע שול־חברים, וואָס האָבן אַזוי פיל דערגרייכט פּאָליטיש. איינמאָל האָט ער געענדיקט מיט אַזאַ נבואה :

„אין פופציק אָדער הונדערט יאָר אַרום, וועט קיינער גאָר־ניט וויסן וועגן — — — —. צי זיי האָבן געלעבט אָדער זײַנען געשטאָרבן וועט פאַר אַלעמען זײַן גאַנץ עגאַל ; נאָר מײַנע קאָמעדיעס און דערציילונגען און די „באַלאַדע פון רעדינגער תּפיסה" וועלן זײַן באַוואוסט און געלייענט פון מיליאָנען, און אַפילו מײַן אומגליקלאַכער שיקזאַל וועט אַרויסרופן אַלגעמיינער סימפּאַטיע".

אָן אַנדערש מאָל ריידנדיק וועגן די לײַדן, וועלכע באָזי (אַל־פרעד דאָגלאַס) האָט אים פאַרשאַפט, האָט ווײַלד באַמערקט :

„אַמאָל האָב איך געמיינט איך בין באַלעבאָס פון מײַן לעבן; דער האַר פון מײַן שיקזאַל, וואָס קאָן טאָן וואָס מיר געפעלט

און וועל תמיד זיין דערפֿאַלגרייך. איך בין געווען ווי אַ גע־קרוינטער קעניג, ביז איך האָב אים באַגעגנט, און איצט בין איך אַ פֿאַרטריבענער, אַן ארויגעשפּיגענער און אַ פֿאַראַכטעטער.

„איך האָב פֿאַרלאָרן מיין וועג אין לעבן; די פֿאַרבייגייער חוזק'ן אַלע אָפּ פֿון מיר, און די מענטשן, וואָס איך האָב גע־ליבט, שמייסן מיר מיט געמיינע באַליידיקונגען און פֿאַראַכטונג. עס איז ניטאָ קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע פֿון אַזאַ פֿאַרראַט, קיין פֿאַראַרעל. איך בין געענדיקט. עס איז שוין איצט אויס מיט מיר — אַלץ! איך האָף דער סוף וועט קומען גיך“.

דער סוף איז געקומען גיכער ווי ער האָט דערוואַרט. אָנ־הייב 1900 האָט ער אָנגעהייבן ליידן פֿון אַ מיאוסע קראַנקהייט און זיין קערפּער איז געוואָרן באַדעקט מיט מיאוסע געשווירן, אַ רעזולטאַט פֿון זיין ניט נאָרמאַלן לעבן. דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ וואונד אין קאָפּ, אַ דאַנק די פֿאַרברעכערישע תפיסה־דאָקטוירים. זיי האָבן אים געצוואונגען אַ קראַנקן גיין אין קאַ־פּעלע, איז ער דאָרט געפֿאַלן. אַ גאַנץ ווינטער האָט אים געבלור־טיקט און געשמערצט דער אויער, נאָר ער איז געווען דאָרט ווי אַ צושראָקן קינד און שוין מורא געהאַט זיך ווענדן צו אַ דאָק־טאָר. ארויסגייענדיק פֿון תפיסה איז ער געווען טויבלאָך אויף יענעם אויער און געליטן קאָפּשמערצן. צולעצט האָט זיך דאָרט אַנטוויקלט אַ טומאָר, און עס איז געווען נויטיק אַן אָפּעראַציע. די דאָקטוירים האָבן אים אויך געהייסן זיך היטן מיטן עסן, ניט שכורן, ניט רייכערן, נאָר ווײַלד'ן האָט מער קיין זאַך ניט גע־קימערט. האָט זיין קערפּער ניט אויסגעהאַלטן און געפּלאַצט. ער איז געשטאָרבן (דעם 30טן נאָוועמבער 1900) מיט אַ שרעק־לאַכער עקספּלאָזיע און מען האָט געמוזט פֿאַרברענען אַפילו די בעטגעוואַנט אויף וואָס ער איז געלעגן. דער נביא פֿון שיינ־קייט איז געשטאָרבן דעם העסלאַכסטן טויט.

איידער ער האָט פֿאַרלאָזן זיין לעבן וועלכן ער האָט גע־פֿלאַנט מאַכן פֿאַר אַ קונסטווערק, האָט דער גרויסער געצנדינער, דער קלאַסישער גריך, זיך געבוקט צום צלם, און זיך געטויפֿט פֿאַר אַ קאַטאָליק.

קיין פֿאַראַדנע לויה האָט מען ניט געמאַכט פֿאַרן געוועז־זענעם קעניג פֿון לעבן. דער טאָג איז געווען קאַלט און מיאוס און בלויז זיינע עטלעכע נאָנטע פֿריינט האָבן אים באַגלייט צו אַ

ביליקן בית הקברות הינטערן שטאָדט, וואו מען האָט אים אוועקגע־לייגט צווישן אַ סך אַזוינע ווי ער, עלנטע און אויסגעשלאָסענע פון לעבן.

דער באַזיצער פון אָרימען האָטעל, וואו ווײַלד איז געשטאָר־בען, האָט געמאַכט דעם צימער, אין וועלכן ווײַלד האָט פאַר־בראַכט זײַנע לעצטע טעג, פאַר אַ „ווײַלד־מוזיי". דאָרט זײַנען אויסגעשטעלט אַלע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכות צום קינסטלער און זײַנע ווערק.

ניין יאָר שפּעטער, דעם 20טן יולי 1909, האָט ראָבערט ראָס (ווײַלד'ס טרייער פרײַנט, וועלכער האָט אויסגעצאָלט ווײַלד"ס אַלע חובות און געמאַכט פון ווײַלד'ס ווערק אַ הכנסה פון טויזנטער פונט אַ יאָר פאַר ווײַלד'ס קינדער) געלאָזט אויס־גראָבן ווײַלד'ס קערפּער פון דעם בית עולם פון די נאָמענלאָזע, און אים באַערדיקט אויף דער פּערלאַשעז, דער לעצטער מקום מנוחה פון אַ סך קינסטלער און געלערטע. שפּעטער האָבן ווײַלד'ס פאַרערער געלאָזט אויפשטעלן אויף זײַן קבר אַ פּראַכט־פולן מאָנומענט, געמאַכט פון דעם גרויסן אַמעריקאַניש־אידישן קינסטלער, יעקב עפּשטיין.

אויסער דעם קבר פון היינריך היינע ווערט קיין דיכטער־קבר, אין פּאַריז, ניט באַזוכט יערלאַך פון אַזוי פיל מענטשן ווי דער קבר פון אָסקאַר ווײַלד. זײַן טראַגעדיע האָט אים נאָכן טויט צוריקגעגעבן דאָס וואָס דאָס לעבן האָט פון אים אַזוי גרויזאַם צוגענומען — די ליבע און פאַרערונג פון די מיליאָנען.

ווײַלד'ס טראַגישער סוף האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מענטשן אויף זײַן קונסט. באַלד נאָך זײַן טויט האָט אָנ־געהייבן שטײַגן זײַן רום פון לאַנד צו לאַנד. בלויז אין זײַן היים, דאָרט וואו מען האָט אַזוי שווער געזינדיקט קעגן אים, האָט מען נאָך אַלץ ניט געטאָרט דערמאָנען זײַן נאָמען. נאָר ווען עס איז אַרויס דער „דע פּראָפונדיס" האָט זיך די לאַגע גאַנץ געענדערט אויך אין ענגלאַנד.

אויף מאָרגן נאָך דעם 23טן פעברואַר 1905, ווען דער „דע פּראָפונדיס" האָט זיך באַוויזן אין לאָנדאָן, איז ווײַלד צוריק אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף זײַן פּעדעסטאַל, „אויב ניט נאָך העכער". מען האָט איבער דאָס ווערק גערעדט ניט בלויז אין

קינסטלער־קרייזן, אין קלובן און סאַלאָנען, נאָר אויך אין אוני־ווערזיטעטן און קירכן. „דע פּראָפונדיס“ איז געוואָרן אַ מין ביבל, וועלכע מען האָט ציטירט, אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מוס־טער. די גאַנצע ענגלישע פּרעסע איז געפאַלן כורעים פאַר דעם טויטן ליב, וועמען מ'האָט ביים לעבן באַהאַנדלט ערגער ווי אַ הונט. דאָס בוך איז אַרויס אין פּאָפּולערע אויסגאַבן און דער נאָמען ווײַלד איז געוואָרן באַזונדערס באַליבט ביי די אָרימע מאַסן, וועלכע פאַרשטייען אַזוי גוט וואָס עס מיינט ליידן און ווייסן מער פון אַלעמען ווי אָפּצושעצן דעם דיכטער פון צער און לייד.

זינט יענער צייט איז דער נאָמען אָסקאַר ווײַלד ניט מער קיין שימפּף־וואָרט אין ענגלאַנד, נאָר, ווי אין דער גאַנצער וועלט, אַ סימבאָל פון דער טיפסטער טראַגעדיע — די טראַגעדיע פון דעם זונענגאָט אַפּאָלאָ, וואָס איז געוואָרן אַן איוב, דער קעניג פון לעבן, וואָס האָט אַרונטערגענידערט ביז צו די טיפסטע טיפע־נישן פון גיהנם — און פון דער שענסטער האָפנונג — די האָפ־נונג אויף ווידערדערוואַכונג, אויף דעם ענדלאַכן זיג פון גוטס איבער בייז, פון גערעכטיקייט איבער עולה.

דאָס וואָס ווײַלד האָט ניט געקאָנט דערגרייכן אין זיין גליק, דאָס האָט אים געלונגען איז זיין לייד: צו מאַכן פון זיך אַליין אַ קונסטווערק, אַ סימבאָל פאַר אַלע צייטן.

ק. מרמר

ניו יאָרק, פעברואַר 1926.

דע פּראָפּונדים

קעניגלאַכע תפיסה, רעדינג

ליבער באָזי!

נאָך לאַנגן און פּרוכטלאָזן שווייגן האָב איך באַשלאָסן אַליין צו דיר שרייבן, אין דיין אינטערעס אַזוי גוט ווי אין מיינעם; ווייל איך וואָלט ניט וועלן טראַכטן, אַז איך האָב פאַרבראַכט צוויי לאַנגע אַרעסטאַנטן־יאָרן, ניט קריגנדיק קיינמאָל פון דיר אַן איינציקע שורה אָדער וועלכער ס'איז מיטיילונג, אָדער כאָטש אַ גרוס, אַ חוץ די וואָס האָבן מיר פאַראורזאַכט יסורים.

אונזער אומגליקלאַכע און העכסט באַקלאַגנסווערטע פּריינט־שאַפט האָט זיך פאַר מיר געענדיקט מיט חורבן און עפנטלאַכער שאַנד. דאָך קומט אָפט צו מיר די עראינערונג פון אונזער אַמאָלי־קער ליבשאַפט, און זייער טרויעריק איז פאַר מיר דער געדאַנק, אַז עקל, ביטערקייט און פאַראַכטונג זאָלן פאַרנעמען כסדר אַ פּלאַץ אין מיין האַרץ וואו עס האָט פריער פאַרנומען די ליבע. איך דיינק, אַז דו אַליין וועסט אויך פילן ביי זיך אין האַרצן, אַז ס'איז בעסער שרייבן צו מיר, ווען איך ליג אין דער איינזאַמקייט פון תפיסה־לעבן, איידער צו פאַרעפנטלאַכן מיינע בריוו אָן מיין הסכמה, אָדער מיר צו ווידמען לידער ניט אָנגעפרעגטערהייט, הגם די וועלט וועט גאָר ניט וויסן פון די ווערטער פון צער אָדער ליידנשאַפט, פון גע־וויסנביסן אָדער גלייכגילטיקייט, וואָס דו וועסט אויסוויילן צו שיקן פאַר דיין ענטפער אָדער דיין פאַרענטפערונג.

עס איז ניטאָ ביי מיר קיין ספק אַז אין אָט דעם בריוו וועלכן איך האָב צו שרייבן איבער דיין לעבן און מיינעם, איבער דער פאַר־גאַנגענהייט און דער צוקונפט, איבער זיסע זאַכן וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ביטערקייט, און איבער ביטערע זאַכן, וואָס קאָנען זיך אפשר פאַרוואַנדלען אין פרייד, וועט שטיין אַ סך וואָס וועט פאַרוואונדן דיין גאווה ביזן בלוט. זאָל זיך דאָס אַרויס־ווייזן אַזוי, טאָ לייען איבער דעם בריוו נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל ביז ער וועט טויטן דיין גאווה.

אויב דו געפינסט עפּעס אין מיין בריוו אַזוינס, וואָס מאַכט

דיך פילן אז דו ווערסט באשולדיקט אומגערעכטערהייט, טאַ געדיינק זשע, אז מ'דאַרף זיין דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס ס'זיינען דאָ אַזוינע פעלערן, פאַר וועלכע מ'קאָן ווערן באַשולדיקט אומגערעכטערהייט. אויב דאָרט געפינט זיך אַיין איינציקע שטעלע, וואָס רופט ארויס טרערן אין דיינע אויגן, טאָ ווייז, אזוי ווי מיר וויינען אין תפיסה, וואו דער טאָג ניט ווייניקער ווי די נאַכט, איז באַשטימט פאַר טרערן. דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס קאָן דיך ראַטעווען. אויב דו גייסט זיך באַקלאָגן צו דיין מאַמען, ווי דו האָסט געטאָן צוליב דער פאַראַכטונג, וואָס איך האָב אויסגעדריקט קעגן דיר אין מיין בריוו צו ראָבין, כדי זי זאָל דיר שמייכלען און ווידער איינוויגן אין זעלבסטגעפעליקייט און איבערשעצונג, אזוי ביזטו גאַנץ פאַרלאָרן. אויב דו געפינסט פאַר איר איין תאלשע אַנטשולדיקונג, אזוי וועסטו באַלד געפינען אַ הונדערט, און זיין גענוי דאָס וואָס דו ביזט געווען פריער.

טענה'סט נאָך אַלץ, ווי דו האָסט געזאָגט אין דיין ענטפער צו ראָבי'ן, אַז איך שרייב דיר צו „אומווירדיקע מאָטיוון"? אַ! דו האָסט ניט קיין מאָטיוון אין לעבן. דו האָסט געהאַט בלויז אַפּעטיטן. אַ מאָטיוו איז אַ גייסטיק ציל.

ביסט געווען „זייער יונג", ווען אונזער פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן? ניין, דיין חסרון איז ניט געווען וואָס דו האָסט געוואוסט צו ווייניק וועגן לעבן, נאָר וואָס דו האָסט געוואוסט צופיל. דאָס מאָרגנרויט פון אינגל־יאָרן מיט זייער צאַרטער בליאונג, זייער קלאָרן ריינעם ליכט, זייער אומשולדיקע און דערוואַרטונגספולע פרייד, האָסטו איבערגעלאָזן ווייט הינטער זיך. מיט זייער געשווינדע און לויפנדיקע טריט ביזטו אַריבער פון ראָמאַנטיק צו רעאַליזם. דער רינשטאָק און די זאַכן וואָס לעבן אין אים האָט אָנגעהויבן דיך באַצויבערן. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון די צרות, אין וועלכע דו האָסט געזוכט מיין הילף; און איך, ניט קלוגערהייט, לויט דעם וואָס גילט אויף דער וועלט פאַר קלוגשאַפט, האָב זי דיר געגעבן פאַר רחמנות און גוטסקייט.

דו מוזט דורכלייענען אָט דעם בריוו פון אָנהויב ביזן סוף, מעג אויך יעדעס וואָרט זיין פאַר דיר ווי דער פייער אָדער דער מעסער פון כירורג, וואָס מאַכט ברענען אָדער בלוטן דאָס צאַרט פלייש. געדיינק, אַז דער נאַר אין די אויגן פון די געטער און דער נאַר אין די אויגן פון מענטשן זיינען גאַנץ פאַרשידן. איינער וואָס וויים

גאָרנישט פון די פאָרמען פון קונסט אין איר אנטפלעקונג, אָדער די פאָרמען פון דיינקען אין זיין אַנטוויקלונג, פון דעם גלאַנץ פון לאַטיינישן פערז אָדער פון דער קלאַנגפולער מוזיק פון דעם וואָקאַלרייכן גריכיש, פון טאָסקאַנישער סקולפּטור אָדער עליזאַבעטישער ליריק, קאָן דאָך זיין פול מיט דער זיסטער קלונשאַפט. דער עכטער נאַר, אַזאַ פון וועמען די געטער מאַכן חוזק אָדער פאַרדאַרבן אים, איז דער, וואָס קען זיך אַליין נישט. איך בין געווען אַזעלכער צו לאַנג. דו ביסט געווען אַזעלכער צו לאַנג. זיי דאָס נישט מער. האָב קיין מורא נישט. די העכסטע זינד איז אויבערפלעכלאַכקייט. אַלץ וואָס קומט צום באַוואוסטזיין, איז ריכטיק. געדיינק אויך, אַז וואָס דיר איז שמערצלאַך צו לייענען איז מיר נאָך שמערצלאַכער אויפצושרייבן.

די אומזיכטבאַרע כחות זיינען געווען זייער גוט צו דיר. זיי האָבן דיר דערלויבט צו זען די מאָדנע און טראַגישע געשטאַלטן פון לעבן, אַזוי ווי מ'זעט שאָטנס אין אַ קרישטאָל. דער קאָפּ פון מעדוזאַ, וואָס פאַרוואַנדלט לעבעדיקע מענטשן אין שטיין, איז דיר געווען דערלויבט אָנצוקוקן בלויז אין שפּיגל. דו אַליין האָסט זיך אַרומגעשפּאַצירט פריי צווישן בלומען. בעת פון מיר איז געוואָרן אַוועקגענומען די שיינע וועלט פון פאַרב און באַוועגונג.

איך וועל אָנהויבן דערמיט, דיר צו זאָגן, אַז איך מאַך זיך שרעקלאַכע פאָרוואורפן. בעת איך זיץ דאָ אין אָט דער פינסטערער צעל אין אַרעסטאַנטסקע קליידער, אַ ערנלאָזער און רואינירטער מאַן, טאַדל איך זיך אַליין. אין די אומרואיקע נעכט פון אַנגסט־אַנפאַלן, אין די לאַנגע מאָנאָטאָנע טעג פון פּיין, טאַדל איך זיך אַליין. כ'וואַרף זיך פאָר וואָס איך האָב דערלויבט גאַנץ צו באַהערשן מיין לעבן אַן אומגייסטיקע פריינטשאַפט, אַ פריינטשאַפט וועמעס העכסטער ציל איז געווען נישט די שאַפונג און באַטראַכטונג פון שיינע זאַכן.

באַלד פון אָנהויב אָן איז צווישן אונז געווען אַ צו טיפער אָפּגרונט. דו ביזט געווען פויל אין שול, ערגער ווי פויל אין אוניווערזיטעט. דו האָסט נישט באַגריפן, אַז אַ קינסטלער, און בפרט אַזאַ קינסטלער ווי איך בין, אַזוי צו זאָגן, איינער, ביי וועמען דער ווערט פון דער אַרבעט הייננט אָפּ פון דער אינעוויינינקסטער קראַפט פון דער פערזענלאַכקייט, וואָס האָט נויטיק פאַר די אַנטוויקלונג פון זיין קונסט דעם אומגאַנג מיט אידייען, אַ גייסטיקע

אטמאספערע, רו, פרידן און איינזאמקייט. דו האסט באוואוס־דערט מיינע ארבייטן בעת זיי זיינען געווען פארטיק; דו האסט זיך אמוזירט ביי די גלענצנדיקע דערפאלגן פון מיינע פרעמיער־אווענטן און די פרעכטיקע באנקעטן, וואס האבן זיי נאכגע־פאלגט. דו ביזט, גאנץ נאטירלאך, געווען שטאלץ צו זיין דער אינטימער פריינט פון א קינסטלער וואס האט זיך אזוי אויסגע־צייכנט; נאר דו האסט ניט געקאנט פארשטיין די באדינגונגען וואס זיינען דוכאוים נויטיק פאר דער פראדוצירונג פון קינסטלערי־שע ווערק.

איך רייד ניט אין פראזן פון מליצה׳דיקער איבערטרייבונג, נאר אין ווערטער פון אבסאלוטן אמת, וואס זיינען באגרינדעט אויף ווירקלאכע פאקטן, ווען כ׳דערמאן דיר, אז אין משך פון דער גאנצער צייט וואס מיר זיינען געווען צוזאמען האב איך קיינמאל ניט אויפגעשריבן קיין איינציקע שורה. סיי אין טארקוויי, גא־רינג, לאנדאן, פלארענץ, איז מיין לעבן געווען גאנץ אומפרוכט־באר און שאפונגסלאז, אזוי לאנג ווי דו ביזט געווען ביי מיין זייט. און ס׳טוט מיר לייד צו זאגן, אז מיט בלויז ווייניקע אונטערברעכונגען ביזטו געווען שטענדיק ביי מיין זייט.

איך דערמאן זיך, צום ביישפיל, אין סעפטעמבער, 1893, כדי בלויז אויסצואווילן איין פאל פון א סך, האב איך געדונגען עקסטרא עטלאכע מעבלירטע צימערן, כדי צו קאנען ארבייטן אומגעשטערט. איך האב געבראכן מיין קאנטראקט מיט דזשיין הייר, וועמען איך האב צוגעזאגט א פיעסע, און וועלכער האט געפאדערט די באלדיקע דורכפירונג. אין משך פון דער ערשטער וואך האסטו זיך ניט געלאזט ווייזן. מיר האבן זיך טאקע, גאנץ נא־טירלאך, צעמפערט איבער דעם קינסטלערישן ווערט פון דיין איי־בערזעצונג פון „סאלאמע״. דו האסט זיך דערפאר באנוגנט מיט שיקן מיר נארישע בריוו וועגן דעם. אין אט דער וואך האב איך געשריבן און פארענדיקט ביז דער קלענסטער איינצלהייט דעם ערשטן אקט פון „אן אידעאלער מאן״, אזוי ווי ס׳איז סוף כל סוף געווארן דורכגעפירט. אין דער צווייטער וואך ביזטו צוריקגעקומען, און מיין ארבעט איז געווען אויפגעגעבן. יעדן פארמיטאג, ארום 11.30 פלעג איך קומען נאך סט. דזשיימס פליים כדי צו האבן א געלעגנהייט נאכצודיינקען און שרייבן אן דער שטערונג, וואס איז אומצושיידבאר פון אן אייגענער היים, ווי שטיל און פרידלאך

אַט די היים איז געווען. נאָר דער פאַרזוך איז געווען נוצלאָז. אום צוועלף אזייגער פלעגסטו קומען צופאָרן און בלייבן, רויכערן ציגאַרעטן און פלוידערן, ביז אזייגער 1.30. נאָכדעם פלעג איך דיך מוזן מיטנעמען פאַר לאַנטש אין קאַפע ראָיאַל אָדער אין בערקלי. דער לאַנטש מיט זיינע שנאַפּסן פלעגט געוויינלאַך דויערן ביז אזייגער 3.30. אויף אַ שעה פלעגסטו זיך צוריקציען אין ווייט׳ס קלוב. צו טיי־צייט פלעגסטו זיך ווידער באַווייזן און בלייבן ביז ס׳איז געווען צייט זיך איבערצוטאָן פאַרן דינער. דו האָסט געגעסן מיט מיר, אָדער אין סאַוואָי אָדער אין טאַיט־סטריט. געוויינלאַך פלעגן מיר זיך ניט שיידן ביז נאָך האַלבער נאַכט, ווייל אַ סאַפּער ביי ווילסן האָט געמוזט פאַרענדיקן דעם באַרוישנדיקן טאָג. דאָס איז געווען מיין לעבן אין משך פון יעדע דריי חדשים, יעדער איינציקער טאָג, אַ חוץ די פיר טעג ווען דו ביזט געווען אין אויסלאַנד. האָב איך דעמאָלט, זעלבסט פאַרשטענדלאַך, געמוזט צופאָרן נאָך קאַלע און דיך צוריקברענגען. פאַר אַ מענטשן פון מיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט איז די לאַגע געווען לעכערלאַך און טראַגיש צוגלייך.

דו מוזט ז׳אָס איצט געווים באַגרייפן. דו מוזט איצט איינזען, אַז דיין אומפייאיקייט צו זיין אַליין, דיין נאַטור וואָס איז אַזוי צודרינגלאַך אין איר פאָדערן און אין אויפהער די אויפמערקזאַמקייט און די צייט פון אַנדערע; דיין ניט קאָנען אָנהאַלטן אַ דויערנדיקע גייסטיקע קאָנצענטראַציע; דער אומגליקלאַכער צופאַל — ווייל כ׳וועל ניט גערן דאָס אָנעמען פאַר מער — וואָס דו ביזט ניט געווען אימשטאַנד זיך צו דערוועַרבן דעם „אָקספאָרדער טעמפּעראַמענט״ אין גייסטיקע זאַכן. כ׳מיין, ביזט קיינמאָל ניט געווען אַזעלכער וואָס קאָן זיך שפּילן חנ׳עוודיק מיט אידייען, נאָר ביזט בלויז געקומען צו שלעכטע מיינונגען. — אַז אַט די אַלע זאַכן, פאַראייניקט מיטן פאַקט וואָס דיינע וואונטשן און אינטערעסן זיינען געווען אין לעבן און ניט אין קונסט, איז געווען אַזוי רואינירנדיק פאַר דיין קולטור־פאָרשריט ווי פאַר מיין קינסטלערישער אַרבייט. ווען איך פאַרגלייך מיין פריינטשאַפט מיט דיר צו מיין פריינטשאַפט מיט נאָך אינגערע מענער, ווי דזשאָן גריי, און פּיער לואי, שעם איך זיך. מיין אמת לעבן, מיין העכער לעבן האָט געהערט זיי און זייער גלייכן.

פון די שוידערהאַפטע פאָלגן פון מיין פריינטשאַפט מיט דיר,

רייד איך איצט ניט. כ'דיינק בלויז פון איר עצם אזוי לאנג ווי זי האָט געדויערט. גייסטיק איז זי געווען אומווירדיק פאַר מיר. דו האָסט געהאַט די ערשטע יסודות פון אַ קינסטלערישן טעמפּעראַמענט. נאָר איך האָב דיך באַגעגנט אָדער צו שפּעט, אָדער צו פרי — כ'ווייס ניט וועלכער פאַל דאָס איז. ווען דו ביזט אַוועק פון מיר בין איך געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין. אין דעם מאָמענט. אָנהויב דעצעמבער פון יענעם יאָר, אויף וועלכען איך האָב פריער אָנגעדייט, ווען עס איז מיר געלונגען צו באַוועגן דיין מאַמען זי זאָל דיך אַוועקשיקן פון ענגלאַנד, האָב איך ווידער צוזאַמענגענומען דעם צעריסענעם און פאַרפּלאָנטערטן געוועב פון מיין פאַנטאַזיע, האָב ווידער גענומען מיין לעבן אין מיינע אייגענע הענט, און פאַרענדיקט ניט בלויז די איבעריקע דריי אַקטן פון „אידעאַלן מאַן", נאָר אויך פאַרטראַכט און כמעט פאַרענדיקט צוויי אַנדערע פּיעסן פון אַ גאַנץ פאַרשידענעם מין: „די פלאָרענטינישע טראַגעדיע" און „לאַ סענט קורטיזאַן". פּלוצלונג ביזטו געקומען אַ היים, ניט געבעטענערהייט, ניט ווילקאָמען, און אונטער אומשטענדן וואָס זיינען געווען געפערלאַך פאַר מיין גליק. איבערלאָזנדיק די צוויי ווערק ניט פאַרענדיקט בין איך שוין ניט געווען מער אימשטאַנד זיי ווידער אויפצונעמען. די שטימונג וואָס האָט זיי געשאַפן האָב איך ניט געקאָנט מער צוריקקריגן. איצט, נאָכדעם ווי דו האָסט אַליין פאַרעפנטלאַכט אַ באַנד לידער, וועסטו זיין אימשטאַנד צו אָנערקענען דעם אמת פון דאָס אַלץ וואָס איך האָב דאָ געזאָגט.

אויב דו קאָנסט דאָס אָדער ניט: בלייבט דאָס אַלס שוידערלאַכער אמת אין סאַמע האַרצן פון אונזער פריינטשאַפט. אזוי לאַנג ווי דו ביסט געווען ביי מיר, ביזטו געווען דער אַבסאָלוטער פאַרדאַרב פון מיין קונסט; און דערפאַר וואָס איך האָב דיך געלאָזן שטיין דויערהאַפט צווישן דער קונסט און מיר, באַדעק איך זיך מיט חרפּה און מאַך זיך פאַרוואורפן אין פולער מאָס.

דו האָסט ניט געקאָנט אָפּשעצן, האָסט ניט געקאָנט וויסן, האָסט ניט געקאָנט פאַרשטיין. איך האָב ניט געהאַט קיין רעכט, דאָס איבערהויפּט צו דערוואַרטן פון דיר. דיינע וואונטשן זיינען געווען פשוט פאַר תענוגים, פאַר געוויינלאַכע אָדער ווייניקער געוויינלאַכע פאַרגעניגנס. זיי זיינען געווען דאָס אין וואָס דיין טעמפּעראַמענט האָט זיך גענויטיקט, אָדער געדיינקט ער נויטיקט זיך פאַרן אויגנבליק. איך האָב דיר געדאַרפט פאַרווערן מיין הויז און מיינע אַרבעט־צי־

מערן, אויסער ווען איך לאַד דיך איין ספּעציעל. איך טאָדל זיך באַדינגונגסלאָז פאַר מיין שוואַכקייט. דאָס איז געווען בלויז שוואַכקייט. איין האַלבע שעה מיט דער קונסט איז אַלע מאָל געווען פאַר מיר מער ווי אַ תקופה מיט דיר. אין פאַרגלייך מיט קונסט האָט ווירקלאַך קיין זאַך און קיין צייט פון מיין לעבן ניט געהאַט פאַר מיר דעם מינדסטן אינטערעס. נאָר אין דעם פאַל פון אַ קינסטלער, איז שוואַכקייט ניט ווייניקער ווי אַ פאַרברעכן ווען דאָס איז אַזאַ שוואַכקייט וואָס פּאַראַליזירט די פאַנטאַזיע.

איך טאָדל זיך אַליין וואָס איך האָב דיר געלאָזן מיר ברייננגען צום פולן ענדלאָזן פינאַנציעלן צוזאַמענברוך. איך דערמאָן זיך אַ פאַרמיטאָג אָנהויב אָקטאָבער 1892, ווען איך בין געזעסן ביי דיין מאַמען אין די געל ווערנדיקע וועלדער פון ברייקנעל. דעמאָלט האָב איך נאָך ווייניק געוואוסט פון דיין עכטער נאַטור. איך האָב פאַרבראַכט ביי דיר אין אָקספאָרד פון אַ שבת ביז מאָנטיק. דו ביזט געווען ביי מיר צען טעג אין קראָמער און האָסט געשפּילט גאָלף. דער שמועס איז אַרויפגעקומען אויף דיר; און דיין מאַמע האָט אָנגעהויבן מיט מיר צו ריידן איבער דיין כאַראַקטער. זי האָט מיר דערציילט פון דיינע צוויי הויפּט חסרונות: דיין פּוסטע גאוה און דאָס, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, וואָס דו האָסט ניט „קיין השגה פון געלט". כ'דערמאָן זיך געגוי, ווי כ'האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער ערשטער חסרון וועט מיך פירן אין תפיסה און דער צווייטער צו באַנקראָט. כ'האָב געהאַלטן גאוה פאַר אַ מין רייצנדיקע בלום, וואָס אַ יונגערמאַן טראָגט; וואָס איז שייך פאַרשווענדונג — ווייל איך האָב געדיינקט, אַז דיין מאַמע מיינט ניט מער ווי פאַרשווענדערשקייט — אַזוי ליגן די מדות פון אויסגערעכנטקייט און שפּאָרזאַמקייט ווייט פון מיין אייגענער נאַטור אָדער פון מיין שטאַם. נאָר איידער אונזער פריינטשאַפט איז אַלט געווען אַ חודש האָב איך אָנגעהויבן איינצוזען וואָס דיין מאַמע האָט ווירקלאַך געמיינט. דיין באַשטיין אויף אַ לעבן פון זאָרגלאָזן פאַרשווענדן; דיינע אומאויפהערלאַכע געלט־פאָדערונגען: דיין פאַרלאַנגען איך זאָל באַצאָלן פאַר אַלע דיינע פאַרגעניגנס, סיי איך בין מיט דיר אָדער נים, האָבן מיר אין אַ קורצער צייט געבראַכט אין ערנסטע געלט־שוועריקייטן; און דאָס וואָס האָט אָט די פאַרשווענדונג געמאַכט פאַר מיר, על כל פנים, אַזוי מאָ-

נאַטאַניש ניט־אינטערעסאַנט, בעת דיין האַרטנעקיגער דרוק אויף מיין לעבן איז אַלץ געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער, איז געווען דער אומשטאַנד וואָס דאָס געלט איז געוואָרן אויסגעגעבן זעלטן פאַר עפּעס אַנדערש ווי פאַר די תענוגים פון עסן, טרינקען און דאָס גלייכן.

פון צייט צו צייט איז אַ פרייד צו האָבן דעם טיש רויט פון וויין און רויזן ; נאָר דו ביזט אַוועק ווייט פאָראויס פון יעדן גע־שמאַק און מעסיקייט. דו האָסט געפאָדערט אָן העפלאַכקייט און גענומען אָן דאַנק. ביסלאַכווייז האָסטו אָנגעהויבן מיינען, אַז די האָסט אַ מין רעכט צו לעבן אויף מיין חשבון, אין אַ פאַרשווענדע־רישן לוקסוס צו וועלכן דו ביזט קיינמאָל ניט געווען געוואוינט, און צוליב אָט דער סיבה זיינען דיינע אַפּעטיטן געוואָרן אַלץ שטאַרקער. און צולעצט, ווען דו האָסט פאַרלאָרן געלט שפּילנדיק אין אַ קאַסינאָ אין אַלזשיר, האָסטו אויף מאָרגן מיר פּשוט טעלעגראַ־פירט נאָך לאָנדאָן, איך זאָל צושטעלן דיין באַנק די סומע וויפל דו האָסט פאַרלאָרן. מער האָסטו כּלל ניט געטראַכט וועגן דעם.

ווען איך זאָג דיר, אַז פון האַרבסט 1892 ביז צו דער צייט פון מיין ווערן אַריינגעזעצט אין תּפיסה, האָב איך מיט דיר און פאַר דיר אויסגעגעבן אין באַר געלט מער ווי 5000 פונט. ניט רעכענענדיק די שולדן וואָס איך האָב געמאַכט, אַזוי קאָנסטו באַ־קומען אַ פאָרשטעלונג פון דעם לעבן, וואָס דו האָסט דורכאַיים גע־וואָלט פירן. גלויבסטו, אַז איך טרייב איבער ? מיינע געוויינלאַכע אויסגאַבן מיט דיר פאַר אַ געוויינלאַכן טאָג אין לאָנדאָן — פאַר לאָנטש, דינער, סאַפּער, פאַרגעניגנס, דראָשקעס, און דאָס איבעריי־קע — האָבן באַטראָפן צווישן 12 און 20 פונט. די וועכנטלאַכע אויסגאַבן זיינען געווען נאַטירלאַך לויט אָט דער פּראָפּאָרציע און האָבן זיך באַוועגט צווישן 80 און 130 פונט. פאַר אונזערע דריי חדשים אין גאָרינג האָבן באַטראָפן מיינע אויסגאַבן (אַריינגע־רעכנט זעלבסטפאַרשטענדלאַך די דירה געלט) 1,340 פונט. טריט ביי טריט האָב איך געמוזט דורכגיין מיט דעם באַנקראָט־פאַר־וואַלטער יעדן פּונקט פון מיין לעבן.

דאָס איז געווען שוידערהאַפט. „איינפאַך לעבן און הויך דיינ־קען" איז הפּנים געווען אַ אידעאַל וואָס דו האָסט ניט געקאָנט אָפּשאַצן אין יענער צייט. נאָר אַזאַ פאַרשווענדונג איז געווען אַ אַ חרפּה פאַר אונז ביידן. איינער פון די אָנגענעמסטע דינערס, וואָס

איך דערמאַן זיך ווען צו האָבן געהאַט, איז געווען דער, וואָס איך און ראָבי האָבן געהאַט צוזאַמען אין אַ קליינעם קאַפּע אין סאַהאָ, וואָס האָט געקאָסט אַזוי פיל שילינגס וויפיל עס האָבן געקאָסט אין פונטן מיינע דינערס מיט דיר. פון אַט דעם דינער מיט ראָבי איז אַרויסגעקומען דער ערשטער און בעסטער פון אַלע מיינע דיאַלאָגן. אידייע, נאָמען, באַהאַנדלונג, פאָרם, אַלץ איז געוואָרן אויסגעפּלאַנט ביי אַ שפּייז־קאַרטע צו דריי און אַ האַלב פראַנק. פון די אומזיניקע דינערס מיט דיר איז גאָרנישט געבליבן אַ חוץ די ערינערונג אַז ס'איז געוואָרן צופיל געגעסן־געטרונקען.

מיין נאָכגעבן דיינע פאַרלאַנגען איז געווען פאַר דיר אַ רעה. דו ווייסט דאָס איצט. דאָס האָט דיך אָפט געמאַכט שטעלן גרויסע פאָדערונגען: אַן אַנדערשמאָל גאָר אומבאַרעכנט: אַלע מאָל אומאַנגענעם. ביי גאָר אַ סך געלעגנהייטן איז געווען אַ קנאַפּער תענוג אָדער כבוד דיך צו האָבן פאַר אַ גאַסט. דו האָסט פאַרגעסן — איך וויל ניט זאָגן: די פאָרמעלע העפלאַכקייט צו דאַנקען, ווייל פאָרמעלע העפלאַכקייט וועט צופיל אָנשטריינגען אַ נאָענטער פריינטשאַפט — נאָר פּשוט, דעם חן פון ליבער געזעלשאַפט, דעם צויבער פון אַנגענעמער אונטערהאַלטונג, דאָס „טערפּנאָן קאַלאָן". ווי די גריכן האָבן דאָס אָנגערופן, און אַלע יענע איידעלע מענטשלאַכקייטן וואָס מאַכן דאָס לעבן ליבנסווערט, און זיינען אַ באַגלייטונג צום לעבן, ענלאַך ווי מוזיק, האַלטנדיק זאַכן אין טאָן און אָנפילנדיק מיט מעלאָדיע די קלאַנגלאָזע אָדער שטומע שטעלן. און הגם דיר קאָן אויסזען מאָדנע, אַז עמיצער אין דער שרעקלאַכער לאַגע אין וועלכער איך געפין זיך, זאָל מאַכן אַן אונטערשייד צווישן איין חרפּה און אַן אַנדערער בין איך דאָך אָפן מודה, אַז די נאַרישקייט, אַרויסצוּוואַרפן אַט דאָס גאַנצע געלט אויף דיר, און לאָזן דיר צו טאַכלעווען מיין פאַרמעגן צו דיין שאָדן אַזוי גוט ווי צו מיינעם, גיט צו אין מיינע אויגן אַ טאָן פון געמיינער פאַרדאָרבנקייט צו מיין באַנקראָט וואָס מאַכט מיך זיך שעמען דאָפּלט. איך בין געווען געשאַפן פאַר אַנדערע זאַכן.

נור מער פון אַלץ וואַרף איך זיך פאָר וואָס איך האָב דיך געלאָזט ברענגען די פולע עטישע דערנידערונג אויף מיר. דער יסוד פון כאַראַקטער איז ווילנסקראַפט, און מיין ווילנסקראַפט איז געווען אין גאַנצן אונטערטעניק פון דיינעם. דאָס קלינגט לעבערלאַך אַזוי צו זאָגן, נאָר דאָס איז דערפאַר ניט וויניקער

אמת. אַט די אומאויפהערלאַכע סצענעס, וואָס שיינען צו זיין פאַר דיר אַ פיזישער באַדערפניש, און אין וועלכע דיין גייסט און קער־פער ווערן פאַרקרימט און דו ווערסט אַ זאַך וואָס איז שרעקלאַך אַנצוקוקן אַזוי ווי צוצוהערן: אַט די שוידערלאַכע מאַניע האָסטו געירשנט פון דיין פאָטער: די מאַניע צו שרייבן אויפרייצנדיקע, עקלהאַפטע בריוו: דיין גאַנצער מאַנגל אין וועלכער ס'איז קאָנ־טראָל איבער דיינע געפילן ווי דאָס ווייזט זיך אַרויס אין דיינע לאַנגע בייזע שטימונגען פון האַרטנעקיגן שווייגן, ניט ווייניקער ווי אין די פלוצלינגע אויסברוכן פון אַ כמעט עפילעפּטישן צאָרן: אַט די אַלע זאַכן איבער וועלכע איינער פון מיינע בריוו צו דיר, דעם וואָכ דו האָסט געלאָזן ליגן אין סאַוואָי אָדער אין אַן אַנדער האָטעל, און איז געוואָרן פאַרגעלייגט פאַרן געריכט פון דיין טאַ־מע'ס אַדוואָקאַט, האָט אַנטהאַלטן אַ בקשה אין וועלכער ס'פעלט ניט קיין פּאַטאָס, ווען דו וואָלסט דעמאָלט געווען בכח צו דער־קענען דעם פּאַטאָס אין זיינע גרונט־יסודות אָדער אין זיינע אויס־דרוק־פאָרמען — אַט די זאַכן, זאָג איך, זיינען געווען דער אָנהויב און די אורזאַכן פון מיין אומגליקלאַכן נאָכגעבן דיר אין דיינע טעגלאַך וואַקסנדיקע פאָדערונגען. דו האָסט מיר אָפּגענוצט. דאָס איז געווען דער נצחון פון דער קלענערער איבער דער גרעסע־רער נאַטור. ס'איז געווען אַ פאַל פון יענער טיראַניי פון דעם שוואַכן איבער דעם שטאַרקן, וואָס איך האָב געשילדערט ערגעצוואו אין מיינע פּיעסן אַלס „די איינציקע טיראַניי וואָס דויערט".

און דאָס האָט געמוזט אַזוי זיין. אין יעדער שייכות פון צוזאַמענלעבן מיט אַנדערע מוז מען געפינען אַ געוויסן „מאָיען דע וויווער" *) אין דיין פאַל האָט מען געמוזט דיר אַלץ נאָכ־געבן, אָדער דיך אויפגעבן. ס'איז ניט געבליבן קיין אַנדער אויס־וואַל. צוליב טיפער, הגם אומגליק בריינגנדיקער ליבע צו דיר: צוליב גרויס רחמנות מיט די פעלערן פון דיין נאַטור און כאַראַק־טער; צוליב מיין אייגענער שפּריכווערטלאַכער גוטמוטיקייט און קעלטישער פוילקייט; צוליב קינסטלערישער אַפּנייגונג קעגן מגושמדיקע סצענעס און מיאוסע ווערטער; צוליב דער פאַר מיר דעמאָלט כאַראַקטעריסטישע אומפּיאיקייט, צו טראָגן אַ האַרץ אויף עמיצן; צוליב ווידערווילן, צו זען דאָס לעבן פאַרמירט ביטער

*) לעבנסמעגלאַכקייט.

און העסלאך, דורכדעם, וואס מיר, וואס האט זיינע אויגן באמת אנגעשטעלט אויף אנדערע זאכן, האט דאס אויסגעזען בלויז קלייניקייטן, צו אומוויכטיק פאר מיר נאכצודיינקען אדער זיך אינטערעסירן דערמיט אן אויגנבליק; — צוליב אט די מאטיוון מעגן זיי קלינגען צו איינפאך, האב איך דיר אלעמאל נאכגעגעבן. ווי א נאטירלאכער רעזולטאט זיינען אלע מאל אומפארנונפטיקער געוואקסן דיינע פארלאנגען, דיין שטרעבן צו הערשן, דיינע פאדערונגען וואס ארויסצורייסן. דיין געמיינסטער פארלאנג, דיין נידעריקסטע תאוה, דיינע מגושמדיקע ליידנשאפטן זיינען געווארן פאר דיר געזעצן פון וועלכע אנדערע מענטשן דארפן זיך צו יעדער צייט לאזן פירן, און וועמען זיי זאלן, אויב נויטיק, ווערן אויפגעאפפערט אן שום ריקזיכטן. אזוי ווי דיר איז געווען באוואוסט, אז דו האסט געדארפט בלויז מאכן א סצענע כדי דורכצופירן אלע מאל וואס דו ווילסט, איז דאס געווען גאנץ נאטירלאך, וואס — כמעט אומבאוואוסט, ווי איך צווייפל ניט אין דעם — דו זאלסט פארגרעסערן די געוויינלאכע געוואלטאטן ביז איבער דער מאס. צום סוף האסטו שוין גאר ניט געוואוסט צו וועלכן ציל דו איילסט זיך אדער וואסער צוועק עס שוועבט דיר פאר. נאכדעם ווי איך האב דיר געשטעלט צום דינסט מיין זשעני, מיין ווילנסקראפט און מיין פארמעגן, האסטו פארלאנגט אין דיין בלינדער אומדערזעטלאכער גיריקייט מיין גאנצן זיין. דו האסט דאס גענומען. אין דעם מאמענט פון מיין לעבן וואס איז געווען דער סאמע העכסטער און טראגישערווייז דער קריטישער, גראד איידער איך האב אונטערגענומען דעם באקלאגנסווערטן טריט, אנצוהויבן מיין נארישן פראצעס, האט מיר פון איין זייט אנגעגריפן דיין פאטער מיט מיאוסע קארטלאך, וואס ער האט איבערגעלאזן אין מיין קלוב, פון דער אנדערער זייט האסטו מיך אנגעגריפן מיט ניט ווייניקער עקלהאפטע בריוו. דעם בריוו וואס איך האב געקראגן דעם פרימארגן פון יענעם טאג, ווען איך האב זיך געלאזט פון דיר שלעפן צו דער פאליציי, כדי דוכצופירן דעם לעכערלאכן ארעסט־באפעל קעגן דיין פאטער, איז געווען איינער פון די ערגסטע וואס דו האסט ווען געשריבן, און טאקע צוליבן שענדלאכסטן מאטיוו.

צווישן אייך ביידן האב איך פארלארן דעם קאפ. מיין אורטיילס־קראפט האט מיך פארלאזן. דער פחד האט פארנומען איר שטעל. איך האב ניט געזען קיין מעגלאכקייט צו אנטרינען, ווי איך

וויל אָפּט זאָגן, פון אייך ביידן, בלינד האָב איך זיך באַוועגט אַהין ווי דער אָקס צום שלאַכטהויז.

איך בין באַגאַנגען אַן אומגעהויערן טעות. איך האָב אַלע מאָל געדיינקט, אַז מיין נאָכגעבן דיר אין קליינינקייטן מיינט גאָר־נישט; אַז ווען עס וועט קומען אַ גרויסער מאָמענט וועל איך קאָנען ווידער לאָזן ווירקן מיין ווילנס־קראַפט אין איר נאַטירלאַכער שטאַר־קייט. נאָר אין לעבן איז באמת ניטאָ קיין גרויסע אָדער קליינע זאַך. אַלע זאַכן זיינען פון גלייכן ווערט און פון גלייכער גרויס. מיין געוואוינהייט, — צוערשט אַ רעזולטאַט פון גלייכגילטיקייט — דיר נאָכצוגעבן אין אַלץ, איז אומבאַמערקלאַך געוואָרן אַ פּאַק־טישער טייל פון מיין כאַראַקטער. אָן מיין וויסן האָט עס גע־שטעמפּלט מיין טעמפּעראַמענט צו אַ שטענדיקער און אומגליק־לאַכער שטימונג. אָט דערפאַר זאָגט פּייטער אין דעם פיינעם נאָכוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע פון זיינע עסייען, אַז „דורכ־פאַלן מיינט אָננעמען געוואוינהייטן". ווען ער האָט דאָס ארויס־געזאָגט האָבן די טעמפּע לייט אין אָקספאָרד געמיינט, אַז דער זאַץ איז בלויז אַן אבזיכטלאַכער איבערדרייען פון דעם עטוואָס לאַנגווייליקן נוסח פון אַריסטאָטעל'ס „עטיק", נאָר אין דעם איז פאַרבאָרגן אַ וואונדערלאַכער, שרעקלאַכער אמת. איך האָב דיר געלאָזן אונטערגראָבן מיין כאַראַקטער־שטאַרקייט, און ביי מיר האָט זיך ארויסגעוויזן דאָס אָננעמען פון אַ געוואוינהייט ניט בלויז אַ דורכפאַל נאָר אַ חורבן. עטיש ביזטו געווען פאַר מיר נאָך פאַר־דאַרבלאַכער ווי דו ביזט דאָס געווען קינסטלעריש.

נאָכדעם ווי דער באַפעל צו אַרעסטירן איז שוין געווען אויסגעפילט האָט זעלבסטפאַרשטענדלאַך דיין ווילן אַלץ געקע־רעוועט. אין דער צייט וואָס איך האָב געדאַרפט זיין אין לאָנדאָן, זיך באַראַטן מיט ספּעציאַליסטן און נאָכדיינקען רואיק איבער דער מיאוסער פּאַסטקע אין וועלכער איך האָב מיך געלאָזט כאַפּן — די נאַראָנים־פּאַסטקע, ווי דיין פאָטער רופט זי אָן ביז היינטיקן טאָג — ביזטו באַשטאַנען אויף דעם, איך זאָל דיך נעמען קיין מאָנ־טע קאַרלאָ, גראָד אין דעם עקלהאַפטסטן פּלאַץ אויף גאָטס ערד, כדי דו זאָלסט קענען שפּילן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי לאַנג ווי די קאַסינאָ איז אָפן. וואָס מיר באַטרעפט — אַזוי ווי באַקאַראַט האָט פאַר מיר קיין אינטערעס ניט — בין איך געבליבן אין דרויסן. דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט צו דיסקוטירן

אפילו פאר פינף מינוט צייט די לאגע צו וועלכער דו און דיין טאטע האבן מיך געבראכט. מיין עסק איז געווען בלויז צו באצאלן דיינע האטעל־אויסגאבן און דיינע פארלוסטן. די קלענסטע אנדייטונג אויף דעם גהינום־פיין, וואס מיר דערווארט, איז געווארן באטראכט פאר לאנגווייליק. א נייער מין שאמפאניער וואס מען האט אונז רעקאמענדירט האט געהאט פאר דיר מער אינטערעס.

ביי אונזער צוריקקער נאך לאנדאן האבן די פון מיינע פריינט, וואס האבן באמת געוואלט מיין טובה, מיר באשווארן צו אנטלויפן נאך אויסלאנד, און ניט ארויספאדערן אן אוממעגלאכן משפט. דו האסט זיי אונטערגעשטעלט געמיינע מאטיוון פאר געבן מיר אזא עצה, און מיר פייגהייט, פאר זיך איינהערן דערצו. דו האסט מיך געצוואונגען צו בלייבן; דאס אויסצוקעמפן חוצפה׳דיק, אויב מעגלאך, אין געריכט, דורך געשמאקלאזע און נארישע ליגנס. צום סוף בין איך, נאטירלאך, געווארן ארעסטירט, און דיין טאטע איז געווארן דער העלד פון טאג. יא, נאך מער ווי דער העלד פון טאג. דיין פאמיליע, רעכנט זיך איצט, קאמיש גענוג, צו די אומשטערבלאכע: ווייל מיט דער גראטעסקער ווירקונג, וואס איז צוגלייך א גאטישער טייל פון דער געשיכטע, און מאכט קליא׳ן פאר דער ווייניקער ערנסטער פון אלע מוזעס, וועט דיין טאטע פארטזעצן צו לעבן פאר אלע צייטן אונטער די גוטע פרומע עלטערן פון דער אונטער־האלטונגס ליטעראטור. דיין פלאץ איז ביים קינד שמואל; און איך זיץ אין טיפסטן זומפ פון מאלעבאלגע צווישן זשיל דע רעס און מארקיז דע סאד.

נאטירלאך האב איך זיך געדארפט פון דיר באפרייען. איך האב דיך געדארפט אפטרייסלען פון מיין לעבן, ווי איינער טרייסלט אפ פון זיין בגד, דאס וואס האט אים געשטאכן.

אין דער וואונדערבארסטער פון אלע זיינע טראגעדיעס, דער־ציילט אונז עסכיל פון דעם גרויסן האר וואס דערציט אין זיין הויז א יונגינקן לייבל („לעאנטאס אינין") און ליבט אים, ווייל ער פאלגט נאך זיין רוף מיט לייכטנדיקע אויגן, און, ווען ער וויל שפייז, טוליעט ער זיך צו אים („פאיבראפאס פאטי ביירא סאינאנטא גאסטראס אנאקסאיס"), און די בריה איז אויסגע־וואקסען און ארויסגעוויזן די איינגעבארענע נאטור (עדאיס טא פראס טאקעאן"), און האט פארניכטעט זיין האר און זיין הויז און אלצדינג וואס ער האט געהאט.

כ'פיל, איך בין געווען אזא ווי ער. נאָר מיין חסרון איז גע־ווען, ניט דאָס וואָס איך האָב זיך ניט אָפּגעשיידט פון דיר, נאָר דאָס וואָס איך האָב זיך אָפּגעשיידט פון דיר צו אָפּט.

אויף וויפל איך קען זיך דערמאָנען, האָב איך אַלע דריי חדשים רעגלמעסיק אָפּגעבראָכן מיין פריינטשאַפט מיט דיר. און יעדעס מאָל ווען איך האָב אַזוי געטאָן האָסטו דורכגעפירט דורך דרינגענדיקע געבעטן, טעלעגראַמעס, בריוו, דער פאַרמיטלונג פון דיי־נע פריינט, דער פאַרמיטלונג פון מיינע פריינט, און דאָס גלייכן. מיר צו באַוועגן איך זאָל דיר לאָזן קומען צוריק.

ווען דו האָסט, סוף מערץ 1893, פאַרלאָזן מיין הויז אין טאָרקוויי, האָב איך געהאַט באַשלאָסן, קיינמאָל מער ניט צו ריידן מיט דיר און אונטער קיינע אומשטענדן דיר ניט מער דערלויבן, צו זיין ביי מיר. אַזוי אויפרעגנדיק איז געווען די סצענע וואָס דו האָסט געמאַכט אין דעם אָוונט פאַר דיין אָפּפאָרן. שריפטלאַך און טעלעגראַפיש האָסטו מיר געבעטן פון בריסטאָל, איך זאָל דיר מוחל זיין און מיט דיר צוזאַמענקומען.

דיין אוניווערזיטעט־לערער, וואָס איז דאָרט געבליבן, האָט מיר געזאָגט, ער גלויבט, אַז צייטנווייז קאָן מען דיך בכלל ניט מאַכן פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דאָס וואָס דו רעדסט און טוסט, און די מערסטע, אויב ניט אַלע, סטודענטן פון מעדעליין־קאָלעדזש זיינען מיט דער זעלבער מיינונג.

איך האָב איינגעוויליקט צוזאַמענצוקומען מיט דיר, און האָב דיר נאַטירלאַך מוחל געווען. אויפן וועג נאָך לאָנדאָן האָסטו מיר געבעטן צו גיין מיט דיר אין סאַוואָי. דאָס איז באמת געווען פאַר מיר אַ פאַטאַלער באַזוך.

דריי חדשים שפּעטער, אין יוני, זיינען מיר געווען אין גאָ־רינג. אייניקע פון דיינע אָקספאָרדער באַקאַנטע זיינען געקומען אויף באַזוך פון שבת ביז מאָנטיק. אין דעם פאַרמיטאָג פון זייער אָפּפאָרן, האָסטו געמאַכט אַזאַ שרעקלאַכע, אַזאַ שמערצלאַכע סצע־נע, אַז איך האָב דיר געזאָגט, מיר מוזן זיך שיידן. איך דערמאָן זיך גאַנץ גוט, בעת מיר זיינען געשטאַנען אויף דעם גלייכן קראָ־קעט־פּלאַץ, ארומגערינגלט פון די שיינע רויזן, ווי אַזוי איך האָב דיר דערקלערט, אַז מיר פאַרגאַלן איינער דעם אַנדערנס לעבן, אַז דו רואינירסט מיינעם אין גאַנצן און זיכער באַגליק איך דיך אויך ניט, און אַז דאָס צושיידן זיך אויף שטענדיק און דאָס פּר־

לע פאנאנדערגיין זיך, וועט זיין די קלוגע און פילאזאפישע זאך, וואס מיר דארפן טאן. דו ביזט אוועק א בייזער צום לאנטש און האסט איבערגעלאזן ביים בארדינער א בריוו אנגעפיקעוועט מיט באליי־דיקונגען, ער זאל מיר אים איבערגעבן נאך דיין אפפארן. עס זיי־נען נאך ניט אריבער קיין דריי טעג, האסטו פון לאנדאן טעלע־גראפיש געבעטן איך זאל דיר מוחל זיין און לאזן קומען צוריק.

דיר צוליב האב איך דארט גענומען די דירה. אויף דיין פארלאנג האב איך אנגעשטעלט דיין אייגענער דינערשאפט. עס האט מיר תמיד זייער וויי געטאן, וואס דו פאלסט א קרבן פון דעם העסלאכסטן געמיט־צושטאנד. איך האב דיך ליב געהאט. איך האב דיך דערפאר געלאזן קומען צוריק און דיר מוחל געווען. דאך דריי חדשים שפעטער, אין סעפטעמבער, האבן זיך אפגעשפילט נייע סצענעס. די סיבה דערפון איז געווען, וואס איך האב דיר אנגעוויזן אויף שול־אינגלאכשע פעלערן אין דיין פארזוך איבער־צוזעצן „סאלאמע".

דו מוזט איצט געווים קאנען גענוג פראנצויזיש צו וויסן אז די איבערזעצונג איז געווען אזוי אומווירדיק פאר דיר, אלס אן אקספאר־דער אקאדעמיקער, פונקט ווי פאר דאס בוך, וואס זי האט געהאט בדעה איבערצוגעבן. על כל פנים האסטו דאס דעמאלט ניט גע־וואוסט, און אין איינעם פון דיינע גערייצטע בריוו, וועלכע דו האסט מיר געשריבן אין דער אנגעלעגנהייט, האסטו געזאגט, אז דו שטייסט ניט קעגן מיר אונטער „קיין שום גייסטיקער פארפליכ־טונג". איך געדיינק נאך: בעת איך האב געלייענט אט די באַ־הויפטונג, האב איך געפילט, אז דאס איז ווירקלאך דער איינציי־קער אמת, וואס דו האסט מיר געשריבן אין גאנצן משך פון אונ־זער פריינטשאפט. איך זע איין, אז א ווייניקער געבילדעטער מענטש וואלט פאר דיר בעסער געטויגט. איך זאג דאס ניט אויף קיין כאל אין פארביטערונג, נאר בלויז אלס פאקט וואס גילט פאר יעדער חבר'שער באציאונג. אין לעצטן באטראכט איז די אונטער־האלטונג דער בונד פון יעדער חבר'שער באציאונג, סיי אין פאמיליע־לעבן און סיי אין דער פריינטשאפט; און אן אונטערהאלטונג מוז האבן א געמיינשאפטלאכן יסוד, און צווישן צוויי מענטשן פון וייט פארשידענער בילדונג איז דער איינציק מעגלאכער פונדאמענט דער נול־פונקט.

די קליינקייטן אין דיינקען און האנדלען זיינען מלא חן. איך

מאט האָס געמאַכט פאַרן יסוד פון אַ זייער גייסטרייכע, איין פּיעסן און פּאַראַדאָקסן אויסגעשפּראָכענע פילאָזאָפיע. נאָר די פּוסטקייט און נאַרישקייט פון אונזער לעבן האָט מיך אָפּט זייער געלאַנגווייליקט: מיר האָבן זיך באַגעגנט בלויז אין זומפּ: און ווי שרעקלאַך אַנציִענדיק עס איז געווען די איינציקע טעמע אַרום וועלכער דיין שמועס האָט זיך שטענדיק געדרייט, איז דאָס סוף כל סוף געוואָרן פאַר מיר גאַנץ מאָנאָטאָן. גאָר אָפּט האָט מיר פון איר געלאַנגווייליקט ביז צום טויט, נאָר איך האָב דאָס אָנגענומען, אַזוי ווי דיין ליידענשאַפּט פאַר מוזיק־האָלס אָדער דיין מאַניע פאַר אומזיניקע פאַרשווענדונגען אין עסן און טרינקען, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פון דיינע פאַר מיר ווייניקער חנ'עוודיקע אייגנשאַפטן, אַזוי צו זאָגן, ווי עפּעס אַ זאַך וואָס מען מוז דורכמאַכן — אַ טייל פון דעם הויכן פּרייז, וואָס מען האָט געמוזט צאָלן פאַרן זיין באַקאַנט מיט דיר.

ווען איך בין נאָך מיין צוריקקער פון גאָרינג אַוועק אויף פערצן טעג נאָך דינאַרד, ביזטו געווען זייער בייז אויף מיר פאַרוואָס איך האָב דיך ניט מיטגענומען. פאַר מיין אָפּפאָרן האָסטו צוליב דעם געמאַכט ניט קיין מחיה'דיקע סצענעס אין אַלבעמאַרל־האָטעל און האָסט מיר אויך געשיקט ניט קיין דערקוויקנדיקע טעלעגראַמעס אין לאַנד־הויז וואו איך האָב פאַרבראַכט עטלאַכע טעג.

איך האָב דיר געזאָגט, ווי איך געדיינק, אַז איך האַלט דאָס פאַר דיין חוב, אַז דו זאָלסט בלייבן אַ געוויסע צייט ביי דיינע קרובים, נאָכדעם ווי דו האָסט אַ גאַנץ זומער פאַרבראַכט ווייט פון זיי. נאָר פאַקטיש, צו זיין מיט דיר גאַנץ אָפן, האָב איך דיך אונטער קיינע אומשטענדן ניט געקאָנט לאָזן זיין ביי מיר.

מיר זיינען געווען צוזאַמען כמעט צוועלף וואָכן. איך האָב געדאַרפט רו און באַפרייאונג פון דעם שרעקלאַכן דרוק פון דיין געזעלשאַפט. עס איז פאַר מיר געווען נויטיק צו זיין אַ ווײַלע אַליין. דאָס איז געווען נויטיק אין גייסטיקער באַציאונג. און אַזוי — איך בין זיך מודה — האָב איך געזען אין דיין בריוו, פון וועלכן איך האָב ציטירט, אַ גוטע געלעגנהייט, צו פאַרענדיקן די אומגליקלאַכע פריינטשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען צווישן אונז, און טאַקע איר צו פאַרענדיקן אָן ביטערקייט, ווי איך האָב דאָס פּרובירט מיט אַ פערטל יאָהר פריער אין אַ ליכטיקן יוני־פרימאָרגן אין גאָרינג. נאָר עס איז מיר געוואָרן דערקלערט — איך פיל זיך

פאַרפּליכטעט דאָס צו זאָגן ערלאַך: פון איינעם פון מיינע אייגענע פריינט, צו וועלכן דו האָסט זיך געווענדט אין דיין אומאַנגענעמער לאַגע, — אַז דו ביזט טיף פאַרוואונדעט, מעגלאַך אַפילו דערנידעריקט, ווען מען שיקט דיר אָפּ צוריק דיין אַרבעט ווי אַ שול־קאָמפּאָזיציע; אַז איך דערוואַרט פון דיר גייסטיק פיל צופיל: און אַז וואָס דו זאָלסט ניט האָבן געשריבן אָדער געטאָן, ביזטו דאָך געווען גאַנץ אַנטשיידן איבערגעגעבן פאַר מיר.

איך האָב געוואוסט גאַנץ גוט, אַז דיין איבערזעצונג, אַפילו זי זאָל שטאַמען פון אַ דיכטער, איז ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן געטרוי די פאַרב און דעם טאָן פון מיין ווערק. איבערגעגעבנהייט האָט מיר אויסגעזען, זעט מיר נאָך אויס, עפּעס וואונדערליכעס, וואָס מען דאַרף ניט אַוועקוואַרפן אַזוי לייכט, דערפאַר האָב איך צוריקגענומען די איבערזעצונג און דיך.

געטרייע דריי חדשים שפּעטער, נאָך אַ רייַ סקאַנדאַלן, וואָס האָבן דערגרייכט זייער קלימאַקס אין איינעם מער אויפרייצנדיקן ווי נעבעכלאַך... וויינלאַך, בעת דו ביזט איין מאָנטיק אָוונט געקומען צו מיר אין הויז אין באַגלייטונג פון צוויי פון דיינע פריינט, האָב איך זיך געפונען דעם קומענדיקן פרימאָרגן בוכשטאַבלאַך לויפנדיק קיין אויסלאַנד, כדי צו אַנטלויפן פון דיר. איך האָב געגעבן מיין פאַמיליע אַן אידיאָטישן תירוץ פאַר מיין פלוצלינגן אָפּפאָרן און האָב איבערגעלאָזן ביי מיין באַדינער אַ פאַלשן אַדרעס אויס מורא דו זאָלסט מיר ניט נאָכפאָלגן מיטן קומענדיקן צוג.

און איך געדיינק נאָך, אַז אין אָט דעם נאָכמיטאָג, בעת איך בין געזעסן אין אייזנבאַן־וואַגאָן און זיך געיאָגט קיין פּאַריז, האָב איך נאָכגעדיינקט, אין וואָס פאַר אַן אומעגלאַכע שרעקלאַכע, גאַנץ קרומע לאַגע מיין לעבן האָט דערגרייכט, ווען איך, אַ מאַן פון וועלט־רום זאָל זיין געצוואונגען צו אַנטלויפן פון ענגלאַנד, כדי פּטור צו ווערן פון אַ פריינטשאַפט, וואָס רואינירט אין מיר גאָר דאָס גוטע, פון גייסטיקן אָדער עטישן שטאַנדפּונקט. דערביי איז געווען דער מענטש, פאַר וועלכן איך בין אַנטלאָפן, ניט קיין שרעקלאַך באַשעפעניש, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון בלאָטע און שמוץ אין מאָדערנעם לעבן, נאָר דו, אַ יונגערמאַן פון מיין אייגענעם ראַנג און שטאַנד, וואָס האָט באַזוכט דעם זעלבן קאָלעדזש וואָס איך אין אָקספאָרד און איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט אין מיין הויז.

די געוויינלאכע טעלעגראמען מיט געבעטן און געוויסנביסן האבן נאכגעפאלגט. איך האב זיי ניט גענומען אין אכט. צום סוף האסטו געסטראשעט דערמיט, אז אין פאל איך וועל ניט איינ־וויליקן זיך צוזאמענקומען מיט דיר, ועסטו אונטער קיינע אומשטענ־דען ניט פארן נאך מצרים. איך אליין האב, מיט דיין וויסן, געבעטן דיין מאמען, דיך אוועקצושיקן פון ענגלאנד קיין מצרים, ווייל דו מאכסט צו שאנד דיין לעבן אין לאנדאן. איך האב געוואוסט, אז אויב דו פארסט ניט, וועט דאס זיין פאר איר א שרעקלאכע אנ־טוישונג, און פון אירטוועגן בין איך מיט דיר צוזאמענגעקומען, און אונטער דעם איינפלוס פון גרויס אויפרעגונג, וועלכע אפילו דו קאנסט ניט האבן פארגעסן, האב איך מוחל געווען די פאר־גאנגענהייט, הגם איך האב גארניט גערעדט מכח דער צוקונפט.

צוריקגעקערט נאך לאנדאן דעם קומענדיקן טאג, בין איך געזעסן אין מיין צימער און געזוכט טרויעריק און ערנסט צו ווערן קלאר מיט זיך אליין, אויב דו ביזט באמת דאס, וואס דו זעסט מיר אויס, אדער ניט; אזוי פיל שרעקלאכע חסרונות, אזוי דורכ־אויס פארדארבלאך פאר זיך אליין ווי פאר אנדערע, אזא פאטא־לער באקאנטער און חבר.

א גאנצע וואך נאכאנאנד האב איך נאכגעדיינקט וועגן דעם און זיך געפרעגט, אויב איך בין אין גרונט ניט אומגערעכט, און שאץ דיך אפ פאלש. צום סוף פון דער וואך איז אנגעקומען א בריוו פון דיין מאמען. ער האט אויסגעדריקט אין דעם זעלבן גראד יעדן געפיל, וואס איך האב געהאט וועגן דיר. זי האט דארט גערעדט מכח דיין בלינדער איבערגעטריבענער גאות. וואס מאכט דיך פאראכטן דיין היים און באהאנדלען דיין עלטערן ברור־דער — אט די „קאנדיסימא אנימא" *) — ווי א „פיליסטער"; פון דיין געמיט־צושטאנד, וואס האט איר אנגעפילט מיט אנגסט, צו ריידן מיט דיר איבער דיין לעבן, דאס לעבן, וואס דו פירסט, ווי זי האט געפילט, ווי זי האט געוואוסט; איבער דיין באנע־מען אין געלט אנגעלעגנהייט, וואס איז איר געווען שמערצלאך מער ווי אין איין הינזיכט; מכח דער דעגענערירונג און פאר־ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין דיר. דיין מוטער האט זעלבסט־פארשטענדלאך איינגעזען, אז די פארערבונג האט אויף דיר ארויפ־

---

*) אויפריכטיקע זעל.

נעפּעקלט אַ מורא'דיקע ירושה, און זי זאָגט דאָס אַרויס אָפן, זאָגט דאָס אַרויס מיט שרעק: ער איז „דער איינציקער פון מיינע קינדער, וואָס האָט גע'ירשנ'ט דעם אומגליקלאַכן דאָגלאַס־טעמפּעראַמענט", האָט זי געשריבן פון דיר. צום סוף דריקט זי זיך אויס, אַז זי פילט זיך פאַרפליכטעט צו דער דערקלערונג, אַז דיין פריינטשאַפט מיט מיר האָט נאָך איר מיינונג אַזוי פאַרגרעסערט דיין פּוסטן שטאָלץ, אַז ער איז געוואָרן דער קוואַל פון אַלע דיינע פעלערן. און זי בעט מיך ערנסט, איך זאָל מיט דיר ניט צוזאַמענקומען אין אויסלאַנד.

איך האָב איר גלייך געענטפערט און איר געזאָגט, אַז איך שטים איין פולשטענדיק מיט איר יעדן וואָרט. איך האָב נאָך צוגעגעבן אַ סך מער. איך בין געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי דאָס איז נאָר געווען מעגלאַך. איך האָב איר געזאָגט, אַז אונזער פריינטשאַפט שטאַמט פון דיינע אָקספאָרדער שטודענטן־טעג, ווען דו האָסט זיך געווענדט צו מיר מיט דער בקשה, דיר צו העלפן אין אַ זייער ערנסטן אומגליק פון אַ באַזונדער מין. איך האָב איר געזאָגט, אַז דיין לעבן איז תמיד געווען פול מיט אַזוינע צרות. די שולד פון דיין רייזע נאָך בעלגיע האָסטו געוואָרפן אויף דיין מיט־רייזנדן, און דיין מאַמע האָט מיר געמאַכט פאַרוואורפן, למאי איך האָב דיר באַקאַנט מיט אים. איך האָב אַרויפגעלייגט די שולד צוריק אויף די ריכטיקע פּלייצעס: אויף דיינע אייגענע. צום סוף האָב איך איר פאַרזיכערט, אַז איך האָב ניט געהאַט די מינדסטע אַבזיכט, צו טרעפן דיך אין אויסלאַנד, און האָב איר געבעטן, זי זאָל פּרובירן, צו האַלטן דיך דאָרט, מינדסטנס צוויי־דריי יאָר, פאַר אַן עטאַשע אין אַ געזאַנדשאַפט, אין פאַל דאָס איז מעגלאַך, אָדער, ווען ניט, כּדי זיך אויסצולערנען שפּראַכן; אָדער צוליב וואָס פאַר אַ גרונט עס איז, וואָס זעט איר אויס גוט, און אין דיינע אינטערעסן אַזוי גוט ווי אין מיינע.

דערווייל האָסטו מיר געשריבן פון מצרים מיט יעדער פּאָסט. איך האָב ניט געשיינקט די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט צו קיינע פון דיינע מיטטיילונגען. איך האָב זיי איבערגעלייענט און צוריסן. איך האָב זיך פעסט אונטערגענומען, ניט צו האָבן מער מיט דיר קיין מגע און משא. מיין באַשלוס איז ניט געווען בייגזאַם, און איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט שמחה צו דער קונסט, וועמעס פאַרשריט איך האָב דיך געלאָזן אונטערברעכן.

נאָך דעם פאַרגיין פון אַ פערטל־יאָר, האָט מיר פּאַקטיש דיין מאַמע אַליין געשריבן מיט יענער אומגליקלאַכער, פאַר איר כאַראַקטעריסטישער ווילן־שוואַכקייט, וואָס פאַרנעמט אין דער טראַגעדיע פון מיין לעבן אַ ניט קלענערן פאַטאַלן פּלאַץ ווי די געוואַלטיקייט פון דיין טאַטן. זי שרייבט מיר — אויף דיין פאַרלאַנג, ווי איך האָב נאַטירלאַך ניט געצווייפלט, — אַז דו ביזט זייער נייגעריק צו הערן פון מיר, און זי שיקט מיר דיין אַדרעס פון אַטען, וועלכן איך האָב זעלבסט־פאַרשטענדלאַך גאַנץ גוט געוואוסט, כדי איך זאָל ניט האָבן קיין שום תירוץ, ניט אַריינצוטרעטן מיט דיר אין שריפטלאַכער פאַרבינדונג.

איך גיב צו, אַז איך בין געווען שפּראַכלאָז פאַר דערשטוינונג איבער איר בריוו. איך האָב ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי זי, נאָכדעם, וואָס זי האָט מיר געשריבן אין דעצעמבער און וואָס איך האָב אויף דעם געענטפערט, קאָן עס גאָר פּרובירן, ווידער אויפצושטעלן אָדער צו באַנייען מיין אומגליקלאַכע פריינטשאַפט מיט דיר. איך האָב פונדעסטוועגן באַשטעטיקט איר בריוו און נאָכאַמאָל פאַרגעלייגט פאַר איר, זי זאָל פּרובירן קריגן פאַר דיר אַ שטעלע אין אַן אויסלענדישער געזאַנדשאַפט, כדי צו שטערן דיין צוריקקער נאָך ענגלאַנד. נאָר צו דיר האָב איך ניט געשריבן און ניט געצאָלט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דיינע טעלעגראַמען אַזוי ווי פריער, איידער דיין מאַמע האָט צו מיר געשריבן. צום סוף האָסטו טעלעגראַפירט צו מיין פרוי און איר געבעטן, זי זאָל אויסנוצן איר איינפלוס ביי מיר און מיך באַוועגן דיר ווידער צו שרייבן.

אונזער פריינטשאַפט איז תמיד געווען אַ קוואַל פון יסורים פאַר מיין ווייב: ניט בלויז דערפאַר וואָס זי האָט דיך פּערזענלאַך קיינמאָל ניט געקאָנט ליידן, נאָר וויל זי האָט געזען ווי דיין שטענדיקער חברותא האָט מיך געענדערט, און ניט צום בעסערן. דאָך, אַזוי ווי זי איז אַלע מאָל געווען העכסט גיטיק און גאַסטפריינטשאַפטלאַך קעגן דיר, האָט זי ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז איך בין ליבלאָז — וויל אַזוי איז דאָס איר פאַרגעקומען — קעגן איינעם פון מיינע פריינט. זי האָט געדיינקט, יאָ, געוואוסט, אַז דאָס ליגט ניט אין מיין נאַטור. אויף איר פאַרלאַנג האָב איך זיך געשטעלט מיט דיר אין פאַרבינדונג. איך געדיינק נאָך גאַנץ גענוי דעם ווערטלאַכן אינהאַלט פון מיין טעלעגראַם. איך האָב דעפּעשירט, אַז די צייט היילט יעדע וואונד,

דאַך וואָלט איך ניט געוואָלט שרייבן און ריידן צו דיר נאָך אַ סך חדשים.

דו ביזט גלייך אָפּגעפאָרן נאָך פּאַריז, מיר געשיקט פון וועג ליידנשאַפטלאַכע טעלעגראַמען און מיר געבעטן איך זאָל זיך מיט דיר אַלנפאַלס תיכף זען. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט דערפון. דו ביזט אָנגעקומען קיין פּאַריז שפּעט אין אַ שבת־צו־נאַכט און דו האָסט געפונען אין דיין האָטעל אַ קורצן בריוול פון מיר, וואָס האָט געזאָגט, אַז איך וואָלט דיך ניט וועלן זען. אויף מאָרגן האָב איך אין טאַיט־סטריט דערהאַלטן פון דיר אַ לאַנגן טעלעגראַם, אויף צען אָדער עלף זייטן. דו האָסט דאָרט דער־קלערט, אַז קיין אונטערשייד וואָס דו האָסט געטאָן קעגן מיר, קאָנסטו ניט גלויבן, אַז איך וועל זיך אָפּזאָגן אַבסאָלוט מיט דיר צו זען זיך; דו האָסט מיר דערמאָנט, אַז צוליב פאַרברייינגען מיט מיר כאָטש איין שעה, ביזטו געפאָרן זעקס טעג און זעקס נעכט איבער אייראָפּע און זיך ניט אָפּגעשטעלט איינמאָל אין וועג; דו האָסט, ווי איך מוז צוגעבן, געמאַכט אַ רירנדיקן אַפּיל, און גע־ענדיקט דערמיט, וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי אַן אפילו ניט קיין פאַרשלייערטע דראָאונג צו באַגיין זעלבסטמאָרד. דו אַליין האָסט מיר אָפט דערציילט, ווי אַ סך פון דיינע נאָנטע קרובים האָבן באַ־פלעקט זייערע הענט מיט זייער אייגן בלוט: זיכער דיין אָנקל, מעגלאַך דיין זיידע און אַ סך אַנדערע פון דעם משוגענעם בייזן שטאַם פון וועלכן דו קומסט אַרויס.

רחמנות, מיין אַלטע ליבע צו דיר, איינזעעניש מיט דיין מאַמען. פאַר וועלכער דיין טויט אונטער אַזוינע גרויל־האַפטע אומשטענדן וואָלט געווען אַ קלאַפּ כמעט צו גרויס פאַר איר אַריבערצוטראָגן. די אימה'דיקע פאַרשטעלונג, אַז אַזאַ יונג לעבן, און אייגער וואָס ניט קוקנדיק אויף אַלע זיינע מיאוסע פעלערן האָט דאָך אין זיך אַ פאַרשפּרעכן פון שיינקייט, זאָל קומען צו אַזאַ שוידערהאַפטן סוף, ריינע מענטשן־ליבע — אָט די אַלע זאַכן, אויב ס'זיינען אַנטשולדיקונגען, מוזן דינען פאַר אַן אַנטשולדיקונג פאַר וואָס איך האָב איינגעוויליקט דיר צו געבן איין לעצטן אינטערוויו.

ווען איך בין אָנגעקומען אין פּאַריז האָסטו דעם גאַנצן אָוונט געהאַלטן אין איין וויינען, און דיינע טרערן האָבן געפליצט ווי אַ רעגן איבער דיינע באַקן, בעת מיר זיינען געזעסן צוערשט ביים דינער ביי וואָזינס, און נאָכדעם צום סאַפּער ביי פּאַיאָרן. די אויפ־

ריכטיקע פרייד וואָס דו האָסט אַרויסגעוויזן ביים ווידערזען זיך מיט מיר ווען דו האָסט אַזוי אָפט ווי מעגלעך געהאַלטן מיין האַנט, אַזוי ווי אַ געהאַרכזאַם חרטה האָבנדיק קינד. דיין נידער־געשלאָגנקייט, אַזוי איינפאַך און ערנסט אין אַט דעם מאָמענט האָט מיך באַוועגט איינצואוויליקן צו באַנייען אונזער פריינטשאַפט.

צוויי טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן, האָט דיין פאָטער דיך געזען האָבן מיטאָג מיט מיר אין קאַפע ראָיאַל, האָט ער זיך געזעצט ביי מיין טיש, געטרונ־קען מיין וויין, און דעם זעלבן נאָכמיטאָג, דורך אַ בריוו געשיקט צו דיר, אָנגעהויבן זיין ערשטע אַטאַקע קעגן מיר...

עס מעג קלינגען מאָדנע, נאָר נאָך איינמאָל איז מיר גע־וואָרן אַרויפגעצוואונגען. איך וועל ניט זאָגן: די געלעגנהייט, נאָר די פליכט, זיך צו שיידן פון דיר. איך דאַרף דיר קוים דער־מאָנען, אַז איך רייד דאָ וועגן דיין אויפירונג קעגן מיר אין ברייטאָן, פון 10טן ביזן 13טן אָקטאָבער 1894. דריי יאָרן זיינען פאַר דיר אַ לאַנגע צייט צוריקצוקוקן, נאָר מיר, וועלכע לעבן אין תפיסה און אין וועמעס לעבן עס איז ניטאָ קיין אַנדער גע־שעעניש ווי ליידן, מוזן מעסטן די צייט לויט די פּולס־שלעג פון שמאַרץ און די רשימה פון ביטערע מאָמענטן. מיר האָבן ניט וועגן עפּעס וואָס אַנדערש צו טראַכטן.

ליידן — ווי מאָדנע דאָס קאָן דיר קלינגען — איז דאָס מיטל, דורך וועלכן מיר עקזיסטירן, ווייל דאָס איז דאָס איינציקע מיטל דורך וועלכן מיר ווערן זיך באַוואוסט פון דער עקזיסטענץ און די עראינערונג פון ליידן אין דער פאַרגאַנגענהייט איז פאַר אונז נויטיק ווי די רעכטפערטיקונג, דער באַווייז, אַז מיר זיינען כסדר די זעלביקע.

צווישן מיר און די עראינערונג פון פרייד ליגט אַן אָפּגרונט ניט ווייניקער טיף ווי יענער צווישן מיר און די פרייד אין איר קעגנוואַרטיקער ווירקלאַכקייט. וואָלט אונזער צוזאַמענלעבן געווען אַזוי ווי די וועלט האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט: פּשוט פון פאַר־גניגן, אויסגעלאַסנהייט און געלעכטער, אַזוי וואָלט איך ניט געווען בכח זיך צו דערמאָנען אַן איינציקע פּאַסירונג פון אים. דערפאַר ווייל דאָס איז געווען פון מאָמענטן און טעג, טראַגיש, ביטער, בייז אין זייערע וואָרנונגען, טעמפּ אָדער פרוכטבאַר אין זייערע מאָנאָטאָנע סצענעס און מיאוסע סקאַנדאַלן, קאָן איך זען

אָדער הערן יעדער באַזונדער געשעעניש מיט אַלע איינצלהייטן; איך קאָן באמת ווייניק זען אָדער הערן עפּעס אַנדערש.

אין דעם פּלאַץ לעבן דאָ אַזוי פיל מענטשן דורך יסורים. אַז מיין פריינטשאַפט מיט דיר, אויף דעם אופן ווי איך בין גע־צוואונגען איר צו געדיינקען, זעט מיר תמיד אוים ווי אַ פאַרשפּיל אין איינקלאַנג מיט די פאַרשידנאַרטיקע אַנגסט־שטימונגען וואָס איך האָב דורכצומאַכן יעדן טאָג. יאָ, נאָך מער, עס זעט אוים ווי איך וואָלט זיך גאָר אין דעם געניטיקט; אַקוראַט אַזוי ווי מיין לעבן, קיין אונטערשייד ווי דאָס האָט מיר און אַנדערע אוים־געזען, וואָלט געווען די גאַנצע צייט אַן עכטע סימפאָניע פון ליידן, וואָס טראָגט זיך דורך אירע ריטמיש געקייטלטע באַוועגונגען צו איר באַשטימטער אויפלייזונג, מיט אָט דער אומפאַרמיידלאַכקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַהאַנדלונג פון יעדער גרוי־סער טעמע אין דער קונסט.

איך האָב געדערט פון דיין באַנעמען זיך קענען מיר דריי טעג נאָכאַנאַנד מיט דריי יאָר צוריק, ניט אַזוי? איך בין געווען באַשעפ־טיקט מיטן ענדיקן מיין לעצטע פּיעסע אין דער איינזאַמ־קייט פון וואַרטהינג. די ביידע באַזוכן וואָס דו האָסט מיר געמאַכט זיינען געווען צו ענד. דאָ ביזטו פּלוצלינג געקומען אַ דריטן מאָל און געבראַכט מיט זיך אַ פריינט, וועלכער, ווי דו האָסט מיר גאַנץ ערנסט פאָרגעשלאָגן, זאָל וואוינען ביי מיר אין הויז. איך האָב דאָס אַנטשידן צוריקגעוויזן (דו מוזט איצט צו־געבן: ווי גאַנץ ריכטיק דאָס איז געווען). איך האָב דיך גע־האַלטן פריי, זעלבסטפאַרשטענדלאַך; איך האָב אין אָט דעם פּונקט ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוואַל: נאָר אין אַ פרעמדן פּלאַץ, ניט ביי מיר אין הויז. דעם קומענדיקן טאָג, מאָנטיק, האָט זיך דיין פריינט צוריקגעקערט צו די פליכטן פון זיין פּראָפעסיע. און דו ביזט געבליבן ביי מיר.

מיד פון וואַרטהינג און נאָך מער, אָן ספק, פון מיינע פרוכטלאָזע אַנשטריינגונגען צו קאָנצענטרירן מיין אויפמערקזאַמ־קייט אויף מיין פּיעסע — די איינציקע זאַך וואָס האָט מיר אין יענעם מאָמענט ווירקלאַך אינטערעסירט — ביזטו באַשטאַנען אויף דעם איך זאָל מיט דיר פאָרן צום גרענד האָטעל אין ברייטאָן.

די נאַכט ווען מיר זיינען דאָרט אָנגעקומען ביזטו געוואָרן קראַנק אויף דעם שוידערלאַכן, געמיינעם פיבער, וואָס ווערט

נאַרישערהייז אָנגערופן אינפלוענצא — דיין צווייטער, אויב ניט דיין דריטער אָנפאַל. איך דאַרף דיר ניט דערמאָנען ווי איך בין אַרום דיר געגאַנגען, און דיר געפלעגט, ניט בלויז מיט יעדן לוקסוס פון פרוכט, בלומען, מתנות, ביכער און דאָס גלייכן. וואָס געלט קאָן שאַפן, נאָר מיט אָט דער איבערגעגענהייט, צערטלאַכקייט און ליבע וועלכע — אַלצאיינס וואָס דו דיינקסט וועגן דעם — איז ניט צו באַקומען פאַר קיין געלט. אויסער פאַר אַ שטונדיקן שפּאַצירגאַנג אין דערפרי, און אַ שטונדיקן שפּאַצירנפאָרן נאָכמיטאָג, האָב איך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן דעם האָטעל. איך האָב געלאָזט ברייגגען פאַר דיר ספּעציעלע ווייַנטרויבן פון לאָנדאָן, ווייל די וואָס מען האָט צוגעשטעלט פון האָטעל האָבן דיר ניט געשמעקט. איך האָב אויסגעטראַכט אַלערליי זאַכן דיר אונטערצוהאַלטן; איך בין געווען ביי דיר אָדער אין דעם צימער דערביי: איך בין געזעסן ביי דיר יעדן אָוונט כדי דיך צו באַרויקן אָדער צו אַמוזירן.

נאָך פיר אָדער פינף טעג ווערסטו געזונט און איך דינג מעבלירטע צימערן, כדי זיך צו קאָנען אָפּגעבן מיטן פאַרענדיקן מיין פיעסע. דו באַגלייסט מיך, נאַטירלאָך. אויף מאָרגן נאָך דעם טאָג אין וועלכן מיר האָבן זיך אַריינגעקליבן, ווער איך שטאַרק קראַנק. צוליב געשעפטלאַכע אַנגעלעגנהייטן מוזטו אָפּפאָרן נאָך לאָנדאָן, זאָגסט אָבער צו, צו זיין צוריק נאָכמיטאָג. אין לאָנדאָן טרעפסטו זיך מיט אַ פריינט און קומסט צוריק נאָך ברייטאָן ערשט שפּעט דעם קומנדיקן טאָג. איך האָב שוין הויכן פיבער, און דער דאָקטאָר שטעלט פעסט, אַז איך האָב זיך אָנגענומען פון דיר די אינפלוענצא.

קיין זאַך קאָן ניט זיין אומבאַקוועמער פאַר אַ קראַנקן ווי עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן מעבלירטע צימערן. מיין וואוינצימער איז געווען אויפן ערשטן עטאַזש און מיין שלאָפצימער אויפן דריטן. ניטאָ קיין באַדינער, וואָס זאָל עפּעס העלפן; עס איז אפילו קיינער ניטאָ, וואָס זאָל קאָנען גיין אַ גאַנג, אָדער עפּעס ברייגגען וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַראָרדנט. נאָר דו ביזט דאָרט געווען: האָב איך זיך ניט געפילט אומרואיק. די קומענדיקע צוויי טעג האָסטו מיך איבערגעלאָזן גאַנץ אַליין, אָן באַדינונג, אָן פלעגע, אָן קיין זאַך. עס איז ניט געווען אַ פראַגע פון ווייַנטרויבן, בלומען און שיינע מתנות: עס איז געווען אַ פראַגע פון בלויז נויט־

ווענדיקייטן. איך האָב אפילו ניט געקאָנט באַקומען די מילך וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרשריבן; לימאָנאַדע איז מיר געווען שטרייַנג פאַרבאָטן. און ווען איך האָב דיר געבעטן קריגן פאַר מיר אַ בוך אין בוכהאַנדלונג, אָדער, אויב דאָס וואָס איך וויל איז דאָרט נישטאָ, זאָלסטו אויסזוכן עפּס אַנדערש, האָסטו זיך ניט גענומען די מי אַהין צוגיין. און נאָכדעם ווי איך בין צוליב דעם געלעגן אַ גאַנצן טאָג ניט האָבנדיק קיין זאַך וואָס צו לייענען, האָסטו מיר דערציילט רואיק, אַז דו האָסט מיר געקויפט דאָס בוך, וואָס איך וויל, און מען האָט צוגעזאָגט דאָס צוצושיקן — אַ דערקלערונג, וואָס האָט זיך שפּעטער צופעליק אַרויסגעוויזן אינגאַנצן פאַלש, פון אָנהויב ביזן סוף.

אין אָט דער גאַנצער צייט, האָסטו, נאַטירלאַך, געלעבט אויף מיין חשבון. ביזט געפאָרן שפּאַצירן, געגעסן אין גרענד האָטעל און האָסט זיך פּאַקטיש געלאָזט ווייזן אין מיין צימער, בלויז צו קריגן געלט. שבת צו נאַכט, נאָכדעם ווי דו האָסט מיר איבערגעלאָזן אין גאַנצן אָן באַדינונג און אַליין פון אין דער פרי אָן, האָב איך דיר געבעטן צו קומען צוריק נאָכן אָוונט־עסן, און זיצן מיט מיר פאַר אַ ווייַלע. מיט געררייצטער שטים און ניט־פריינטלאַכן באַנעמען האָסטו צוגעזאָגט דאָס צו טאָן. איך האָב געוואַרט ביז 11 אַזייגער ביינאַכט; דו האָסט זיך ניט באַוויזן. איך האָב דאַן איבערגעלאָזן פאַר דיר אַ פּאָר שורות אין דיין צימער, וואָס זאָלן דיר דערמאָנען דיין צוזאָג, און ווי אַזוי דו האָסט אים געהאַלטן.

דריי אַזייגער באַגינען, אַזוי ווי איך האָב ניט געקאָנט שלאָפן און דער דורשט האָט מיך געמאַטערט, האָב איך אין פינסטערניש און קעלט זיך געלאָזט גיין אונטען צום וואַרטצימער, מיט דער האָפנונג, דאָרט צו געפינען וואַסער. איך האָב דיך געפונען. דו ביזט מיך באַפאַלן מיט אַלערליי זלזולים, מיט וועלכע אַ ניט־גע־מעסיקטע שטימונג, אַ נימ־דיסציפּלינירטע און נימ־דערצויגענע נאַטור קאָן זיך אויסדריקן. דורך די שרעקלאַכע אַלכעמי פון עגאָ־איזם האָסטו פאַרוואַנדלט דיין געוויסנביסן אין צאָרן. דו האָסט מיך באַשולדיקט: אין אייגענויז, ווייל איך האָב דיך אין מיין קראַנקהייט געוואָלט האָבן ביי מיר; אין שטיין צווישן דיר און דיינע פאַרגעניגנס; אין זוכן דיך צו באַרויבן פון דיינע פריידן.

דו האָסט מיר געזאָגט — און איך האָב געוואוסט, אַז דאָס

איז דער פולער אמת — אַז דו ביזט געקומען אין מיטן נאַכט אַהיים, פּשוט זיך איבערצוטאָן און צוריקגיין, דאָרט, ווי דו האָסט געהאָפּט, עס וואַרטן אויף דיר נייע פריינט. נאָר דורך דעם פאַר דיר איבערגעלאָזענעם בריוו, אין וועלכן איך האָב דיר דערמאָנט, אַז דו האָסט מיר פאַרנאַכלעסיגט דעם גאַנצן טאָג און דעם גאַנצן אָוונט, האָב איך דיר פּאַקטיש באַרויבט פון דעם חשק צו ווייטערע געניסן און פאַרמינדערט דיין אויפנאַם מעגלאַכקייט פאַר נייע תענוגים.

מיט עקל בין איך צוריק אַרויף און געבליבן ביז אַ שפּראַץ אויף טאָג אָן שלאָף, און ערשט לאַנג נאָכדעם בין איך געווען בכח צו קריגן עפּעס, וואָס האָט געלאָשן מיין פיבער־דאָרשט. עלף אַ זייגער ביזטו אַריינגעקומען אין מיין צימער. אין דער פריערדיקער סצענע האָב איך געמוזט מאַכן די באָאַבאַכטונג, אַז איך האָב דיר דורך מיין בריוו געשטערט וויניקסטנס אין איינער מער ווי געוויינלאַכער אויסגעלאַסהייטן־רייכער נאַכט. אין דערפרי ביזטו געווען ווידער דו אַליין. איך האָב נאַטירלאַך געוואָרט צו הערן וואָס פאַר אַן אַנטשולדיקונגען דו האָסט צו מאַכן און אויף וועלכן אופן דו וועסט בעטן מיין פאַרצייאונג, וועלכע, ווי דו האָסט געוואוסט אין האַרצן, עס דערוואַרט דיך אומפאַרענדערלאַך, אָן אונטערשייד, וואָס דו האָסט געטאָן. דיין פעסטער פאַרטרויען, אַז איך וועל דיר תמיד מוחל זיין, איז געווען די יעניקע אייגנשאַפט אין דיר, וועלכע איך האָב בעסער ווי אַלע אַנדערע געקאָנט פאַרטראָגן, אפשר די בעסטע אייגנשאַפט אין דיר וואָס איך האָב געקאָנט פאַרטראָגן. ווייט דערפון אַזוי צו האַנדלען, האָסטו איבערגעחזר׳ט די זעלבע סצענע מיט באַנייטער קראַפט און נאָך שטאַרקערער חוצפּה. סוף כל סוף האָב איך דיך באַפוילן, צו פאַרלאָזן דעם צימער. דו האָסט געמאַכט אַ מינע, דאָס צו טאָן, דאָך ווען איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן אין וועלכן איך האָב אים באַגראָבן, ביזטו נאָך דאָ געווען, און פּלוצלינג זיך אַלאָז געטאָן צו מיר מיט אַ ברוטאַלן געלעכטער און היסטערישן צאָרן. אַ געפיל פון שרעק האָט מיך אַרומגענומען — צוליב וועלכער געגויער סיבה האָב איך ניט געקאָנט אויסגעפינען; נאָר איך בין גלייך אויפגעשטאַנען פון בעט און באָרוועס, און אַזוי ווי איך בין געווען, זיך ווי עס איז אַרונטערגעלאָזן די צוויי טרעפּ צום וואוינצימער, וועלכן איך האָב ניט פריער פאַרלאָזן, ביז דער בעל־הבית פון וואוינונג —

פאַר וועמען איך האָב געהאַט געקלונגען — האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דו ביזט אוועקגעגאַנגען פון מיין שלאָפצימער, און מיר צוגע־זאָגט צו בלייבן נאָנט, אין אַ נויט־פאַל.

אין פאַרלויף פון אַ שטונדע — אינצווישן איז געווען דער דאָקטאָר און האָט מיך געפונען זעלבסטפאַרשטענדלאַך אין אַ צו־שטאַנד פון פולער נערוון־דערשעפונג, ווי אויך ביי אַ העכערע טעמפּעראַטור, ווי איך האָב זי געהאַט אין אָנהויב — ביזטו צוריקגעקומען שטילערהייט נאָך געלט; האָסט גענומען וואָס דו האָסט געקאָנט געפינען אויפן טואַלעט־טיש און אויפן קאַ־מין־געזימס און האָסט פאַרלאָזן דאָס הויז מיט דיין געפעק.

דאַרף איך דיר זאָגן וואָס איך האָב פון דיר געטראַכט אין משך פון די קומענדיקע צוויי איינזאַמע און עלנטע קראַנקהייט־טעג? איז נויטיק צו דערקלערן, אַז איך האָב איינגעזען קלאָר, אַז עס וועט זיין פאַר מיר אַ בושה און אַ חרפה פאָרטצוזעצן אפילו בלויז אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַזאַ איינעם ווי דו האָסט זיך אַרויס־געוויזן צו זיין? אַז איך האָב איינגעזען, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט פון אָפּשייד און אַז איך האָב אים געפילט ווי אַ ווירקלאַך גרויסע דערלייכטערונג? און אַז איך האָב געוואוסט, אַז פון איצט און ווייטער וועלן מיין קונסט און מיין לעבן זיין פרייער, בעסער און שענער אין יעדער דיינקבאַרער באַציאונג? ווי קראַנק איך בין געווען האָב איך זיך געפילט באַרואיקט. דער פאַקט אַז די צושייד־דונג קאָן ניט ווערן צוריקגערופן, האָט מיר געבראַכט פרידן.

ביז דינסטיק איז אַוועק דער פיבער. דינסטיק איז געווען מיין געבורטסטאָג. צווישן די טעלעגראַמען און צושויפטן אויף מיין טיש האָט זיך אויך געפונען אַ בריוו אין דיין האַנט־שריפט. איך האָב אים געעפנט מיט אַ געפיל פון טרויער. איך האָב געוואוסט, אַז די צייט איז אַוועק, וואָס אַ שיינע פראַזע, אַן אויסדרוק פון ליבע, אַ וואָרט פון באַדויערן, וועט מיך באַוועגן, דיך ווידער אויפצונעמען. נאָר איך האָב געלעבט אין אַ טעות. איך האָב דיך אונטערגעשאַצט.

דיין געבורטסטאָג־בריוו, אַ פיין אויסגעאַרבעטע איבערחזרונג פון די ביידע סצענעס, כיטרע און פאַרזיכטיק אַרויפגעבראַכט שוואַרץ אויף ווייס אויפן פּאַפּיר. דו האָסט זיך געמאַכט לוסטיק איבער מיר מיט געמיינע שפּאַסן. דיין איינציקע באַפרידיקונג אין דער גאַנצער אַנגעלעגנהייט איז געווען, וואָס דו האָסט זיך ווידער

אריינגעקליבן אין גרענד האָטעל און געלאָזט שטעלן אויף מיין חשבון דיין מיטאָגעסן, איידער דו ביזט אָפּגעפאָרן נאָך לאָנדאָן.

דו האָסט מיך גראַטולירט צו מיין פאַרזיכטיקייט, אויפצושטיין פון קראַנקנבעט ; צו מיין פּלוצלאַכן אַנטלויפן טרעפּ־אַרונטער. „עס איז געווען אַ מיאוסער מאָמענט פאַר דיר", שרייבסטו — „מיאוסער ווי דו שטעלסט זיך דאָס פאָר".

אָ ! איך האָב דאָס גאָר צו גוט געפילט. וואָס דאָס האָט באמת געמיינט, ווייס איך ניט : צו דו טראָגסט ביי זיך דיין רעוואָלווער, וואָס דו האָסט זיך געקויפט, כדי אַנצואוואַרפן דערמיט אַ מורא אויף דיין טאַטן, און וועלכן, ווען דו האָסט אים געהאַלטן פאַר ניט אָנגעלאָדן, האָסטו איינמאָל אויסגעשאָסן אין אַן עפנטלאַכן רעסטאָראַן אין מיין געזעלשאַפט ; צו דיין האַנט האָט זיך באַוועגט צו אַ געוויינלאַכן מעסער וואָס איז געלעגן צופעליק אויבן טיש צווישן אונז ; צו פאַרגעסנדיק אין דיין צאָרן דיין נידעריקער וואוקס און דיין קלענערע קראַפט, האָסטו געטראַכט וועגן אַ גאַנץ באַזונדערע פּערזענלאַכע באַליידיקונג, אָדער גאָר אַן אַטאַקע, אַזוי ווי איך בין דאָרט געלעגן קראַנק ; דאָס קאָן איך ניט זאָגן. איך ווייס דאָס ניט ביז צום איצטיקן מאָמענט. אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַז מיך האָט אַרומגענומען אַ געפיל פון פולשטענדיקן פּחד און אַז איך האָב געפילט, אַז אין פאַל איך וועל ניט פאַרלאָזן תיכף דעם צימער און אַנטלויפן וועסטו עפּעס טאָן אָדער פּרובירן וואָס טאָן, וואָס וועט זיין, אפילו פאַר דיר גופא, אַ קוואַל פון לעבענסלייַנגלאַכער בושה.

בלויז איינמאָל אין מיין לעבן האָב איך שוין פריער געהאַט אַזאַ געפיל פון גרויל פאַר אַ מענטשלאַכן וועזן. דאָס איז געווען דעמאָלט, בעת דיין טאַטע מיט זיינע שכור'ע חברה־לייט אָדער פריינט האָט צווישן אונז, אין מיין ביבליאָטעק אין טאַיט סטריט, געמאַכט מיט זיינע קליינע הענט אין דער לופט אין עפּילעפּטישן צאָרן, און אַרויסגעלאָזן פון זיך אַלע ניט זויבערע זידלווערטער, וואָס זיין ניט זויבערער מאַרך האָט געקאָנט אויסדיינקען, און אַרויסגעברומט די עקלהאַפטע סטראַשונקעס, וואָס ער האָט נאָכדעם דורכגעפירט מיט אַזאַ כיטרעקייט. אין אָט דעם פאַל איז ער טאַקע געווען דער יעניקער, וואָס האָט געמוזט צוערשט פאַרלאָזן דעם צימער. איך האָב אים אַרויסגעוואָרפן. אין דיין פאַל

בין איך געגאַנגען. עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב דיך געמוזט באַשיצן קעגן דיר אַליין.

דו האָסט געשלאָסן דיין בריוו מיט דעם זאַץ: „ווען דו שטייסט ניט אויף דיין פּעדעסטאַל, ביזטו ניט אינטערעסאַנט. נאָכאַמאָל ווען דו ווערסט קראַנק, וועל איך תיכף פאַרשווינדן". אָ! וואָס פאַר אַ גראָבע השגה דאָס פאַראַט! וואָס פאַר אַ פולשטענדיקן מאַנגל אין פאַנטאַזיע! ווי אָפּגעטעמפּט, ווי געמיין איז שוין געוואָרן דיין טעמפּעראַמענט!

„ווען דו שטייסט ניט אויף דיין פּעדעסטאַל, ביזטו ניט אינטערעסאַנט. נאָכאַמאָל ווען דו ווערסט קראַנק, וועל איך תיכף פאַרשווינדן". ווי אָפט זיינען מיר איינגעפאַלן אָט די ווערטער אין דער עלנטער, איינזאַמער צעל פון די פאַרשידענע תפיסות אין וועלכע מען האָט מיך פאַרשפּאַרט! איך האָב זיי זיך איבערגעחזרט ווידער און ווידער אַמאָל און געזען אין זיי, איך האָף: מיט אומרעכט, אַ טייל פון דעם סוד פון דיין מאָדנעם שווייגן.

אַזוי מיר צו שרייבן, ווען איך האָב געקראָגן די קראַנקהייט און דעם פיבער, פון וועלכע איך האָב געליטן, דורכדעם וואָס איך בין געגאַנגען אַרום דיר, איז געווען שווידערהאַפט פון דיר אין זיין גראָבקייט און ווילדקייט. אַזוי צו שרייבן צו אַ צווייטן, וואָלט עס פון יעדער מענטשלאַכער באַשעפעניש אויף דער גאַנצער וועלט וועלט געווען אַ זינד פאַר וועלכער עס איז ניטאָ קיין פאַרגעבונג, אויב עס איז דאָ אַזאַ זינד פאַר וועלכער עס איז ניטאָ קיין פאַרגעבונג.

איך בין זיך מודה, אַז בעת איך האָב געענדיקט לייענען דיין בריוו האָב איך זיך געפילט כמעט באַשמוצט, אַזוי ווי איך וואָלט דורך דעם פאַרקער מיט אַזאַ בריאה אומהיילבאַר באַשמוצט און געשענדעט מיין לעבן. דאָס איז אויך אין דער אמת'ן אַזוי געווען. נאָר ווי אַזוי, דאָס האָב איך געזאָלט זיך ערשט דערוויסן מיט זעקס חדשים שפּעטער.

איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, צוריקצופאָרן פרייטיק נאָך לאָנדאָן, צו באַזוכן סער דזשאָרדזש לואיס און אים בעטן, אַז ער זאָל שרייבן דיין פאָטער, אַז איך האָב באַשלאָסן אונטער קיינע אומשטענדן, דיך ניט צו לאָזן באַטרעטן מיין הויז, צו זיצן ביי מיין טיש, זיך אונטערהאַלטן מיט מיר, אַרויסצוגיין מיט מיר אָדער דיר צו לאָזן פאַרברענגען אין מיין געזעלשאַפט אין

וועלכן עס איז פּלאַץ און אין וועלכער עס איז צייט. איך האָב דיר אויך געלאָזט וויסן שריפטלאַך ווי אַזוי איך האָב באַשלאָסן צו האַנדלען. די מאָטיוון דערפאַר האָסטו אָן ספק אַליין געהאַט באַ־גריפן.

דאָנערשטיק אָוונט האָב איך אַלץ צוגעגרייט. נאָר פרייטיק אין דער פרי, בעת איך בין געזעסן ביים פרישטיק, איידער איך בין אַרויסגעפאָרן אין וועג, האָב איך צופעליק געעפנט די צייטונג און דערזען דאָרט אַ טעלעגראַם, אַז דיין עלטערער ברודער, דער ווירקלאַכער קאָפּ פון דער פאַמיליע, דער יורש פון טיטל, די זייל פון הויז, איז געפונען געוואָרן טויט אין אַ גראָבן, זיין אויסגע־שאָסענער געווער ביי זיין זייט. די גרוילנהאַפטע אומשטענדן פון דער טראַגעדיע, וועלכער, ווי מען ווייס איצט, האָט געשטאַמט פון אַן אומגליקלאַכן צופאַל, איז דעמאָלט געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טונקעלער השערה. דאָס רירנדיקע פון דעם פּלוצליכן טויט פון אַזאַ מענטשן וואָס איז געוואָרן געליבט פון יעדן איינעם וואָס האָט אים געקאָנט, און נאָך דערצו גלייכצייטיק ערב זיין חתונה: דאָס בילד וואָס איך האָב זיך דערפון פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי דיין אייגענער צער וועט זיין אָדער געזאָלט זיין; דער געדאַנק וועגן דעם עלנט, וואָס דערוואַרט דיין מאַמען דורך דעם פאַרלוסט פון דעם איינעם, צו וועלכן זי האָט זיך געטוליעט, צו זוכן ביי אים טרייסט און לעבנס־פרייד, און דער, ווי זי האָט מיר אַמאָל אַליין דערציילט, וואָס האָט איר פון טאָג פון זיין גע־בורט אָן קיינמאָל ניט געלאָזט פאַרגיסן אַן איינציג טרער; דאָס באַוואוסטזיין פון דיין אייגענער פאַראיינזאַמטקייט, אַזוי ווי דיינע אַנדערע צוויי ברידער געפינען זיך ניט אין אייראָפּע און דו ביזט דערפאַר געווען דער איינציקער, אָן וועלכן דיין מאַמע און דיינע שוועסטער האָבן זיך געקאָנט אָנהאַלטן, ניט בלויז ווען זיי האָבן געוואונטשן געזעלשאַפט אין זייער צער, נאָר אויך ביים דורכפירן די טרויעריקע פאַראַנטוואָרטלאַכקייטן פון שרעקלאַכע איינצלהייטן, וואָס דער טויט האָט אַלעמאָל אין זיין באַגלייטונג; דאָס איינפאַכע געפיל פאַר די „לאַקרימאַע רערום", פאַר די טרערן, פון וועלכע די וועלט איז געמאַכט, און פאַר די טרויעריקייט פון אַלע מענטשלאַכע זאַכן — פון דעם צוזאַמענשטראָמען פון אָט די געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן זיך געדרייבגט אין מיין מח, איז אַרויסגעוואַקסן אומענדלאַכער רחמנות אויף דיר און

דיינע אַנגעהעריקע. מיינע אייגענע דאגות און מיין פאַרביטערונג קעגן דיר האָב איך פאַרגעסן; וואָס דו ביזט געווען צו מיר אין מיין קראַנקהייט, האָב איך ניט געקאָנט זיין צו דיר אין דיין שמערצלאַכן פאַרלוסט. איך האָב דיר גלייך טעלעגראַפירט מיין טיפסטן מיטגעפיל, און אין דעם בריוו וואָס האָט נאָכפאָלגט, האָב איך דיך איינגעלאַדן צו קומען אין מיין הויז, אַזוי גיך ווי דו וועסט זיין אימשטאַנד. איך האָב געפילט, אַז אויפגעבן דיך אין אָט דעם ספּעציעלן מאָמענט, נאָך דערצו אין דער גאַנצער פאַרמאַליטעט דורך אַן אדוואָקאַט, וואָלט געווען צו שרעקלאַך פאַר דיר.

ביי דיין צוריקקער נאָך לאָנדאָן פון דעם פּלאַץ פון דער טראַגעדיע, וואוהין מען האָט דיך געהאַט גערופן, ביזטו גלייך געקומען צו מיר, זייער ליב און פּשוט, אין דיינע טרויער קליידער, און דיינע אויגן פאַרשלייערט מיט טרערן. דו האָסט געזוכט טרייסט און הילף, אַזוי ווי אַ קינד וואָלט דאָס זוכן. איך האָב דיר געעפנט מיין הויז, מיין היים, מיין האַרץ. איך האָב געמאַכט דיין שמערץ אויך פאַר מיינעם, כדי דיר אים צו העלפן טראָגן. איך האָב קיינמאָל ניט אָנגעוואונקען, אפילו ניט מיט איין וואָרט אויף דיין באַנעמען קעגן מיר, אויף די סקאַנדאַליעזע סצענעס און דעם סקאַנדאַליעזן בריוו. דיין טרויער וואָס איז געווען עכט, האָט אויסגעזען דיך צו ברייננגען נענטער צו מיר, ווי דו ביזט ווען עס איז געשטאַנען. די בלומען וואָס דו האָסט פון מיר מיטגענומען אויף דיין ברודער׳ס קבר, האָבן געזאָלט זיין אַ סימבאָל, ניט בלויז פאַר די שיינקייט פון זיין לעבן, נאָר פאַר די שיינקייט, וואָס דרעמלט אין יעדן לעבן און קאָן ווערן ארויסגעבראַכט צום ליכט.

די געטער זיינען וואונדערבאַר. ניט בלויז מאַכן זיי שטראָפרוטער פון אונזערע זינד, נאָר זיי רואינירן אונז אויך דורך דעם, וואָס איז אין אונז גוט, איידל, מענשנפריינטלאַך, ליבע־רייך. אַן מיין מיטלייד און מיין ליבע צו דיר און די דייניקע, וואָלט איך איצט ניט פאַרגאָסן קיין טרערן אין אָט דעם שרעקלאַכן פּלאַץ.

נאַטירלאַך זע איך אין אַלע אונזערע באַציאונגען ניט בלויז די האַנט פון שיקזאַל נאָר פון דעם גזר, דער גזר וואָס מאַרשירט אַלעמאָל שנעל, ווייל ער איז אויפן וועג צום בלוט־פאַרגיסן. דורך דיין פאָטער שטאַמסטו אָפּ פון אַ משפּחה ביי וועלכע דאָס פאַר־

מיליע־לעבן איז פול מיט גרויל, די פריינטשאפט — בריינגט פארדארבן און זי לייגט די געוואלטזאמע האנט אויף דאס אייגן לעבן אדער אויף די לעבנס פון אנדערע.

אין יעדער קליינער געשעעניש אין וועלכער עס האבן זיך דורכגעקרייצט אונזערע לעבנסגאסן ; אין יעדן אומשטאנד פון גרויסער אדער נאכן אויסזען קליינלאכער באדייטונג, וואס האט דיך געלאזט קומען צו מיר זוכן פארגעניגן אדער הילף. אין דעם צופאל־שפיל, אין די דראבנע פאסירונגען, וואס זעען אויס אין זייער באציאונג צום לעבן צו זיין ניט מער ווי דער שטייב, וואס טאנצט אין זונענשטראל, אדער דאס בלאט. וואס פלאטערט פון בוים האט נאכגעפאלגט פארדארבן, ווי דאס עבא פון א וויי־געשריי אדער ווי דער שאטען וואס לויפט מיט אין א געוועט מיט די חיות.

אונזער פריינטשאפט האט זיך פאקטיש אנגעהויבן דערמיט, וואס דו האסט מיך געבעטן אין א זייער רירנדיקן און חנ׳עוודיקן ביוו, דיר בייצושטיין אין א לאגע וואס איז שרעקלאך פאר יעדן מאן, און דאפלט פאר א יונגנמאן אין אקספארד. איך האב דיך געהאלפן און צו לעצט, דורכדעם וואס דו האסט מיר אנגעגעבן פאר סער דזשארדזש לואיס פאר דיינעם א פריינט. האב איך אנגעהויבן פארלירן זיין אכטונג און פריינטשאפט, א פריינטשאפט וואס האט אנגעהאלטן פופצן יאר. ווען איך האב פארלארן זיין ראט, זיין הילף, זיין אכטונג, איז מיר געגאנגען פארלארן דער איין גרויסער שוץ פון מיין לעבן.

דו האסט מיר געשיקט א זייער שיין ליד פון דעם שטודענטישן פאעטן־קרייז צו הערן מיין מיינונג. איך האב אויף דעם געענטפערט מיט א בריוו פול מיט פאנטאסטישע ליטעראַרישע שפילערייען. איך האב דיך דארט פארגליכן מיט העלאס אדער היאקינט, יאנקוויל אדער נארקיסאס, אדער וועלכן עס איז אנדערן, וועמען דער גרויסער גאט פון פאעזיע האט אויסדערווילט און באערט מיט זיין ליבע. דער בריוו איז ווי א שטעלע פון שעקספיר׳ס א סאנעט איבערגעקאמפאנירט אין מינאר ; ער קאן ווערן פארשטאנען בלויז פון די, וואס האבן געלייענט פלאטא׳ס „סימפאזיאן", אדער האבן אויפגענומען אין זיך דעם גייסט פון א געוויסער ערנסטער שטימונג וואס איז פאר אונז געווארן שיינקייט אין גריכישע מארמאר־ווערק.

דאס איז געוועז — לאמיך דיר זאגן אפן — דער מין בריוו

ווי איך וואָלט זיי אין אַ צופרידענעם, הגם קאַפּריזנעם מאָמענט געשריבן צו יעדן חנ׳עוודיקן יונגן שטודענט פון יעדער אוניווערזיטעט, וועלכער וואָלט מיר געשיקט זיינס אַ פּאַרפּאַסט ליד, אין דער איבערצייגונג, אַז ער באַזיצט גענוג הומאָר און אינטעליגענץ אויסצוטייטשן ריכטיק די פאַנטאַסטישע אויסדרוקן פון דעם בריוו.

איצט באַטראַכט די געשיכטע פון אָט דעם בריוו ! ער איז פון דיר אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַן עקלהאַפטן קאָמפּאַניאָן און פון אים צו אַ באַנדע געלט־אויספּרעסער. קאָפּיעס פון בריוו זיינען געוואָרן אַרויסגעשיקט קיין לאָנדאָן צו מיינע פריינט, און צום טעאַטער־דירעקטאָר, וואָס האָט אויפגעפירט מיינע ווערק. מען האָט נעגעבן מיין בריוו יעדע אויסטייטשונג, נאָר ניט די ריכטיקע. די געזעלשאַפט איז געווען אויפגעטרייסלט צוליב די אַבסורדע קלאַנגען אַז איך האָב געדאַרפט באַצאָלן אַ גרויסע סומע געלט פאַרן האָבן געשריבן צו דיר אַ מיאוסן בריוו. דאָס האָט פאַרשטאַרקט די גרונטלאָגן פאַר דיין פאָטער׳ס ערגסטער אַטאַקע.

איך האָב אַליין צוגעשטעלט דעם אָריגינעלן בריוו אין געריכט, צו באַווייזן וואָס ער איז באמת ; ער איז געוואָרן פאַרדאַמט פון דיין פאָטער׳ס אַדוואָקאַט אַלס אַ סקאַנדאַליעזער און בייזוויליקער פּאַרזוך צו קאָרופּטירן די אומשולד. צולעצט איז דאָס געוואָרן אַ טייל פון דער קרימינעלער אָנקלאַגע. דער רעגירונגס־פּראָקוראָר האָט זיך באַנוצט דערמיט ; דער ריכטער האָט דאָס רעזומירט מיט ווייניק געלערנזאַמקייט און אַ סך מאָראַל. דער סוף דערפון איז געווען, אַז איך בין געגאַנגען דערפאַר אין תפיסה. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון שרייבן צו דיר אַ שיינעם ליבלאַכן בריוו.

אין דער צייט וואָס מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין סאַליסבורי, ביזטו געווען שרעקלאַך אומרואיק איבער די שריפטלאַכע סטראַשונקעס פון דיינעם אַ פריערדיקן גוטן ברודער : דו האָסט מיך געבעטן, ריידן מיטן בריוו־שרייבער און דיר העלפן. איך האָב דאָס געטאָן. דער פועל יוצא איז געווען : פאַרדאַרבן פאַר מיר. איך האָב זיך געזען געצוואונגען צו נעמען אויף מיינע פּלייצעס אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן און זיין פאַראַנטוואָרטלאַך דערפאַר. ווען דו ביזט דורכגעפאַלן ביים אוניווערזיטעט־עקזאַמען, און דו האָסט געדאַרפט אוועקגיין פון אָקספאָרד, האָסטו מיר טעלעגראַפירט

נאָך לאָנדאָן און מיך געבעטן, קומען צו דיר. איך האָב דאָס גלייך געטאָן. דו האָסט מיך געבעטן דיר מיטצונעמען קיין גאָרינג, ווייל אונטער אַט די אומשטענדן ווילסטו ניט גערן גיין אַ היים. אין גאָרינג האָסטו געזען אַ הויז וואָס האָט דיך אַנטציקט. האָב איך דאָס געדונגען פאַר דיר. דער סך הכל איז, אין יעדער הינ־זיכט : פאַרדאַרבן פאַר מיר.

איין טאָג ביזטו געקומען צו מיר און געבעטן אַלס אַ פּערזענ־לאַכע געפעליקייט, איך זאָל עפּעס וואָס שרייבן פאַר אַן אָקספאָר־דער שטודענטן־בלאַט, וואָס עס האָט געזאָלט אַרויסגעבן איינער פון דיינע פריינט, פון וועלכן איך האָב קיינמאָל אין מיין גאַנצן לעבן ניט געהערט און גאָר ניט געוואוסט. נאָר דיר צוליב — וואָס האָב איך ניט געטאָן דיר צוליב ? — האָב איך אים געשיקט אַ זייטל פּאַראַדאָקסישע שפּריכווערטער, וועלכע זיינען געווען באַ־שטימט לכתחילה פאַר דער „סאַטורדיי רעוויו". אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָב איך זיך געפונען אויף דער אַנקלאַג־באַנק פון דער אָלד ביילי, צוליב דעם שלעכטן נאָמען פון אַט דער צייט־שריפט. זי האָט מיטגעהערט צום באַשולדיקונג־מאַטעריאַל פון רעגירונגס פּראָקוראָר. מען האָט מיך אויפגעפאָדערט צו פּאַרטיי־דיקן דיין פריינט'ס פּראָזע און דיינע אייגענע פערזן. יענע האָב איך ניט געקאָנט מאַכן שיין, אָט די האָב איך זייער שטאַרק פאַר־טיידיקט מיט אַכטונג אויף די ביטערע נויט, אויף דיין יוגנטלאַ־כער שריפטשטעלעריי ווי דיין יוגנטלאַך לעבן און ניט געוואָלט גלויבן אַז דו שרייבסט אומאַנשטענדיקעס. נאָר ניט קוקנדיק אויף דאָס אַלץ האָב איך געמוזט גיין אין תפיסה, פאַר דיין פריינט'ס שטודענטן־בלאַט און „די ליבע, וואָס געטרויט זיך ניט, אָנצורופן איר נאָמען".

קריסטמאַס האָב איך דיר געגעבן אַ „זייער שיינע מתנה". ווי דו האָסט דאָס באַצייכנט אין דיין דאַנק־בריוו, וואָס איז דיר, ווי איך האָב געוואוסט, געווען נאָנט צום האַרצן, אין ווערט פון 40 אָדער העכסטנס 50 פונט. ווען עס איז געקומען דער צוזאַמענ־ברוך פון מיין לעבן, און איך בין געווען רואינירט, האָט דער גע־ריכטס־דינער געלייגט אַן אַרעסט אויף מיינע ביכער און זיי גע־לאָזט פאַרקויפן כדי צו באַצאָלן פאַר דער „זייער שיינער מתנה". דערפאַר האָט מען באַשטימט די געצוואונגענע ליציטאַציע איבער מיין הויז.

אין דעם שרעקלאכן ענד־פעריאד, ווען איך בין געוואָרן גע־רייצט און דורך דיינע אויפרייצונגען געוואָרן געטריבן צו פאר־פירן א פראָצעס קעגן דיין טאטן און אים לאָזן ארעסטירן, זיי־נען די שרעקלאכע קאָסטן געווען דער לעצטער שטרוי אָן וועלכן איך האָב זיך אָנגעכאפט אין מיינע קלעגלאכע באמיאונגען דאָס אויסצומיידן. איך האָב אין דיין קעגנווארט, געזאָגט דעם אדוואָ־קאט, אז איך פארמאָג ניט קיין קאפיטאל, אז איך קאָן בשום אופן ניט צוזאמענברייגען די שרעקלאכע אויסגאבן, און אז איך האָב ניט קיין געלט אויף דעם. וואָס איך האָב געזאָגט, איז געווען, ווי דו ווייסט, דורכאוים אמת. אין יענעם אומגליקלאכן פרייטיק וואָלט איך, אָנשטאט צו זיין ביי הומפריס'ן אין ביו־ראָ, וואו איך האָב אוים שוואכקייט איינגעוויליקט אויף מיין אייגענעם פארדארב, געקאָנט זיין גליקלאך און פריי אין פראנקרייך, ווייט פון דיר און דיין טאטן, ניט קוקן אויף זיין עקלהאפטע וויזיטקארט און זיך ניט קימערן וועגן דיינע בריוו. ווען איך וואָלט געווען אימשטאנד צו פארלאָזן דעם אוואנדייל האטעל. נאָר די האָטעל אָנגעשטעלטע האָבן מיר פאר קיין געלט ניט געוואָלט לאָזן אפפאָרן. דו האָסט דאָרט געוואוינט מיט מיר צען טעג; יאָ, דו האָסט צום סוף, צו מיין גרויסער, און ווי דו ווייסט אליין צוגעבן, בארעכטיקטער אנטריסטונג, מיטגעבראכט דיינעם א גוטן ברודער, וואָס האָט אויך געזאָלט וואוינען ביי מיר. מיין רעכענונג פאר די צען טעג האָט באטראָפן נאָנט פון 140 פונט. דער האָטעל־באזיצער האָט געזאָגט, אז ער קאָן ניט דערלויבן אז מיין געפעק זאָל ווערן ארויסגעפירט פון האָטעל, איידער איך וועל באצאָלן די פולע רעכענונג. דאָס האָט מיך געהאלטן אין לאָנדאָן. אָן די האָטעל־רעכענונג, וואָלט איך דאָנערשטיק אין דער פרי געפאָרן נאָך פאריז.

ווען איך האָב געזאָגט דעם אדוואָקאט, אז איך האָב ניט קיין געלט, איך בין ניט אימשטאנד צו דעקן די ריזיקע קאָסטן, האָסטו זיך גלייך פארגעשלאָגן צו העלפן. דו האָסט געזאָגט, אז דיינע קרובים וועלן זיין העכסט צופרידן, צו באצאָלן אלע נוי־טיקע אויסגאבן: דיין פאָטער איז געלעגן שווער אויף זיי אלע־מען ווי אן אלפ. זיי האָבן באטראכט די מעגלאכקייט, אים ארייג־צוגעבן אין א משוגעים־הויז, כדי אים צו מאכן אומשעדלאך. ער איז געווען א טעגלאכער קוואל פון פלאָג און קומער פאר דיין

מאַמען און אַלע איבעריקע. די פאַמיליע וועט מיך באַטראַכטן פאַר איר פאַרקעמפּער און וואוילטעטער, ווען איך זאָל זיך נאָר דערצו אָפּגעבן, אים צו לאָזן איינשפּאַרן; און דיין מאַמע'ס רייכע קרובים וועלן דאָס אַליין באַטראַכטן פאַר אַ האַרציקער פריידו, ווען עס וועט זיי זיין דערלויבט צו באַצאָלן אַלע קאָסטן און אויסגאַבן, וואָס וועלן דאַרפן ווערן געמאַכט ביי אַזאַ קאַמף.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם און מען האָט מיך געשטופּט צום פּאָליציי־געריכט. עס איז מיר ניט געבליבן קיין אויסרייד ניט צו גיין. איך בין געוואָרן אַריינגע־צוואונגען. זעלבסט־פאַרשטענדלאַך האָבן דיינע קרובים ניט גע־צאָלט די קאָסטן; און ווען איך בין געוואָרן דערקלערט פאַר באַנקראָט איז דאָס געשען דורך דיין טאַטן און טאַקע פאַר די קאָסטן — דעם לומפּיקן רעשט — עטלאַכע 700 פונט. איצט גרייט זיך מיין ווייב, וואָס איז מיר געוואָרן פאַרפרעמדט דורך די וויכטי־קע פראַגע, צי איך זאָל באַקומען 60 אָדער 70 שילינג אַ וואָך צום לעבן, זיך צו גט'ן מיט מיר, צו וואָס עס וועלן, זעלבסטפאַר־שטענדלאַך, זיין נויטיק גאַנץ נייע עדות און אַ גאַנץ נייע פאַר־האַנדלונג אין שייכות דערמיט, אפשר אַן ערנסטער פּראָצעס. איך ווייס נאַטירלאַך ניט פון די איינצלהייטן. איך ווייס בלויז דעם נאָמען פון דעם עדות, אויף וועמעס עדות־זאָגן עס שטיצן זיך די אַדוואָקאַטן פון מיין פרוי. דאָס איז דיין אייגענער אָקספאָרדער באַדינער, וועלכן איך האָב אויף דיין ספּעציעלן פאַרלאַנג אָנ־געשטעלט פאַר אונזער זומער אין גאָרינג.

דאָך, ווירקלאַך, איך דאַרף ניט גיין ווייטער צו ברענגען מער ביישפּילן פאַר דעם מאָדנעם חורבן וואָס דו האָסט אין אַלע, גרויס אָדער קליין, באַשיינפּערלאַך ארויפבאַשוואָרן אויף מיר. איך האָב אָפּטמאָל דאָס געפיל, אַזוי ווי דו אַליין וואָלסט געווען בלויז אַ מאַריאָנעט, וואָס באַוועגט זיך דורך אַ געהיימער אומזיכטבאַ־רער האַנט, צו ברענגען שרעקלאַכע געשעענישן צו אַ שרעקלאַכן סוף. נאָר אפילו מאַריאָנעטן גופא האָבן ליידנשאַפטן. זיי ברענגען צרייַן אַ נייעם אינהאַלט אין דאָס, וואָס זיי שטעלן פאָר. און פאַרוויקלען דעם באַשטימטן ענדערונגסרייכן שלוס, צו־ליב זייערן אַן אייגענעם קאַפּריז אָדער אַפּעטיט. צו זיין גאַנץ פריי און אין דער זעלבער צייט צו שטיין גאַנץ אונטער דער הער־שאַפט פון געזעץ, איז דער אייביקער פּאַראַדאָקס פון מענטשנ'ס

לעבן, וואָס מיר באַגרייפן אין יעדן מאָמענט ; און דאָס, דיינק איך אָפט, איז די איינציקע מעגלאַכע דערקלערונג פון דיין כאַראַקטער, אויב עס איז איבערהויפט דאָ אַ דערקלערונג פאַר דעם טיפן און מורא׳דיקן סוד פון אַ מענטשלאַכער נשמה, אַ חוץ די וואָס מאַכט דעם סוד נאָך וואונדערבאַרער.

נאַטירלאַך האָסטו געהאַט דיינע אילוזיעס, האָסט געלעבט אין זיי און האָסט געזען אַלע זאַכן פאַרענדערט דורך די וועקסלענדיקע נעבלען און פאַרביקע שלייערס. דו האָסט געטראַכט, איך ווייס דאָס גאַנץ גוט, אַז דיין טרייע צוגעבונדנקייט צו מיר, וואָס איז געגאַנגען ביז צו פולשטענדיקער אויסשליסונג פון דיין פאַמיליע און דאָס פאַמיליע־לעבן, איז אַ באַווייז פון דיין וואונדערפולער הויכשעצונג פאַר מיר און דיין גרויסער ליבע. אָן ספק, האָט דאָס דיר אַזוי אויסגעזען. דאָך פאַרגעס ניט, אַז ביי מיר איז געווען פראַכט־ליבע, הויכע לעבנספירונג, אומבאַגרענעצטע פרייד, געלט אָן אַ מאָס. דיין פאַמיליע־לעבן האָט דיך געלאַנגווייליקט. דער „קאַלטער ביליקער וויין אין סאַליסבורי" צו באַנוצן דיינעם אַן אויסדרוק, איז דיר געווען עקלהאַפט. אויף מיין זייט און אין בונד מיט מיינע גייסטיקע צוציאונגען זיינען געווען די פליישטעפּ פון מצרים. ווען דו האָסט מיך ניט געקאָנט האָבן פאַר דיין געזעלשאַפט, זיינען די גוטע ברידער וואָס דו האָסט זיך אָפגעזוכט פאַר אַ פאַרבייט, ניט געווען שמייכלהאַפט.

דו האָסט געטראַכט ווייטער: ווען דו לאָזט שיקן דורכן אַדוואָקאַט אַ בריוו צו דיין פאָטער, מיט אַזאַ אינהאַלט : איידער איבערצורייסן דיין אייביקע פריינטשאַפט מיט מיר, ווילסטו בעסער אויפגעבן דאָס טאַשן־געלט פון 250 פונט אַ יאָר, וואָס ער, גלויב איך, האָט דיר דעמאָלט באַוויליקט, מיט אָרונטער־רעכענונגען פאַר דיינע עקספּאָרדער שולדן. דעמאָלט האָסטוווירקלאַך איבערגעזעצט אין טאַט דעם ריטערלאַכן ווען פון דער פריינטשאַפט, האָסט אָנגעשלאָגן דעם איידלסטן טאָן פון זעלבסט־פאַרלייקענונג. נאָר דאָס מוחל זיין אויף דיין קליינע פענסיע באַווייזט ניט, אַז דו האָסט געהאַט חשק אויפצוגעבן אפילו איינע פון דיינע איבעריקסטע לוקסוסן אָדער די אומנויטיקסטע פאַרשווענדונגען. פאַרקערט : דיין גיריקייט צו אַ לוקסוסדיקן לעבן איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי שטאַרק. מיינע אויסגאַבן אין משך פון די אַכט טעג אין פּאַריז

פאר מיר און דיין איטאַליענישן באַדינער האָבן זיך געגרענעצט אַרום 150 פונט, פון וועלכע פאַיאַר אַליין האָט פאַרשלונגען 85.

אין דעם אופן אין וועלכן דו האָסט געוואָלט לעבן, וואָלט דיין גאַנצע יערלאַכע הכנסה ניט געווען גענוג פאַר דריי וואָכן, אפילו ווען דו זאָלסט אַליין עסן דיינע מאָלצייטן און זיין באַזונדער שפּאָרעוודיק אין דעם אויסוואַל פון דעם וואָלוועלערן מין פון גענוסן. דער פאַקט וואָס דו האָסט אין אַן אַנפאַל, וואָס איז בלויז געווען אַ באַרימערישער זשעסט, מוחל געווען אויף דיין טאַשן־געלט, האָט דיר וויניקסטנס געגעבן אַ גלויבנסווערטן גרונט פאַר דיין פּרעטענזיע צו לעבן אויף מיין רעכענונג ; אָדער דאָס, וואָס דו האָסט געהאַלטן פאַר אַ גלויבנסווערטן גרונט פאַר דיין פּרעטענזיע ; און ביי אַ סך געלעגנהייטן האָסטו זיך מיט אים באַדינט און ערנסט און אים געגעבן דעם קרעפּטיקסטן אויסדרוק ; און די כסדר׳דיקע אָפּצאַפּונגען וואָס דו האָסט הויפּטזעכלאַך געמאַכט ביי מיר, נאָר אויך אין אַ שרעקלאַכער מאָס ביי דיין מאַמען, זיינען קיינמאָל ניט געווען אַזוי שמערצלאַך, ווייל זיי זיינען, וויניקסטנס אין מיין פאַל, קיינמאָל ניט געווען באַגלייט פון דעם קלענסטן דאַנקוואָרט אָדער מעסיקייטס־געפיל.

דו האָסט געטראַכט ווייטער : ווען דו גרייפסט אָן דיין אייגענעם טאַטן מיט שווידערהאַפטע בריוו, באַליידיקנגדיקע טעלעגראַמען און פרעכע פּאָסטקאַרטן, פירסטו אין דער אמת׳ן די מלחמות פון דיין מאַמען, ווייל דו טרעטסט אויף ווי איר פאַרקעמפער אויפן שלאַכט־פעלד און נעמסט נקמה פאַר די צווייפלאָז שרעקלאַכע יסורים און ליידן פון איר פאַרהייראַטן לעבן. דאָס איז געווען דורכאויס אַן אילוזיע פון דיין זייט, זאָגאַר איינע פון דיינע גרעסטע. דער בעסטער מיטל פאַר דיר צו נעמען נקמה פון דיין טאַטן פאַר די קריוודעס פון דיין מאַמען, אויב דו האָסט עס געהאַלטן פאַר אַ טייל פון דיין זון־פליכט, איז געווען : צו זיין אַ בעסערער זון צו דיין מאַמען, ווי דו ביזט געווען צו איר : איר ניט לאָזן האָבן קיין אַנגסט, צו ריידן מיט דיר איבער ערנסטע זאַכן ; ניט אונטערצושרייבן קייז וועקסל, וועמעס באַצאָלונג זאָל פאַלן אויף איר ; צו זיין אַרטיקער קעגן איר און ניט ברייננגען קיין צרות אויף איר קאָפּ. דיין ברודער פראַנסיס האָט איר באַלוינט רייך, פאַר דאָס וואָס זי האָט אַריבערגעטראָגן, דורך זיין ליבן, גוטן כאַראַקטער אין משך פון די קורצע יאָר פון זיין בלו־

מענהאפטן לעבן. דו האסט זיך אים געדארפט נעמען פאר א פאר־בילד.

דו האסט אויך געמאכט א טעות מיט דיין השערה, אז פאר דיין מאמען וואלט געווען דאס העכסטע גליק, ווען דו וואלסט דורך מיר געבראכט דיין טאטן אין תפיסה. איך בין איבער־צייגט, אז דו האסט געמאכט א טעות. און ווילסטו וויסן, וואס א פרוי פילט ווירקלאך ווען איר מאן און דער פאטער פון אירע קינדער איז אין ארעסטאנטסקע קליידער, אין א תפיסה־קאמער, טא שרייב צו מיין פרוי און פרעג איר. זי וועט דאס דיר זאגן.

אויך איך האב געהאט מיינע אילוזיעס. איך האב געטראכט, אז דאס לעבן וועט זיין א פרעכטיקע קאמעדיע און דו וועסט יוערן איינער פון די חנ׳עוודיקע געשטאלטן אין איר. איך האב אויס־געפונען, אז דאס איז אן עקלהאפטע און אפשטויסנדיקע טראגעדיע, און אז די שלימזלדיקע סיבה פון דער גרויסער קאטאסטראפע, שלימזלדיק אין איר צוזאמענגעדרייעגטקייט פון שטרעב; און שטאר־קייט פון איינגעאייגנטער ווילנסקראפט, ביזטו דאס געווען, אויס־געטאן פון דער מאסקע פון פרייד און לוסט, פון וועלכער דו, אזוי גוט ווי איך, ביזט געווען גענארט און פארפירט.

דו קאנסט איצט אביסל פארשטיין, פון דעם וואס איך לייד — ניט אמת? — עפעס א צייטונג, איך גלויב די „פאל מאל גאזעט“, האט ביי דער באשרייבונג פון דער גענעראל פראבע פון איינע פון מיינע פיעסן גערעדט פון דיר ווי פון מיין שאטן. וועל־כער באגלייט מיך אומעטום. די עראינערונג אן אונזער פריינט־שאפט איז דער שאטן, וועלכער גייט דא ארום מיט מיר: וועל־כער שיינט מיך קיינמאל ניט צו פארלאזן: וועלכער וועקט מיך אויף ביי נאכט און דערציילט מיר נאכאמאל און נאכאמאל די זעלבע געשיכטע, ביז איר פארמאטערנדיקע איבער׳חזר׳ונג פאר־טרייבט יעדן שלאף ביז צום אנקום פון טאג. ביים אנקום פון טאג הייבט ער אן פון דאס ניי; ער פאלגט מיר נאך אויף דעם הויף פון תפיסה און לאזט מיך ריידן צו זיך אליין, בעת איך טאפטשע זיך ארום און ארום; איך מוז צוריקרופן אין מיין מחשבה יעדער איינצלהייט וואס האט באגלייט יעדן שרעקלאכן מאמענט: עס איז ניטא א זאך, וואס האט פאסירט אין יענע צרה׳דיקע יארן וואס איך זאל ניט קאנען אנקוקן אין יענעם מח־קאמערל, וואס איז באשטימט פארן צער אדער פארן יאוש; יעדער געדריקטער טאן

פון דיין קול, יעדער צופּ און יעדע תנועה פון דיינע נערוועזע הענט. יעדעס ביטער וואָרט, יעדע גיפטיקע פראַזע שטייט אויף ווידער פאַר מיר: איך דערמאָן זיך אַן דער גאַס, דעם טייך, פאַרביי וועמעס ליינג מיר זיינען געגאַנגען: אָן די וואַנט אָדער די באַוואַלדונג וואָס האָט אונז אַרומגערינגלט; אויף וועלכן פּלאַץ פון ציפּערבלאַט עס זיינען געשטאַנען די ווייזערס פון זייגער; וועלכן וועג האָבן אויסגעקליבן די פליגל פון ווינט, די געשטאַלט אָדער פאַרב פון דער לבנה.

איך ווייס, אַז עס איז דאָ אַן ענטפער אויף אַלץ וואָס איך האָב דיר געזאָגט, און דאָס איז אַז דו האָסט מיך געליבט: אַז אין משך פון די צוויי און אַ האַלב יאָר אין וועלכן די פאַרצן האָבן צוזאַמענגעוועבט אין אַן איינציקן שאַרלאַך־רויטן מוסטער די פעדים פון אונזערע באַזונדערע לעבנסשיקזאַלן, האָסטו מיך באמת געליבט. יאָ, איך ווייס, דו האָסט דאָס געטאָן. קיין אונ־טערשייד ווי דו האָסט זיך באַנומען קעגן מיר, האָב איך שטענ־דיק געפילט, אַז אין הארצן ליבסטו מיך מיט אַן אמת.

כאָטש איך האָב קלאָר איינגעזען, אַז מיין שטעלונג אין דער וועלט פון קונסט, דער אינטערעס וואָס מיין פערזענלאַכקייט האָט אַלעמאָל אַרויסגערופן, מיין געלט, דער לוקסוס אין וועלכן איך האָב געלעבט, די טויזנט און איין זאַכן, וועלכע האָבן מיטגע־האָלפן דערצו, אויסצובילדן אַ לעבן אַזוי צויבערהאַפט און אַזוי וואונדערבאַר אומוואַרשיינלאַך ווי מיינס, — זיינען געוועזן יעדער און אַלע צוזאַמען, עלעמענטן וואָס האָבן דיך צוגעבונדן און צוגעקלעפּט צו מיר; דאָך איז אַ חוץ דאָס אַלץ געוועזן נאָך עפּעס וואָס, עפּעס אַזוינס וואָס האָט געהאַט פאַר דיר אַ מאָדנע צוציאונגס־קראַפט: דו האָסט מיך אויך גע־ליבט, אַ סך מער ווי דו האָסט געליבט עמיצן אַנדערש. נאָר דו האָסט אַזוי ווי איך, געהאַט אַ שרעקלאַכע טראַגעדיע אין דיין לעבן, הגם זי איז געוועזן פון אַן אַנטקעגנגעזעצטן כאַראַקטער ווי מיינע. ווילסט וויסן וואָס דאָס איז געוועזן? אָט וואָס: אין דיר איז די שנאה אַלעמאָל געוועזן שטאַרקער ווי די ליבע. דיין שנאה קעגן דיין טאַטן איז געוועזן פון אַזאַ וואוקס, אַז זי האָט גאַנץ אַריבערגעיאָגט דיין ליבע צו מיר, איר געלאָזן ווייט הינטער זיך און איר נעשטעלט אין שאָטן. עס איז איבערהויפּט ניט געוועזן קיין קאַמף צווישן זיי, אָדער בלויז זייער ווייניק; פון

אזא אומגעהויערער גרויס און אזא רײַנקײט איז געווען דײַן שנאה. עס איז דיר גאַר אויפֿן זינען ניט געקומען אַז פּאַר בײדע לײדנשאַפֿטן איז ניטאָ קײן פּלאַץ אין דער זעלבער נשמה: זײ קאָנען ניט וואוינען צוזאַמען אין אײן דעם שײנעם, געשניצטן הויז.

די ליבע דערנערט זיך פֿון דער פֿאַנטאַזיע, דורך וועלכער מיר ווערן קליגער, ווי מיר ווײסן, בעסער ווי מיר פֿילן, אײדעלער ווי מיר זײַנען; דורך וועלכער מיר קאָנען זען דאָס לעבן אין זײַן גאַנצקײט; דורך וועלכער און דורך וועלכער אַלײן מיר קאָנען פֿאַרשטײן אַנדערע אין זײערע רעאַלע אַזוי ווי אידעאַלע באַציאונגען. בלויז דאָס וואָס איז שײן און אויסגעטראַכט, קאָן דערנערן די ליבע. נאָר אַלץ קאָן שפּײַזן די שנאה.

דו האָסט אין די אַלע יאָרן ניט געטרונקען קײן גלאָז שאַמפּאַניער, ניט פֿאַרצערט קײן רײַכן מאַלצײַט וואָס האָט ניט געשפּײַזט און געמאַכט פֿעט דײַן שנאה. דערפֿאַר האָסטו, כּדי איך צו באַפֿרידיקן, זיך געשפּילט מיט מײַן לעבן, אַזוי ווי מיט מײַן געלט, זאָרגלאָז, ריקזיכטלאָז, אומבאַקימערט וועגן די פֿאָלגן. ווען דו וועסט פֿאַרלירן, האָסטו געמײנט, וועט דאָס ניט זײַן דײַן שאָדן. ווען דו וועסט געווינען האָסטו געוואוסט, וועלן זײַן דײַנע דער טריאומף און די געווינסן פֿון דעם זיג.

די שנאה מאַכט דעם מענטשן בלינד. דאָס האָסטו ניט באַמערקט. די ליבע קאָן לײענען דאָס, וואָס עס איז געשריבן אויף דעם ווײַטסטן שטערן; נאָר די שנאה האָט דיך געמאַכט אַזוי בלינד, אַז דו האָסט ניט געקאָנט זען ווײַטער ווי ביז צום אײנגן, אַרומגעמויערטן און שוין לוסט־פֿאַרוויאַנעטן גאָרטן פֿון דײַנע אַלטעגלאַכע פֿאַרלאַנגען. דײַן שרעקלאַכע פֿאַנטאַזיעלאָזיקײט, דער אײן ווירקלאַך פֿאַטאַלער מום פֿון דײַן כאַראַקטער, איז געווען אינגאַנצן דער רעזולטאַט פֿון דער שנאה וואָס האָט געלעבט אין דיר. הינטן אַרום, ניט אַרויסלאָזנדיק קײן פּיפּס, און אין געהײם, האָט די שנאה געגריזעט פֿון דײַן נאַטור, אַזוי ווי די לישאַיע־פֿלאַנץ בײַסט פֿון וואָרצל פֿון אַ בלײַכן בוימל, ביז דו האָסט ביסלאַכווײַז בלויז נאָך געזען די נישטיקסטע אינטערעסן און די קלײנלאַכסטע צוועקן. די פֿײַאיקײט אין דיר, וועמעס וואַקסן די ליבע האָט געקאָנט העלפֿן, האָט די שנאה פֿאַרסמט און פֿאַראַליזירט.

ווען דײַן פֿאָטער האָט מיך אָנגעהויבן צו אַטאַקירן, האָט ער דאָס געטאָן ווי דײַנער אַ פּערזענלאַכער פֿרײַנט, אין אַ פּערזענלאַכן

בריוו צו דיר. אזוי גיך ווי איך האָב געלייענט דעם בריוו מיט זיינע מיאוסע סטראַשונקעס און גראָבע געוואַלטקייטן, האָב איך תיכף איינגעזען, אַז אַ שרעקלאַכע געפאַר איז אַרויפגעשטייגן אויף דעם האָריזאָנט פון מיינע באַאומרואיקנדיקע טעג. איך האָב דיר געזאָגט, איך וועל ניט שאַרן קיין קוילן פון פייער פאַר אייך ביידן אין אייער אַלטער שנאה. איך אין לאָנדאָן בין נאַטירלאַך געווען פאַר אים אַ סך אַן איידעלערע יאַגד־חיה ווי אַ סעקרעטאַר פון אַן אויסלענדישן אַמט אין באַד האַמבורג. עס איז געווען אַן אומרעכט מיך אַריינצוברייננגען אין אַזאַ לאַגע, אַפילו פאַר איין אויגנבליק. איך האָב געהאַט עפּעס בעסערעס צו טאָן אין לעבן, ווי זיך אַרומצוריסן מיט אַ מאַן, וואָס איז געווען שכור, דעקלאַסירט און האַלב חסר דעה ווי ער. דו האָסט דאָס ניט געוואָלט איינזען. די שנאה האָט דיך געמאַכט בלינד. דו האָסט אונטערגעשטראָכן, אַז דער קריג האָט מיט מיר נאָר נישט צו טאָן. דו האָסט ניט געוואָלט דערלויבן דיין פאָטער צו מאַכן פאַר דיר תקנות וועגן דיינע פּערזענלאַכע פּריינטשאַפטן; עס וואָלט געווען העכסט אומגערעכט פון מיר, זיך אַריינצומישן. נאָר, נאָך איידער דו האָסט מיט מיר גערעדט האָסטו שוין געשיקט צו דיין טאַטן אַ זייער נאַריש, געמיינעם ענטפער־טעלעגראַם. דאָס האָט דיך נאַטירלאַך פאַרפליכטעט צו נאַרישער, געמיינער האַנדלונג.

די שלימזלדיקע טעותן פון לעבן דאַרפן ניט ווערן געשטעלט אויפן חשבון פון מענטשלאַכער ניט־קלוגשאַפט. אַ ניט־קלוגער מאָמענט קאָן ווערן אונזער שענסטער מאָמענט. מען דאַרף זיי שטעלן אויפן חשבון פון דעם אומשטאַנד, וואָס דער מענטש איז לאָגיש. צווישן דעם איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד. יענע טעלעגראַם האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דיין גאַנצער צוקונפטיקער שייכות צו דיין טאַטן און פאָלגלאַך אויך פאַר מיין גאַנץ לעבן. און דאָס לעבערלאַכע דערביי איז, וואָס דאָס איז געווען אַ טעלעגראַם מיט וועלכער עס וואָלט זיך געשעמט אפילו אַ גאַסניונג. פון געוואָגטע טעלעגראַמען צו פּעדאַנטישע אַדוואָקאַטן־בריוו איז געווען דער נאַטירלאַכער פאָרשריט. און דער פּועל יוצא פון די בריוו פון דיין רעכטלאַכן בעל־יועץ צו דיין פאָטער איז געווען, אים צו טרייבן נאָך ווייטער. דו האָסט אים ניט געלאָזן קיין אַנדער אויסוואַל, ווי צו גיין ווייטער. דו האָסט דאָס אויף אים אַרויפגעצוואונגען ווי אַן ערנזאַך, אָדער ריכטיקער ווי אַן אומערנזאַך, כדי דיין אַרויספאָדער־

רונג זאָל מער ווירקן. דאָס קומענדיקע מאָל האָט ער דערפאַר מיך ניט מער אַטאַקירט אין אַ פּערזענלאַכן בריוו און ווי דיין פריינט, נאָר עפנטלאַך און ווי אַ מאַן פון דער עפנטלאַכקייט. איך מוז אים אַרויסטרייבן פון מיין הויז, ער גייט אַרום פון רעסטאָראַן צו רעסטאָראַן מיך זוכן, כדי מיך צו באַליידיקן פאַר דער גאַנצער וועלט, אויף אַזאַ אופן, אַז איך זאָל ווערן רואינירט אויב איך צאָל אים צוריק, און דאָס גלייכן ווערן רואינירט אויב איך צאָל אים ניט צוריק. דעמאָלט איז דאָס געווים געוועזן אין צייט פאַר דיר אַרויסצוטרעטן און זאָגן, אַז דו ווילסט מיך ניט אויסזעצן פון דיינטוועגן צו אַזוינע עקלהאַפטע אָנגריפן, אַזעלכע נידערטרעכטיקע פאַרפאָלגונגען, נאָר דו האָסט אויפגעגעבן גערן און שנעל יעדער פּרעטענזיע וואָס דו האָסט געהאַט אויף מיין פריינטשאַפט.

דאָס פילסטו איצט וואויל. נאָר דעמאָלט איז דאָס דיר קיינמאָל ניט אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק. די שנאה האָט דיך געמאַכט בלינד. אַלץ וואָס דיר איז איינגעפאַלן (אַחוץ דעם, וואָס דו האָסט געשריבן צו דיין טאַטן באַליידיקנדיקע בריוו און טעלעגראַמען) איז געוועזן: זיך צו קויפן אַ לעכערלאַכן רעוואָלווער, וואָס האָט אויסגעשאָסן אין בערקלי אונטער אומשטענדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַן ערגערן סקאַנדאַל, ווי דו האָסט ווען געהערט דערפון.

דער געדאַנק פון דיין זיין דער קעגנשטאַנד פון אַ מוראַדיקן שטרייט צווישן דיין פאָטער און אַ מאַן פון מיין שטעלונג, האָט אויסגעזען דיר צו אַנטציקן. ער איז זייער נאַטירלאַך געוועזן געווען געפעלן דיין איטלקייט און האָט געשמייכלט דיין איינגליבע. אַז דיין פאָטער זאָל אפשר קריגן צוגעמשפט דיין גוף, וואָס האָט מיך ניט אינטערעסירט — דאָס וואָלט פאַר דיר געוועזן אַ פיינלאַכע לייזונג פון דער פראַגע. דו האָסט דערשמעקט די געלעגנהייט פון אַן עפנטלאַכן סקאַנדאַל און זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם. די אויסזיכט אויף אַ שטרייט, אין וועלכן דו וועסט זיין באַשיצט, איז דיר געוועזן שטאַרק געפעלן. איך דערמאָן זיך, דיך קיינמאָל ניט צו האָבן געזען אין אַ בעסערער שטימונג, ווי דו ביזט געוועזן דעם רעשט פון יאָר. דיין איינציקע אַנטוישונג האָט געשיינט צו זיין, וואָס פאַקטיש איז קיין זאַך ניט געשען, און אַז עס איז ניט פאָרגעקומען צווישן אונז קיין ווייטערע באַגעגעניש, אָדער געשלעג. דו האָסט זיך געטרייסט דערמיט, אים צו שיקן טעלעגראַמעס אין

אזא טאָן, אַז דער עלנטער האָט דיר סוף כל סוף געשריבן, אַז ער האָט באַפוילען זיינע באַדינער, אים אונטער קיין פּרעטענזיע ניט צו ברייננגען מער קיין טעלעגראַמען. דאָס האָט דיר ניט געמאַכט צוריקגעהאַלטן. דו האָסט געזען די אומגעהויערע מעגלעכקייטן, וועלכע עס ליפערט די אָפענע פּאָסטקאַרטל, און האָסט פון איר געמאַכט געברויך אין פולער מאָס. דו האָסט אים תמיד געהעצט ווייטער אויף דער יאָגד. איך גלויב ניט, אַז ער האָט זי ווען עס איז באמת אָפּגעבראָכן. דער פאַמיליע אינסטינקט איז געווען צו שטאַרק אין אים. זיין שנאה צו דיר איז געווען פּונקט אזוי פאַר'עקשנ'ט, ווי דיין שנאה צו אים, און איך בין געווען פאַר אייך ביידן דער שיס־פערד און אַזוי צוגעפּאַסט צום אָנגרייפן ווי צום באַשיצן. זיין ליידנשאַפט, צו מאַכן פון זיך ריידן, איז ניט געווען בלויז אינדיווידועל, נאָר אַ ראַסן־כאַראַקטעריסטיק. דאָך ווען זיין אינטערעס איז געוואָרן אָפּגעשלאַפט אַ רגע, אַזוי האָבן דיינע בריוו און פּאָסטקאַרטן עס באַלד ווידער אויפגעבלאָזן צו דער אַלטער פלאַם. דאָס האָט זיי געלונגען. און ער איז נאַטירלאַך געגאַנגען נאָך ווייטער.

נאָכדעם ווי ער האָט מיך אַטאַקירט ווי אַ פּריוואַט מאַן און פּריוואַט, ווי אַ מאַן פון עפנטלאַכקייט און עפנטלאַך, האָט ער צולעצט באַשלאָסן, צו מאַכן זיין גרויסע ענד־אַטאַקע אויף מיר, דעם קינסטלער, און דאָס טאַקע אונטערנעמען אויף יענעם פּלאַץ, וואו מיין קונסט ווערט פאָרגעשטעלט. ער האָט זיך פאַרשאַפט דורך שווינדל אַ פּלאַץ צו דער פּרעמיערע פון איינער פון מיינע פּיעסן און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי צו שטערן די פאָרשטעלונג, צו האַלטן קעגן מיר אַ לומפּיקע רעדע פאַר די צוהערער, באַליידיקן מיינע שוישפּילער, שליידערן אויף מיר סקאַנדאַליעזע אָדער אומאַנשטענדיקע קוילן, ווען איך וועל צום שלוס ווערן אַרויסגערופן פאַר דעם פאָרהאַנג, כדי צו פאַרניכטן מיך אויף אַ מיאוסן אופן דורך מיין קונסט. גאַנץ אומדערוואַרט, אין דער קורצער צופעליקער אויפריכטיקייט פון איינער מער ווי געוויינלאַכער שכרות־שטימונג, האָט ער זיך באַרימט מיט זיין אַבזיכט פאַר אַנדערע. האָט מען דאָס געמאָלדן צו דער פּאָליציי, און מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזן אין טעאַטער. דאָ האָסטו געהאַט דיין שאַנס. דאָ איז געווען פאַר דיך די געלעגנהייט. פאַלט דיר דאָס איצט ניט איין, אַז דו האָסט דאָס געדאַרפט איינזען

און אַרויסטרעטן און זאָגן, אַז מיין קונסט ווייניקסטנס ווילסטו ניט לאָזן רואינירן פון דיינטוועגן ?

דו האָסט געוואוסט, וואָס מיין קונסט איז געווען פאַר מיר: דער גרויסער הויפט־טאָן, דורך וועלכן איך האָב זיך אַנטפּלעקט, צוערשט זיך צו זיך אַליין, און נאָכדעם זיך צו דער וועלט; די גרויסע ליידנשאַפט פון מיין לעבן; די ליבע לעבן וועלכער אַלע אַנדערע ליבעס זיינען געווען ווי אַ זומפּוואַסער לעבן רויטן וויין, אָדער ווי דער גלי־וואָרים פון זומפּ לעבן דעם צויבערישן שפּיגל פון דער לבנה. באַגרייפסטו נאָך אַלץ ניט, אַז דיין פאַנטאַזיעלאָזיגקייט איז געווען דער איין ווירקלאַך־פאַטאַלער מום פון דיין כאַראַקטער ? וואָס דו האָסט געדאַרפט טאָן, איז געווען גאַנץ פשוט, און גאַנץ קלאָר פאַר דיר, נאָר די שנאה האָט דיך געמאַכט בלינד, און דו האָסט גאָר ניט געקאָנט זען.

איך האָב זיך ניט געקאָנט אַנטשולדיקן פאַר דיין פאָטער דערפאַר, וואָס ער האָט מיך באַליידיקט און כמעט ניין חדשים לאַנג פאַרפאָלגט אויף אַן עקלהאַפטן אופן. איך האָב ניט געקאָנט פון דיר פטור ווערן. איך האָב דאָס עטלאַכע מאָל פרובירט פון דאָס ניי. איך בין אַזוי וויית געגאַנגען, פאַקטיש צו פאַרלאָזן ענגלאַנד און אָפּצופאָרן נאָך אויסלאַנד מיט דער האָפענונג, פון דיר צו אַנטרינען. אַלץ איז געווען נוצלאָז, דו ביזט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געקאָנט עפּעס וואָס טאָן.

דער שליסל פון דער לאַגע איז געלעגן דורכאויס ביי דיר. דאָס איז געווען די איין גרויסע געלעגנהייט וואָס דו האָסט געהאַט מיר צו באַצאָלן אַ קליינעם דאַנק פאַר גאָר די ליבע און פריילאַכקייט און גוטסקייט און פריינגעביקייט און פלעגע, וואָס איך האָב דיר אַרויסגעוויזן. ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי אָפּצושעצן אפילו בלויז אַ צענטל פון מיין קינסטלערישן ווערט, אַזוי וואָלסטו דאָס געטאָן. נאָר די שנאה האָט דיך געמאַכט בלינד. די פייאיקייט אַ דאַנק וועלכע און דורך וועלכע אַליין מיר קאָנען פאַרשטיין: „אַנדערע אין זייערע רעאַלע ווי אידעאַלע באַציאונגען" איז געווען טויט אין דיר. דו האָסט בלויז געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי דו קאָנסט פאַרשפאַרן דיין טאַטן אין תפיסה. אים צו זען אויף דער אַנקלאַג־באַנק — דאָס איז געווען דיין איינציקע אידייע. דער אויסדרוק דערפון איז געווען איינער פון די פילע „וויסנשאַפטן" פון דיין טעגלאַכן געשפרעך. מ'האָט אים גע־

הערט פון דיר ביי יעדער מאָלצייט. נו גוט, דיין וואונטש איז געוואָרן מקוים. דער האָס האָט דיר געגעבן יעדע איינציקע זאַך, וואָס דו האָסט פאַרלאַנגט. ער איז געווען צו דיר אַ נאָכגעביקער האַר: ער איז דאָס באמת פאַר אַלע וואָס דינען אים. צוויי טעג ביזטו געזעסן מיטן שעריף אויפן הויכן זיץ און געזעטיקט דיינע אויגן מיטן אָנבליק פון דיין פאָטער, וועלכער איז געזעסן אויף דער אָנקלאָגע־באַנק פון דעם הויפּטקרימינאַל געריכט. נאָר דעם דריטן טאָג האָב איך פאַרנומען זיין פּלאַץ. וואָס איז געשען? אין אייער עקלהאַפטן שנאה־שפּיל האָט איר ביידע געשטעלט אין קאָן מיין נשמה און דו האָסט צופעליק פאַרלאָרן. דאָס איז געווען אַלץ.

דו זעסט, איך דאַרף באַשרייבן פאַר דיר דיין לעבן, און דו דאַרפסט דאָס באַגרייפן. מיר קאָנען זיך שוין איינע די אַנדערע מער ווי פיר יאָר. אַ העלפט פון דער צייט זיינען מיר געווען צוזאַמען; די אַנדערע העלפט האָב איך געמוזט פאַרברענגען אין תפיסה אַלס רעזולטאַט פון אונזער פריינטשאַפט.

איך ווייס ניט וואו דו וועסט דערהאַלטן אָט דעם בריוו, אין פאַל ער וועט דיך איבערהויפּט דערגרייכן. נאָר איך צווייפל ניט, אַז דו האַלסט זיך אויף אין רוים, נעאַפּל, פּאַריז, ווענעדיג, אין אַ שיינע שטאָדט ביים ים, אָדער ביי אַ טייך. און אויב אפילו דו האָסט ניט דעם ניט־נוציקן לוקסוס, וואָס דו האָסט געהאַט ביי מיר, ביזטו דאָך אַרומגערינגלט מיט אַלץ וואָס איז אָנגענעם פאַרן אויג, אויער און געשמאַק.

דאָס לעבן איז פאַר דיר מלא חן. און דאָך, ווען דו האָסט שכל און ווילסט געפינען דאָס לעבן נאָך ליבלאַכער, און פון אַן אַנדער שטייגער, אַזוי וועסטו דאָס לייענען פון אָט דעם שרעקלאַכן בריוו — איך ווייס, דאָס איז אַ זעלכער — לאָזן ווערן צו אַזאַ וויכטיקן קריזיס און אַ ווענדפונקט פון דיין לעבן, ווי דאָס איז געווען פאַר מיר זיין אויפשרייבן. דיין בלאַס געזיכט פלעגט לייכט ווערן רויט פון טרינקען ווין אָדער פאַר פרייד. אויב עס וועט, ווען דו לייענסט וואָס דאָ שטייט געשריבן, פון צייט צו צייט ברענען פאַר בושה ווי אונטערן פייער פון קאַלך־אויוון, וועט דאָס זיין פאַר דיר אַ סך בעסער. די העכסטע זינד איז אויבערפלעכלאַכקייט. אַלץ וואָס קומט צום באַוואוסטזיין איז ריכטיק.

איך בין איצט צוגעקומען ביז צום אונטערזוכונגס־אַרעסט —

ניט אמת ? נאָכדעם ווי איך בין געבליבן אַ נאַכט אַרעסטירט אין פּאָליציי, בין איך געפאָרן אהיין אין גרינעם וואָגן. דו ביזט געווען זייער אויפמערקזאם און גיטיק. כמעט יעדן נאָכמיטאָג, אויב ניט פּאַקטיש יעדן נאָכמיטאָג, ביז צו דיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד, האָסטו זיך גענומען די מי, צו קומען צופאָרן און מיך באזוכן אין האָליוויי־תפיסה. דו האָסט מיר אויך געשריבן זייער ליבע, פריינטלאַכע בריוו. נאָר אפילו איין סעקונדע לאַנג האָט אין דיר ניט אויפגעלויכטן דער געדאַנק, אַז ניט דיין טאַטע, נאָר דו האָסט מיך געבראַכט אין תפיסה, אַז פון אָנהויב ביזן סוף ביזטו געווען דער פאַראַנטוואָרטלאַכסטער, וואָס דורך דיין שולד, פאַר דיר און דורך דיר בין איך דאָרט געווען. דאָס איז דיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן אפילו איין סעקונדע. אפילו דער אָנבליק פון מיין פּערזאָן הינטער די גראַטעס פון אַ הילצערנעם שטייג איז ניט געווען בכח אויפצטורייסלען אָט די טויטע, פאַנטאַזיעאָרימע נאַטור. דו האָסט געהאַט דאָס מיטגעפיל און די סענטימענטאַליטעט פון צוקוקער, וועלכער זיצט ביי אַ זייער רירנדיקער פּיעסע. אַז דו ביזט געווען דערווירקלאַכער פאַרפאַסער פון דער שווידערהאַפטער טראַגעדיע איז דיר ניט איינגעפאַלן. איך האָב געזען, אַז דו האָסט כלל קיין השגה ניט געהאַט פון דעם, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן. איך האָב ניט געהאַט קיין חשק, צו זיין דער יעניקער, וועלכער זאָגט דיר, וואָס דיין אייגן האַרץ האָט דיר געדאַרפט זאָגן, וואָס עס וואָלט דיר אויך געזאָגט, ווען דו וואָלסט ניט געלאָזן די שנאה עס פאַרהאַרטעווען און מאַכן געפיללאָז.

אַלץ מוז איינעם צושטראָמען פון דער אייגענער נאַטור. עס האָט ניט קיין צוועק, עפּעס צו זאָגן עמיצן, וואָס ער פילט ניט און קאָן ניט פאַרשטיין. ווען איך שרייב איצט צו דיר, ווי איך טו דאָס, איז דאָס דערפאַר, ווייל דאָס האָט געמאַכט נויטיק דיין אייגענער שווייגן און זיך פאַרהאַלטן אין משך פון מיין לאַנגער געפאַנגענשאַפט. אַ חוץ דעם, ווי די זאַכן האָבן זיך אַנטוויקלט, איז דער קלאַפּ געפאַלן אויף מיר אַליין. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ פרייד. איך האָב זיך צופרידן געשטעלט צו ליידן פאַר אַ סך אורזאַכן, כאָטש פאַר מיינע אויגן, וועלכע האָבן דיך באָבאַכטעט איז אַלעמאָל געלעגן ניט ווייניק פאַראַכטלאַכעס אין דיין גאַנצער אַבזיכטלאַכער בלינדקייט. איך דערמאָן זיך ווי דו האָסט מיט שטאָלץ אַרויסגענומען אַ בריוו. וועלכן דו האָסט וועד

נען מיר פאַרעפנטלאַכט אין אַ סענזאַציאָנעלער צייטונג. דאָס איז געווען אַ זייער פאַרזיכטיקע, געמעסיקטע, זאָגאַר אַלטעגלאַכע אַרבעט. דו האָסט אַפּעלירט צום „ענגלישן גערעכטיקייטס־זין", אָדער עפּעס זייער טרויעריקס פון אָט דעם מין, פאַר דער טובה פון אַ „מאַן, וועלכער ליגט אויף דער ערד". דאָס איז געווען פון יענעם מין בריוו, וועלכע דו האָסט געקאָנט שרייבן, ווען עס וואָלט געוואָרן אויפגעהויבן אַ שמערצלאַכע אָנקלאַגע קעגן אַ בכבודיקער פּערזאָן, מיט וועלכער דו ביזט פּערזענלאַך געווען גאַנץ אומבאַקאַנט. נאָר דו האָסט דאָס געהאַלטן פאַר אַ וואונדערבאַרן בריוו. דו האָסט אין דעם געזען אַ באַווייז פון כמעט ריזיקאַליש־וואונדערלאַכער ריטערלאַכקייט. איך ווייס, דו האָסט נאָך אַנדערע בריוו געשריבן אין אַנדערע צייטונגען, וועלכע האָבן זיי ניט געדרוקט. דאָך דעמאָלט האָבן זיי געזאָלט בלויז באַריכטן, אַז דו האָסט דיין טאַטן. נאָר קיין האָן האָט ניט געקרייט מכח דעם, צו דאָס איז געווען אַזוי דער פאַל אָדער ניט.

די שנאה — דאָס האָסטו נאָך צו דערלערנען — באַטראַכט אינטעלעקטועל, איז די אייביקע פאַרניינונג. פון שטאַנדפּונקט פון געמיט באַטראַכט, איז די שנאה אַ פאָרמע פון אַטראָפיע וואָס ווירקט טויטלאַך, נאָר ניט פאַר זיך אַליין. צו שרייבן אין די צייטונגען אַז מען האָסט עמיצן, איז פּונקט אַזוי ווי מען זאָל וועלן שרייבן אין די צייטונגען, אַז מען האָט אַ געהיימע, מיאוסע קראַנקהייט. דער פאַקט, וואָס דער מאַן, וועמען דו האָסט געהאַסט איז געווען דיין אייגענער טאַטע און אַז דאָס זעלבע געפיל איז געווען גרינטלאַך צוריק־געצאָלט, האָט אויף קיין אופן ניט געמאַכט דיין שנאה חשוב אָדער שיין. אויב זי האָט עפּעס וואָס באַוויזן, איז דאָס בלויז געווען, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן איינגעבאָרענער קראַנקהייט.

איך דערמאָן זיך ווידער: ווען עס איז געוואָרן באַשטימט די געצוואונגענע ליציטאַציע איבער מיין הויז און מיינע ביכער און מעבל זיינען געוואָרן פאַרנומען און אַרויסגעשטעלט צום פאַרקויף און דער באַנקראָט איז געשטאַנען פאַר דער טיר, האָב איך דיר נאַטירלאַך געשריבן, כדי דיר דאָס מיטצוטיילן. איך האָב ניט דערמאָנט. אַז די באַצאָלונג פאַר עטלאַכע פון מיינע מתנות פאַר דיר האָבן געבראַכט דעם געריכטס־דינער אין דאָס הויז, אין וועלכן דו האָסט אַזוי אָפט געגעסן. איך האָב געטראַכט, מיט

רעכט אָדער אומרעכט, אַז אַזאַ ידיעה וועט דיר אפשר אביסל וויי־טאָן. איך האָב דיר דערציילט בלויז די טרוקענע פאַקטן. איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר פּאַסיק, אַז דו זאָלסט דאָס וויסן. דו האָסט מיר געענטפערט פון בולאָן אין אַ טאָן פון כמעט לידישער שמחה. דו האָסט געשריבן, אַז דו ווייסט, אַז דיין פאָטער פילט זיך „שלעכט אין קאַסע", אַז ער האָט געמוזט שאַפן 1500 פונט פאַר די קאָסטן פון פּראָצעס און אַז מיין דערוואַרטעטער באַנקראָט איז אַ „פּאַבלהאַפטער טריאומף" איבער אים, ווייל ער וועט צוליב דעם ניט זיין אימשטאַנד אַרויסצוקריגן פון מיר זיינע אויסגאַבן !

באַגרייפסטו איצט, וואָס די שנאה איז, וואָס מאַכט איינעם בלינד ? זעסטו איין, אַז ווען איך רוף איר אָן אין יעדן פאַל, נאָר ניט פאַר זיך אַליין, אַ פאַרדאַרבלאַכע אַטראָפּיע, באַשרייב איך וויסנשאַפטלאַך אַ ווירקלאַך פּסיכאָלאָגישן פאַקט ? — אַז אַלע מיינע ליבלאַכע זאַכן זאָלן ווערן פאַרקויפט : מיינע צייכנונגען פון באַרן־דזשאָנס, פון וויסטלער, מיין מאָנטיטשעלי, שמעון סאָלאָמאָנס, מיין פאָרצעליי, מיין ביבליאָטעק, מיט איר זאַמלונג פון ווידמונגס־עקזעמפּלאַרן פון כמעט אַלע דיכטער פון מיין צייט: פון הוגאָ ביז וויטמאַן, פון סווינבורן ביז מאַלאַרמע, פון מאָריס ביז ווערלען, מיט אירע שיין געבונדענע אויסגאַבן פון די ווערק פון מיין פאָטער און מיין מוטער, איר וואונדערפולער סעריע פון אוניווערזיטעט און שול־פּרייזן, אירע לוקסוס־אויסגאַבן און דאָס גלייכן — דאָס איז לחלוטין ניט געווען פאַר דיר. דו האָסט געזאָגט, עס איז דיר ניט אינטערעסאַנט. דאָס איז געווען אַלץ. דו האָסט אין דעם געזען בלויז די מעגלאַכקייט, אַז דיין פאָטער זאָל פאַרלירן אַ פאָר הונדערט פונט, און אָט די עלנטע אויפפּאַסונג האָט דיך דערפילט מיט התלהבות'דיקער פרייד.

בנוגע די פּראָצעס־קאָסטען, אַזוי מעג דאָס דיך אינטערעסירען צו וויסן, אַז דיין פאָטער האָט אָפן דערקלערט אין אָרלעאַנס קלוב, אַז ווען דער עסק וואָלט אים געקאָסט צוואַנציק טויזנט פונט, וואָלט ער באַטראַכט דאָס געלט פאַר דורכאויס גוט אָנגעווענדט ; ער האָט דערפון געהאַט אַזוי פיל תענוג, נחת און נצחון. דער פאַקט, אַז ער איז געווען בכח, ניט בלויז מיך אַריינצוזעצן אויף צוויי יאָר אין תפיסה, נאָר מיך אויך אַרויסצונעמען פאַר אַ נאָכמיטאָג און מאַכן פאַר אַן עפנטלאַכן אָנזעצער, איז געווען אַז

עקסטרא ראפינירטע פרייד, וועלכע ער האט ניט דערוואַרט. דאס איז געווען די קרוינונג פון מיין דערנידעריגונג און זיין פולקומענעם איינוווענדונגספרייען זיג.

וואלט דיין פאטער ניט געקאַנט פארלאַנגען זיינע קאסטן פון מיר, אזוי וואלסטו, איך ווייס דאס גאר צו גוט, געווען פול מיט געפיל, אזוי ווייט ווי מען קאָן דאס אויסדריקן אין ווערטער, פאר דעם גאַנצליכן פארלוסט פון מיין ביבליאָטעק, אָן אומדערזועצלאבער פארלוסט פאר א שריפטשטעלער, וואס איז געווען פאר מיר דער שמערצלאַכסטער פון אַלע מיינע מאַטעריעלע פארלוסטן. און אָנדיינקען אָן די געלט־סומען, וועלכע איך האב אויסגעגעבן פאר דיר איבער דער מאס, און אָן דעם ווי דו האסט יאָרנלאַנג געלעבט פון מיר, וואלסטו אפילו זיך אפשר גענומען די מי, צוריקצוקויפן פאר מיר עטלאַכע פון מיינע ביכער. גאָר די בעסטע זיינען אוועק פאר ווייניקער ווי 150 פונט — אומגעפער אזוי פיל, וויפיל איך האב אין דורכשניט אויסגעגעבן פאר דיר אין איין וואָך. גאָר די ביזוויליקע פאַרשטעלונג, אַז דיין טאטע וועט פארלירן א פאר גראַשן האט גאָרניט געלאָזט אויפקומען ביי דיר דעם פארזוך מיר צוריקצוצאָלן א קליינע געפעליקייט, וואס איז געווען אזוי לייכט, אזוי ווייניק קאסטשפיליק, אזוי ליגנדיק פון אויבן אויף, און מיר וואָלט דאס געווען אזוי אומגעהויער געווינשט, ווען דו וואָלסט איר דורכגעפירט. נו, האָב איך רעכט ווען איך זאָג, אַז די שנאה מאַכט דעם מענטשן בלינד? זעסטו דאס איצט איין? ווען ניט, פרוביר דאס איינצוזעען.

ווי קלאָר איך האָב דאס איינגעזען דעמאָלט, אזוי ווי איצט, דארף איך דיר ניט דערציילן. נאָר איך האָב צו זיך געזאָגט: „אום יעדן פרייז מוז איך זיך דערהאַלטן די ליבע אין הארצן. אויב איך גיי אין תפיסה אָן ליבע, וואס וועט ווערן פון מיין נשמה?" די בריוו, וועלכע איך האָב דיר דעמאָלט געשריבן פון האָלאָוויי, זיינען געווען מיינע אָנשטריינגונגען צו דערהאַלטן די ליבע אַלס דעם הערשנדיקן טאָן פון מיין נאַטור. איך האָב, ווען איך וואָלט געוואָלט, דיך געקאָנט צורייסן אין שטיקער מיט ביטערע פאָרוואורפן. איך האָב דיר געקאָנט צושמעטערן מיט קללות. איך האָב געקאָנט האַלטן קעגן דיר א שפיגל און ווייזן א בילד פון דיר, ביז דו וואָלסט אויסגעפונען, אַז עס מאַכט נאָך דיינע גרוילהאַפטע תנועות, און דעמאָלט וואָלסטו געוואוסט, וועמעס

געשטאָלט דאָס איז געווען, און דו וואָלסט איר און זיך פאַרהאַסט אויף אייביק.

יאָ, נאָך מער. די זינד פון אַן אַנדערן איז געוואָרן געשטעלט אויף מיין חשבון. וואָלט איך געוואָלט, האָב איך זיך געקאָנט ראַטעווען אויף זיין רעכנונג אין ביידע פּראָצעסן — באמת ניט פון חרפּה נאָר פון תּפיסה, ווען איך וואָלט געוואָלט באַווייזן, אַז די עדות פון דער באַשולדיקונג — די דריי וויכטיקסטע — זיינען געוואָרען גענוי איינגעהזרט פון דיין טאַטן און זיינע אַדוואָקאַטן, ניט בלויז וואָס זיי דאַרפן פאַרשווייגן, נאָר אויך קאָנספּירירט און איינגעשטודירט וואָס זיי דאַרפן אבזיכטלאָך באַהויפּטן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן אינגאַנצן אַריבערטראָגן אויף מיר די האַנדלונגען און טאַטן פון אַן אַנדערן — איך וואָלט דאָס געקאָנט אויספירן, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל ווערן צוריקגעוויזן פון ריכטער אין געריכטסהויז נאָך מיט ווייניקער אומשטענדן ווי דער פאַלש־שווערנדיקער לומפּ עטקינס. איך וואָלט געקאָנט אַרויסגיין אַ פרייער מאַן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט די הענט אין די קעשענעס. מען האָט אויסגעאיבט אויף מיר דעם שטאַרקסטען דרוק איך זאָל דאָס טאָן. לייט, וועמעס איינציק אינטערעס איז געווען מיין טובה און די טובה פון מיין הויז, האָבן מיר דערצו ערנסט געראַטן, געבעטן, באַשוואָרן. נאָר איך האָב זיך דערפון אָפּגעזאָגט. איך האָב ניט געוואָלט איינגיין אויף דעם. איך האָב קיינמאָל, אַפילו איין הרף עין ניט באַדויערט מיין באַשלוס, אַפילו ניט אין די ביטערסטע צייטן פון מיין זיצן אין תּפיסה. צו האַנדלען אויף אַזאַ שטייגער וואָלט געווען אונטער מיין ווירדע. די זינד פון פלייש זיינען גאָרנישט. דאָס זיינען קראַנקהייטן, פאַר דאָקטוירים צו היילן, אויב זיי דאַרפן איבערהויפּט ווערן געהיילט. בלויז די זינד פון דער נשמה זיינען פול בושה און חרפּה. זיך אויסווירקן מיין אַרויסגיין פריי דורך אַזעלכע מיטלען, וואָלט מיין גאַנץ לעבן געווען אַ קוועלונג פאַר מיר.

נאָר גלויבסטו ווירקלאָך, אַז דו האָסט פאַרדינט די ליבע, וועלכע איך האָב דיר אַרויסגעוויזן דעמאָלט, אָדער אַז איך האָב איין רגע געגלויבט אַז דו האָסט זי פאַרדינט? מיינסטו מיט אַן אמת. אַז אין וועלכן עס איז פּעריאָד פון אונזער פריינטשאַפט ביזטו געווען ווערט די ליבע וואָס איך האָב אַרויסגעוויזן צו דיר, אָדער אַז

איך האָב איין רגע געדאַכט אַז דו האָסט זי פאַרדינט ? איך האָב געוואוסט אַז דו ביזט איר ניט ווערט געווען. נאָר די ליבע פירט ניט קיין מסחרים אויפן מאַרקפּלאַץ. זי באַנוצט אויך ניט דעם קרעמערס וואָג־שאָלן. איר פרייד, אַזוי ווי די פרייד פון גייסט, איז זיך צו פילן לעבעדיק. דאָס שטרעבן פון דער ליבע איז : צו ליבן — ניט מער, און ניט ווייניקער. דו ביזט געווען מיין שונא ; אַזאַ שונא וואָס קיין מענטש האָט קיינמאָל ניט געהאַט. איך האָב דיר אָוועקגעשיינקט מיין לעבן ; כדי צו באַפרידיקן די נידעריקסטע און פאַראַכטליכסטע פון אַלע מענטשלאַכע ליידנשאַפטן : שנאה, אייטלקייט און גיריקייט, האָסטו דאָס אָוועקגעוואָרפן. אין ווייניקער ווי דריי יאָר האָסטו מיר גאַנץ רואינירט פון יעדן שטאַנדפּונקט.

אין מיינע אייגענע אינטערעסן איז מיר גאָר ניט געבליבן וואָס צו טאָן, ווי דיך צו ליבן. איך האָב געוואוסט : אויב איך וועל זיך דערלויבן דיך צו האַסן, דעמאָלט וועט אין דעם טרוקענעם מדבר פון דאַזיין, דורך וועלכן איך מוז גיין און גיי נאָך אַלץ, יעדער פעלז פאַרלירן זיין שאָטן, יעדער פאַלמבוים פאַרדאַרן, יעדער וואַסערקוואַל זיין פאַרגיפטעט פון זיין סאַמע אָנהויב. נו, הויבסטו אָן א ביסל צו פאַרשטיין ? דערוואַכט דיין פאַנטאַזיע פון דעם לאַנגן טויטשלאָף, אין וועלכן זי איז געלעגן ? דו ווייסט שוין, וואָס די שנאה איז. הייבט דאָס דיר אָן אויפצולייכטן, וואָס איז די ליבע און וואָס איז דער עצם פון דער ליבע ? עס איז ניט צו שפּעט פאַר דיר, דאָס צו דערלערנען, כאָטש כדי דאָס דיך צו לערנען, האָב איך געמוזט גיין אין אַרעסטאַנטן־קאַמער.

נאָך מיין שרעקלאַכער פאַראורטיילונג, ווען איך האָב געהאַט אויף זיך די אַרעסטאַנסקע קליידער, און דאָס תפיסה־הויז האָט זיך אַרום מיר געשלאָסן, בין איך געזעסן צווישן די חורבות פון מיין וואונדערלאַכן לעבן, צושמעטערט פון אַנגסט, צוטומלט פאַר שרעק, באַטויבט דורך שמאַרץ. נאָר איך האָב דיך ניט געוואָלט האַסן. יעדן טאָג האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין : „איך מוז מיר היינט אויפהאַלטן די ליבע אין מיין האַרצן ; ווי קאָן איך דען אַנדערש דורכלעבן דעם טאָג ?“ איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם, אַז דו האָסט ניט געמיינט קיין בייז, ווייניקסטנס מיט מיר ; איך האָב זיך באַמיט צו טראַכטן, אַז דו האָסט אָפּגעשנעלט א בויגן סתם אַזוי אין דער וועלט אריין, און אַז דער פייל האָט דורכ־

געלעבערט אַ קעניג צווישן די געלענקן פון זיין פאַנצער. אָפּ־צוואַוונען דיך קענן דעם קלענסטן פון מיינע ליידן, דעם קנאַפּסטן פון מיינע שאָדנס, וואָלט געווען, ווי איך האָב געפילט, אומגע־רעכט. איך האָב באַשלאָסן אויך דיך צו באַטראַכטן פאַר אַ דול־דער. איך האָב אויך זיך אַרויפגעצוואונגען דעם גלויבן, אַז ענד־לאַנג זיינען דיר אַרונטערגעפאַלן די בעלמעס פון די לאַנג פאַר־בלענדעטע אויגן. פול שמערץ פלעג איך זיך פאָרשטעלן, ווי גרויס האָט געמוזט זיין דיין אויפשוידערן ווען דו האָסט זיך צוגעקוקט צו די שרעקלאַכע אַרבעט פון דיינע הענט. עס זיינען געווען צייטן, אַפילו אין יענע טונקעלע טעג, ווען עס האָט זיך מיר באמת פאַרלאַנגט, דיך צו טרייסטן; אַזוי זיכער בין איך געווען, אַז ענדלאַך איז דיר געקומען צום באַוואוסטזיין, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן.

עס איז מיר דערביי כלל ניט איינגעפאַלן, אַז דו קאָנסט האָבן די העכסטע זינד: אויבערפלעכלאַכקייט. יאָ, דאָס איז געווען פאַר מיר אַן אמת'ער קומער, ווען איך האָב דאָס דיך געמוזט לאָזן וויסן. איך האָב זיך גוזען גענויטיקט, אָפּצושפאָרן די ערשטע געלעגנהייט צו קריגן אַ בריוו פון פאַמיליע־צוועקן; ווייל מיין שוואָגער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז אויב איך וועל נאָר שרייבן איינמאָל צו מיין פרוי, וועט זי, פון מיינטוועגן און פון אונזערע קינדערס וועגן, ניט אָנגעבן קיין גט־קלאָגע. איך האָב געפילט: מיין פליכט איז געווען, דאָס צו טאָן. שוין ניט צו ריידן פון אַנדערע טעמים, האָב איך ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק זיך צו שיידן פון סיריל, מיין אָט דעם שיינעם, ליבררייכן ליבנס־ווערטן קינד, מיין פריינד פון אַלע פריינט, מיין חבר איבער אַלע חברים; אַז איינציק האָר פון זיין גאָלדן קעפּל האָט מיר געדאַרפט זיין טייערער ווי — איך וויל ניט זאָגן: דו פון קאָפּ ביז די פיס, ווי גאָר דער קריזאָליט פון דער גאַנצער וועלט, דאָס איז מיר פּאַקטיש אויך אַלעמאָל געווען, כאָטש איך האָב דאָס ערשט פאַרשטאַנען צו שפּעט.

צוויי וואָכן נאָך דיין דערנעטערונגס פאַרזוך האָב איך דער־האַלטן אַ ידיעה וועגן דיר, ראָבערט שעראַרד, אָט דער בראַוו־סטער און ריטערלאַכסטער פון אַלע פּרעכטיקע באַשעפענישן, האָט מיך באַזוכט און צווישן אַנדערע זאַכן מיר דערציילט, אַז דו טראָגסט זיך אַרום מיטן געדאַנק, פאַרעפנטלאַכן אַן אַרטיקל וועגן

מיר צוזאַמען מיט פּראָבען פון מיינע בריוו, אין דעם לעכערלאַכן „מערקור דע פראַנס“ מיט זיין נאַרישער אויספיינערייע וואָס שיינט צו זיין דער אמת׳ער מיטלפּונקט פון ליטעראַרישער פאַרדאַרבנקייט. ער האָט מיך געפרעגט, אויב דאָס ווערט געטאָן לויט מיין וואונטש. איך בין געוועזן העכסט דערשטוינט און זייער אין כעס און געגעבן דעם אויפטראַג, די זאַך באַלד אָפּצושטעלן. דו האָסט מיינע בריוו זיך געלאָזט אַרומוואַלגערן, אַזוי אַז די לא יחרץ געלט פאַרלאַנגער האָבן זיי געקאָנט גנב׳ען, האָטעל־באַדינער — אוועקלאַכענען, דינסטמיידלאַך פאַרקויפן. דאָס איז געוועזן איינפאַך דיין לייכטזיניקייט, ווייל עס האָט דיר געפעלט ווערט־אָפּשאַצונג פאַר דאָס, וואָס איך האָב דיר געשריבן. נאָר אַז דו טראַכטסט ערנסט וועגן דעם, צו פאַרעפנטלאַכן אויסצוגן פון די איבעריקע בריוו, איז געוועזן כמעט אומגלויבלאַך פאַר מיר. און וועלכע בריוו מיינע זיינען דאָס געוועזן? איך האָב זיך ניט געקאָנט דערוויסן גענויערעס. דאָס איז געוועזן מיין ערשטע ידיעה פון דיר. זי איז מיר ניט געוועזן געפעלן.

די צווייטע נאַכריכט האָט ניט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. די אַדוואָקאַטן פון דיין פאָטער האָבן זיך באַוויזן אין תפיסה און מיר געמאַכט די געריכטלאַכע דערעפענונג פון מיין ליציטאַציע וועגן די לומפּיקע 700 פונט, וואָס עס האָבן באַטראָפן זייערע צוגעשטעלטע קאָסטן. מען האָט מיך דערקלערט פאַר אַ ניט צאָלונגס־פייאיקן בעל חוב און איינגעאָרדענט, אַז איך זאָל ווערן צוגעשטעלט צום געריכט. איך האָב געהאַט דעם זייער שטאַרקן געפיל, האָב אים נאָך איצט און וועל זיך נאָך צוריקקערן צו אָט דעם ענין, אַז אָט די קאָסטן וועלן ווערן באַצאָלט פון דיין פאַמיליע. דו האָסט פּערזענלאַך גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, דערמיט וואָס דו האָסט אָפּגעגעבן די דערקלערונג, אַז דיינע קרובים וועלן דאָס טאָן. דאָס האָט באַוואויגן דעם אַדוואָקאַט, איבערצונעמען דעם פּראָצעס אויף דעם אופן, ווי ער האָט דאָס געטאָן. דו ביזט געוועזן דורכאויס פאַראַנטוואָרטלאַך. אויך אומאָפּהענגיק פון דיינע פאַרפּליכטעטע צוזאָגן פאַר דיינע אנגעהעריקע האָסטו געדאַרפט האָבן דאָס געפיל: אַזוי ווי דו האָסט מיך רואינירט, אַזוי איז געוועזן דאָס מינדסטע, וואָס מען האָט געקאָנט טאָן, מיר צו שאַנעווען פון די ווייטערע שאַנד פון באַנקראָט צוליב אַ ווירקלאַך פאַראַכטלאַכע סומע, ווייניקער ווי אַ

העלפט דערפון, וואָס איך האָב אויסגעגעבן פאַר דיר אין די דריי קורצע זומער חדשים אין גאַרינג. דאָך וועגן דעם אַצינד ניט מער.

איך האָב געקראַגן, ווי איך ליקן ניט, אַ מיטיילונג פון דיר מכח דער זאַך אָדער דאָך אין פאַרבינדונג מיט אַט דער אנגעלעגנ־הייט; דורך דעם ביוראָ־פאָרשטייער פון דעם אַדוואָקאַט. אין דעם טאָג, וואָס ער איז געקומען, כדי צו פאַרשרייבן מיינע באַריכטן און דערקלערונגען, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבערן טיש — דער וועכטער פון תפיסה איז געווען דערביי, — און נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינגעקוקט אין אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע, האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ שטילן קול: „פּרינץ פלאָר דע ליס לאָזט אייך גריסן". איך האָב אים אָנגעקוקט. ער האָט איבערגעחזרט די שליחות. איך האָב ניט געוואוסט וואָס ער מיינט. „דער הער איז אַצינדערט אין אויסלאַנד", האָט ער צוגעגעבן געהיימניספול. דאָ איז מיר אַלץ געוואָרן בליצאַרטיק קלאָר, און איך געדיינק נאָך, אַז איך האָב צום ערשטן און צום לעצטן מאָל אין מיין גאַנצן תפיסה־לעבן געלאַכט. אין אָט דעם לאַכן איז געווען די גאַנצע פאַראַכטונג פון דער גאַנצער וועלט.

פּרינץ פלאָר דע ליס! איך האָב איינגעזען — און שפּעטערע געשעענישן האָבן מיר באַוויזן, אַז איך האָב געזען ריכטיק: — קיין זאַך וואָס איז פאָרגעקומען האָט דיר גאָרניט געמאַכט באַגרייפן. דו ביזט נאָך אַלץ געווען אין דיינע אויגן דער חנ'עוודיקער פּרינץ פון אַ וואולגאַרער קאָמעדיע, ניט די טרויעריקע געשטאַלט פון אַ טראַגישער פּיעסע. אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען, איז געווען בלויז ווי אַ פעדער פאַר דער הוט, וואָס באַצירט אַ באַשרייענקטן קאָפּ, אַ בלום אַריינצושטעקן אין זשאַקעט, אונטער וועלכן עס קלאַפּט אַ האַרץ, וואָס די שנאה אַליין, די שנאה אַליין, קאָן וואַרימען, וואָס די ליבע, די ליבע אַליין, געפינט קאַלט. פּרינץ פלאָר דע ליס! דו האָסט געוויס גאַנץ רעכט אַריינצוטרעטן מיט מיר אין פאַרבינדונג אונטער אַן אָנגענומענעם נאָמען. איך אַליין האָב דעמאָלט בכלל, ניט געהאַט קיין נאָמען. אין דער גרויסער תפיסה, אין וועלכער איך בין געווען פאַרשפּאַרט, בין איך געווען בלויז די צאָל און דער בוכשטאַב פון אַ קליין צעל אין אַ לאַנגן דורכגאַנג, איינס פון טויזנט לעבלאָזע נומערן ווי איינס פון טויזנט לעבלאָזע לעבנס. נאָר עס זיינען זיכער געווען אַ סך ווירקלאַכע נעמען

אין דער ווירקלאכער געשיכטע, וועלכע האָבן זיך בעסער צו דיר געפּאַסט און אין וועלכע איך וואָלט דיך תיכף ניט שווער דער־קאָנט. איך האָב זיך דיך ניט פאָרגעשטעלט אונטער דעם גלאַנץ פון אַ בלישצענידקן קאַזיראַק, וואָס פּאַסט בלויז פאַר אַ קורצן מאַסקן־באַל.

אָך, וואָלט דיין נשמה געווען, ווי זי האָט געדאַרפט זיין צו־ליב איר אייגענער פולקומענהייט, פאַרוואונדעט פון ליידן, געבויגן פון געוויסנביסן און דערנידעריקט פון צער, וואָלט זי ניט אויס־געקליבן אַזאַ פאַרמאַסקירונג, צו זוכן אין איר שאָטן אַריינגאַנג אין הויז פון שמערץ. די גרויסע זאַכן פון לעבן זיינען דאָס, וואָס זיי זעען אויס, און צוליב אָט דעם טעם, ווי מאָדנע דיר מעג דאָס קלינגען, זיינען זיי אָפט שווער צו דערקלערן. נאָר די קליינע זאַכן פון לעבן זיינען סימבאָלן. דורך זיי קריגן מיר זייער לייכט אונזע־רע ביטערע לערן. די דאַכט זיך צופעליקע וואַל פון אַ פאַרשטעלטן נאָמען איז געווען סימבאָליש און וועט דאָס בלייבן. ער האָט דיך פאַראַטן.

זעקס וואָכן שפּעטער איז אָנגעקומען אַ דריטע ידיעה. איך בין געוואָרן אַרויסגעשלעפּט פון שפּיטאָל, וואו איך בין געלעגן עלנט קראַנק, כדי צו דערהאַלטן פון דיר דורך דעם תפיסה־דירעקטאָר אַ באַזונדערע מיטיילונג. ער האָט מיר פאָרגעלייגט אַ צו אים אַד־רעסירטן בריוו, אין וועלכן דו טיילסט מיט, אַז דו האָסט בדעה, צו פאַרעפנטלאכן אַן אַרטיקל איבער דעם „ענין אָסקאַר ווײַלד" אין „מערקור דע פראַנס" (אַ צייטשריפט, וועלכע, ווי דו האָסט מחמת אַ מערקווירדיקן טעם צוגעגעבן „איז ענלאַך צו דער ענג־לישער „פאָרטנייטלי רעוויו") און דו ביזט באַגעריק, צו קריגן מיין דערלויבניש דאָס צו פאַרעפנטלאכן: עס האַנדלט זיך מכח פראַבן און אַן אויסוואַל פון . . . וואָס פאַר אַ בריוו? די בריוו, וועלכע איך האָב צו דיר געשריבן פון האָלאָוויי־תפיסה; די בריוו וועלכע דו האָסט געדאַרפט האַלטן הייליק אין געהיים, מער ווי עפּעס וואָס אַנדערש אויף דער גאַנצער וועלט! דאָס זיינען גע־ווען פאַקטיש די בריוו, וועלכע דו האָסט געוואָלט אַרויסגעבן, כדי דער שלאַפער דעקאַדענט זאָל זיי אָנקוקן מיט דערשטוינען, דער גיריקער פעליעטאָניסט זאָל זיי אויסלאַכן, די קליינע לייביכע פון קוואַטיר לאַטין זאָל אויפרייסן דאָס מויל און זיי פאַרשלינגען.

וואָלט גאָרנישט געווען אין דיין האַרצן וואָס זאָל אויפשרייען קעגן אַזאַ געמיינער פאַרשוועכונג, האָסטו דאָך לכל הפּחות זיך געדאַרפט דערמאָנען אָן דעם סאָנעט, וואָס עס האָט געשריבן איינער, וועל־כער האָט צוגעזען מיט אַזאַ צער און צאָרן ווי אַזוי עס ווערן עפנטלאַך ליציטירט אין לאָנדאָן די בריוו פון דזשאָן קיטס, און דו וואָלסט סוף כל סוף פאַרשטאַנען די אמת׳ע באַדייטונג פון מיינע פערזן:

„...דער, דיינק איך, ליבט ניט קונסט,

וועלכער ברעכט דעם קריסטאַל פון דיכטער׳ס האַרץ,

אַז קליינע קראַנקע אויגן זאָלן דרויף קוקן אָדער גלאָצן".

וואָרום וואָס וואָלט אויפטאָן דיין אַרטיקל? אַז איך האָב דיך גרייליך האָלט געהאַט? דער פאַקט איז דאָך געווען באַקאַנט צו די פּאַריזער גאַסן. זיי לייענען אַלע די צייטונגען, און די מערסטע פון זיי שרייבן פאַר דעם. אַז איך בין געווען אַ זשעני? די פּראָנצויזן האָבן דאָס פאַרשטאַנען, און אויך דעם באַזונדערן אופן פון מיין קונסט, אַ סך בעסער, ווי מען האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן פון דיר. אַז האָנט אין האָנט מיט דעם זשעני גייט אָפט אַן אייגנטימלאַכע פּערווערזיטעט פון תאווה און פון חשק? אויסגעצייכנט; נאָר דער קעגנשטאַנד פּאַסט מער פאַר אַ לאָמ־בראָזאָ ווי פאַר דיר. אויסערדעם געפינט זיך אָט די פּאַטאָ־לאָגישע דערשיינונג אויך ביי אַזוינע, וואָס בעזיצן ניט קיין זשעני. אַז איך בין געווען אין דיין שנאה־קריג קעגן דיין פאָטער פאַר יעדן פון אייך צו גלייך אַ שילד און אַ וואָפן? נאָכמער: אַז אויף דער שווידערלאַכער יאָגד נאָך מיין לעבן, וואָס האָט ערשט אויפגעהערט, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, וואָלט דיין פאָ־טער מיר ניט געקאָנט ברענגען צום פאַלן, ווען מיין פּוס וואָלט שוין ניט געווען פריער אין דעם נעץ? גאַנץ ריכטיק; נאָר איך הער, אַז אַנרי בויער האָט שוין דאָס אויסגעצייכנט געזאָגט. צו באַשטעטיקן זיין מיינונג, אין פאַל אַז דאָס איז געווען דיין אַבזיכט, דאַרפסטו ניט פאַרעפנטלאַכן מיינע בריוו — ווייניקסטנס ניט די וואָס זיינען געשריבן פון האָלאָוויי־תפיסה.

ווערסטו אפשר ענטפערן אויף מיינע פראַגן, אַז איך אַליין האָב דיר געבעטן אין מיינע בריוו פון האָלאָוויי, אַז דו זאָלסט אויף וויפיל דו ביזט געווען דערצו בכח, מאַכן דעם פאַרזוך, ביי אַ קליינעם טייל פון דער וועלט מיך צו שטעלן אַביסל אין רעכטן

ליכט? געווים, איך האָב דאָס געטאָן! באַדיינק זיך, ווי און פאַרוואָס איך בין דאָ הי אין דעם מאָמענט. גלויבסטו, איך בין דאָ צוליב מיינע באַציאונגען צו די עדות אויף מיין פּראָצעס? מיינע באַציאונגען, די ווירקלאַכע אָדער כלומר'שטדיקע צו לייט פון יענעם מין האָבן ניט קיין אינטערעס ניט פאַר דער רעגירונג און ניט פאַר דער געזעלשאַפט. מען האָט דערפון גאָרניט געוואוסט און נאָך ווייניקער זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם. איך בין דאָ הי, ווייל איך האָב געזוכט, צו ברייננגען דיין טאַטן אין תּפיסה. מיין פאַרזוך איז ניט געלונגען, זעלבסטפאַרשטענדלאַך. מיין אַדוואָקאַט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פאַרטיידיקונג. דיין פאָטער האָט איבערגעדרייט דעם שפּיז און מיר געבראַכט אין תּפיסה. דערפאַר פילט מען פאַראַכטונג קעגן מיר. דערפאַר שפּאָטן אָפּ די מענטשן פון מיר. דערפאַר מוז איך אָפּזיצן יעדען טאָג, יעדע שטונדע, יעדע מינוט פון מיין שרעקלאַכן תּפיסה־טערמין. דערפאַר זיינען געוואָרן פאַרוואָרפן מיינע אַפּעלאַציעס.

דו ביזט געווען דער איינציקער, וועלכער, אַז זיך אויס צו זעצן אויף אַ וועלכן עס איז אופן צו שפּאָט, געפאַר אָדער טאַדל, האָט געקאָנט געבן די גאַנצע אַנגעלעגנהייט אַן אַנדער קאָליר. אַרויסשטעלן די זאַך אין אַן אַנדער ליכט, געקאָנט באַווייזן ביז צו אַ געוויסן גראַד, ווי די זאַכן ליגן ווירקלאַך. איך האָב זעלבסט פאַרשטענדלאַך ניט דערוואַרט, אָדער אַפילו בלויז געוואונטשן, אַז דו זאָלסט אָנגעבן, ווי און צו וועלכן צוועק דו האָסט געזוכט מיין הילף אין דיינע אָקספאָרדער אומאַנגענעמלאַכקייטן. אָדער ווי און צו וועלכן צוועק, אין פאַל דו האָסט איבערהויפּט איינעם געהאַט, דו האָסט נאָענט פון דריי יאָר פּאַקטיש מיר קיינמאָל ניט אויסגעוויכן פון דער זייט.

מיינע שטענדיקע פאַרזוכן, אָפּצוברעכן אַ פריינטשאַפט, וואָס איז געווען אַזוי פאַרדאַבלאַך פאַר מיר ווי אַ קינסטלער, ווי אַ מאַן פון שטעלונג, זאָגאַר ווי אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, האָבן ניט געדאַרפט ווערן אַזוי גענוי איבערגעגעבן, ווי זיי זיינען דאָ אויסגערעכנט. איך וואָלט אויך ניט פאַרלאַנגט, אַז דו זאָלסט באַשרייבן די סצענעס, וועלכע דו האָסט איבערגעחזרט אין אַ כמעט איינטאָניקן אופן; אָדער אַז דו זאָלסט אָפּדרוקן דיין וואונדערפולע סעריע פון טעלעגראַמען צו מיר אין זייער מאָדנער געמישאַכץ פון ראָמאַנטיק און פינאַנץ; אָדער אַז דו זאָלסט ציטירן

די רעוואָלטירנדיקערע אָדער האַרצלאָזערע שטעלן פון בריוו, צו וועלכע איך בין געווען געצוואונגען.

על כל פנים, האָב איך געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען גוט פאַר דיר אַזוי וואויל ווי פאַר מיר, ווען דו וואָלסט פּראָטעסטירט קעגן דיין פאָטער'ס אויסטייטשונג פון אונזער פריינטשאַפט — אַן אויסטייטשונג, וואָס איז ניט ווייניקער לעכערלאַך ווי גיפטיק און מיט שלוסן וואָס באַטרעפן דיך אַזוי נאַריש ווי שענדלאַך ווי זיי באַטרעפן מיך. זי איז איצט פאַקטיש געוואָרן היסטאָריש; זי ווערט ציטירט, געגלויבט, פאַרשריבן; דער פּריסטער נעמט זי פאַר זיין טעקסט, דער מאָראַל פּריידיקער פאַר זיין אומפּרוכטבאַרער טעמע; און איך, וועלכער געפינט איינקלאַנג ביי אַלע מענטשן־דורות, האָב געמוזט נעמען מיין אורטייל־שפּרוך פון איינעם, וועלכער איז אַן אַף און אַ פּאַיאַץ.

איך האָב געזאָגט אין אַט דעם בריוו ווי איך גיב צו, ניט אָן פאַרביטערונג, אַז אין דעם ליגט די איראָניע פון די זאַכן וואָס דיין פאָטער וועט לעבן ווייטער ווי דער העלד פון אַ ביכל; אַז דו שטייסט אויף איין מדרגה מיטן קינד שמואל: און אַז מיין פּלאַץ איז צווישן זשיל דע רעס און מאַרקיז דע סאַד. איך רעכן אַז עס איז בעסער אַזוי. איך וויל זיך אויף דעם ניט באַקלאָגן. איינע פון די פיל לערן וועלכע מען דערלערנט אין תפיסה, איז די: אַז אַלע זאַכן זיינען, וואָס זיי זיינען, און וועלן זיין, וואָס זיי וועלן זיין. איך האָב אויך ניט דעם קלענסטן ספק. אַז דער מיטל־אַלטערלאַכער בעל עברה'ניק און דער פערפאַסער פון „זשוסטין„ וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר בעסערע קאַמעראַדן ווי סענפאָרד און מירטאָן.

נור אין דער צייט, ווען איך האָב דיר געשריבן, האָב איך געפילט, אַז עס איז אין אונזער ביידנס אינטערעסן גוט, צוועק־מעסיק, ריכטיק, זיך ניט צו לאָזן צופרידנשטעלן מיט דער פאַר־שטעלונג, וועלכע דיין פאָטער האָט דורך זיין רעכטלאַכן בעל יועץ געלאָזט געבן צו אַמוזירן אַ פיליסטערהאַפטער וועלט. און דערפאַר האָב איך דיך געבעטן, עפּעס וואָס צו באַטראַכטן און שרייבן, וואָס זאָל זיין נענטער צום אמת. דאָס וואָלט ווייניגסטנס געווען בעסער פאַר דיר, איידער אָנצושמירן עפּעס וועגן דעם שטוביקן לעבן פון דיינע עלטערן פאַר די פּראָנצויזישע צייטונגען. וואָס אינטערעסירט די פּראַנצויזן, אויב דיינע עלטערן האָבן גע־

פירט א גליקלאכן פאמיליען־לעבן אדער ניט! און אומאינטערע־סאנטערן געגנשטאנד פאר זיי איז שווער אויסצוגעפינען. וואס זיי האט אבער יא אינטערעסירט, איז געווען, ווי אזוי א קינסטלער פון מיין ראנג, איינער, וועלכער האט דורך די לערע און באַוועגונג, וועלכע ער האט פארקערפערט, אויסגעאיבט א פראמינענטן איינפלוס אויף דער ריכטונג פון פראנצויזישן דיינקן, האט נאך אזא לעבן, ווי ער האט געפירט, געקאנט פארפירן אזא פראצעס. וואלסטו זיך אונטערגענומען פאר דיין ארטיקל, צו פארעפנטלאכן (ווי איך האב מורא: צאללאזע) בריוו, אין וועלכע איך האב צו דיר גערעדט פון דעם פארדארבן, וואס דו האסט געבראכט איבער מיין לעבן; פון דער משוגעת פון די צארן־אנפאלן, וואס דו לאזט געווינען די מאכט איבער זיך, צו דיין אייגענעם ווי צו מיין שאדן; פון מיין וואונטש אדער פיל מער באשלוס, צו מאכן א סוף פון א פריינטשאפט וואס איז אין יעדער הינזיכט פאר מיר אזוי פאטאל: איך וואלט דאס קאנען פארשטיין, אפילו ווען איך וואלט ניט דערלויבט די פארעפנטלאכונג פון אזעלכע בריוו.

ווען דיין פאטער'ס אדוואקאט האט מיך געוואלט כאפן ביי א ווידערשפרוך און האט פלוצלונג פארגעלייגט פארן געריכט מיינעם א בריוו, געשריבן צו דיך אין מערץ 1893 — אין וועלכן איך האב דערקלערט: איידער צו דולדן אן איבער'חזר'ונג פון די עקלהאפטע סצענעס, אין וועלכע דו געפינסט באשיינפערלאך אזא שרעקלאכן תענוג, בין איך געגרייט „זיך צו לאזן שינדן פון יעדן לא יחרץ־געלט אויספרעסער אין לאנדאן" — איז דאס געוועזן פאר מיר אווירקלאכער עגמת נפש, וואס אט די זייט פון מיין פריינטשאפט מיט דיר איז דורך א פארזען געווארן אויפגעדעקט פאר געמיינע בליקן. נור אז דו ביזט געווען אזוי ווייט פון באגריפן, אזוי פוסט פון יעדן פיינגעפיל און אזוי טעמפ צו באנעמען דאס זעלטענע, צארטע, שיינע, אז דו אליין האסט ברעה ארויסצוגעבן די בריוו, דורך וועלכע און אין וועלכע איך האב געזוכט צו דערהאלטן לעבעדיק דעם גייסט און די נשמה פון דער ליבע, כדי זי זאל קאנען וואוינען אין מיין קערפער אין משך פון די לאנגע יארן פון דערנידעריקונג — דאס איז געווען און איז נאך פאר מיר א קוואל פון טיפסטן שמערץ, פון דער געוואלדיקסטער אנטוישונג. פאר וואס דו האסט דאס געטאן, ווייס איך לײדער בלויז צו גוט. האט די שנאה געמאכט דיינע אויגן

בלינד, אזוי האָט די אייטעלקייט צוזאַמענגעגייט מיט אייזערנע פעדים דיינע אויגנלעדלאַך. די „פּייאַיקייט, אַ דאַנק וועלכע און דורך וועלכע אַליין מען קאָן פאַרשטיין אַנדערע אין זייערע רעאַלע ווי אין זייערע אידעאַלע באַציאונגען", איר האָט דיין איינגער עגאָאיזם אָפּגעטעמפּט און לאַנגער מיסברויך געמאַכט אומווירקזאַם. די פאַנטאַזיע איז געלעגען אַקוראַט אַזוי אין תפיסה ווי איך. די אייטלקייט האָט פאַרצאַמט די פענסטער מיט גראַטעס, און דער וועכטער האָט געהייסן האַס.

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער ערשטער העלפט פון נאָוועמבער פון פאַר צוויי־יאָרן. אַ ברייטער לעבנשטראָם פליסט צווישן מיר און אַ צייט, וואָס איז אַזוי ווייט דערווייטערט. דו קאָנסט קוים, אויב בכלל, אַריבערבליקן איבער אַזאַ ווייטן רוים. נור מיר קומט דאָס פאָר, ווי דאָס וואָלט מיר פאַסירט, איך וויל ניט זאָגן: נעכטן, ניין, היינט.

ליידן איז איין אומענדלאַך לאַנגער אויגנבליק. מיר קאָנען דאָס ניט טיילן אין תקופות. מיר קאָנען נור פּראָטאָקאָלירן זיינע שטימונגען, און פאַרצייכנען זייערע ווידערקערונגען. פאַר אונז באַוועגט זיך ניט פאָרווערטס אפילו די צייט גופא. זי דרייט זיך בלויז. עס זעט אויס, אַז זי קייקלט זיך אַרום אַ מיטלפּונקט: דעם צער. די פּאַראַליזירטע ניט־באַוועגליכקייט פון אַ לעבן וועמעס אומשטענדן עס ווערן באַשטימט דורך אַ מוסטער וואָס בייט זיך ניט, אַזוי אַז מיר עסן און טרינקן און לייגן זיך אַנידער און טוען תפילה, אָדער קניען ווייניקסטנס צו תפילה, לויט די ניט־פאַרענדערלאַכע געזעצן פון אַן אייזערנעם נוסח: אָט די ניטבאַוועגלאַכקייט וועלכע מאַכט יעדן שרעקלאַכן טאָג גלייך צו זיין ברודער, מיט אַלע זיינע קלענסטע איינצלהייטן, שיינט זיך מיטצוטיילן צו יענע אויסנווייניקסטע כחות, וואָס דער סאַמע אינהאַלט פון זייער עקזיסטענץ איז די ניט אויפהערלאַכע באַוועגונג. פון זייאונג־צייט אָדער שניט־צייט, פון די שניטער, וועלכע בייגען זיך איבער דער תבואה, אָדער די ווייננטרויבן־קלייבער, וועלכע שליינגלען זיך דורך די וויינשטאָקן, פון דעם גראָז אין סאָד געמאַכט ווייס מיט אַראָפּגעפאַלענע בליאונג אָדער באַשפּריינקלט מיט צייטיקע פּרוכט: דערפון ווייסן מיר גאָר ניט און קאָנען גאָרניט ווייסן.

פאַר אונז עקזיסטירט נאָר איין איינציקע תקופה, די תקופה

פון לײדן. אַפילו די זון און די לבנה זעען אויס צוגענומען פון אונז. אין דרויסן מעג דער טאָג לײַכטן אין בלוי און גאָלד, נור דאָס ליכט וואָס קריכט אַרײַן דורך דער געדיכט באַדעקטער שויב. פון דעם קלײנעם פענסטערל מיט די אײזערנע גראַטעס, אונטער וועלכן אונזער אײנער זיצט, איז גרוי און קאַרג. אין יעדנס צעל. אַט אַזוי ווי בײ יעדן אײנעם פון אונז אין הארצן, איז שטענדיק בין השמשות. און אין דער סביבה פון דײנקן, ניט װײניקער ווי אין דער סביבה פון צײַט, איז ניטאָ מען קײן באַוועגונג. די זאַך וואָס דו פערזענלאַך האָסט שוין לאַנג פאַרגעסן, אָדער קאָנסט לײַכט פאַרגעסן, טרעפט מיך איצט, און וועט מיך אויך טרעפן מאָרגען. געדײנק דאָס, און דו וועסט זײַן אימשטאַנד צו פאַרשטײן אַביסל וואָרום איך שרײַב און שרײַב אַט אויף דעם שטײנער.

אַ וואָך שפּעטער, מען פירט מיך אַריבער אַהער. עס פאַרגײען נאָך דרײַ חדשים און עס שטאַרבט מײַן מאַמע. קײנער ווײס ניט ווי טיף איך האָב זי געליבט און פאַרערט. איר טויט איז געווען שרעקלאַך פאַר מיר; נאָר איך, אַמאָל אַ מײַסטער פון דער שפּראַך, האָב ניט קײן ווערטער, אין וועלכע אויסצודריקן מײַן צער און מײַן בושה. קײנמאָל, ניט אַפילו אין די בעסטע טעג פון מײַן קינסטלערישער אַנטוויקלונג, וואָלט איך ניט געווען אימשטאַנד צו געפינען ווערטער וואָס וואָלטן פּאַסן צו טראָגן אַזאַ דערהאָבענע לאַסט; אָדער וואָלטן קאָנען זיך באַוועגן מיט גענוגענדיקער הערלאַכער מוזיק דורך דער מאַיעסטעטישער פּראָצעסיע פון מײַן אומאויסשפּרעכלאַכן וויי. זי און מײַן טאַטע האָבען מיר געלאָזט ירושה אַ נאָמען, וועלכן זײ האָבן פאַרשאַפט כבוד און גדולה ניט נור אין דער ליטעראַטור, קונסט, אַרכעאָלאָגיע און נאַטורוויסנשאַפט, נאָר אויך אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון מײַן פאָטערלאַנד און אין זײַן נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. איך האָב אַט דעם נאָמען געשענדעט פאַר אײביק. איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ געמײנעם שימפּוואָרט בײ געמײנע מענטשן. איך האָב אים אַרײַנגעשלעפּט אין רעכטן זומפּ. איך האָב אים איבערגעגעבן צו ווילדע ברואים, אַז זײ זאָלן אים קאָנען פאַרברוטאַליזירן, און צו אידיאָטן, וועלכע זאָלן אים קאָנען געבן די זעלבע באַדײַטונג וואָס אידיאָטכטווע.

וואָס איך האָב בשעת מעשה געליטן, און וואָס איך לײַד נאָך אַצינד, איז ניט פאַר אַ פעדער צו באַשרײַבן אָדער פאַר פּאַפּיר

צו באריכטן. מיין פרוי אַלעמאָל ליבנסווירדיק צו מיר, וועלנדיק מיר פאַרשפאָרן צו הערן אָט די נאַכריכט פון גלייכגילטיקע ליפּן, האָט ניט קוקנדיג וואָס זי איז געווען קראַנק, געדייזט פון גענוא נאָך ענגלאַנד, כדי אַליין צו ברייגען מיר די בשורה פון אַזאַ ניט דערזעצלאַכן ווי ניט ווידערקערלאַכן פאַרלוסט. טרייסטבריוו זיינען מיר אָנגעקומען פון אַלע די וואָס האָבן נאָר סימפּאַטיזירט מיט מיר. אַפילו מענטשן וועלכע האָבן מיך ניט געקאָנט פער־זענלאַך, ווען זיי האָבן געהערט, אַז אַ נייער שמערץ איז אַריינ־געטראָטן אין מיין לעבן, האָבן זיי געבעטן שריפטלאַך, אַז מען זאָל מיר איבערגעבן אַ וועלכן עס איז אויסדרוק פון זייער מיט־געפיל.

דריי חדשים זיינען פאַרגאַנגען. דער לוח פון מיין טעגלאַכער אויפפירונג און ארבייט, וואָס הייגגט פון דרויסן, אויף דער טיר פון מיין צעל — מיט מיין נאָמען און אורטייל געשריבן אויף דעם —, זאָגט מיר, אַז עס איז מאַי.

מיינע פריינט קומען ווידער מיך באַזוכן. איך דערקונדיק זיך, ווי אַלע מאָל, וועגען דיר. מען דערציילט מיר, אַז דו ביזט אין דיין ווילאַ אין נעאַפּל און ווילסט אַרויסגעבן אַ באַנד לידער. צום שלום פון דער אונטערריידונג ווערט צופעליק דערמאָנט, אַז דו ווילסט אים מיר ווידמען. די נייס האָט פאַרשטאַרקט אין מיר דעם לעבנסעקל. איך האָב גאָר נישט געזאָגט, נור געגאַנגען שוויי־גענדיק צוריק אין מיין צעל מיט פאַראַכטונג און עקל אין מיין האַרצן. ווי קאָנסטו דיר זיך לאָזן חלום׳ען, מיר צו ווידמען אַ באַנד לידער, ניט אָנפרעגנדיק מיך צו ערשט אום דערלויבניש? חלום׳ען, זאָג איך? ווי קאָנסטו דאָס וואַגן, עפּעס אַזוינס צו טאָן? וועסטו אויף דעם געבן אַן ענטפער, אַז אין די טעג פון מיין גדולה און רום האָב איך איינגעוויליקט, אָנצונעמען די ווידמונג פון דיין ערשטלינג־ווערק? געווים האָב איך דאָס געטאָן, אַקוראַט אַזוי ווי איך וואָלט זיך געלאָזט געפעלן די פאַרערונג פון יעדן אַנדער יונגנמאַן, וועלכער הייבט אָן די שווערע און שיינע קונסט פון דער ליטעראַטור. יעדער פאַרערונג איז פאַרן קינסטלער געשמאַק און דאָפּלט אָנגענעם, ווען די יוגנט ברייגנט איר. דער לאָרבער פאַרוועלקט, ווען אים רייסן באַיאָרנטע הענט. נור די יוגנט האָט דאָס רעכט צו קרוינען אַ קינסטלער. אין דעם ליגט דער אמת׳ער פאַרצוג, צו זיין יונג, ווען די יוגענט וואָלט דאָס

נור געוואוסט. נור די טעג פון דערנידעריקונג און שאנד זיינען פארשידן פון די פון גדולה און רום, דאס האסטו נאך צו לערנען.
גליק, וואויללעבן און דערפאלג קאנען זיין פון שארסטיקער אויבערפלאך און פון געמיינעם שטאף, אבער לייד איז דאס צאר־טעסטע פון אלץ וואס איז געשאפן. עס איז גאר ניטא קיין זאך וואס באוועגט זיך אין דער גאנצער וועלט פון מחשבה, צו וועל־כער דער צער זאל ניט וויברירן מיט זיין שרעקלאכן און זייער דעליקאטן פולס־שלאג. דאס דין, אויסגעהאמערט בלעטל פון ציי־טערנדיק גאלד, וואס ווייזט אן אויף דער ריכטונג פון צווינג כחות וועלכע די אויג קאן ניט זען, איז אין פארגלייך דערמיט גראב. דאס לייד איז א וואונד וואס הייבט אן צו בלוטן, ווען דאס רירט אן אן אנדער האנט ווי די ליבע, און אויך דעמאלט מוז דאס בלוטן איבער א ניים, הגם ניט פאר ווייטאק.
דו האסט דאך געקאנט שרייבן צום דירעקטאר פון דער תפיסה אין וואנדסוואירט, און מיר בעטן אום דערלויבניש צו פארעפענטלאכן מיינע בריוו אין „מערקור דע פראנס", „וועל־כער איז ענלאך צו אונזער ענגלישן פארטנייטלי רעוויו". ווארום ניט שרייבן צום דירעקטאר פון דער תפיסה אין רעדינג און מיר בעטן אום דערלויבניש צו דער ווידמענונג פון דיינע לידער. צו געבן פון זיי אזא מין פאנטאסטישע באשרייבונג ווי דיר וואלט געוועזן געפעלן? איז דאס געשען, ווייל איך האב אין דעם איין פאל ניט דערלויבט דער באטרעפנדער צייטשריפט, צו פאר־עפנטלאכן בריוו, וועמעס ארויסגעבונג־רעכט, ווי דיר איז זעלבסט־פארשטענדלאך פולשטענדיק באקאנט געווען, זיינען געלעגען דורכאויס ביי מיר און ליגען נאך, בעת אין דעם אנדער פאל האסטו געדאכט, אז דו קאנסט אפטאן דיין אייגנוויליקע טאט, אז איך זאל דערפון גארניט וויסן, ביז עס וועט זיין צו שפעט זיך אריינצומישן? דער בלויזער פאקט, אז איך בין געווען א גע־שענדעטער, א רואינירטער און צו תפיסה פאראורטיילטער מאן, האט דיך, ווען דו האסט געוואונטשן צו שטעלן מיין נאמען אויף דער ערשטער זייט פון דיין ווערק, געדארפט מאכן דאס אויסבעטן פון מיר ווי א געפעליקייט, אן אויסצייכנונג, א פארדעכט. דאס איז דער אופן, צו צוטרעטן צו מענטשן וועלכע זיינען אין אומגליק און זיצן אין שאנד.
הייליק איז די ערד, דארטן, וואו עס איז דא יסורים. עס

ווער קומען דער טאָג ווען מענטשן וועלן באַגרייפן וואָס דאָס מיינט. ביז דעמאָלט ווייסן זיי גאָרניט וואָס איז לעבן. ראַבי און זיין גלייבען קאָנען דאָס פאַרשטיין.

ווען איך בין געוואָרן געבראַכט פון מיין תפיסה צום באַנ־קראָט־געריכט, צווישן צוויי פּאָליציסטן, האָט מיר ראַבי אָפּגע־וואַרט אין דעם לאַנגען טרויעריקן קאָרידאָר, כדי, צום דערשטוינען פון גאַנצן געזעמל, וואָס איז געבליבן שטיין שטיל, ביי דעם אָנבליק פון אַזאַ ליבלאַכער און איינפאַכער האַנדלונג, אַרונטער צו נעמען ערנסט זיין הוט פאַר מיר, בעת איך בין אים פאַרבייגעגאַנגען, הענט־געשמידט און מיט געבויגענעם קאָפּ. מענטשן זיינען אַרויפ־געשטיגן צום הימל פאַר קלענערע זאַכן ווי אָט די. באַזעלט פון אָט דעם גייסט, און דערפילט מיט אַזאַ ליבע, האָבן זיך די קדושים אַרונטערגעלאָזן אויף די קני צו וואַשן די פיס פון דעם אָרימאַן, אָדער זיך איינגעבויגען צו קושן די באַקן פון דעם קרעציקן.

איך האָב אים קיינמאָל ניט דערמאָנט אַן איינציק וואָרט וועגען דעם וואָס ער האָט געטאָן. ביז אַצינד ווייס איך אַפילו ניט געווי, אויב ער איז געוואָר געוואָרן אַז איך האָב איבערהויפּט באַמערקט זיין האַנדלונג. דאָס איז ניט אַזוינס, פאַר וואָס מען קאָן געבן אַ געוויינלאַכן דאַנק מיט געוויינלאַכע ווערטער. איך האָב דאָס פאַרבאַהאַלטן אין דעם שאַצקאַמער פון מיין האַרצן. איך היט דאָס דאָ ווי אַ געהיימען חוב, וועלכן, צו מיין פרייד, איך וועל וואַרשיינלאַך קיינמאָל ניט קאָנען צאָלן צוריק. דאָרטן איז דאָס פאַרבאַלזאַמירט און דערהאַלטן פריש, דורך די מור און קאַסיאַ־בשמים פון אַ סך טרערן.

ווען קלוגקייט איז פאַר מיר געווען נוצלאָז, פילאָזאָפיע אומ־פּרוכטבאַר, און שפּריכווערטער און פראַזן פון די וואָס האָבן מיר געזוכט צו טרייסטן ווי שטויב און אַש אין מיין מויל, דעמאָלט האָט די ערינערונג פון אָט דעם קליינעם, ליבנסווירדיקן, שטו־מען אַקט פון דער ליבע אויפגעזיגלט פאַר מיר אַלע ברונימער פון רחמנות: געמאַכט בליען דעם מדבר גלייך ווי אַ רויז, און מיך אַרויסגענומען פון דער ביטערניש פונם איינזאַמען גלות און געבראַכט אין האַרמאָניע מיט דעם פאַרוואונדעטן, געבראָכענעם גרויסן וועלטן־האַרץ. ווער עס איז פּייאַיק צו באַגרייפן ניט בלויז ווי שיין ראַבי'ס האַנדלונג איז געווען, נאָר אויך וואָרום זי האָט

פאַר מיר אַזאַ באַדייטונג, און וועט נאָך תמיד אַזוי פיל באַדייטן. דער קאָן אפשר איינזען, ווי און מיט וועלכן גייסט ער זאָל זיך דערנענטערן צו מיר.

דער ערשטער באַנד לידער, וואָס אַ יונגערמאַן לאָזט אַרויס אין דער וועלט אין דער פרילינג־צייט פון לעבן, זאָל זיין ווי אַ פרילינגס־בליאונג אָדער בלום, ווי דער ווייסדאָרן אויף די לאַנקעס פון מעדעליין, אָדער ווי די שליסל־בלומען אויף די פעלדער פון קאַמנאָר. דאָס ווערק זאָל ניט זיין באַלאָדן מיט דער משא פון אַ מורא׳דיקער און רעוואָלטירנדיקער טראַגעדיע; מיט אַ שרעקלאַך רעוואָלטירנדיקן סקאַנדאַל.

ווען איך וואָלט דערלויבן אַז מיין נאָמען זאָל דינען ווי אַן אויסרופער פאַר אַזאַ בוך אַזוי וואָלט דאָס געווען אַן ערנסטער קינסטלערישער טעות. עס וואָלט געשאַפן אַ פאַלשע אַטמאָספערע אַרום דאָס גאַנצע ווערק און אין דער מאָדערנער קונסט האָט די אַט־מאָספערע אַ סך צו זאָגן. דאָס מאָדערנע לעבן איז קאָמפּליצירט און רעלאַטיוו; דאָס זיינען זיינע ביידע אונטערשיידניקע סמנים. כדי איבערצוגעבן דעם ערשטן, באַדאַרפן מיר די אַטמאָספערע מיט איר פיינקייט פון נואַנסן, פון אָנדייטונגען, פון מאָדנע פּערספּעקטיוון; צו דעם צווייטן פאָדערט זיך הינטערגרונט. דאָס איז די סבה פאַרוואָס די סקולפּטור האָט אויפגעהערט צו זיין אַ שילדערנדיקע קונסט און פאַר וואָס די מוזיק איז שילדערנדיקע קונסט און פאַר וואָס די ליטעראַטור איז, איז געווען און וועט אַלעמאָל בלייבן די העכסטע שילדערנדיקע קונסט.

איך האָב צו דיר גערעדט אַזוי אויספירלאַך איבער אַט דער זאַך, כדי דו זאָלסט באַגרייפן און פאַרשטיין איר פולע וויכטי־קייט. וואָרום איך האָב תיכף געשריבן צו ראָבי׳ן אין אויסדרוקן פון אַזאַ פאַראַכטונג און גרינגשעצונג וועגן דיר, די ווידמונג פשוט פאַרבאָטן און אַרויסגעזאָגט דעם וואונטש, אַז די ווערטער וועגן דיר זאָלן ווערן גענוי קאָפּירט און צוגעשיקט צו דיר. איך האָב געפילט, אַז ענדלאַך איז געקומען די צייט, וואָס מען מוז דיך לאָזן אַביסל זען, דערקענען און באַגרייפן וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן. בלינדקייט קאָן ווערן געטריבן אַזוי ווייט, אַז זי ווירקט לעכער־לאַך, און אַ פאַנטאַזיע־אָרימע נאַטור וועט זיך פאַרשטיינערן צו פולשטענדיקער געפיללאָזיקייט ווען קיין זאַך זאָל ניט פּאַסירן, זי אויפצורודערן: דער גוף מעג נאָך עסן און טרינקען און האָבן זיינע

תענוגים, דאָך די נשמה׳ וועמעס הויז עס איז, שטאַרבט גאַנץ אָפּ. אַזוי ווי די נשמה פון בראַנקאַ ד׳אַריאַ ביי דאַנטע׳ן.

מיין בריוו איז קענטיק ניט געקומען איין מינוט צו פרי. ער האָט דיך געטראָפן אַזוי ווייט ווי איך קאָן אורטיילן, ווי אַ דונערשלאַק. דו רופסט זיך אָן אין דיין ענטפער צו ראַבי „אומ־פּייאיק צו דיינקן און זיך אויסצודריקן". אין דער אמת׳ן שיינט עס, איז דיר ניט איינגעפאַלן עפּעס בעסערס, ווי זיך שריפטלאַך צו באַקלאָגן פאַר דיין מאַמען. זי, נאַטירלאַך, מיט דער בלינדקייט פאַר דיין אמת׳ער טובה, וואָס איז געוועזן איר און דיין אומ־גליקלאַכער שיקזאַל, האָט דיר געשיקט יעדן מעגלאַכן טרייסט און דיך פאַרוויגט צוריק אין דיין פריערדיקן אומגליקלאַכן אומ־ווירדיקן צושטאַנד. וואָס מיך דאַגעגן באַטרעפט, אַזוי האָט זי געלאָזט וויסן מיינע פריינט, אַז זי איז „זייער אויפגעבראַכט" אי־בער מיינע שטריינגע באַמערקונגען אויף דיין אַדרעס. יאָ, ניט בלויז פאַר מיינע פריינט האָט זי אויסגעדריקט אירע געפילן פון אויפגעבראַכקייט, נאָר אויך פאַר די, וועלכע זיינען ניט מיינע פריינט — אַ זייער פיל גרעסערע צאָל, ווי איך דאַרף דיך דאָס קוים דערמאָנען; און איך דערוויס זיך איצט׳ און טאַקע דורך מיטלפּערזאָנען, וועלכע זיינען גוט געשטימט צו דיר און די דייַ־גיקע, אַז צוליב דעם איז געוואָרן פון מיר גאַנץ אַוועקגענומען אַ גוטער טייל פון דעם מיטגעפיל, וואָס איז געווען אויפגעקומען לאַנגזאַם אָבער זיכער פאַר מיר, צוליב מיין גרויסער באַגאַבונג און מיינע שרעקלאַכע ליידן. די לייט זאָגן: „אַהאַ! צו ערשט האָט ער פּרובירט ברייגען דעם פאָטער אין תפיסה, וואָס אים האָט ניט געלונגען; איצט קערט ער אום דאָס בלעטל און וואַרפט אַרויף זיין דורכפאַל אויף דעם אומשולדיקן זון. ווי גערעכט זיינען מיר געווען, אים צו פאַראַכטן! ווי פאַרדינט האָט ער אונזער גרינשאַצונג!"

מיר דוכט זיך: אַז ווען מען דערמאָנט מיין נאָמען אין קעגענוואַרט פון דיין מאַמען און זי האָט ניט קיין וואָרט פון לייד אָדער באַדויערן פאַר איר — ניט קליינעם — איינטייל אין דעם צוזאַמענברוך פון מיין הויז, אַזוי וואָלט דאָס געווען פּאַסנדיקער ווען זי וואָלט געשוויגען. און וואָס איז נוגע דיך — גלויבסטו איצט ניט, אַז אַנשטאָט זיך פאַר איר צו באַקלאָגן שריפטלאַך, וואָלט געוועזן בעסער פאַר דיר אין יעדער באַציאונג, ווען דו

וואָלסט מיר דירעקט געשריבן און געהאַט דעם מוט, מיר צו זאָגן אַלץ, וואָס דו האָסט געהאַט אָדער געמיינט, אַז דו האָסט וואָס צו זאָגן?

עס איז איצט כמעט א יאָר, זינט איך האָב געשריבן יענעם בריוו. דו האָסט ניט געקאָנט אין משך פון דער גאַנצער צייט האָבן געבליבן „אומפּייאַיק צום דיינקן און זיך אויסצודריקן". וואָרום האָסטו מיר ניט געשריבן? דו האָסט געזען פון מיין בריוו, ווי טיף איך בין געווען פאַרוואונדעט, ווי שענדלאַך באַהאַנדלט איך האָב זיך געפילט דורך דיין גאַנצן באַנעמען. נאָך מער ווי דאָס: דו האָסט געזען דיין גאַנצע פריינטשאַפט מיט מיר געשטעלט ענדלאַך אין איר אמת׳ער ליכט, אויף אַזאַ׳ן אופן וואָס לאָזט מער ניט צו קיין טעות.

אָפט אין די אַלטע טעג האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו ביזט געווען דער פאַרדאַרב פון מיין לעבן. דו האָסט אַלעמאָל געלאַכט. ווען איך האָב פאַר דיר געשילדערט מיין לאַנגע און איינדרוקספולע אונטעררעידונג מיט עדווין ליוויי, וועלכער האָט איינגעזען ביים סאַמע אָנהייב פון אונזער פריינטשאַפט דיין אופן, מיך אַרויסצושטעלן אין פראָנט פאַר דעם העפטיקסטן צוזאַמענשטויס, די פּלאָגענישן און די קאָסטן פון דיין אַקספאָרדער פאַלשן טריט, אויב מיר זאָלן דאָס איינמאָל אַזוי אָנרופן — ביי אים האָט מען געזוכט אין אָט דער זאַך ראַט און הילף — און מיך אַ גאַנצע שטונדע געוואָרנט פאַר דער בעקאַנטשאַפט מיט דיר, האָסטו געלאַכט. ווען איך האָב דיר דערציילט, ווי אַפילו דער אומגליקלאַכער יונגערמאַן, וואָס איז צום סוף געזעסן לעבן מיר אויף דער אָנקלאַג־באַנק, האָט מיר מער ווי איינמאָל געוואָרנט, אַז דו וועסט מיך רואינירן אויף אַ פאַטאַלערן אופן ווי וועלכער עס איז איינער פון די געמיינע יונגען, וועלכע איך בין געווען נאַריש גענוג צו קענען, האָסטו געלאַכט, הגם ניט אַזוי גאַנץ לוסטיק. ווען מיינע פאָרזיכטיקערע אָדער ווייניקער טרייע פריינט האָבן מיך אָדער געוואָרנט אָדער פאַרלאָזן צו ליב מיין פריינטשאַפט מיט דיר, האָסטו געלאַכט מיט פאַראַכטונג. דו האָסט געלאַכט אומקאָנטראָלבאַר, ווען איך האָב, ביי דער געלעגנהייט פון דעם ערשטן באַליידיקנדיקן בריוו, וואָס דיין טאַטע האָט דיר געשריבן וועגן מיר, צו דיר געזאָגט, אַז איך וויים, אַז איך וועל בלויז באַנוצט פאַר אַ געצייג אין אייער פורכטבאַרן שטרייט און

וועל ווערן פאַראומגליקט אין מיטן צווישן אייך ביידן. נור אַלץ איז אַזוי געוואָרן, ווי איך האָב דאָס פאַראויסגעזאָגט, ווען מען באַטראַכט דעם רעזולטאַט. דו האָסט ניט געהאַט קיין תירוץ, ניט צו זען, ווי אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט.

פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געשריבן? איז דאָס געווען פחדנות? איז דאָס געווען דיק־הויטיקייט? וואָס איז דאָס געווען? דער פאַקט איז, איך בין געווען געקריינקט דורך דיר און האָב אויסגעדריקט דעם געפיל פון קריינקונג, איז דאָך דאָס געווען נאָך מער גרונט צום שרייבן. אויב דו האָסט געהאַלטן מיין בריוו פאַר גערעכט, האָסטו געזאָלט שרייבן. אויב דו האָסט אים אין קלענסטן פונקט געהאַלטן פאַר אומגערעכט, האָסטו געזאָלט שרייבן. איך האָב געוואַרט אויף אַ בריוו. איך בין געווען איבער־צייגט: אויב אַלטע צונייגונג, אָפט פאַרזיכערטע ליבע, די טויזנט אַקטן פון שלעכט באַצאָלטער פריינטלאַכקייט, מיט וועלכע איך האָב דיר באַשאָטן, די טויזנט אומבאַצאָלטע שולדן פון דאַנקבאַר־קייט, וועלכע דו האָסט געהאַט ביי מיר — ווען דאָס אַלץ איז פאַר דיר גאָרניט׳ אַזוי האָט דאָך די בלויזע פליכט, די צאַרטעסטע פון אַלע בענדער צווישן מענטש און מענטש, דיך געזאָלט באַ־וועגן צו שרייבן.

דו קאָנסט ניט זאָגן, אַז דו האָסט ערנסט געמיינט, אַז איך מעג בלויז דערהאַלטן נאַכריכטן פון מיטגלידער פון מיין פאַמיליע. דו האָסט געוואוסט דורכאויס, אַז ראָבי שיקט מיר אַלע צוועלף וואָכן אַ קליינעם בינטל פון ליטעראַרישע נייס. קיין זאַך קאָן ניט זיין אַנטציקנדיקער ווי זיינע בריוו, מיט זייער וויץ, זייער געשיקטער קאָנצענטרירטער קריטיק, זייער לייכטער אָנ־שפּילונג: זיי זיינען ווירקלאַכע בריוו, זיי זיינען ווי שמועסן אונ־טער פיער אויגן; זיי האָבן די מעלה פון אַ פראַנצויזישן „קאָזערי אינטים“: אין זיין דעליקאַטער אַרט מיך צו פאַרערן, ווענדט ער זיך אַמאָל צו מיין אורטיילסקראַפט און אַן אַנדערש מאָל צו מיין חוש פון הומאָר, דאַן ווידער צו מיין אינסטינקט פאַר שיינ־קייט אָדער צו מיין בילדונג, און דערמאָנט מיך אויף הונדערטערליי צאַרטע אופנים אַז איך האָב אַמאָל געגאָלטן פאַר אַ סך ווי אַן אויטאָריטעט אין קינסטלערישע סטיל־פראַגן; פאַר אַנדערע אַפילו ווי דער העכסטער אויטאָריטעט: אַזוי ווייזט ער, אַז ער באַזיצט דעם טאַקט פון ליבע אַזוי גוט ווי דעם טאַקט פון ליטעראַטור.

זיינע בריוו זיינען געוועזן די שלוחים צווישן מיר און אַט דער שיינער ניט ווירקלאַכער וועלט פון קונסט, אין וועלכער איך בין אַמאָל געוועזן קעניג, און וואָלט אויך געבליבן קעניג, ווען איך וואָלט זיך ניט געלאָזט פאַרפירן אין דער וועלט פון גראָבע ניט פולקומענע ליידנשאַפטן, פון ניט איבערקלייבנדיקע אַפּעטיטן, פון פאַרלאַנגען אָן גרעניצן און פאַרמלאָזער גיריקייט.

דאָך, ווען אַלץ איז געזאָגט, וועסטו געווים פאַרשטיין אָדער זיך פאָרשטעלן, על כל פנים, אַז לויט די געוויינלאַכע יסודות פון ריין פּסיכאָלאָגישער קוריאָזיטעט וואָלט מיך מער אינטערעסירט צו הערן עפּעס גענויערעס פון דיר, ווי זיך צו דערוויסן אַז אַלפרעד אַסטין פּלאַנט צו פאַרעפנטלאַכן אַ נייעם באַנד לידער; אַז דזשאָרדזש סטריט שרייבט טעאַטער־קריטיק פאַר דער „דיילי קראָניקל"; אָדער אַז איינער וועלכער קאָן אַפילו ניט זינגען קיין שבח־ליד, ער זאָל דערביי ניט שטאַמלען, האָט אויסגערופן מרס. מיינעל, פאַר דער נייער סיביליע פונם סטיל.

אך, הלואי וואָלסטו אריינגעפאַלן אין תפיסה — איך וויל ניט זאָגן: דורך מיין שולד, ווייל דאָס וואָלט געוועזן פאַר מיר אַן אומדערטרעגלאַכער געדאַנק — נאָר דורך אייגענער שולד, אייגענעם בלאָנדזשן, פאַרטרויען צו אומווירדיקע פריינט, שטרויכלען אין זומפּ פון דער תאוה, מיסברויכטע זיכערקייט, שלעכט אָנגעווענדעטע ליבע אָדער גאַרניט אָדער אָט די אַלע — גלויבסטו, איך וואָלט צוגעגעבן, אַז דו זאָלסט דיך פאַרצערן אין פינסטערניש און איינזאַמקייט, אָן צו פּאַרזוכן כאָטש אויף אַ קליינעם אופן, דיר צו העלפן טראָגן די ביטערע לאַסט פון דיין שאַנד? גלויבסטו, איך וואָלט דיר ניט געלאָזט וויסן, אַז ווען דו האָסט געליטן, האָב איך געליטן; און אַז דו האָסט געוויינט, זיינען אויך געווען טרערן אין מיינע אויגן; און אַז ווען דו ביזט געלעגן אין הויז פון שקלאַפן־אַרבייט און געווען פאַראַכטעט פון מענטשן, האָב איך זיך אויפגעשטעלט אַ הויז פון מיין פאַרדרוס, אין וועלכן איך האָב זיך געלאָזט וואוינען ביז דיין צוריקקומען, אַ שאַצקאַמער אין וועלכן אַלץ, וואָס מענטשן האָבן פון דיר צוריקגעהאַלטן, איז געווען אוועקגעלייגט פאַר דיין היילונג מיט הונדערטפאַכן פּראָצענט? וואָלט די ביטערע נויט אָדער פאַרזיכט, פאַר מיר נאָך ביטערער, מיר פאַרוועהרט, צו זיין אין דיין נאָענטשאַפט, און מיך באַרויבט פון דער פרייד פון דיין אָנוועזנהייט, וועלכע איז בלויז באַ־

מערקלאך דורך אייזנשטאנגען און אין שיין פון שאנד, אזוי וואלט איך יעדער צייט געשריבן צו דיר אין דער האפנונג, אז א בלויזער אויסדרוק, אן איינציק ווארט, א געבראכענער טאן פון ליבע וועט אריינדרינגען ווי אן עכא צו דיר. וואלסטו זיך אפגעזאגט, אנצונעמען מיינע בריוו, אזוי וואלט איך טראצדעם געשריבן, כדי דו זאלסט וויסן, אז עס ווארטן ווייניקסטנס אלעמאל בריוו פאר דיר. א סך האבן דאס ביי מיר אזוי געטאן. אלע דריי חדשים שרייבן מיר מענטשן אדער נעמען זיך פאר מיר צו שרייבן. זייערע בריוו און מיטטיילונגען ווערן אוועקגעלייגט. זיי וועלן אנקומען אין מיינע הענט ווען איך וועל פארלאזן די תפיסה. איך וויים, אז זיי זיינען דא. איך וויים די נעמען פון די מענטשן, וועלכע האבן געשריבן. איך וויים, אז זיי זיינען פול מיט מיטגעפיל און פריינטלאכקייט און גוטסקייט. דאס איז פאר מיר גענוג. איך דארף ניט מער וויסן. דיין שווייגען איז געוועזן גרוילאך. עס האט ניט געדויערט בלויז וואכן און חדשים, נאר יארן — יארן, מיט וועלכע עס האבן זיך געמוזט רעכענען אפילו די, וואס לעבן, אזוי ווי דו, האסטיק אין גליק און באוויזן קוים נאכצוהאלטן די פארגאלדעטע פיס פון די פאראיבערטאנצנדיקע טעג און זיינען אן אן אטעם, לויפנדיק אויף דער געיעג נאך פרייד. דאס איז א שווייגן, פאר וועלכן עס איז ניטא קיין אנטשולדיקונג, א שווייגען, פאר וועלכן עס גיט ניט קיין באפוצונג. איך האב געוואוסט, אז דו האסט געהאט ליימענע פיס. ווער האט דאס געוואוסט בעסער? ווען איך האב געשריבן אין מיינע אפאריזמען, אז ניט עפעס אנדערש ווי די ליימענע פיס מאכן ווערטפול דאס גאלד פון דער סטאטוע, האב איך דערביי געטראכט וועגן דיר. נאר דו האסט ניט געשאפן פאר זיך קיין גאלדענע סטאטוע מיט ליימענע פיס. פון דעם שטויב פון דעם פראסטן פורוועג וועלכן די קאפיטעס פון די באהארנטע בהמות האבן צוטראטן צו בלאטע, האסטו געפארמט פאר מיינע בליקן דיין פולקומענעם בילד, אזוי, אז וואס מיין געהיימער פארלאנג האט אויך געמעגט זיין, וואלט דאס מיר איצט געווען אוממעגלאך צו פילן אנדערש ווי פאראכטונג און שפאט צוזאמען. און אפגעזען פון אלע אנדערע סבות, איז דיין גלייכגילטיקייט, דיין וועלט־קלוגקייט, דיין דיק־הויטיקייט, דיין פארזיכטיקייט, ווי דו האסט דאס אלעמאל ליב אנצורופן,

געוואָרן פאַר מיר דאָפּלט ביטער דורך די באַזונדערע אומשטענדן, וועלכע האָבן באַגלייט אָדער נאָכגעפאָלגט מיין פאַל.

אַנדערע אומגליקלאַכע ברואים, אויב זיי זיינען אריינגעפאַלן אין דער תפיסה, אויב זיי זיינען באַרויבט פון דער שיינקייט פון אַט דער וועלט, זיינען זיי זיכער ביז צו אַ געוויסן גראַד פון דער וועלט׳ס געפערלאַכסטע נעצן, שרעקלאַכסטע פיילן. זיי קאָנען זיך פאַרבאַהאַלטן אין דער טונקלקייט פון זייערע צעלן און מאַכן פון זייער סאַמער חרפּה אַ מין אומבאַרירבאַר הייליקטום. די וועלט האָט אויסגעפּירט דאָס איריקע, איצט גייט זי ווייטער איר וועג; מען לאָזט זיי לעבן ניט געשטערט.

ניט אַזוי ביי מיר. איין צרה נאָך דער אַנדערער האָט גע־קלאָפּט אין טיר פון דער תפיסה, זוכנדיק מיך. מען האָט פאַר נאָנדערגעעפנט ברייט די טויערן און זיי אריינגעלאָזן. מיינע גוטע פריינט איז קוים אָדער גאָר ניט געוואָרן דערלויבט מיך צו באַזוכן. נור מיינע שונאים האָבן אַלע מאָל געהאַט פולן צוטריט צו מיר. צוויי מאָל, בעת איך האָב געמוזט דערשיינען עפנטלאַך פאַרן באַנקראָט־געריכט, און נאָכדעם נאָך צוויי מאָל, בעת איך בין געוואָרן טראַנספּאָרטירט עפנטלאַך פון איין תפיסה צו דער אַנדערער, בין איך אונטער אומבאַשרייבלאַכע דערנידעריקנדיקע אומשטענדן געוואָרן איבערגעגעבן צו די בליקן און די חוכא וטלולא׳ס פונם המון.

דער שליח פונם טויט האָט מיר געבראַכט זיין נייעס און איז ווידער אוועקגעגאַנגען פון דאַנען; גאַנץ פאַראיינזאַמט, אויס־געשלאָסן פון אַלצדינג, וואָס האָט מיך געקאָנט טרייסטן אָדער דערלייכטערן מיין שמערץ האָב איך געמוזט דערטראָגן די אומ־דערטערגלאַכע פּיין און עלנט און געוויסנביסן, וועלכע דער אָנדיינק פון מיין מוטער האָט ארויסגערופן און רופט נאָך שטענדיק ארויס אין מיר.

קוים האָט די צייט פאַרטריקנט, ניט געהיילט, אַט די וואונד, האָט מיר מיין פרוי געלאָזט שרייבן דורך איר אדוואָקאַט גרוי־זאַמע, ביטערע, אפשטויסנדיקע בריוו. מען האָט מיר געסטראַשעט מיט אָרימקייט און צו גלייכער צייט האָט מען זי מיר געמאַכט צום פאַרוואורף. דאָס קאָן איך אריבערטראָגן. איך קאָן זיך נאָך צוגעוויינען צו עפּעס ערגערעס. נור מיינע ביידע קינדער האָט מען פון מיר אוועקגענומען אויף אַ געזעצלאַכן וועג. דאָס איז, און

וועט אַלעמאָל בלייבן פאַר מיר אַ קוואַל פון אומענדלאַכע יסורים, פון נאָמענלאָזן צער, פון פּאַרדרוס אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג. אַז דאָס געזעץ זאָל אַנטשיידן און נעמען אויף זיך צו אַנטשיידן אַז איך בין ניט פּאַסיק צו זיין לעבן מיינע אייגענע קינדער: אַט דער געדאַנק וואַרפט אויף מיר אַן אימה. אינ׳ם פאַרגלייך דערמיט איז דער בזיון צו זיצן אין תפיסה, אַ גאָרניט.

איך בין מקנא די אַנדערע מענער, וועלכע גייען אום מיט מיר הין און צוריק אינם הויף פון דער תפיסה. איך בין זיכער, אַז זייערע קינדער וואַרטן אויף זיי, קוקן אויס אויף זייער צוריק־קומען, וועלן זיין ליב און גוט צו זיי.

די אָרימע זיינען קליגער, באַרמהאַרציקער, פריינדלאַכער, צאַרטפילנדיקער ווי מיר זיינען. אין זייערע אויגן איז די תפיסה אַ טראַגעדיע אין אַ מענטשנס לעבן, אַן אומגליק, אַ צופאַל, עפּעס אַזוינס וואָס רופט אַרויס סימפּאַטיע אין אַנדערע. זיי ריידן פון דעם וואָס זיצט אין תפיסה ווי פון איינעם וועלכער איז „אויף צרות״. דאָס איז די פראַזע, וועלכע זיי באַנוצן תמיד, און אַט דער אויסדרוק אַנטהאַלט אין זיך די פאָלקומסטע חכמה פון ליבע.

ביי לייטן פון אונזער אייגענעם שטאַנד איז דאָס אַנדערש. ביי אונז מאַכט די תפיסה דעם מענטשן פאַר אַ פּאַריאַ. איך, און אַזעלכע ווי איך, האָבן נאָך קוים אַ רעכט אויף די לופט און די זון. אונזער געגענוואַרט באַפלעקט די תענוגים פון אַנדערע. מיר זיינען אומגעבעטענע געסט, ווען מיר באַווייזן זיך ווידער. ניט פאַר אונז איז נאָכאַמאָל צו באַזוכן דעם שיין פון דער לבנה. אונזערע אייגענע קינדער ווערן צוגענומען פון אונז. אַט די ליב־לאַכע בענדער, וועלכע פאַרקניפּן אונז מיט דער מענטשהייט ווערן צעריסן. מיר זיינען פאַרמשפּט צו זיין איינזאַם, הגם עס לעבן נאָך אונזערע זין. אונז פאַרווערט מען די איינציקע זאַך וואָס האָט אונז געקאָנט היילן און דערהאַלטן, וואָס האָט געקאָנט ברייגנען באַלזאַם צום צעשלאָגענעם האַרץ, און פרידן צו דער נשמה אין איר פּיין.

און צו דאָס אַלץ קומט נאָך צו דער גרויזאַמער פאַקט, וואָס דורך דיינע האַנדלונגען און דיין שווייגען, דורך דאָס וואָס דו האָסט געטאָן און געלאָזן ניט געטאָן, האָסטו מיר יעדן טאָג געמאַכט נאָך שווערער אַריבערצוטראָגן מיין לאַנגע קערקער־צייט. דו האָסט פאַרענדערט דורך דיין באַנעמען אפילו דעם ברויט

און וואסער פון דער תפיסה־שפייז. דאס איינע האסטו מיר געמאכט ביטער, דאס אנדערע געזאלצן. דאס לײדן׳ וואס דו האסט געזאלט זיך טיילן, האסטו פארדאפלט; דעם שמערץ, וועלכן דו האסט געדארפט זוכן צו דערלייכטערן, האסט אויפגעבלאזן צו שרעקלאכע יסורים. איך האב ניט קיין ספק, אז דו האסט דאס ניט געוואלט. איך ווייס, דו האסט דאס ניט געוואלט. דאס איז געווען ניט עפעס אנדערש ווי „דער איין ווירקלאך פאטאלער מום פון דיין כאראקטער, דיין פולשטענדיקע פאנטאזיעלאזיקייט".

און דער סוף פון דאס אלץ איז, אז איך דארף דיר אלץ מוחל זיין. איך מוז דאס טאן. איך שרייב ניט אט דעם בריוו׳ כדי ארייננצוגעבן ביטערניש אין דיין הארץ, נאר כדי איר ארויסצורייסן פון מיין הארצן. צוליב מיינטוועגן מוז איך דיר מוחל זיין. איינער קאן ניט שטענדיק טראגן א גיפטיקע שלאנג אין ברוסט, אז זי זאל פון עמיצן צערן, אויך ניט אויפשטיין יעדע נאכט, כדי צו זייען דערנער אין גארטן פון עמיצנס נשמה. עס וועט גאר ניט זיין שווער פאר מיר דאס צו טאן, ווען דו העלפסט מיר אביסל. וואס דו האסט מיר אנגעטאן אין די פארגאנגענע טעג, האב איך אלעמאל גערן מוחל געווען. דאס האט דיר דערמאלט ניט געטאן קיין גוטס. נור דער, וועמעס לעבן איז גאנץ ריין פון פלעקן, קאן פארגעבן זינד. נור איצט, אזוי ווי איך זיץ אין שפלות און חרפה, איז דאס אנדערש. מיין מחילה זאל איצט באדייטן פאר דיר זייער פיל. עס וועט קומען א טאג, ווען דו וועסט דאס באגרייפן. אויב דאס וועט געשען, פרי אדער שפעט, באלד אדער גארניט — מיין וועג ליגט קלאר פאר מיר. איך קאן דיך ניט לאזן גיין דורכן לעבן טראגנדיק אין דיין הארצן די לאסט, וואס דו האסט רואינירט א מאן ווי איך. דער געדאנק האט דיך געקאנט מאכן גלייכגילטיק ביז צו טעמפקייט, טרויעריק ביז צום זיין קראנק. איך מוז פון דיר אוועקנעמען די לאסט און איר ארויפלייגן אויף מיינע אייגענע פלייצעס.

איך מוז זאגן צו זיך אליין: ניט דו, אויך ניט דיין טאטע. און אפילו ווען מען זאל אייך כפל׳ן מיט טויזנט, וואלטן ניט געקאנט רואינירן אזא מענטשן ווי מיך: אז איך אליין האב זיך רואינירט; אז קיינער, הויך אדער נידעריק׳ קען ניט ווערן רואינירט סיידן דורך זיין אייגענער האנט. איך בין גערן געגרייט דאס צו זאגן. איך פליים זיך דאס צו זאגן, מען מעג מיר אפילו לעת

עתה דאָס נאָך ניט צוטרויען. האָב איך אויפגעהייבן אַן אומ־באַרמהאַרציקע אַנקלאַגע, טאַ געדיינק: דאָס איז אַ קלאַגע, וואָס איך דערהייב אָן רחמנות קעגען זיך אַליין. ווי שרעקלאַך דאָס איז וואָס די וועלט האָט מיר געטאָן, פונדעסטוועגן איז דאָס, וואָס איך אַליין האָב זיך געטאָן געווען נאָך שרעקלאַכער.

איך בין געווען אַ מאַן וועלכער איז געשטאַנען אין סימ־באָלישע באַציאונגען צו דער קונסט און די קולטור פון מיין דור. איך גופא האָב דאָס אַנערקענט ביים סאַמע באַגינען פון מיין מענלאַבקייט, און שפּעטער געצוואונגען מיין דור דאָס צו אַנער־קענען. נור ווייניק מענטשן פאַרנעמען אַזאַ שטעלונג ביי זייער לעבנסצייט, און קריגען דאָס אַזוי באַשטעטיקט. געוויינלאַך ווערט דאָס באַשטימט, אויב דאָס ווערט איבערהויפּט באַשטימט, פון דעם היסטאָריקער, אָדער קריטיקער, נאָכדעם ווען ביידע, אי דער מאַן און אי זיין דור, זיינען שוין לאַנג אַוועק פון דער וועלט. איך האָב דאָס אַליין געפילט און דאָס געגעבן אַנדערע צו פילן.

אויך בייראָן איז געווען אַ סימבאָלישע פיגור, נור זיינע באַציאונגען זיינען געווען צו דער ליידנשאַפט פון זיין דור און זיין מידיקייט פון ליידנשאַפט. מיינע באַציאונגען זיינען געווען צו עפּעס איידעלערעס, בלייבנדערעס, פון וויכטיקערע לעבנספראַגן, פון ווייטערע צילן.

די געטער האָבן מיר געגעבן כמעט אַלצדינג. איך האָב באַ־זעסן זשעני, אַ באַרימטן נאָמען, אַ הויכע סאָציאַלע שטעלונג, כבוד, גלאַנץ און אינטעלעקטועלן קוראַזש; איך האָב געמאַכט די קונסט פאַר אַ פילאָזאָפיע, די פילאָזאָפיע פאַר אַ קונסט; איך האָב די מענטשן געלערנט אַנדערש דיינקן און געגעבן די זאַכן אַנדערע פאַרבן: אַלצדינג וואָס איך האָב געזאָגט און געטאָן האָט געבראַכט די מענטשן צום דערשטוינען. איך האָב גענומען די דראַמע, די אָביעקטיווע פאָרם, וועלכע די קונסט קען און געמאַכט דערפון אַ פערזענלאַכן אויסדרוקסמיטל, אַזוי ווי דאָס לירישע געדיכט, אָדער דער סאָנעט; צו גלייך האָב איך דערווייטערט זיין שטח און באַרייכערט זיין כאַראַקטעריסטיק. דראַמע, ראָמאַן, פּאָעזיע און פּראָזע, פּאָעזיע אין ריימען, דעם גייסטרייכן אָדער פאַנטאַסטישן דיאַלאָג, אַלץ וואָס איך האָב באַרירט האָב איך איינגעוויקלט אין אַ ניים לבוש פון שיינקייט: דעם אמת גופא האָב איך געגעבן דאָס וואָס איז פאַלש, אַזוי גוט ווי דאָס וואָס איז וואָר, פאַר זיין

רעכטמעסיקע מדינה און האָב באוויזן, אַז פאַלש און וואָר זיינען בלויז פאָרמען פון גייסטיקן דאַזיין. די קונסט האָב איך באַהאַנדלט ווי די העכסטע ווירקלעכקייט און דאָס לעבן בלויז ווי אַ פאָרם פון דיכטונג. איך האָב אויפגעוועקט די פאַנטאַזיע פון מיין יאָרהונדערט, אַזוי אַז עס האָבן זיך אַרום מיר געשאַפן פאַבלען און לעגענדן. אַלע סיסטעמען האָב איך רעזומירט אין אַ פראַזע און דעם גאַנצן זיין אין אַן עפּיגראַם. דערביי האָב איך געהאַט נאָך עפּעס אַנדערש, נור איך האָב מיך געלאָזט אַריינגנאַרן פון דעם לאַנגדויערנדיקן כשוף פון אַ זינלאָזער און תאווה׳דיקער באַקוועמלעכקייט. איך האָב זיך אַמוזירט דערמיט, צו זיין אַ „פלאַנאַר“, אַ „דענדי“, אַ מאָדע־העלד. איך האָב זיך אַרומגערינגלט מיט די קלענערע נאַטורן און נידעריקערע גייסטער. איך בין געוואָרן אַ פאַרשווענדער פון מיין אייגענעם זשעני, און עס האָט מיר פאַרשאַפט אַ מאָדנע פרייד אויסצובריינגען אַן אייביקע יוגענט.

מיד פון אַרומוואַנדערן אין דער הויך, בין איך פרייוויליק אַרונטערגעשטיגן אין די טיפענישן, כדי דאָרט צו זוכן נייע רייצן. וואָס דער פּאַראַדאָקס איז פאַר מיר געווען אין דער סביבה פון דיינקען, איז דאָס פּערווערזע געוואָרן פאַר מיר אין דער סביבה פון לײדנשאַפטן. צום סוף איז די תאווה געוואָרן אַ קראַנקהייט, אָדער אַ משוגעת, אָדער ביידע צוזאַמען. איך האָב מיך ווייניק געקימערט פאַר דאָס לעבן פון אַנדערע. איך האָב מיר אָנגעטאָן תענוגים, וואו מיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט, און בין געגאַנגען ווייטער. איך האָב פאַרגעסן, אַז יעדע קלענסטע אַלטעגלעכע טאַט בילדעט אָדער פאַרדאַמט דעם כאַראַקטער, און דאַריבער ווערט דאָס, וואָס מען האָט געטאָן בחדרי־חדרים, אין אַ געוויסן טאָג אויסגעשריען הויך איבער אַלע דעכער. איך האָב אויפגעהערט צו זיין האַר איבער זיך אַליין. איך בין שוין ניט מער געווען דער קאַפּיטאַן פון מיין נשמה, און האָב דאָס ניט געוואוסט. איך האָב געלאָזן אַז פאַרגניגען זאָל מיך באַהערשן. איך האָב געענדיקט אין שוידערהאַפטער שאַנד. איצט בלייבט מיר נאָר איינס: פולשטענדיקע עניוות.

איך בין כמעט צוויי יאָר געלעגן אין תפיסה. האָט זיך אין מיר אַנטוויקלט אַ ווילדע פאַרצווייפלונג; אַן איבערגעבנקייט צום קומער, אַז עס איז געווען אַ רחמנות נור אָנצוקוקן; אַ שרעקלעכער און אָנמעכטיקער צאָרן; פאַרביטערונג און פאַראַכטונג; אַ

צער, וואָס האָט געוויינט אויפן קול; אַן עלנט, וואָס האָט ניט געקאָנט געפינען קיין שטים: אַ שמערץ, וואָס איז געווען שטום. איך בין דורכגעגאַנגען יעדע מעגלאַכע מדרגה פון ליידן, בעסער ווי וואָרדסוואָירט אַליין ווייס איך, וואָס וואָרדסוואָירט האָט געמיינט בעת ער האָט געזאָגט:

"דאָס לייד איז דויערהאַפט, טריב און פינסטערע
און האָט די טבע פון אומענדלאַכקייט„

נור כאָטש עס זיינען געווען ציישן, ווען איך האָב זיך גע־פרייט מיט דער אידייע, אַז מיינע יסורים וועלן זיין אומענדלאַך, האָב איך דאָך ניט געקאָנט דערטראָגען, אַז זיי זאָלן ניט האָבן קיין שום באַדייטונג. אַצינד געפין איך ערגעצוואו פאַרבאָרגן אין מיין נאַטור, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָגט מיר, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט איז ניט אָן באַדייטונג, און ווייניקער פאַר אַלץ דאָס ליידן. אָט דאָס עפּעס וואָס ליגט פאַרבאָרגען טיף אין מיין נאַטור, ווי אַן אוצר אויף אַ פעלד, איז די עניוות.

זי איז דאָס לעצטע וואָס איז אין מיר געבליבן, און דאָס בעסטע: דאָס אויסערסטע ציל צו וועלכן איך בין אָנגעקומען. זי איז אַרויסגעקומען גאַנץ פון מיר אַליין, און דעריבער ווייס איך, אַז זי איז געקומען אין דער רעכטער צייט. זי האָט ניט געקאָנט קומען פריער, אויך ניט שפּעטער. וואָלט עמיץ מיט מיר גערעדט דערפון, וואָלט איך איר צוריקגעוויזן. וואָלט מען איר געבראַכט צו מיר, וואָלט איך איר ניט אָנגענומען. ווייל איך האָב איר אַליין אַנטדעקט, וויל איך איר היטן. איך מוז אַזוי טאָן. זי איז די איינציקע זאַך, וואָס האָט אין זיך די יסודות פון לעבן, פון אַ נייעם לעבן, אַ „וויטאַ נאָווא" פאַר מיר. פון אַלצדינג איז זי די מאָדנעסטע. מען קאָן איר ניט אָוועקשיינקען און מען קאָן זיך איר ניט לאָזן שיינקען פון אַ צווייטן. מען קאָן איר ניט דערווערבן סיידן זיך אָפּזאָגענדיק פון אַלץ וואָס מען פאַרמאָגט. בלויז דע־מאָלט ווען מען האָט אַלצדינג פאַרלאָרן ווייס מען אַז מען באַ־זיצט איר.

אַצינד אַז איך האָב זיך איבערצייגט, אַז זי איז אין מיר, זע איך קלאָר און דייטלאַך, וואָס איך האָב צו טאָן; פּאַקטיש, וואָס איך מוז טאָן. און ווען איך באַנוץ אַזאַ'ן אויסדרוק ווי אָט דעם, באַדאַרף איך ניט פאַרזיכערן, אַז איך מאַך ניט קיין אָנדייַ־טונג אויף וועלכן עס איז אויסערלאַכן געזעץ אָדער געבאָט.

איך אנערקען ניט קיינע. איך בין איצט אַ סך מער אינדיווידו־אַליסטיש ווי איך בין דאָס ווען עס איז געווען. קיין זאַך שיינט מיר האָט ניט דעם קלענסטן ווערט אַ חוץ דאָס וואָס מען קריגט אַרויס פון זיך אַליין. מיין נאַטור זוכט אַ פרישע פאָרם פון זעלבסטפאַרווירקלאַכונג. דאָס איז אַלץ מיט וואָס איך בין באַ־שעפטיגט. און די ערשטע זאַך וואָס איך האָב צו טאָן, איז, זיך צו באַפרייען פון יעדער מעגלאַכן פאַרביטערונגס געפיל אַטקעגן דער וועלט.

איך בין פולשטענדיק מיטללאָז און אַבסאָלוט היימלאָז. דאָך זיינען פאַראַן אויף דער וועלט ערגערע זאַכן ווי אָט די. איך בין גאַנץ אויפריכטיק ווען איך זאָג: איידער אַרויסגיין פון אָט דער תפיסה מיט פאַרביטערונג אין האַרצן אַנטקעגן דער וועלט, וועל איך צופרידענער און גערנער בעטלען מיין ברויט פון טיר צו טיר. אויב איך וועל גאָר ניט קריגן אינם הויז פון רייכן, וועל איך עפּעס באַקומען אינ׳ם הויז פונ׳ם אָרימען. די וועלכע האָבן אַ סך, זיינען דאָס רוב זעלבסטזיכטיק; די וועלכע האָבן ווייניק, טיילן זיך אַלע מאָל מיטן לעצטן ביסן. מיר וועט גאָרניט אויסמאַכן צו שלאָפן אין קילן גראָז אום זומער, און ווען עס וועט קומען דער ווינטער, זיך צו באַשיצן אין אַ וואַרימער, געדיכטער קופּע היי, אָדער אונטער דעם וועטערדאַך פון אַ גרויסן שייער, ווען איך וועל נור האָבן ליבע אין מיין האַרצן. די אויסערלאַכע זאַכן פון לעבן זעען מיר איצט אויס פון קיין שום באַדייטונג. דערפון קאָנסטו זען צו וואָס פאַר אַ שטאַרקן אינדיווידואַליזם איך האָב שוין דערגרייכט — אָדער בעסער איך דערגרייך ביסלאַכווייז, וואָרום דער וועג איז לאַנג, און „וואוהין איך גיי דאָרטן זיינען דערנער."

געוויס, איך ווייס אַז בעטן נדבות אויפן פּורוועג איז ניט מיין גורל, און אַז אויב איך וועל ווען עס איז ליגען אין די קילע גראָז ביי נאַכט, דעמאָלט וועט דאָס זיין צו שרייבן סאָנעטן צו דער לבנה.

ווען איך וועל אַרויס פון דער תפיסה, וועט מיר ראָבי דערוואַרטן אויף דער אַנדער זייט פון דעם גרויסן מיט אייזן באַצויגענעם טויער, און ער איז דער סימבאָל, ניט בלויז פון זיין אייגענער ליבע, נאָר אויך פון אַ סך אַנדערע אויסער אים. איך גלויב, איך וועל אויף יעדן פאַל האָבן גענוג צום לעבן אַן ערך פון אַכצען

חדשים׳ אזוי, אז אויב איך וועל ניט קאָנען שרייבן קיין שיינע ביכער וועל איך וויניקסטנס קאָנען לייענען שיינע ביכער. און וואָס פאַר אַ פרייד קאָן זיין גרעסער? נאָכדעם האָב איך צו זיין אימשטאַנד צו דערוועקן אויף דאָס ניי מיין שאַפונג־קראַפט.

נור ווען די אומשטענדן זאָלן זיין אַנדערש: ווען איך זאָל ניט האָבן מער קיין פריינט אויף דער וועלט; ווען קיין איינציק הויז זאָל ניט שטיין אָפען פאַר מיר מיט רחמנות; ווען איך זאָל מוזן אָננעמען די טאָרבע און די טראַנטעס פון דער הוילער אָרימקייט. אזוי לאַנג ווי איך בין פריי פון נקמה־פאַרלאַנגען, גרויזאַמקייט, און פאַראַכטונג, בין איך אימשטאַנד צו באַגעגענען דעם לעבן מיט אַ סך מער רואיקייט און פאַרטרויען ווי ווען מיין לייב זאָל זיין געקליידט אין פורפור און פיינע ליינען, און די נשמה אין מיר זאָל זיין קראַנק פאַר שנאה.

און איך וועל זיכער ניט האָבן קיין שווערקייטן. ווען דו פאַרלאַנגסט ליבע מיט אַן אמת, דאַן וועסטו זי געפינען וואַרטנדיק אויף דיר.

איך פאַרשפּאַר צו זאָגען, אַז מיין אויפגאַבע ענדיקט זיך דאָ ניט. זי וואָלט געווען בערך זייער לייכט ווען דאָס זאָל אַזוי זיין. אַ סך מער שטייט מיר נאָך פאָר. איך האָב אַרויפצוקלעטערן נאָך ווייט משופּעדיקערע בערג, דורכצוגיין אַ סך טונקעלע טאָלן. און דאָס אַלץ מוז איך אַרויסקריגען פון זיך אַליין. ניט רעליגיע׳ ניט מאָראַל, און אויך ניט שכל קאָנען מיר דערביי ווי עס איז מיטהעלפן.

מאָראַל העלפט מיר נישט. איך בין אַ געבאָרענער אַנטינאָ־מיסט. איך בין איינער פון די יעניקע, וועלכע זיינען געוואָרן באַשאַפן פאַר אויסנאַמען, ניט פאַר געזעצן. נאָר אין דער צייט, וואָס איך זע איין, אַז עס איז ניטאָ קיין אומרעכט אין דאָס, וואָס מען טוט, זע איך איין אָבער, אַז עפּעס איז ניט ריכטיק אין דאָס, וואָס מען ווערט. דאָס איז כדאי געווען צו האָבן געלערנט.

רעליגיע העלפט מיר ניט. די אמונה וואָס אַנדערע האָבן אין דעם וואָס מען קאָן ניט זען, האָב איך אין דאָס וואָס מען קאָן אָנטאַפּן און אָנקוקן. מיינע געטער וואוינען אין טעמפּלען געבויט פון הענט; און אין דער סביבה פון ווירקלאַכער דערפאַרונג איז מיין אני־מאמין געוואָרן פולקום און פולשטענדיק: מעגלאָך צופיל פולשטענדיק, ווייל אַקוראַט ווי די מערסטע אָדער אַלע וועלכע

האָבן געגעבן אַ פּלאַץ זייער הימל אויף דער ערד, האָב איך אויף איר געפונען ניט בלויז די שיינקייט פון הימל׳ נאָר אויך די גרויל־ פון גיהנם.

ווען איך דיינק בכלל פון רעליגיע, פיל איך אַזוי ווי איך וואָלט וועלן גרינדן אַן אָרדן פאַר די וועלכע קאָנען ניט גלויבן: מען קאָן אים אָנרופן די ברידערשאַפט פון די אומגלויביקע, וואו אויף אַן אַלטאַר, אויף וועלכן עס האָט ניט געברענט קיין ליכט, זאָל אַ פּריסטער אין וועמעס הארצן דער פרידן האָט ניט געפונען קיין מקום מנוחה, אָפּריכטן גאָטעסדינסט מיט ברויט, אויף וועלכן מען האָט ניט געמאַכט קיין קידוש, און מיט אַ כוס, אין וועלכן עס איז ניטאָ קיין ווייַן. כדי צו זיין אמת׳ מוז אַלצדינג ווערן אַ רעליגיע. און דער אַגנאָסטיציזם זאָל האָבן זיין סידור און מנהגים, אַזוי גוט ווי די אמונה. ער האָט שוין געזייט זיינע מאַרטירער, טאָ זאָל ער צייטיקן זיינע הייליקע, און טעגלאַך לויבן גאָט דערפאַר וואָס ער האָט זיך פאַרבאָרגען פון מענטשן.

דאָך צו דאָס זאָל זיין אמונה אָדער אַגנאָסטיציזם, עס דאַרף גאָרניט זיין אויסערלאַכעס פאַר מיר. זיינע סימבאָלן דאַרפן זיין פון מיין אייגענער באַשאַפונג. נור דאָס איז גייסטיקס וואָס שאַפט זיך זיין אייגען פאָרם. אויב איך קאָן ניט געפינען זיין סוד אין זיך גופא, דעמאָלט וועל איך אים שוין קיינמאָל ניט געפינען: אויב איך באַזיץ אים שוין ניט אַצינד, אַזוי וועט ער קיינמאָל צו מיר ניט קומען.

שכל העלפט מיר ניט. ער זאָגט מיר, אַז די געזעצן אונטער וועלכע איך בין געוואָרן פאַראורטיילט, זיינען פאַלשע און אומ־ גערעכטע געזעצן׳ און די סיסטעם. אונטער וועלכע איך האָב גע־ ליטן, איז אַ פאַלשע און אומגערעכטע סיסטעם. אָבער, וואָס איז מיר די נפקא מינה, סאַי ווי דאַרף איך איבערמאַכן אָט דיביידע זאַכן, אַז זיי זאָלן ווערן רעכט און גערעכט פאַר מיר. און אַקוראַט אַזוי ווי אין דער קונסט, גיט מען זיך בלויז אָפּ דערמיט, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט פאַר איינעם אַ באַזונדערער געגענ־ שטאַנד אין אַ באַזונדערן מאָמענט, אַזוי איז דאָס אויך אין דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון דעם כאַראַקטער.

מיין אויפגאַבע איז אַצינד איבערצומאַכן אַלצדינג וואָס האָט מיר פּאַסירט אין גוטס פאַר מיר. דאָס ברעטערנע געלעגער, די עקלהאַפטע אכילה, די גראָבע שטריק, וועלכע מען צוצופּט צו פאַ־

קולעס, ביז עס ווערן איינעם די שפּיץ פינגער טעמפּ פאַר שמערץ. די גראָבע הויז־אַרבייט מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן און עס לאָזט זיך אויס יעדער איינציגער טאָג, די שטריינגע באַפעלן וועלכע די רוטינע מאַכט הפנים פאַר אַ נויטווענדיגקייט, די אומגעלומפּערטע קליידער, וועלכע מאַכן דאָס לייד אויסזען לעכערלאַך. דאָס שווייגען, די איינזאַמקייט, די חרפּה — יעדער איינע און אַלע פון אַט די זאַכן דאַרף איך איבערענדערן אין גייסטיקער דערפאַרונג. דערביי איז ניטאָ קיין איינציקע דערנידערונג פון גוף וועלכע איך מוז זיך ניט אָנשטריינגען איבערצומאַכן אין אַ דערהייבונג פון דער נשמה.

איך ווינטש צו דערגרייכן צו דער מדרגה, ווען עס וועט מיר זיין מעגלאַך צו זאָגן גאַנץ איינפאַך און אָן צביעות, אַז די צוויי גרויסע ווענדפּונקטן אין מיין לעבן זיינען: ווען מיין טאַטע האָט מיר געשיקט אין אָקספאָרד, און ווען די געזעלשאַפט האָט מיך געשיקט אין תפיסה. איך וויל ניט זאָגן, אַז תפיסה איז די בעסטע זאַך וואָס האָט מיר געקאָנט פּאַסירן; ווייל אַזאַ'ן אויסדרוק וועט שמעקן מיט צופיל פאַרביטערונג אַנטקעגען זיך אַליין. איך וועל ליבער זאָגען, אָדער הערן זאָגען פון מיר, אַז איך בין געווען אַזאַ טיפּיש קינד פון מיין דור, אַז אין מיין פּערווערזיטעט, האָב איך איבערגעקערט די גוטע זאַכן פון מיין לעבן אין שלעכטע, און די שלעכטע זאַכן פון מיין לעבן אין גוטע.

דאָך שפּילט אַ קנאַפּע ראָל וואָס איך אָדער אַנדערע וועלן זאָגען. די וויכטיקסטע זאַך, די זאַך וואָס ליגט פאַר מיר, די זאַך וואָס איך האָב צו טאָן, ווען דאָס קורצע רעשטל פון מיינע טעג וועט ניט ווערן פאַרקריפּלט, פאַרדאָרבן, און אומפולשטענדיק, איז איינצוזויגן אין מיין נאַטור אַלצדינג, וואָס איז געוואָרן געטאָן צו מיר, דאָס צו מאַכן פאַר אַ טייל פון מיר, דאָס אָנצונעמען אָן באַקלאָגונג, מורא, אָדער ווידערווילן. דער העכסטער חטא איז אויבערפלעכלאַכקייט. אַלץ וואָס קומט צום באַוואוסטזיין איז גערעכט.

בעת איך בין צוערשט אַריינגעפאַלן אין תפיסה, האָבן מיר עטלאַכע פּערזאָן געגעבן אַן עצה, איך זאָל זיך פלייסן צו פאַרגעסן, ווער איך בין געווען. דאָס איז געווען אַ שעדלאַכע עצה. נור דורכדעם וואָס מיר איז געווען קלאָר ווער איך בין, האָב איך געפונען אַ וועלכן עס איז טרייסט. אַצינד גיבן מיר אַנדערע אַן עצה, איך זאָל, ווען איך וועל ווערן אַרויסגעלאָזן פריי, זוכן צו

פאַרגעסן, אַז איך בין ווען עס איז געזעסן אין תפיסה. איך ווייס, אַז דאָס וואָלט אויך געווען אַזוי פּאַטאַל. דאָס וואָלט געהייסן, אַז איך זאָל דאָס גאַנצע לעבן ווערן פאַרפאָלגט דורך אַן אומדער־טרעגלאַכן געפיל פון שאַנד, אַז אַלצדינג וואָס איז באַשטימט פאַר מיר אַקוראַט אַזוי פיל ווי פאַר יעדן אַנדערן — די שיינקייט פון דער זון און לבנה, דער פּאַראַד פון די סעזאָנען, די מוזיק פון פרימאָרגנס און דאָס שווייגן פון לאַנגע נעכט, דער רעגן וואָס קאַפּעט דורך די בלעטער, אָדער דער טוי, וועלכער פויזעט איבער דאָס גראָז און פאַרזילבערט עס — אַז דאָס אַלץ זאָל זיין פאַר מיר פאַרפלעקט, און פאַרלאָרן פון זייער היילונגסקראַפט און פון זייער פייאיקייט צו פאַרשאַפן פרייד.

באַדויערן די אייגענע דערפאַרונגען, הייסט אָפּשטעלן די אייגענע אַנטוויקלונג. פאַרלייקענען די אייגענע דערפאַרונגען הייסט אַריינלייגן אַ ליגען אין די ליפּן פון דעם אייגענעם לעבן. דאָס איז ניט ווייניקער ווי אַ פאַרלייקענונג פון דער נשמה.

ווארום געננוי אַזוי ווי דער גוף זויגט איין אין זיך זאַכן פון אַלערליי מינים, פּראָסטע און אומריינע זאַכן ניט ווייניקער, ווי די וואָס אַ פּריסטער אָדער אַ דערשיינונג האָט געכשר׳ט, און וואַנ־דעלט זיי אום אין פלינקייט, אָדער קראַפט, אין׳ם שפּיל פון שיינע מוסקעלן און אין די פאָרמען פון לויכטנדיקן פלייש, אין די רונ־דונגען און פאַרבן פון דאָס האָר, די ליפּן, דאָס אויג; אָט אַזוי האָט אויך די נשמה פון איר זייט אירע דערנערנדיקע פונקציעס, און קאָן פאַרוואַנדלען דאָס וואָס איז בעצם געמיין, גרויזאַם און דערנידעריגענדיק, אין איידעלע געדאַנקען־פאָרמען און אין ליידנ־שאַפטן פון העכסטער ווירטיקייט; יאָ, נאָך מער, זיי קאָנען גע־פינען אין זיי זייערע דערהאַבנסטע פאָרמען פון אויסדרוק, און קאָנען אָפט זיך אַנטפּלעקן אויפן פולקומסטן אופן דורך דאָס, וואָס איז געווען באַאַבזיכטיקט צו פאַרשוועכן אָדער צוצושטערן.

דער פאַקט וואָס איך בין געוועזן אַ געמיינער אַרעסטאַנט אין אַ געמיינע טורמע, מוז איך אָננעמען אַזוי ווי דאָס איז, און ווי מאָדנע דאָס מעג אויסזען, איינע פון די זאַכן, וועלכע איך וועל נאָך דאַרפן זיך אַליין לערנען, איז, זיך דערמיט ניט צו שעמען. איך בין מחויב דאָס אָנצונעמען ווי אַ שטראָף, און ווען מען שעמט זיך דערמיט וואָס מען איז געווען געשטראָפט, איז

דאָס פּונקט אַזוי ווי מען וואָלט איבערהויפּט קיינמאָל ניט געוואָרן באַשטראָפט.

געוויס זיינען פאַראַן אַ סך זאַכן, פאַר וועלכע איך בין געוואָרן פאַרמשפּט, וואָס איך האָב ניט געטאָן, נור עס זיינען אויך פאַראַן אַ סך זאַכן פאַר וועלכע איך בין געוואָרן געמשפּט, וואָס איך האָב יאָ געטאָן, און נאָך אַ גרעסערע צאָל זאַכן אין מיין לעבן פאַר וועלכע איך בין איבערהויפּט קיינמאָל ניט געוואָרן אָנגעקלאָגט. און אַזוי ווי איך האָב שוין געזאָגט אין אָט דעם בריוו, אַז די געטער זיינען מאָדנע, און שטראָפן אונז פאַר דאָס וואָס איז אין אונז גוט און מענטשנפריינטלעך אָט אַזוי ווי פאַר דאָס וואָס איז שלעכט און פערוועדט, מוז איך אָנערקענען דעם פאַקט, אַז מען ווערט באַשטראָפט פאַר דאָס גוטס אַזוי וואויל ווי פאַר דאָס שלעכטס, וואָס מען טוט. איך צווייפל ניט, אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן דורכאויס מיט רעכט. עס העלפט עמיצן, אָדער עס זאָל עמיצן העלפן צו באַגרייפן ביידן, און זיך ניט צופיל איינבילדן אויף קיינעם פון זיי. און אויב איך וועל זיך ניט שעמען מיט מיין שטראָף, ווי איך האָף דאָס ניט צוטאָן, וועל איך דעמאָלט זיין אימ־שטאַנד פריי צו דיינקן, און ארומגיין און לעבן.

אַ סך מענטשן, ביי זייער באַפרייאונג, טראָגן ארויס זייער תפיסה צוזאַמען מיט זיך אין דרויסן, און באַהאַלטן זי אין זייערע הערצער ווי אַ געהיימער שאַנד, און צום סוף פאַרקריכן זיי, ווי אָרימע פאַרגיפטעטע ברואים אין וועלכער עס איז לאָך און שטאַרבן. עס איז אָפּשיילאַך אַז עס בלייבט זיי ניט איבער קיין אַנדער ברירה, און עס איז אַן אומרעכט, אַ שרעקלאַכער אומרעכט פון דער געזעלשאַפט, אַז זי צווינגט זיי אַזוי צו טאָן. די געזעלשאַפט נעמט זיך דאָס רעכט ארויפצולייגן שוידערהאַפטע שטראָפן אויף דעם יחיד, נור זי האָט אויך דעם העכסטן חטא פון אויבער־פלעכלאַכקייט, און עס געלינגט איר ניט צו פאַרשטיין קלאָר דאָס, וואָס זי האָט געטאָן. ווען איינער איז אָפּגעקומען זיין שטראָף דעמאָלט לאָזט זי אים איבער צו זיך אַליין; דאָס מיינט צו זאָגן, אַז זי פאַרלאָזט אים אין דעם כאַמע מאָמענט ווען עס הייבט זיך אָן איר העכסטער פליכט אָנטקעגן אים. זי שעמט זיך אין דער אמת'ן מיט אירע אייגענע האַנדלונגען, און ווייכט אויס די יעניקע וועלכע זי האָט באַשטראָפט, ווי לייט ווייכן אויס אַ מלוה וועמעס חובות זיי קאָנען ניט באַצאָלן, אָדער איינעם, וועמען זיי

האָבן אָנגעטאָן אַ ניט דערזעצלאַכן, ניט ווידערקערלאַכן שאָדן. איך פון מיין זייט קאָן פאָדערן, אַז אויב איך שטעל מיך פאַר וואָס איך האָב געליטן, זאָל זיך די געזעלשאַפט פאָרשטעלן וואָס זי האָט מיר אָנגעטאָן; און אַז עס זאָל איןביידע צדדים ניט הערשן קיין פאַרביטערניש, אָדער שנאה.

זעלבסטפאַרשטענדלאַך ווייס איך, אַז פון איין שטאַנדפּונקט וועלן די אומשטענדן שטיין ביי מיר אַ סך פאַרשידן ווי ביי אַנ־דערע; מוזן אין דער אמת'ן אַזוי שטיין דורך דער סאַמער נאַטיר פון אָט דעם פאַל. די אָרימע גנבים און ארויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט וועלכע זיצן דאָ איינגעשפּאַרט מיט מיר צוזאַמען, זיינען אין פיל הינזיכטן אַ סך גליקלאַכער ווי איך בין. די קליינע שטרעקע אין דער גרויער שטעטל אָדער גרינעם פעלד וואָס האָט געזען זייער זינד איז אומבאַדייטנדיק; כדי צו געפינען אַזעלכע וועלכע ווייסן גאָרניט פון דעם וואָס זיי האָבן געטאָן, דאַרפן זיי ניט גיין ווייטער וויפיל אַ פויגעל קאָן פליען צווישן בין השמשות און אַ שפּראַץ אויף טאָג: נור פאַר מיר איז די וועלט צוזאַמענגע־שרומפּן צו די גרויס פון אַ פויסט, און אומעטום וואו איך קער זיך, איז געשריבן מיין נאָמען מיט בלייענע אותיות אויף די פעלזן. ווארום איך בין אַרויסגעטראָטן, ניט פון טונקלקייט צו מאָמענ־טאַנער באַרימקייט פון פאַרברעכן, נאָר פון אַ מין אייביקן רום צו אַ מין אייביקער ערנלאָזיקייט, און צייטנווייז זעט דאָס מיר אויס צו האָבן באַוויזן, אויב דאָס דאַרף איבערהויפּט האָבן אַ באַווייז, אַז צווישן דעם באַרימטן און פאַראַכטעטן איז בלויז איין טריט, אויב ניט נאָך ווייניקער.

דאָך, דוקא דערפאַר וואָס לייט וועלן מיר דערקענען, וואוהין איך וועל נור גיין, און אַלצדינג ווייסן איבער מיין לעבן, אַזוי ווייט ווי עס קומען און באַטראַכט זיינע נארישקייטן קאָן איך אַנטדעקן עפּעס גוטס פאַר מיר. דאָס וועט אַרויסרופן ביי מיר די נויטווענדיקייט צו פאַרנעמען ווידער מיין פּלאַץ ווי אַ קינסט־לער, און אַזוי גיך ווי מעגליך איך וועל נור קאָנען. ווען איך קאָן אַרויסברייננגען בלויז איין שיינעם קונסטווערק, וועל איך זיין אימשטאַנד, צו רויבן פון דער בייזקייט איר גיפט, און פון דער פייגהייט איר שפּאָט, און אויסצורייסן די שענדערישע צונג מיט די וואָרצלען.

און אויב דאָס לעבן זאָל זיין אָט אַזוי ווי דאָס איז פאַקטיש

אַ פּראָבלעם פאַר מיר, בין איך ניט ווייניקער ווי אַ פּראָבלעם פאַר דאָס לעבן: לויט מוזן אָננעמען אַ וועלכער עס איז שטעלונג צו מיר, און אַזוי זיך פאַסן אַ מיינונג איבער ביידן, איבער זיך אַליין און איבער מיר.

איך פאַרשפּאַר צו זאָגן, אַז איך רייד דאָ ניט איבער באַשטימטע יחידים. די איינציקע לייט וועלכע איך וואָלט איצט געוואונטשן צו האָבן ארום זיך, זיינען קינסטלער און אַזעלכע פּערזאָנען וועלכע האָבן געליטן: די יעניקע, וועלכע ווייסן וואָס איז שיינקייט און די וועלכע ווייסן וואָס איז ליידן: קיין אַנדערע אינטערעסירן מיך ניט. איך שטעל אויך ניט וועלכע עס איז פאָדערונג צום לעבן. אין אַלצדינג וואָס איך האָב געזאָגט, בין איך פּשוט פאַראינטערעסירט מיט מיין אייגענער גייסטיקער שטעלונג אַנטקעגן דאָס לעבן ווי אַ גאַנצעס. איך פיל, אַז זיך ניט צו שעמען מיט דעם וואָס איך בין געווען באַשטראָפט, איז איינע פון די פּונקטן צו וועלכע איך מוז דערגרייכן, צוליב מיין אייגענער פולקומענהייט, און מחמת איך בין אַזוי ניט פולקום.

נאָכדעם מוז איך לערנען ווי צו זיין גליקלאַך. אַמאָל האָב איך דאָס געוואוסט, אָדער געמיינט אַז איך ווייס דאָס, אינסטינקטיוו. אין מיין הארצן איז אַמאָל געווען שטענדיק פרילינגסצייט. מיין טעמפּעראַמענט איז געווען פאַרוואַנדט צו לעבנספרייד. איך האָב אָנגעפילט מיין לעבן ביז צום סאַמע ראַנד מיט תענוגים, אַט אַזוי ווי מען קאָן אָנפילן אַ בעכער ביז צום סאַמע ראַנד מיט וויין. אַצינד דערנענטער איך זיך צום לעבן פון אַ גאַנץ נייעם שטאַנדפּונקט, און אָפט איז מיר אויסערסט שווער, זיך צו מאַכן אפילו בלויז אַ פאַרשטעלונג פון גליק.

איך דערמאָן זיך, אין משך פון מיין ערשטן סעמעסטער אין אָקספאָרד, צו האָבן געלייענט אין פּייטער׳ס „רענעסאַנס". — דאָס בוך וואָס האָט געהאַט אַזאַ מאָדנעם איינפלוס אויף מיין לעבן — ווי אַזוי דאַנטע זעצט אריין טיף אין דער „אינפערנא" די יעניקע, וועלכע לעבן אייגנוויליק אין טרויער, בין איך געגאַנגען צו דער קאָלעדזש ביבליאָטעק און אויפגעמישט די שטעלע אין דער „געטלאַכער קאָמעדיע", וואו אונטער דעם יאָמערפולן גיהנם־זומפּ ליגן די יעניקע וועלכע זיינען געווען

„פארכמורעט אין דער זיסער לופט" און חזרן איבער אייביק דורך זייערע זיפצן.

"Tristi Fummo
Nell' aer dolce che dal sol s'allegra"*

איך האָב געוואוסט, אַז די קירך פאַראורטיילט „אַקצידיע" נור די גאַנצע אידייע האָט מיר אויסגעוויזן דורכאויס פאַנטאַס־טיש, געגנוי דער מין זינד, האָב איך געטראַכט, וועלכע אַ פּריס־טער וואָס וויים גאָרניט פוןווירקלאַכן לעבן וועט דערפינדן. איך האָב אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי דאַנטע, וועלכער זאָגט, אַז „ליידן פאַראייניקט אונז ווידער מיט גאָט", קאָן זיין אַזוי גרויזאַם אַנטקעגען די וועלכע זיינען געווען פאַרליבט אין דער מרה שחורה, אויב עס זיינען באמת געווען אַזוינע. איך האָב מיך דעמאָלט ניט פאַרגעשטעלט, אַז עס וועט קומען דער טאָג ווען דאָס וועט ווערן איינע פון די גרעסטע נסיונות אין מיין לעבן.

בעת איך בין געזעסן אין װענדסוואָירטער תפיסה, האָב איך געוואונטשן צו שטאַרבן. דאָס איז געווען מיין איינציקער פאַר־לאַנג. ווען מען האָט מיך אריבערגעפירט אהער, נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעלעגן צוויי חדשים אין דער קראַנקן־אָפּטיילונג, און איך האָב דערפילט אַז מיין פיזישער צושטאַנד בעסערט זיך בים־לאַכווייז, בין איך געווען אויסער זיך פאַר צאָרן. איך האָב באַ־שלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אין דעם זעלבן טאָג אין וועלכן איך וועל פאַרלאָזן די תפיסה. נאָך אַ קורצער צייט איז פאַר־שוואונדן אָט די בייזע שטימונג, און איך האָב זיך אריינגענומען אין געדאַנק צו לעבן, נאָר אַנצוטאָן אויף זיך דעם אומעט אַזוי ווי אַ קעניג טוט אָן זיין פּורפּור: קיינמאָל מער ניט לאַכן: צו פאַר־וואַנדלען יעדעס הויז וואָס איך וועל באַטרעטן, אין אַ שטוב פון טרויער: צו מאַכן מיינע פריינט גיין ארום מיר מיט לאַנגזאַמע טריט אין טרויערקייט: צו לערנען זיי, אַז מרה שחורה איז דער אמת'ער סוד פונם לעבן: צו פּלאָגן זיי מיט אַ פרעמדן לייד: צו פייניקן זיי מיט מיין אייגענעם שמערץ.

איצט פיל איך גאַנץ אַנדערש. איך זע איין, אַז עס וואָלט געוועזן אומדאַנקבאַר און אומפריינדטלאַך פון מיר, צו מאַכן אַזאַ זויערן פּנים, אַז ווען מיינע פריינט וועלן מיר קומען

*) „גרויער רויך און קיין זיסע לופט צו דערמונטערן דעם גייסט."

באַזוכן, זאָלן זיי מוזן מאַכן נאָך זויערערע פּנימער, כּדי אַרויסצואווייזן זייער סימפּאַטיע; אָדער, ווי בעת איך זאָל זיי וועלן פאַרבעטן אויף כּיבוד, זיי איינלאַדן זיך אַנידערצוזעצן שווייגנדיק צו ביטערע קרייטיכער און צו אַ סעודה פון אבלים. איך מוז לערנען ווי צו זיין פריילאַך און גליקלאַך.

די לעצטע צוויי געלעגנהייטן ביי וועלכע מיר איז געוואָרן דערלויבט צו זען דאָ מיינע פריינט, האָב איך זיך באַמיט צו זיין אַזוי פריילאַך ווי מעגלאַך, און זיי אַרויסצואווייזן מיין פריילאַכקייט, כּדי זיי צו געבן אַ וועלכע עס איז קליינע פאַרגיטיקונג פאַר זייער טרחה מיר צו קומען באַזוכן אַזש פון לאָנדאָן. איך ווייס, אַז דאָס איז בלויז אַ קליינע צוריקצאָלונג, נור דאָס איז די יעניקע, אין דעם בין איך זיכער, וואָס שטעלט זיי מערסטנס צופרידן.

פאַראַכטאָגן שבת האָב איך פאַרבראַכט מיט ראַבי'ן אַ שטונדע, און איך האָב זיך באַמיט צו געבן דעם מעגלאַך פולסטן אויסדרוק, פון דער הערצלאַכער פרייד וואָס איך האָב באמת גע־פילט איבער אונזער צוזאַמענזיין. און אַז איך בין דורכאויס אויפ'ן רעכטן וועג מיט די מיינונגען און אידייען וועלכע איך פאָרמיר דאָ פאַר זיך אַליין, באַווייזט מיר דער פאַקט, אַז צום ערשטן מאָל זינט איך זיץ אין תּפיסה האָב איך איצט אַן אמת'ן פאַרלאַנג נאָך לעבן.

פאַר מיר איז נאָך פאַראַן אַזוי פיל צו טאָן, אַז איך וועל דאָס באַטראַכטן פאַר אַ שרעקלאַכער טראַגעדיע, ווען איך זאָל אוועקשטאַרבן איידער עס וועט מיר געלונגען דורכצופירן על כּל פּנים אַ טייל דערפון. איך זע נייע אַנטוויקלונגען אין קונסט און אין לעבן, פון וועלכע יעדע איינע איז אַ פרישע פאָרמע פון פולקומענהייט. איך פאַרלאַנג צו לעבן כּדי איך זאָל קאָנען דערפאָרשן, דאָס וואָס איז אַזוי גוט ווי אַ נייע וועלט פאַר מיר.

דו ווילסט וויסן, וואָס איז אָט די נייע וועלט? איך דיינק, אַז דו קאָנסט טרעפן וואָס דאָס איז. דאָס איז די וועלט אין וועלכע איך האָב לעצטענס געלעבט. דאָס לייד אַליין און אַלץ וואָס דאָס לערנט איינעם, איז מיין נייע וועלט.

איך האָב פריער געלעבט דורכאויס פאַר פאַרגניגען. איך האָב אויסגעווייכט יסורים און ליידן פון יעדן מין. איך האָב פיינט געהאַט ליידן. איך האָב באַשלאָסן צו איגנאָרירן ליידן, אַזוי וויט

ווי דאָס איז מעגלאַך: דאָס הייסט, זיי צו באַהאַנדלען ווי פאַרמעז פון אונפולקומענהייט. זיי זיינען ניט געווען קיין טייל פון מיין לעבנס־פּלאַן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אָרט אין מיין פילאָזאָפיע.

מיין מאַמע, וועלכע האָט געקאָנט דאָס לעבן דורך און דורך, פלעגט מיר אָפט ציטירן געטע'ס פערזן — אַריינגעשריבן פון קאַרלייל אין אַ בוך, וואָס ער האָט איר געגעבן מיט יאָרן צוריק. און, ווי מיר דוכט, אויך איבערזעצט פון אים: —

"Who never ate his bread in sorrow,
Who never spent the midnight hours
Weeping and waiting for the morrow,—
He knows you not, ye heavenly powers." *

דאָס זיינען געווען די פערזן וועלכע די איידעלע קיניגין פון פּרייסן, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט באַהאַנדלט מיט אַזאַ גראָבער ברוטאַליטעט, פלעגט ציטירן אין איר שפלות און גלות. זיי זיינען געווען די פערזן וועלכע מיין מאַמע האָט אָפט ציטירט אין די צרות פון איר שפּעטערדיקן לעבן. איך האָב זיך אַבסאָלוט אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אָדער צו אָנערקענען דעם אומגעהויערן אמת וואָס ליגט אין זיי פאַרבאָרגן. איך האָב דאָס ניט געקאָנט פאַר־שטיין. איך דערמאָן זיך נאָך זייער גוט ווי איך פלעג צו איר זאָגן, אַז איך וויל ניט עסן מיין ברויט אין זאָרגן, אָדער פאַר־ברענגען וועלכע עס איז נאַכט וויינענדיק און וואַרטנדיק אויף אַ נאָך ביטערערן פרימאָרגן.

איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז געווען איינע פון די באַזונדערע זאַכן וועלכע דער גורל האָט געהאַלטן אָנגע־גרייט פאַר מיר; אַז אַ גאַנץ יאָר פון מיין לעבן, זאָל איך אין דער אמת'ן קוים עפּעס אַנדערש טאָן. נור אַזוי איז מיר געוואָרן צוגעמאָסטן מיין חלק; און אין משך פון די לעצטע עטלאַכע חדשים, בין איך, נאָך מורא'דיקע שווערקייטן און קאַמפן, געווען אימשטאַנד צו פאַרשטיין עטלאַכע פון די לערן וועלכע זיינען פאַרבאָרגען אין האַרצן פון שמערץ.

*) „ווער ס'האָט קיינמאָל נענעסן זיין ברויט אין זאָרגען
ווער ס'האָט קיינמאָל פאַרבראַכט זיינע נעכט
וויינענדיק און וואַרטנדיק אויף דעם מאָרגען, —
דער קען אייך ניט, איר הימלישע מעכט.

גייסטלאַכע און לייט, וועלכע באַנוצן פּראָזן אַז זין און פאַרשטאַנד. ריידן אַפּטמאָל פון ליידן ווי פון אַ מיסטעריע. אין דער אמת׳ן איז דאָס אַן אַנטפּלעקונג. מען דערקאָנט זאַכן, וועלכע זיינען פריער קיינעם ניט איינגעפאַלן. מען טרעט צו צו דער געשיכטע פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. וואָס מען האָט זיך פאַר־געשטעלט טונקל, אינסטינקטיוו, איבער קונסט, ווערט פון געדאַנק און געפיל באַגריפן מיט פולקומענער קלאָרקייט פון זען און מיט אַבסאָלוטער שטאַרקייט פון פאַרשטעלונגס קראַפט.

איך זע איצט איין, אַז דאָס לייד, וואָס איז די איידלסטע פילונג, צו וועלכער דער מענטש איז פייאיק, איז צו גלייכער צייט דאָס פאָרבילד און די פּראָבע פון יעדער גרויסער קונסט.

דאָס נאָך וואָס דער, קינסטלער שטרעבט שטענדיק איז יענע עקזיסטענץ־פאָרם, אין וועלכער לייב און זעל זיינען איינס און דאָס זעלבע: אין וועלכער דאָס אויסווייניקסטע איז דער אויסדרוק פון דאָס אינווייניקסטע: אין וועלכער די פאָרם אַנט־פּלעקט זיך. אַזעלכע עקזיסטענץ־פאָרמען זיינען פאַראַן ניט ווייניק: די יוגנט און די קונסטן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דער יוגענט, קאָנען דינען אַ וויי̇ל ווי אַ מוסטער פאַר אונז: נאָך איינס וואָס מעג אונז געפעלן צו דיינקן איז, אַז די מאָדערנע לאַנד־שאַפטס מאַלעריי, אין איר צאַרטקייט און פיינקייט פון איר איינ־דרוק, אין דעם אופן, ווי זי דייט אָן אויף אַ גייסט, וועלכער וואוינט אין דאָס אויסווייניקסטע און מאַכט זיך אַ לבוש פון ערד און לופט, פון נעבל און שטעט־בילדער, און אין איר קראַנקהאַפט רייצבאַרער האַרמאָני פון שטימונגען, פאַרבן און קלאַנגען, פאַרווירקלאַכט פאַר אונז קאָלאָריסטיש, דאָס וואָס איז געווען פאַרווירקלאַכט אין אַזאַ פּלאַסטישע פאַרפולקומונג דורך די גריכן. די מוזיק, אין וועלכע דער גאַנצער שטאָף גייט אויף אין אויסדרוק, און קאָן פון אים ניט ווערן אָפּגעטיילט, איז אַ קאָמפּליצירטער ביישפּיל. און אַ בלום אָדער אַ קינד איז אַן איינ־פאַכער ביישפּיל פון דאָס וואָס איך מיין: נור דאָס לייד איז דער העכסטער טיפּ, סאַי אינם לעבן און סאַי אין דער קונסט.

הינטער פרייד און געלעכטער קאָן זיין אַ גראָבער, האַרטער, ביינערדיקער טעמפּעראַמענט. נור הינטער צער איז אַלעמאָל פאַראַן צער. פּיין טראָגט ניט קיין מאַסקע ווי פאַרגניגען.

דער אמת אין דער קונסט איז ניט קיין פאַרבינדונג צווישן

דעם עצם אידייע און דער צופעליקער עקזיסטענץ; ער איז ניט די ענלאכקייט פון געשטאלט צום שאטן, אדער פון דער פארם וואס איז אפגעשפיגעלט אין קריסטאל פון דער פארם גופא. ער איז ניט דער עכא וואס הילכט אפ פון אן אויסגעהוילטן בארג, ניט מער ווי ער איז א זילבערנער וואסערקוואל אין טאל, וואס ווייזט די לבנה צו דער לבנה און נארקיסאס צו נארקיסאסן.

דער אמת אין דער קונסט איז די איינקייט פון א זאך מיט זיך אליין: דאס אויסנווייניקסטע איז געווארן דער אויסדרוק פון דאס אינעווייניקסטע: די נשמה פלייש: דער גוף באלעבט מיט גייסט. צוליב אט דעם טעם איז ניטא קיין אמת וואס זאל זיך פארגלייכן צום ליידן.

עס גיט ציידן ווען דאס לייד זעט מיר אויס צו זיין דער איינציקער אמת. אנדערע זאכן מעגן זיין אילוזיעס פון אויג אדער אפעטיט, געשאפן צו בלענדן דעם איינעם און זעטיקן דעם אנדערן. נור פון ליידן זיינען געווארן געבויט וועלטן, און ביי דער געבורט פון א קינד אדער א שטערן איז פאראן יסורים.

נאך מער: דאס ליידן האט ארום זיך א שטארקע, אן אויסערגעוויינלאכע ווירקלאכקייט. איך האב ווען זיך געזאגט, אז איך בין געוועזן איינער וועלכער איז געשטאנען אין סימבאָ־לישע באציאונגען צו דער קונסט און קולטור פון מיין דור. עס איז ניטא קיין איינציקער עלנטער מענטש אין אט דעם עלנטן פלאץ מיט מיר צוזאמען וועלכער זאל ניט שטיין אין סימבאלישער באַ־ציאונג צום סאמע סוד פונם לעבן. ווארום דער סוד פון לעבן איז ליידן. דאס איז דאס, וואס איז הינטער אלצדינג פארבארגן. ווען מיר הייבן אן צו לעבן, איז דאס זיסע אזוי זיס פאר אונז, דאס ביטערע אזוי ביטער, אז מיר ווענדן אומפארמיידלאך אלע אונזערע פארלאנגען צו תענוגים, און האבן חשק ניט בלויז, „א חודש אדער צוויי זיך שפייזן מיט האָניק״, נאר אלע אונזערע יארן ניט צו פארזוכן קיין אנדער שפייז, און ווייסן ניט די גאנצע צייט אז מיר לאזן ווירקלאך פארהונגערן די נשמה.

איך דערמאן זיך נאך גאנץ גענוי, אז איך האב אמאל גע־רעדט וועגן דעם מיט איינער פון די שענסטע באשעפענישן. וועלכע איך האב ווען עס איז געקענט. א פרוי, וועמעס מיט־געפיל און איידעלע גוטסקייט, וועלכע זי האט באוויזן צו מיר, אי פריער און אי זינט די טראגעדיע פון מיין ווערן ארייג־

געזעצט אין תפיסה, זיינען געווען איבערמענטשלאַך; איינע וועלכע איז מיר ווירקלאַך בייגעשטאַנען, כאָטש זי ווייס דאָס ניט, צו דערטראָגן מיין פּעקל צרות. מער ווי עמיץ אַנדערש אויף דער גאַנצער וועלט, און דאָס אַלץ בלויז דורך דעם פאַקט, וואָס זי עקזיסטירט; דורכדעם וואָס זי איז, דאָס וואָס זי איז — טיילווייז אַן אידעאַל, טיילווייז אַן איינפלוס: אַן אָנדייטונג פון דעם וואָס מען קאָן ווערן, ווי אויך אַ ווירקלאַכע הילף פאַר דעם ווילן אַהין צו דערלאַנגען: אַ נשמה וואָס מאַכט זים די געוויינלאַכע לופט און מאַכט דאָס וואָס איז גייסטיק אויסזען אַזוי איינפאַך און נאַטירלאַך ווי דאָס ליכט פון דער זון אָדער ים: איינע פאַר וועמען שיינקייט און ליידן גייען האַנט אין האַנט און האָבן די זעלביקע שליחות.

ביי אַט דער געלעגענהייט, פון וועלכער איך טראַכט איצטער, דערמאָן איך זיך נאָך דייטלאַך, ווי אַזוי איך האָב צו איר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן גענוג ליידן אין איין שמאָלער געסל פון לאָנדאָן, כדי צו באַווייזן, אַז גאָט האָט ניט ליב די מענטשן, און אַז אומעטום וואו נור עס איז פאַראַן וועלכע עס איז ליידן, מעג דאָס אויך זיין בלויז פון אַ קינד אין וואָסער עס איז קליינעם גערטנדל, וויינענדיק איבער אַ שולד וואָס ער איז יאָ אָדער ניט באַגאַנגען, איז פולשטענדיק צושעדיקט די גאַנצע געשטאַלט פון דער באַשאַפונג. איך בין געווען גאַנץ אומגערעכט. זי האָט דאָס מיר אויך געזאָגט, נור איך האָב דאָס איר ניט געקאָנט גלויבן. איך בין ניט געווען אין דער סביבה אין וועלכער מען קאָן דערגרייכן צו אַזאַ'ן אמונה.

איצטער דוכט זיך מיר, אַז ליבע פון אַבי וועלכן מין איז די איינציקע מעגלאַכע דערקלערונג פון די אומגעהויערע מאָס פון יסורים, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן קיין אַנדער דערקלערונג. איך בין איבערצייגט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדערע; און אויב די וועלט איז אין דער אמת'ן, ווי איך האָב פריער געזאָגט, געבויט פון לייד, אַזוי איז זי געבויט מיט די הענט פון דער ליבע, מחמת אויף קיין אַנדער אופן וואָלט די נשמה פון אַ מענטשן, פאַר וועמען די וועלט איז געווען געשאַפן, ניט געקאָנט דערגרייכן צו דעם גאַנצן וואוקס פון איר פאָרפולקומונג. פאַרגניגען פאַר דעם שיינעם גוף, נור יסורים פאַר דער שיינער נשמה.

ווען איך זאָג, אַז איך בין איבערצייגט פון אַט די זאַכן, אַזוי רייד איך מיט צופיל שטאָלץ. אין דער ווייטקייט קאָן מען זען די שטאָט פון גאָט, ווי אַ פולקומענעם פערל. זי איז אַזוי וואונ־

דערבאַר, אַז עס זעט אויס אַז אַ קינד קאָן צו איר דערגרייכן אין אַ זומער־טאָג. און אַ קינד קאָן דאָס. נור מיט מיר און אַזוינע ווי איך איז דאָס גאָר אַנדערש. מען קאָן באַמערקן אַ זאַך אין איין איינציקן אויגנבליק, נור מען פאַרלירט דאָס אין די לאַנגע שטונדן וועלכע פאָלגען נאָך מיט בלייענע פיס. עס איז אַזוי שווער אַנצוהאַלטן „הויכענישן, וועלכע די נשמה איז קאַמפּעטענט צו געווינען". מיר דיינקן אין אייביקייטן, דאָך באַוועגן מיר זיך פּאַמעלאַך דורך דער צייט. ווי לאַנגזאַם עס פאַרגייט די צייט פאַר אונז, די וועלכע זיצן אין תפיסה, דאַרף איך ניט איבערחזרן נאָכאַמאָל, אויך ניט פון דער מידקייט און פאַרצווייפלונג וועלכע קריכן אַריין צוריק אין יעדנס צעל, און אין דעם צעל פון יעדנס האַרץ, מיט אַזאַ מאָדנע עקשנות, אַז מען מוז נאָך געוויסערמאַסן אויסקערן און אויפראַמען זיין הויז פאַר זייער קומען, אַט אַזוי ווי פאַר אַן אומגעווינשטן גאַסט, אַ בייזן פריץ אָדער אַ קנעכט וועמעס קנעכט מען איז דורך אַ צופאַל אָדער מיטן אייגענעם ווילן.

און כאָטש מיינע פריינד געפינען דאָס לעת עתה שווער צו גלויבן, איז דאָס דאָך ניט ווייניקער אמת, אַז פאַר די וועלכע לעבן אין פרייהייט, אין פוילענצעריי און באַקוועמליכקייט, איז אַ סך גרינגער צו דערלערנען די לעקציעס פון עניות ווי דאָס איז פאַר מיר, וועלכער הייבט אָן דעם טאָג מיט לייגן זיך אויף די קני צו וואַשן דעם דיל פון מיין צעל. ווארום דאָס תפיסה־לעבן מיט זיינע אומענדלאָכע דחקות און איינשריינקונגען מאַכט איינעם רעבעליש. די שרעקלאָכסטע זאַך דערביי איז ניט, וואָס דאָס צוברעכט איינעם דאָס האַרץ — הערצער זיינען געשאַפן כדי צו ווערן צעבראָכן — נאָר דאָס וואָס דאָס פאַרוואַנדלט איינעמס האַרץ אין שטיין.

אָפטמאָל פילט מען, אַז נור מיט אַ קופערנעם שטערן און שפּאָטישע ליפּן קאָן מען איבערהויפּט איבערלעבן דעם טאָג. און דער וועלכער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון מרידה קאָן ניט באַקומען קיין גנאָד, צו באַנוצן דעם אויסדרוק אין וועלכן די קירך איז אַזוי פאַרליבט — און אויך מיט רעכט, ווילט זיך מיר באַהויפּטן — ווייל אין לעבן אַזוי ווי אין דער קונסט פאַרמאַכט די אויפרירישע שטימונג די קאַנאַלן פון דער נשמה און שליסט אויס די לופט פון הימל.

דאָך מוז איך דאָ דערלערנען אַט די לעקציעס, אויב איך בין איבערהויפּט אימשטאַנד זיי ערגעצוואו צו דערלערנען. איך מוז זיין פול מיט פרייד, אויב מיינע פיס זיינען אויפן רעכטן וועג און מיין

פנים איז געווענדט צום „טויער וועלכער ווערט אנגערופן שיין", מעג איך אפילו א סך מאל ארייגפאלן אין בלאטע און אפט פאר־בלאנדזשן אין טומאן.

איך דערמאן זיך, בעת איך בין געווען אין אקספארד, אין א מארגן, אין דעם יאר איידער איך האב אפגעגעבן מיין עקזאמען. שפאצירענדיק מיט איינעם פון מיינע פריינט ארום מעדעליין'ס איינגע, פון פייגל אפט באזוכטע שפאציר פלעצער, האב איך צו אים געזאגט, אז עס גלוסט זיך מיר צו עסן פון די פרוכט פון אלע בוימער אין דעם גארטן פון דער וועלט, און אז איך וועל ארויסטרעטן אין דער וועלט מיט אט דער לוסט אין מיין זעל און אזוי בין איך אין דער אמת'ן ארויסגעטראטן, און אזוי האב איך געלעבט.

מיין איינציקער טעות איז געווען וואס איך האב מיך באַ־שריינקט אזוי אויסשליסלאך נור אויף די בוימער, וועלכע האבן מיר אויסגעזען צו שטיין אין דער זוניקער זייט פון גארטן, און איך האב אויסגעווייכט דעם אנדערן זייט פאר זיין שאטן און טונקלקייט. שלימזל, שאנד, ארימקייט, צער, פארצווייפלונג, יסורים, זאגאר טרערן, די ווערטער וועלכע עס שטאמלן ליפן אין שמערץ, חרטה וואס מאכט איינעם וואנדערן איבער דערנער, דאס געוויסן וואס פאר־דאמט, זעלבסט־דערנידערונג וואס באשטראפט, דאס עלנד וואס ווארפט אש אויף זיין קאפ, די אנגסט וועלכע קלייבט אויס זאק־לייוונט פאר איר מלבוש און טריפט ארייו גאל אין איר אייגענעם געטראנק: — דאס אלץ זיינען געווען אזוינע זאכן פאר וועלכע איך האב מורא געהאט. און ווייל איך האב געהאט באשלאסן גארניט צו וועלן וויסן פון זיי, בין איך געווארן געצוואונגען כסדר צו פארזוכן יעדער איינער פון זיי, זיך צו דערנערן פון זיי, ניט צו האבן אין דער אמת'ן קיין אנדער שפייז פאר א גאנצען סעזאן.

איך באדויער ניט קיין איינציקע רגע פאר וואס איך האב גע־לעבט אין פארגניגען. איך האב דאס געטאן ביז צום ראנד, אט אזוי ווי מען דארף טאן אלצדינג וואס מען טוט. עס איז ניט געווען קיין תענוג, וועלכן איך האב ניט גענאסן. איך האב ארייגעווארפן די פערל פון מיין נשמה אין א בעכער וויין. איך בין ארונטערגע־שטיגן דעם בלומענשטעג אונטער דעם קלאנג פון טרומייטן. איך האב געלעבט פון האניק. נור פארטצוזעצן ווייטער אט דאס לעבן וואלט געווען פאלש, מחמת דאס וואלט געווען צו באשריינקט. איך

האָב געמוזט גיין ווייטער. די אַנדערע העלפט פון דעם גאָרטן האָט אויך געהאַט אירע סודות פאַר מיר.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז פאַרגעשטעלט בילדלאַך אין מיינע ביכער און ווארפט פאַראויס זיין שאָטן. עטוואָס דערפון איז אין „דער גליקלאַכער פּרינץ", עטוואָס דערפון אין „דער יונגער קעניג", באַזונדערס אין דער שטעלע, וואו דער בישאָף זאָגט צום קניענדיקן בחורל: „איז ער, וועלכער האָט געשאַפן דאָס עלנט, ניט קליגער ווי דו ביזט?" אַ פראַזע וועלכע, ווען איך האָב איר אויפגעשריבן, האָט מיר אויסגעזען צו זיין ניט פיל מער ווי אַ פראַזע; אַ גרויסער טייל דערפון האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין דעם תוכחה־טאָן, וואָס ציט זיך ווי אַ פּורפּור־פאָדים דורך דעם געוועב פון „דאָריאַן גריי"; אין „דער קריטיקער אַלס קינסטלער" שעמערירט דאָס אין אַ סך פאַרבן; אין „די מענטשלאַכע נשמה", איז דאָס איינגעשריבן, און מיט אותיות וועלכע זיינען זייער לייכט צו לייענען; דאָס איז איינער פון די רעפריינס, וועמעס ווידערקערנדיקע „מאָטיוון" עס מאַכן „סאַלאָמע" אַזוי ענלאַך צו אַ מוזיק־שטיק און בינדן איר צוזאַמען אַזוי ווי אַ באַלאַדע; דאָס איז געוואָרן צו בלוט און פלייש אין דעם פראָזע געדיכט פון דעם מאַן וועלכער האָט צו שאַפן פון דעם בראָנז פון דאָס בילד פון דער „פרייד, וואָס לעבט אַן אויגנבליק". דאָס בילד פון דער „זאָרג, וואָס דויערט אייביק". עס האָט אויך כלל ניט געקאָנט זיין אַנדערש. אין יעדן איינצעלנעם מאָמענט פון לעבן איז מען דאָס, וואָס מען וועט זיין ניט ווייניקער ווי דאָס וואָס מען איז געוועזן. קונסט איז אַ סימבאָל מחמת דער מענטש איז אַ סימבאָל.

עס איז, אויב איך קאָן גאַנץ דערלאַנגען אַהין, די לעצטע פאַרווירקלאַכונג פון׳ם קינסטלער־לעבן. ווארום דאָס קינסטלער לעבן איז איינפאַך זעלבסטאַנטוויקלונג. עניוות אינ׳ם קינסטלער איז זיין אָנגענעמען פאַר ליב אַלע דערפאַרונגען, גענוי אַזוי ווי די ליבע אינ׳ם קינסטלער איז פּשוט דער זין פאַר שיינקייט, וועלכער אַנטפּלעקט צו דער וועלט איר גוף און איר נשמה.

אין „מאַריוס דער עפּיקורייער" זוכט פּייטער אויסצוגלייכן דאָס קינסטלער־לעבן מיט דעם רעליגיעזן־לעבן, אין דעם טיפן ליבלאַכן און הארבן זין פון וואָרט. נור מאַריוס איז ניט פיל מער ווי אַ צוקוקער: הגם אַן אידעאַלער צוקוקער, און איינעם, וועמען עס איז געגעבן „צו באַטראַכטן דעם ספּעקטאַקל פון לעבן מיט אייגענע

געפילן", וואָס וואָירדסוואָירט באַצייכנט פאַרן דיכטער'ס ריכטיקע באַשטימונג; דאָך בלויז אַ צוקוקער, און אפשר אַביסל צופיל באַ־שעפטיקט מיט די בענעוודיקייט פון די בייגק אינ'ם הייליקטום, כדי צו באַמערקן, אַז דאָס איז דער קדש הקדשים פון ליידן, אויף וועלכן ער קוקט.

איך זע אַ פיל אינטימערע און דירעקטערע פאַרבינדונג צווישן דעם אמת'ן לעבן פון קריסטוס און דעם אמת'ן לעבן פונ'ם קינסט־לער; און גרוים פרייד דערוועקט אין מיר דער געדאַנק, אַז לאַנג איי־דער דאָס ליידן האָט באַקומען די ממשלה איבער מיינע טעג און מיך אַנגעבונדן צו זיין ראָד, האָב איך געשריבן אין „די מענטשלאַכע נשמה", אַז ווער עס וויל פירן אַ קריסטוס־ענלאַכן לעבן, דער מוז גאַנץ און גאָר זיין זיין ער אַליין, און איך האָב געהאַט גע־נומען פאַר אַ משל ניט בלויז דעם פּאַסטוך אויפ'ן בערגל, און דעם אַרעסטאַנט אין זיין צעל, נאָר אויך דעם מאַלער, פאַר וועמען די וועלט איז אַ מאַסקאַראַד און דעם דיכטער, פאַר וועמען די וועלט איז אַ ליד.

איך געדיינק, אַז איך האָב אַמאָל געזאָגט צו אַנדריי זשיד, ווען מיר זיינען געזעסן צוזאַמען אין אַ פּאַריזער קאַפע, אַז כאָטש די מעטאַפיזיק האָט פאַר מיר בלויז אַ קליינעם ווירקלאַכן אינטערעס און די מאָראַל לחלוטין גאַרניט, איז דאָך ניטאָ קיין זאַך אין דעם וואָס פּלאַטאָ אָדער קריסטוס האָבן געזאָגט, וואָס זאָל ניט קאָנען ווערן תיכף איבערגעטראָגן אין דער סביבה פון קונסט און דאָרט געפינען זיין פולקומענע דערפילונג. (אין אָט דער פאַראַלגע־מיינערונג איז דאָס געווען פונקט אַזוי טיף ווי ניי).

עס איז אויך ניט בלויז דאָס אַליין, וואָס מיר קאָנען אַנטדעקן אין קריסטוסן יענע אייגנע פאַרבינדונג פון פערזענלאַכקייט און פולקומענהייט, וועלכע בילדן דעם ווירקלאַכן אונטערשייד צווישן די קלאַסישע און ראָמאַנטישע קונסט און לאָזן דערשיינען קריסטוסן ווי דעם ריכטיקן פאַרלויפער פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג אינ'ם לעבן, נאָר דער הויפּט יסוד פון זיין עצם איז געווען די זעלבע, פון וועלכע עס באַשטייט דער עצם פונ'ם קינסטלער — אַ שטאַרקע און פלאַמפייערדיקע פאַנטאַזיע, וועלכע איז אין דער סביבה פון קונסט דער איינציקער סוד פון שאַפן. ער האָט פאַרשטאַנען די געשווירן פון דעם קרעציקן, די טונקלקייט פון דעם בלינדן, דאָס גרויזאַמע

עלנט פון די וועלכע לעבן אינ'ם פארגנינגען, די מאָדנע אָרימקייט פון די רייכע.

דו האָסט מיר אין מיין אומגליק געשריבן: „בעת דו שטייסט ניט אויף דיין פּעדעסטאַל, ביזטו ניט אינטערעסאַנט". ווי ווייט ביזטו געווען דערוויטערט פון דעם וואָס מעטיו אַרנאָלד רופט אָן „דער סוד פון יעזוס"! זיי ביידע וואָלטן דיך געלערנט, אַז אַלץ, וואָס טרעפט אַן אַנדערן, טרעפט איינעם זעלבסט; און אויב דו ווילסט האָבען אַן אויפשריפט, וואָס דו זאָלסט קאָנען לייענען ביי טאָג און ביינאַכט, סאַי אין פרייד און סאַי אין לייד, טאָ שרייב אויף אויף די ווענט פון דיין הויז, מיט אותיות פאַר דער זון צו באַגילדן און דער לבנה צו באַזילבערן: „אַלץ וואָס טרעפט אַן אַנדערן, טרעפט איינעם זעלבסט".

קריסטוסעס פּלאַץ געהערט אין דער אמת'ן צווישן די דיכטער. זיין גאַנצע השגה פון דער מענטשהייט שטראַמט אַרויס דירעקט פון דער פאַנטאַזיע און קאָן ווערן באַגריפן נור פון איר. וואָס גאָט איז געוועזן פאַר דעם פּאַנטעאיסט, דאָס איז פאַר אים געווען דער מענטש. ער איז געווען דער ערשטער אויפצופאַסן די פאַרשידענע ראַסן ווי אַן איינהייט.

פאַר זיין צייט זיינען געוועזן געטער און מענטשן, און פילנדיק דורך דעם מיסטיציזם פון סימפּאַטיע, אַז ביידע זיינען אין אים איי־בערגעגאַנגען אין פלייש, רופט ער זיך אַמאָל דער זון פון דעם איי־נעם, אָדער דער זון פון דעם אַנדערן, לויט זיין שטימונג נאָך. מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער אין דער געשיכטע דערוועקט ער אין אונז יענע שטימונג פאַר דעם וואונדער, צו וועלכער די ראָמאַנטיק ווענדט זיך אַלעמאָל.

עפּעס איז נאָך אַלץ פאַר מיר כמעט אומגלויבלאַך אין דער אידייע פון אַ יונגן גאַליליייער פּויער, וואָס שטעלט זיך פאָר, אַז ער קאָן טראָגן אויף זיינע פּלייצעס די משא פון דער גאַנצער וועלט: אַלץ וואָס איז שוין געוואָרן געטאָן און געליטן, און אַלץ וואָס וועט נאָך אַמאָל ווערן געטאָן און געליטן: די זינד פון נעראָ, פון צעזאַר באָרדזשיאַ, פון אַלעקסאַנדער דעם זעקסטן, און פון אים, וועלכער איז געווען דער קייסער פון רוים און פּריסטער פון דער זון: די ליידן פון יענע, וועמעס נעמען זיינען לעגיאָן, און זייער מקום מנוחה איז צווישן די קברים: די אונטערדריקטע נאַציאָ־נאַליטעטן, די קינדער אין די פאַבריקן, די גנבים, די אַרעסטאַנטן,

די פּאַרשטויסענע, די יעניקע, וועלכע זיינען שטום אין זייער קנעכט־שאַפט און וועמעס שווייגען עס ווערט פאַרנומען נור פון גאָט אַליין; און ניט בלויז זיך דאָס פּאַרשטעלן, נאָר דאָס אויך ווירקלאַך דורכ־פירן, אַזוי אַז נאָך אין איצטיקן מאָמענט, אַלע וואָס קומען אין באַ־רירונג מיט זיין פּערזענלאַכקייט, אפילו ווען זיי בייגען זיך ניט פאַר זיין אַלטאַר און קניען אויך ניט פאַר זיינע פּריסטער, געפינען אויס אין אַ וועלכן עס איז אופן, אַז די העסלאַכקייט פון זייער זינד איז פון זיי צוגענומען און די שיינקייט פון זייערע ליידן איז צו זיי אַנט־פּלעקט געוואָרן.

איך האָב געזאָגט פון קריסטוסן, אַז ער רעכנט זיך צווישן די דיכטער. דאָס איז ריכטיק. שעלי און סאָפאָקל זיינען מיט אים פון איין קאָמפּאַניע. נאָר זיין גאַנץ לעבן איז אויך דאָס וואונדערפולסטע געדיכט. אין „מיטלייד און שרעק" איז גאָרניט פאַראַן אין דעם גאַנצן קרייז פון דער גריכישער טראַגעדיע וואָס זאָל זיך קאָנען מעסטן דערמיט. די אַבסאָלוטע ריינקייט פון דעם פּראָ־טאַגאַניסט דערהייבט דעם גאַנצן בנין צו דער הויכקייט פון ראָמאַנ־טישער קונסט, פון וועלכע די ליידן פון דאָס טעבאַניש הויז און די פּעלאָפּידן זיינען אויסגעשלאָסן שוין דורך זייער גרויל, און ווייזט ווי אומגערעכט אַריסטאָטל איז געווען, ווען ער שרייבט אין זיין אָפּהאַנדלונג איבער דער דראַמע, אַז עס וואָלט געווען אוממעגלאַך אויסצושטיין דעם אָנבליק פון דעם אומשולדיק ליידנדן.

ניט ביי עסכיל'ן און אויך ניט ביי דאַנטע'ן, אָט די שטרייגנע מייסטער פון דער צאַרטקייט, ניט ביי שעקספּיר'ן, וועלכער איז מער ריין מענטשלאַך ווי אַלע אַנדערע גרויסע קינסטלער, אויך ניט אין קיינע פון די קעלטישע פאַבלן און לעגענדן, אין וועלכע די ליבלאַכקייט פון דער וועלט בלישטשעט דורך אַ טרערן־נעבל און דאָס לעבן פון אַ מענטשן גילט ניט מער ווי דאָס לעבן פון אַ בלום, איז עפּעס וואָס ערגעץ דאָ, וואָס מען זאָל קאָנען אָנווייזן אַז מיט איר ריינער איינפאַכקייט וואָס פאַרבינדט זיך און ווערט איינס מיט דער דערהאַבנקייט פון דער טראַגישער ווירקונג, איז דאָס גלייך אָדער בלויז נאָענט צום לעצטן אַקט פון קריסטוסעס ליידנס־געשיכטע. דער קליינער מאָלצייט מיט זיינע תלמידים, פון וועלכע איינער האָט אים שוין פאַרקויפט פאַר אַ פּרייז; די עגמת־נפש אין דעם רואיקן לבנה־באַגלאַנצטן גאָרטן; דער פאַלשער פריינט קומט צו נאָענט צו אים, כדי אים צו פאַראַטן מיט אַ קוש; דער פריינט וועלכער גלויבט

נאָך אין אים, און אויף וועלכן ער האָט געהאָפט ווי אויף אַ פעלז צו גרינדן אַן עיר מקלט פאַר דער מענטשהייט, פאַרלייקנט אים ווען דער האָן קרייט צום אויפגייענדיקן טאָג; זיין אייגענע פול־קומענע פאַראייניזאַמונג, זיין אונטערוואַרפיקייט, ווי ער איז אַלץ מקבל באהבה; און צוגלייך דערמיט אַזוינע סצענעס, ווי דער כהן גדול פון דער אָרטאָדאָקסיע רייסט קריעה אינ׳ם צאָרן, און דער אויבערהערשטער פון דער בירגערלאַכער גערעכטיקייט לאָזט ברייננגען וואַסער אין דער אומזיסטער האָפנונג, זיך אַליין צו רייניקן! פון דעם פלעק פון דאָס אומשולדיק בלוט, וואָס מאַכט אים פאַר דער שאַרלאַך־רויטער פיגור פון דער געשיכטע; די קרוינונגס־צערעמאָניע מיטן דערנער־קראַנץ, איינע פון די וואונדערבאַרסטע פאַסירונגען אין די שריפטן פון אַלע צייטן; די קרייציקונג פון דעם אומשולדיקן פאַר די אויגען פון זיין מוטער און די תלמידים וועלכע ער האָט ליב געהאַט; די סאָלדאַטן שפּילן ווירפל און וואַרפן גורל איבער זיינע קליידער; דער שרעקלאַכער טויט, דורך וועלכן ער האָט געגעבן די וועלט איר אייביקסטן סימבאָל; און זיין ענדלאַכער קבורה אין דעם קבר פון דעם רייכן מאַן, זיין גוף איינגעוויקלט אין עגיפּטישן ליי־ווענט, באַזאַלבט מיט טייערע בשמים און פאַרפומען, אַט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ בן מלך.

ווען מען באַטראַכט דאָס אַלץ, נור פון שטאַנדפונקט פון דער קונסט אַליין, קאָן מען ניט אַנדערש ווי זיין דאַנקבאַר, וואָס דער פייערלאַכסטער גאָטעסדינסט פון דער קירך, איז די אויפפירונג פון דער טראַגעדיע אָן דאָס בלוט פאַרגיסן; די מיסטישע פאַרשטעלונג, מיט הילף פון דיאַלאָג, קאָסטיום און אַפילו תנועות, פון איר האַר׳ס ליידנסגעשיכטע; און שטענדיק איז דאָס פאַר מיר אַ קוואַל פון תענוג און יראת הכבוד צו געדיינקען, אַז דער לעצטער רעשטל פון דעם גריי־כישן כאָרוס, וואָס איז אַנדערשוואו געגאַנגען פאַרלאָרן פאַר דער קונסט, געפינט זיך אין דעם קירכן־שמש, וועלכער ענטפערט דעם גלח ביים לייענען די מעסע.

דאָך, דאָס גאַנצע לעבן פון קריסטוס, — ווי פולקום לייד און שיינקייט קאָנען ווערן איינס אין זייער באַדייטונג און אַנטפלעקונג — איז באמת אַן אידיליע, כאָטש עס ענדיקט זיך דערמיט, וואָס אין בית המקדש ווערט צעריסן דער פרכת, און חושכ׳ניש באַדעקט דעם פנים פון דער ערד, און דער שטיין ווערט געקייקלט צו דער טיר פונם קבר. מען שטעלט זיך אים אַלעמאָל פאָר ווי אַ יונגען חתן אינם

קרייז פון זיינע תלמידים, ווי ער באשרייבט זיך אויך טאקע אין איין שטעל: ווי א פאסטוך, וועלכער וואנדערט דורך א טאל מיט זיינע שאף זוכנדיק גרינע לאנקעס אדער א קילן שטראם; ווי א זינגער וועלכער וויל אויפבויען דורך מוזיק די מויערן פון גאטס שטאט; אדער ווי א ליבהאבער פאר וועמעס ליבע די גאנצע וועלט איז געווען צו קליין.

זיינע וואונדער זעען מיר אויס צו זיין אזוי מלא־חן ווי דאס אנקומען פון פרילינג און אויך אזוי נאטירלאך. איך זע כלל ניט קיין שוועריקייט אין גלויבן, אז דער צויבער פון זיין פערזענלאכקייט איז געווען אזא, אז בלויז זיין קעגנווארט אליין האט געקאנט ברענגען פרידן צו די געקוועלטע נשמות, און אז די וועלכע האבן באריט זיי־נע קליידער אדער זיינע הענט, האבן פארגעסן זייער שמערץ; אדער אז בעת ער איז דורכגעגאנגען אויפן פורוועג פונם לעבן, האבן פערזא־נען, וועמען דער לעבנס־סוד איז ביז אהער געבליבן פארבארגן, אים דערזען גאנץ באשיינפערלאך, און אנדערע, וועלכע זיינען ביז אהער געווען טויב פאר יעדן אנדער קול, אויסער פון דער לוסט, האבן צום ערשטן מאל דערהערט די שטים פון דער ליבע און איר געפונען אזוי „מוזיקאליש ווי אפאלא'ס לירע"; אדער אז שלעכטע תאוות פלעגן אנטלויפן ביי זיין דערנענטערן זיך, און מענטשן וועמעס טעמפע, פאנטאזיעלאזע לעבענס זיינען געווען בלויז א פארם פון טויט, זיינען ווידער אויפגעשטאנען אזוי ווי פון קבר, ווען ער האט זיי גערופן; אדער בעת ער האט געדרש'נט אויף'ן זייט בארג האבן די מאסן פארגעסן זייער הונגער און דארשט און די דאגות פון אט דער וועלט, און אז צו זיינע פריינט, וועלכע האבן זיך איינגעהארכט צו אים, ווען ער איז געזעסן ביים מאלצייט, האט די גראבע אכילה אויס־געזען דעליקאט, און דאס וואסער האט געהאט דעם טעם פון גוטן וויין, און דאס גאנצע הויז איז געווארן אנגעפילט מיט דעם ריח און זיסקייט פון נארדן־בשמים.

רענאן אין זיין „ווי דע זשעזו" — אט דעם חנ'עוודיקן עוואנגעליום, וואס מען קאן אנרופן, דאס עוואנגעליום נאכן הייליקן טאמאס—זאגט ערגעצוואו, אז קריסטוסעס גרויסער אויפטו איז גע־ווען דאס וואס ער האט זיך אזוי פיל באליבט געמאכט נאך זיין טויט, אזוי ווי ער איז געווען באליבט ביי זיין לעבן. און זיכער, אויב זיין פלאץ איז צווישן די דיכטער איז ער דער טאן־געבער פון אלע ליבהאבער. ער האט איינגעזען, אז ליבע איז געווען דער ערשטער

סוד פון דער וועלט, נאָך וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט די חכמים, און אַז זי איז די איינציקע דורך וועלכער מען קאָן זיך דערנענטערן צו דאָס האַרץ פון דעם קרעציקן אָדער צו די פיס פון גאָט.

און קודם כל, קריסטוס איז דער העכסטער אינדיווידואַליסט. עניוות, פונקט ווי דאָס קינסטלעריש אָננעמען פון אַלע דערפאַרונגען, איז בלויז אַן אַנטפּלעקונגס פאָרם. דאָס איז די מענטשלאַכע נשמה, נאָך וועלכער קריסטוס קוקט זיך תמיד אַרום. ער רופט זי אַן „גאָטס מלוכה"—ט ע ן ב א ס י ל י א ן ט ו ט ה ע א ו — און געפינט זי אין יעדן איינעם. ער פאַרגלייכט זי צו קלייניקייטן, צו אַ דינעם קערנדל, צו אַ הייפל זויערטייג, צו אַ פּערל, דאָס איז דערפאַר, ווייל זיין נשמה בילדעט איינער אוים נור דורכדעם, וואָס ער ווערט פּטור פון אַלע פרעמדע לײדנשאַפטן, דערוואָרבענער קולטור, און אַלע אויסערלאַכע פאַרמעגנס, צו זיי זיינען גוט אָדער שלעכט.

איך בין אַרויסגעטראָטן קעגן אַלצדינג מיט אַ געוויסער עקשנות פון ווילן און אַ סך רעוואָלט פון נאַטור, ביז איך האָב אַבסאָלוט גאָרניט מער געהאַט אויף דער וועלט, אַיסער סיירילן. איך האָב געהאַט פאַרלאָרן מיין נאָמען, מיין שטעלונג, מיין גליק, מיין פרייהייט, מיין פאַרמעגן. איך בין געוואָרן אַן אַרעסטאַנט און אַ בעטלער. נור עס זיינען מיר נאָך פאַרבליבן מיינע קינדער. פּלוצלונג זיינען זיי געוואָרן צוגענומען פון מיר דורך דאָס געזעץ. דאָס איז געווען אַזאַ באַטויבנדיקער קלאַפּ, אַז איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, האָב איך זיך אַנידערגעוואָרפן אויף מיינע קני, איינגעבויגען מיין קאָפּ, און געוויינט און געזאָגט: „דער גוף פון אַ קינד איז ווי דער גוף פון דעם האַרן: איך בין קיינעם פון זיי ניט ווערט". אָט דער מאָמענט שיינט האָט מיך געראַטעוועט. איך האָב דעמאָלט איינגעזען אַז די איינציקע זאַך פאַר מיר איז געווען אָנצונעמען אַלצדינג. זינט דעמאָלט — ווי מאָדנע דאָס וועט אַן ספק קלינגען — בין איך געווען גליקלאַכער. דאָס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלאַך מיין נשמה אין איר סאַמע וועזן וואָס איך האָב דערגרייכט. אין אַ סך הינזיכטן בין איך געווען איר שונא, נור איך האָב איר געפונען וואַרטנדיק אויף מיר ווי אַ פריינט. ווען מען קומט אין באַרירונג מיט דער נשמה לאָזט זי איינעם ווערן נאַאיוו ווי אַ קינד, וואָס מען זאָל זיין לוט קריסטוסעם ווערטער.

עס איז טראַגיש, ווי ווייניק מענטשן עס „באַזיצן זייערע אייגענע נשמות" איידער זיי שטאַרבן. עמערסאָן זאָגט: „קיין זאַך איז

ניט אזוי זעלטן ביי א מענטשן ווי צו טאָן עפּעס מיטן אייגענעם ווילן". דאָס איז זייער ריכטיק. דאָס רוב לייט זיינען אנדערע לייט. זייערע מחשבות זיינען עמיצנס אנדערש מיינונגען, זייערע לעבנס א נאָכמאַכונג, זייערע ליידנשאַפטן א ציטאַט. קריסטוס איז געווען ניט בלויז דער העכסטער אינדיווידואַליסט, נאָר ער איז אויך געווען דער ערשטער אינדיווידואַליסט אין דער געשיכטע. לייט האָבן זיך באַמיט צו מאַכן פון אים א געוויינלאַכן פילאַנטראָפּ פון דעם סאָרט שוידערהאַפטע פילאַנטראָפּן פון ניינצנטן יאָרהונדערט, אָדער אים גערעכנט פאַר אַן אַלטרואיסט צווישן די אומגעבילדעטע און סענטימענטאַלע. נור אין דער אמת'ן איז ער געווען ניט דאָס און ניט דאָס. אוודאי האָט ער געהאַט רחמנות אויף די אָרימע, אויף די וועלכע זיינען פאַרשפּאַרט אין תפיסות, אויף די נידעריקע, אויף די עלנטע; נור א סך מער רחמנות האָט ער געהאַט אויף די רייכע, אויף די האַרטע העדאָניסטן, אויף די, וועלכע פאַרשווענדן זייער פרייהייט ווערנדיק שקלאַפן פון זאַכן, אויף די, וועלכע זיינען אָנגעטאָן אין ווייכע מלבושים און וואוינען אין קעניגליכע פּאַלאַצן. רייכקייט און וואויל-לעבן האָבן אים אויפגעוויזן צו זיין באמת גרעסערע טראַגעדיעס ווי אָרימקייט און ליידן. און וואָס איז נוגע אַלטרואיזם, ווער האָט נאָך בעסער געוואוסט ווי ער, אַז צוואַנג און ניט פרייער ווילן אַנטשיידעט ביי אונז, און אַז מען קאָן ניט רייסן קיין ווייַנטרויבן פון דערנער אָדער פייגען פון דיסטלען.

צו לעבן פאַר אַנדערע, ווי א באַשטימטער זעלבסט באַוואוסטער צוועק, איז ניט געווען זיין תורה. דאָס איז ניט געווען דער יסוד פון זיין אמונה. ווען ער זאָגט: „זייט מוחל אייערע שונאים", זאָגט ער דאָס ניט דעם שונא צוליב, נור פון אונזער אייגענער טובה וועגן, און מחמת די ליבע איז שענער ווי שנאה. אין זיין בקשה צום רייכן יונגעמאַן: „פאַרקויף אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט און גיב דאָס אַוועק צו די אָרימע", דיינקט ער ניט דערביי אָן דעם מצב פון די אָרימע, נור אָן דער נשמה פון דעם יונגענמאָן, די ליבלאַכע נשמה וואָס רייכקייט פאַרדאַרבט. אין זיין קוק אויף'ן לעבן איז ער איינס מיט דעם קינסטלער וועלכער ווייס, אַז מחמת דעם ניט פאַרמיידלאַכן געזעץ פון דער זעלבסטפאַרפולקומונג, מוז דער דיכטער זינגען, דער סקולפּטור דיינקן אין בראָנז, און דער מאָלער מאַכן די וועלט א שפּיל פאַר זיינע שטימונגען, אַזוי זיכער און געוויס, אַקוראַט ווי דער ווייסדאָרן מוז בליען אין פרילינג, און דאָס קאָרן זיך פאַרוואַנדלען

אין גאָלד אין שניטצייט. און די לבנה אויף איר אָנגעצייכנטן וואַנ־דערוועג זיך ענדערן פון שילד צום סערפּ און פון סערפּ צום שילד.

דאָך, כאָטש קריסטוס האָט ניט געזאָגט צו די מענטשן: „לעבט פאַר אַנדערע", האָט ער אָנגעוויזן, אַז עס איז כּלל ניטאָ קיין חלוק צווישן די לעבנס פון אַנדערע און אונזער אייגנעם לעבן. דורכדעם האָט ער געגעבן דעם מענטשן אַן אויסגעשפּרייטע, אַ טיטאַנישע פּער־זענלאַכקייט. זינט זיין קומען איז די געשיכטע פון יעדן יחיד גע־וואָרן אָדער קען געמאַכט ווערן פאַר דער געשיכטע פון דער וועלט. זעלבסטפאַרשטענדלאַך, קולטור האָט פאַרגרעסערט די פּערזענלאַכ־קייט פונם מענטשן. קונסט האָט אונז געמאַכט מיריאַדן־גייסטיק. די וועלכע באַזיצן דעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט, גייען מיט דאַנטען אין גלות, און לערנען ווי געזאַלצן עס איז דאָס ברויט פון אַנ־דערע, און ווי משופּעדיק עס זיינען זייערע טרעפּ; זיי דער־גרייכן פאַר אַ מאָמענט די קלאָרקייט און רואיקייט פון געטע'ן און ווייסן פונדעסטוועגן צו גוט, אַז באָדלער האָט אויסגעשריען צו גאָט:
“O Seigneur, donnez-moi la force et la courage
De contempler mon corps et mon coeur sans degout” *

זיי קריגען אַרויס פון שעקספּיר'ס סאָנעטן, מעגלאַך צו זייער אייגענעם שאָדן, דעם סוד פון זיין ליבע און מאַכן אים פאַר זייער אייגענעם; זיי קוקן מיט נייע אויגן אויף דאָס מאָדערנע לעבן, מחמת זיי האָבן זיך איינגעהערט צו איינע פון שאָפּען'ס נאָקטורנען אָדער זיך אָפּגעגעבן מיט גריכישע זאַכן, אָדער געלייענט די געשיכטע פון דער ליידנשאַפט פון אַ געוויסן טויטן מאַן פאַר אַ געוויסער טויטער פרוי, וועמעס האָר זיינען געווען אַזוי ווי פאָדים פון דינעם גאָלד און וועמעס מויל איז געווען ווי אַ מילגרוים.

נור די סימפּאַטיע פון קינסטלערישן טעמפּעראַמענט ווענדט זיך נויטווענדיקערווייז אויף דאָס וואָס האָט געפונען אויסדרוק. אין ווערטער אָדער קאָלירן, אין טענער אָדער אין מאַרמאָר, אונטער די געמאָלטע מאַסקעס פון אַ דראַמע פון עסכיל, אָדער דורך די דורכגעבויערטע און צוזאַמענגעבונדענע ראָר־פייפלאַך פון די סי־ציליאַנישע פּאַסטוכער, האָט געמוזט ווערן אַנטפּלעקט דער מענטש און זיין שליחות.

---

*) אַ, גאָט, גיב מיר קראַפט און מוט צו באַטראַכטן מיין לייב און מיין האַרץ אָן עקל".

פאַר דעם קינסטלער איז אויסדרוק די איינציקע פאָרם אונטער וועלכע ער קאָן איבערהויפּט באַגרייפן דאָס לעבן. פאַר אים איז טויט, דאָס וואָס איז שטום. נור ניט אַזוי איז דאָס געווען ביי קריסטוסן. מיט אַ ברייטער און וואונדערבאַרער פאַנטאַזיע, וועלכע דערפילט כמעט יעדן איינעם מיט יראת הרוממות, האָט ער איינגענומען די גאַנצע וועלט פון פאַרשוויגענהייט, די וועלט פון שמערצן, וועלכע האָט ניט קיין שטים, פאַר זיין קעניגרייך, און זיך אַליין געמאַכט פאַר איר אייביקן מליץ יושר. די יעניקע פון וועלכע איך האָב שוין גערעט, וועלכע זיינען שטום אונטערן דרוק און „וועמעס שווייגן עס ווערט פאַרנומען נור פון גאָט אַליין", האָט ער זיך אויסגעקליבן פאַר ברידער. ער האָט געזוכט צו ווערן אויגען פאַרן בלינדן, אויערן פאַרן טויבן און אַ נויט געשריי אויף די ליפּן פון די וועמעס צונגען עס זיינען געווען געבונדן. זיין וואונטש איז געווען, צו זיין פאַר די מיריאַדן, וועלכע האָבן ניט געפונען קיין שפּראַך, אַ גרויסער טרו־מייט דורך וועלכן זיי זאָלן קאָנען רופן צום הימל. און פילנדיק, אַ דאַנק דער קינסטלערישער נאַטור פון איינעם, פאַר וועלכן צער און יסורים זיינען געווען נור פאָרמען דורך וועלכע ער האָט געקאָנט פאַרווירקלאַכן זיין שיינקייטס באַגריף, איז ער זיך געווען באַוואוסט, אַז אַ אידייע האָט קיין שום ווערט ניט, ביז וואַנען זי ווערט פלייש און געמאַכט צום בילד, האָט ער פון זיך אַליין געמאַכט דאָס בילד פון דעם ליידנדיקן מענטשן, און אַלס אַזעלכער האָט ער אָנגערעגט און באַהערשט די קונסט ווי קיין גריכישן גאָט האָט דאָס קיינמאָל ניט געלונגען צו טאָן.

ווארום די גריכישע געטער, ניט קוקנדיק אויף דאָס ווייס און רויט פון זייערע שיינע פלינקע גלידער, זיינען באמת ניט געווען דאָס וואָס זיי האָבן אויסגעוויזן צו זיין. דער רונדער שטערן פון אַפּאָלאָ איז געווען ענלאַך צו דער זונ'ס טעלער, באַגינען איבער אַ באַרג, און זיינע פיס האָבן אויסגעזען ווי די פליגל פון מאָרגען, נור ער אַליין איז געווען גרויזאַם קעגן מאַרסי'ן און האָט געמאַכט ניאָ־בע'ן קינדערלאָז. אין די שטאָלענע שילדן פון אַטענע'ס אויגן האָט ניט געגלאַנצט קיין רחמנות אויף אַראַגנען; דער מאַיעסטעטישער פּראַכט און די פאַוועס פון הערע זיינען געווען אַלץ, וואָס איז ווירק־לאַך געווען נאָבל אין איר; און דער טאַטע גופא פון די געטער איז געווען צופיל פאַרליבט אין די מענטשן־טעכטער.

די צוויי טיף באַדייטונגספולע געשטאַלטן פון דער גריכישער

מיטאָלאָגיע זיינען געווען, אין רעליגיע, דעמעטער, אַן ערד־געטין, ניט פון די אָלימפּישע, און אין דער קונסט, דיאָניס, דער זון פון אַ שטערבלאַכער פרוי, פאַר וועלכער דער אויגנבליק פון זיין גע־בורט איז אויך געוואָרן צוגלייך דער אויגענבליק פון איר טויט.

נור דאָס לעבן גופא האָט ארויסגעבראַכט פון זיין נידעריק־סטער און באַשיידנסטער שיכט אַ פיל הערלאַכערע וואונדער־גע־שטאַלט ווי די מוטער פון פּראָסערפּינאַ, אָדער דער זון פון סע־מעלע. פון דעם סטאָלער'ס ווערקשטאַט אין נצרת איז אַרויס אַ פּערזענלאַכקייט אַן אַ שיעור גרעסער ווי זי איז ווען עס איז געווען אויסגעטראַכט אין פאַבלען און לעגענדן, אַ פּערזענלאַכקייט, וועלכע איז, מאָדנע גענוג, געווען באַשטימט צו אַנטפּלעקן דער וועלט די מיסטישע באַדייטונג פון דעם ווייַן און די אמת'ע שיינקייטן פון די ליליען אויפן פעלד, ווי דאָס האָט קיינמאָל קיינער ניט געטאָן, ניט אויפן קיטעראָן אָדער אין ענאַ.

דאָס ליד פון ישעיה:

„נבזה וחדל אישים, איש מכאבות, וידוע חלי:
וכמסתר פנים ממנו". *)

האָט אים געקלונגען ווי אַ פּאַראויסזאָגונג אויף אים אַליין, און די נבואה איז אויף אים מקוים געוואָרן.

מיר דאַרפן זיך ניט אָפּשרעקן פאַר אַזאַ פראַזע. יעדעס איינצל קונסטווערק איז די דערפילונג פון אַ נבואה: ווארום יעדעס קונסט־ווערק איז די אומוואַנדלונג פון אַן אידייע אין אַ בילד. יעדער איינצל מענטשלאַך ווען זאָל זיין די דערפילונג פון אַ נבואה: ווארום יעדער מענטשלאַך ווען זאָל זיין די פאַרווירקלאַכונג פון אַ וועלכן עס איז אידעאַל, אין די אויגן פון גאָט אָדער אין די אויגן פון מענטשן. קריסטוס האָט געפונען דעם טיפּ און אים פעסטגעשטעלט, און דער חלום פון אַ ווירגילישן דיכטער, אין ירושלים, אָדער אין בבל, האָט אין דער לאַנגער אַנטוויקלונג פון די יאָרהונדערטער באַקומען בלוט און פלייש דורך אים. אויף וועמעס אַנקומען די וועלט האָט „געוואַרט".

---

*) ער איז פאַראַכטעט און אויסגעשלאָסן פון מענטשן, אַ מאַן פון שמערצן, און באַקאַנט מיט קראַנקהייט: און מיר האָבן אַזוי ווי באַהאַלטן אונזערע פּנימער פון אים". (ישעיה, נ"ג, 3).

„משחת מאיש מראהו, ותוארו מבני אדם". *)

דאָס האָט ישעיה אויפגעצייכנט צווישן די דערקענונגס סימנים פון דעם נייעם אידעאַל; און אַזוי גיך ווי די קונסט האָט פאַרשטאַנען וואָס דערמיט איז געווען געמיינט, האָט זי זיך אויפגעעפנט ווי אַ בלומען־בעכער אין קעגנענוואַרט פון דעם יעניקן, אין וועמען דער אמת אין דער קונסט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי באַשיינפּערלאַך ווי קיינמאָל ניט פריער. ווארום איז דאָס אפשר ניט אמת אין דער קונסט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אַז דאָס וואָס „דאָס אויסנווייניקסטע איז דער אויסדרוק פון דאָס אינעווייניקסטע, און די נשמה ווערט פלייש און דער גוף באַלעבט פון גייסט", איז דאָס אין וואָס די פאָרם אַנטפּלעקט זיך?

איינע פון די באַדויערלאַכסטע געשעענישן אין דער געשיכטע איז פאַר מיר, דאָס וואָס קריסטוסעס אייגענע רענעסאַנס, וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט די קאַטעדראַל אין שאַרטערס, דעם לעגענדן־קרייז פון קעניג אַרטור, דאָס לעבן פון הייליקן פראַנץ פון אַסיסי, דזשיאָטאָ, און די „געטלאַכע קאָמעדיע" פון דאַנטע האָט זיך ניט געקאָנט ווייטער אַנטוויקלען אויף אירע אייגענע דרכים, נאָר איז געוואָרן אונטערגעבראָכן און פאַרדאָרבן דורך דער טרויעריקער קלאַסישער רענעסאַנס, וועלכע האָט אונז געשיינקט פּעטראַרק'ן און ראַפאַעל'ס פרעסקעס און פּאַלאַדיאָ'ס אַרכיטעקטור, און די אין פאָרמען פאַרשטיינערטע פראַנצויזישע טראַגעדיע, און סט. פאָול'ס קאַטעדראַל און פּאָפּ'ס פּאָעזיע, און אַלצדינג וואָס איז געמאַכט פון דרויסן און נאָך טויטע כללים, און שטראָמט ניט אַרויס פון אינווייניק, דורך אַ באַלעבנדיקן גייסט. נור אומעטום, וואו נור עס איז פאַראַן אַ ראָמאַנטישע באַוועגונג אין קונסט, איז ערגעצוואו און אונטער וועלכער עס איז געשטאַלט, קריסטוס, אָדער די נשמה פון קריסטוס. ער איז אין „ראָמעאָ און דזשוליעט", אין „דער ווינטער מעשה'לע", אין דער פּראָווענסאַלישער פּאָעזיע, אין „אַלטן מאַטראָז", אין „לאַבעל דאַם סאַן מערסי", און אין טשעטערטאָנ'ס „באַלאַדע פון דער באַרמהאַרציקייט".

מיר פאַרדאַנקען אים די פאַרשידנסטע זאַכן און מענטשן. הוגאָ'ס „לע מיזעראַבלס", באָדלער'ס „פלעאַר דע מאַל", דער מיטליידס־טאָן

*) זיין געזיכט איז געווען העסלאַכער ווי ביי אַנדערע לייט, און זיין געשטאַלט מער ווי ביי אַלע אַנדערע מענטשן־קינדער (ישעיה נ"ב, 14).

אין רוסישע ראָמאַנען, ווערליין און ווערליינ׳ס לידער, דאָס קאָלירטע גלאָז און טעפּיכן און די קוואַטראָצענטאָ ארבייט פון באַירן־דזשאָנס און מאָריס, געהערן צו אים ניט ווייניקער ווי דער גלאָקנטורעם פון דזשיאָטאָ, לאַנסעלאָט און גווינעווירע, טאַנענהייזער, די לײדנספּולע ראָמאַנטישע מאַרמאָר ווערק פון מיקעל אַנדזשעלאָ, און דער שפּיצ־בויגן־סטיל, אויך די ליבע צו קינדער און בלומען — פאַר וועלכע עס איז באמת געווען ווייניק פּלאַץ אין דער קלאַסישער קונסט, קוים גענוג פאַר זיי צו וואַקסען אָדער זיך צו שפּילן אין דעם. דאָך פון צוועלפטן יאָרהונדערט אָן ביז אַראָפּ צו אונזערע טעג, האָבן זיי זיך כסדר באַוויזן אין קונסט אונטער פאַרשידענע פאָרמען און צו פאַר־שידענע ציַיטן, קומענדיק קאַפּריזנע און אייגנוויליק, אַט אַזוי ווי קינדער, ווי בלומען זיינען געניינט צו טאָן: דער פרילינג מאַכט אויף איינעם תמיד דעם איינדרוק אַקוראַט ווי די בלומען וואָלטן זיך האַלטן פאַרשטעקט, און טרעטן אַרויס אין דער זון נור דערפאַר. ווייל זיי האָבן מורא, אַז די דערוואַקסענע וועלן ווערן מיד אויסצוקוקן נאָך זיי און אויפגעבן זייער זוכן; און דאָס לעבן פון אַ קינד איז ניט מער ווי אַן אַפּריל־טאָג, אין וועלכן אַי עס רעגנט און אַי עס שיינט די זון פאַר די נאַרציסן.

דאָס איז די ריינע פאַנטאַזיע פון קריסטוסעס אייגענער נאַטור וואָס מאַכט אים פאַר אַט דעם פולסירנדיקן מיטלפונקט פון דער ראָ־מאַנטיק. די מאָדנע געשטאַלטן פון דער פּאָעטישער דראַמע און באַ־לאַדע ווערן אויסגעטראַכט פון דער פאַנטאַזיע פון אַנדערע, נור ישוע הנוצרי האָט זיך אַליין געשאַפן גאַנץ פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע. דער רוף פון ישעיה האָט באמת ניט געהאַט מער צו טאָן מיט זיין דערשיינען, ווי דאָס ליד פון נאַכטיגאַל האָט עפּעס אַ שייכות מיט דעם אויפגאַנג פון דער לבנה — ניט מער, הגם אפשר אויך ניט ווייניקער: ער איז געווען די פאַרניינונג אַזוי גוט ווי די באַשטעטי־קונג פון דער נבואה. אויף יעדער הבטחה וואָס ער האָט דערפילט איז געקומען אַן אַנדערע וועלכע ער האָט צעשטערט.

בעקאָן זאָגט: „אין יעדער שיינקייט ליגט עפּעס אַ מאָדנע פּראָפּאָרציע”. די וועלכע זיינען געבאָרען פון גייסט — דאָס הייסט, אַט די וועלכע זיינען גלייך ווי ער דינאַמישע קרעפטן — זאָגט קריסטוס, אַז זיי זיינען גלייך צום ווינט, וועלכער „בלאָזט וואו ער וויל, און קיין מענטש קאָן ניט זאָגן פון וואַנען ער קומט און וואוהין ער גייט”. דאָס איז דער טעם פאַר וואָס ער איז

אזוי באַצויבערנדיק פאַרן קינסטלער. ער האָט אין זיך אַלע פאַר־ביקע לעבנס־עלעמענטן: מיסטעריע, מאָדנעקייט, התפּעלות, אַנרעגונג התלהבות, ליבע. ער ווענדט זיך צום גלויבן אין נסים און באַשאַפט יענע שטימונג וואָס נור דורך איר אַליין קאָן ער ווערן פאַרשטאַנען.

און עס איז פאַר מיר אַ פרייד צו געדיינקען, אַז אויב ער איז אַן „אַלץ אומפּאַסנדיקע פאַנטאַזיע", איז די וועלט גופא פונ׳ם זעלבן שטאָף.

אין „דאָריאַן גריי" האָב איך געזאָגט, אַז די גרויסע חטאים פון דער וועלט קומען פאָר אין מח. נור אין מח קומט אַלצדינג פאָר. מיר ווייסן אַצינדערט, אַז מיר זעען ניט מיט די אויגן אָדער הערן מיט די אויערן. זיי זיינען אין דער ווירקלאַכקייט בלויז פּאַסנדיקע אָדער פעלערהאַפטיקע דורכפירונגסקאַנאַלן פאַר די איינדריקן פון די חושים. דאָס איז אין מח וואו דער מאָן איז רויט, וואו דער עפּל דופטעט, און די פעלד־לערכע זינגט.

ניט לאַנג צוריק האָב איך געשטודירט מיט גרוים התמדה די פיר פּראָזע־לידער וועגן קריסטוס. פאַר קריסטמעס איז מיר געלונ־גען צו באַקומען דעם נייעם טעסטאַמענט אין גריכיש, און יעדן מאָרגן, נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגערייניקט מיין צעל און אויסגעשייערט מיינע צינענע כלים האָב איך געלייענט אַביסל פון די עוואַנגעליען, אַ מוץ פערזן וועלכע איך האָב אַרויסגענומען צופעד־ליק וואו עס האָט זיך געמאַכט. עס איז אַן אַנגענעמענער וועג, אַזוי אַנצוהייבן דעם טאָג. יעדער איינער אפילו ווען ער פירט אַן אומרואיק אומדיסציפּלינירט לעבן, זאָל טאָן דאָס זעלבע. ענדלאָזע איבער׳־חזר׳ונג אין פּאַסנדיקער און אומפּאַסנדיקער צייט, האָט פאַר אונז, איבערגעפירט די פרישקייט, די נאַאיוויטעט, דעם איינפאַכן ראָמאַנטישן חן פון די עוואַנגעליען. מיר הערן זיי לייענען פיל צו אָפט און פיל צו שלעכט, און יעדע איבער׳חזר׳ונג איז אַנטיגייסטיק. ווען מען קערט זיך אום צוריק צום גריכישן, איז דאָס אַקוראַט ווי מען גייט אַריין אין אַ גאָרטן פון ליליען אַרויסקומענדיק פון אַן איינגער, טונקעלער שטוב.

און איך האָב דאָפּעלט הנאה פון דעם געדאַנק, אַז עס איז העכסט וואַרשיינלאַך, אַז מיר האָבן די ווירקלאַכע אויסדרוקן, די „איפּסיסימאַ ווערבאַ". וועלכע קריסטוס האָט באַנוצט.

עס איז שטענדיק געווען אָנגענומען, אַז קריסטוס האָט גערעט אויף אַראַמייאיש. אפילו רענאַן דיינקט אויך אַזוי. נור איצטער

ווייסן מיר, אז די פויערים אין גליל, אקוראט ווי די אירלענדישע פויערים פון אונזער צייט, האבן גערעט צוויי שפראכן, און אז גריכיש איז געווען די געוויינלאכע אומגאנגס שפראך אין גאנץ פאלעסטינע, ווי פאקטיש אין דער גאנצער אריענטאלישער וועלט. איך האב זיך קיינמאל ניט געקאנט באפריינדן מיטן געדאנק, אז מיר קאנען קרים־טוסעם אייגענע ווערטער נור דורך אן איבערזעצונג פון אן איבער־זעצונג. עס איז מיר א מחיה צו דיינקען, אז אויך וויפיל עס איז נוגע זיין אונטערהאלטונג, וואלט קארמיט אים געקאנט צוהערן, סאקראט מיט אים פילאזאפירן, און פלאטא וואלט אים געקאנט פארשטיין: אז ער האט בפירוש געזאגט:

"ענא איימי הא פאימען הא קאלאס„ ("איך בין דער שיינער פאסטוך„).

אז בעת ער האט געטראכט פון די ליליען אויפן פעלד, וועלכע ניט זיי ארבייטן, ניט זיי שפינען, האט ער זיך אויסגעדריקט לחלוטין אזוי:

"קאטאמאטהעטע טא קרינא טוה אגרוה פאהס אויקסאניי. או קאפיא אודע נעטהיי„. ("באטראכט די ליליען אויפן פעלד, וועלכע וואקסן: אז שווערער ארבייט, אז שפיין„).

אז זיין לעצטער ווארט, בעת ער האט אויסגעשריען: „מיין לעבן איז געענדיגט, עס האט דערגרייכט זיין דערפילונג, האט זיך פארפולקומט", איז געווען ממש ווי יוחנן איז אונז מודיע, דאס ווארט „ט ע ט ע ל ע ס ט א י *) — ניט מער.

ביים לייענען די עוואנגעליען— דער עיקר דעם, וואס יוחנן האט פארפאסט, אדער א וועלכער עס איז גנאסטיקער פון די ראשונים, וואס האט אנגענומען זיין נאמען און מאנטל — באַ־טראכט איך דעם כסדרדיקן זיך באהויפטן פון דער פאנטאזיע, ווי דעם יסוד פון גאנצן גייסטיקן און מאטעריעלן לעבן; איך זע אויך, אז פאר קריסטוסן איז די פאנטאזיע געווען פשוט א פארם פון ליבע, און די ליבע איז פאר אים געווען האר אין פולסטן זין פון ווארט.

מיט אן ערך פון זעקס וואכן צוריק האט מיר דער דאקטאר דערלויבט, צו עסן ווייסברויט אנשטאט דעם גראבן שווארצן אדער ברוינעם ברויט, דער געוויינלאכער מאכל פון תפיסה. דאס איז א גרויסע נאשעריי. עס וועט קלינגען מאדנע, אז טרוקן ברויט קאן מעגלאך זיין ביי עמיצן א נאשעריי. נור פאר מיר באדייט דאס אזוי

*) „פארטיק!"

פיל, אַז צום שלום פון יעדן מאָלצייט עס איך אויף פּאַרזיכטיק אַלע ברעקלאַך וועלכע עס בלייבן נור איבער אויף מיין צינגעגעם טעלער, אָדער זיינען אַראָפּגעפאַלן אויפן גראָבן האַנטוך וואָס מען באַנוצט פאַר אַ טישטוך, כדי ניט צו באַשמוצן זיין טיש; און איך טו דאָס ניט מחמת הונגער — איך באַקום איצטער גאַנץ גענוג צום עסן — נור פשוט, כדי אַז קיין זאַך זאָל ניט גיין אין ניוועטש פון דאָס, וואָס מען גיט מיר. אָט אַזוי זאָל מען קוקן אויף ליבע.

קריסטוס ווי אַלע באַצויבערנדיקע פּערזענליכקייטן, איז געווען בכח ניט בלויז אַליין צו זאָגען שיינע זאַכן, נאָר אויך צו מאַכן אַז אַנדערע לייט זאָלן אים זאָגען שיינע זאַכן; און איך ליב די געשיכטע, וועלכע מאַרקוס דערציילט אונז פון דער גריכישער פרוי, וואָס, ווען יעזוס, כדי אויסצופּרובירן איר גלויבן, האָט צו איר געזאָגט, אַז ער קאָן איר ניט אוועקגעבן די ברויט פון די בני ישראל, האָט זי אים געענטפערט: „די קליינע הינטעלאַך" — קונאַריאַ — „וועלכע זיינען אונטערן טיש, עסן פון די ברעקלאַך וואָס די קינדער וואַרפן אַרונטער".

דאָס רוב מענטשן לעבן פאַר ליבע און באַוואונדערונג. נור מיר זאָלן לעבן דורך ליבע און באַוואונדערונג. אויב מען באַווייזט וועלכע עס איז ליבע, אַזוי זאָלן מיר אַנערקענען, אַז מיר זיינען איר כלל ניט ווערט. קיינער פאַרדינט ניט צו ווערן געליבט. דער פאַקט, וואָס גאָט ליבט די מענטשן, באַווייזט אונז, אַז אין דער געטלאַכער איינאָרדנונג פון די אידעאַלע גיטער שטייט געשריבן, אַז אייביקע ליבע זאָל ווערן געשיינקט צו דעם אייביק אומווירדיקן. אָדער, אויב אָט דער זאַץ קלינגט צו ביטער, טאָ לאָמיר אַזוי זאָגן: יעדער איינער איז ווערט צו ווערן געליבט, אַ חוץ דער, וועלכער מיינט, אַז ער האָט דאָס פאַרדינט. ליבע איז אַ סאַקראַמענט, וועלכען מען דאַרף דערהאַלטן קניענדיק, און דאָס „דאָמינע נאָן סום דיגנוס" *) זאָל זיין אויף די ליפּן און אין די הערצער פון אָט די, וועלכע דערהאַלטן דאָס.

אויב איך וועל ווען עס איז ווידער אַמאָל שרייבן, אין דעם זין צו שאַפן עפּעס אַ קונסטווערק, זיינען דאָ געוויסע צוויי טעמעס, איבער און דורך וועלכע איך האָב חשק זיך אויסצודריקן: איינע איז: „קריסטוס ווי אַ פאַרלויפער פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג

*) „אָ, גאָט, איך בין דאָס ניט ווערט".

אין לעבן״ : די אַנדערע איז : דאָס קינסטלערלעבן באַטראַכט אין זיין שייכות צו דער לעבנסקונסט״. די ערשטע איז, נאַטירלאַך, שטאַרק אַנציענדיק, ווייל איך זע אין קריסטוסן ניט בלויז די וועזנטלאַכע סימנים פון העכסטן ראָמאַנטישן טיפּ, נאָר אויך אַלע צופעליקייטן, אַפילו די האַרטנעקיגקייטן, פון דעם ראָמאַנטישן טעמ־פּעראַמענט. ער איז געווען די ערשטע פּערזאָן, וועלכע האָט ווען עס איז געזאָגט צו די מענטשן, אַז זיי זאָלן לעבן „בלומען־ענלאַכע לעבנס״. ער האָט באַשאַפן דעם אויסדרוק. ער האָט באַטראַכט די קינדער פאַרן מוסטער צו וועלכן מענטשן זאָלן שטרעבן צו ווערן. ער האָט זיי געהאַלטן פאַר אַ ביישפּיל אַנטקעגן זייערע עלטערן, וואָס איך האָב אַלע מאָל באַטראַכט פאַרן הויפּט נוץ פון קינדער, אויב דאָס וואָס איז פולקום, דאַרף האָבן אַ תּכלית. דאַנטע באַ־שרייבט די נשמה פון אַ מענטשן ווי זי גייט אַרויס פון גאָט׳ס האַנט „וויינענדיק און לאַכנדיק אַזוי ווי אַקליין קינד״, און אויך קריסטוס אַנערקענט, אַז די נשמה פון יעדן איינעם האָט געזאָלט זיין

a guisa di fanciulla che piangendo e ridendo pargoleggia. *

ער פילט, אַז דאָס לעבן איז פאַרענדערלאַך, פליסיק, אַקטיוו, און אויב מען זאָל דאָס אַריינצווינגען אין וועלכער עס איז פאָרם איז דאָס טויט. ער האָט נאַכגעזען, אַז די מענטשן זאָלן ניט נעמען צו ערנסט די מאַטעריעלע, טאָגטעגלאַכע אינטערעסן: אַז עס איז אַ גרויסע זאַך צו זיין אומפּראַקטיש: אַז מען זאָל זיך ניט צופיל קימערן וועגן טאָג־אַנגעלעגנהייטן. די פויגעל טוען דאָס ניט, למאי זאָל עס דער מענטש טאָן ? ער איז באַצויבערנדיק ווען ער זאָגט : „זאָרגט ניט פאַרן מאָרגען; איז דען די נשמה ניט ווערט מער ווי שפּייז ? איז דען דער גוף ניט ווערט מער ווי די קליידונג ? די לעצטע פראַ־זע האָט געקענט באַנוצן אַ גריך. עס איז פול מיט גריכישן פילן. נור בלויז קריסטוס אַליין האָט געקאָנט זאָגן ביידע, און דערמיט פולשטענדיק רעזומירן פאַר אונז דעם גאַנצן סך הכל פון לעבן.

זיין מאָראַל איז באַגרינדט גאַנץ אויף מיטלייד, גענוי דאָס וואָס מאָראַל דאַרף זיין. אויב אַפילו אַז די איינציקע זאַך וואָס ער האָט ווען געהאַט געזאָגט וואָלט געווען: „אירע זינד זיינען פאַר־

*) „ווי אַ יונגפרוי וועלכע וויינט און לאַכט ווי אַ קליין קינד״.

געבן, מחמת זי האָט א סך געליבט", האָט געלוינט צו שטאַרבן, כדי דאָס צו האָבן געזאָגט.

זיין גערעכטיקייט איז דורכאויס פּאָעטישע גערעכטיקייט, געגוי דאָס וואָס גערעכטיקייט דאַרף זיין. דער בעטלער קומט אריין אין גן עדן, מחמת ער איז געווען אומגליקלאַך. איך קאָן זיך ניט פאַר־שטעלן א בעסערן גרונט פאַר זיין ווערן געשיקט אהין. די לייט וועלכע ארבייטן א שעה אין ווייגגאַרטן אין דער קילקייט פון אָוונט, באַקומען אקוראַט אזוי פיל שכר ווי די וועלכע האָבן שווער גע־ארבעט דעם גאַנצן טאָג אין דער הייסער זון. למאי אויך ניט? משמעות אז קיינער פון זיי האָט עפּעס וואָס פאַרדינט. אָדער אפשר זיינען זיי געווען פאַרשידענע מינים מענטשן.

קריסטוס האָט ניט געהאַט קיין געדולד פאַר די טעמפּע, לעב־לאָזע מעכאַנישע סיסטעמען וועלכע באהאַנדלען די מענטשן אקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען זאַכן, און דאַריבער באהאַנדלן זיי אַלעמען גלייך; פאַר אים האָבן ניט עקזיסטירט קיין געזעצן: פאַר אים זיינען געווען לויטער אויסנאַמען, פּונקט אזוי ווי יעדער, אָדער יעדעס, וואָלט געהאַט אזא אויסזען ווי עס איז ניטאָ צו אים קיין גלייכן אויף דער וועלט.

דאָס וואָס דער גרונט־טאָן איז אין דער ראָמאַנטישער קונסט דאָס איז פאַר אים געווען דער אייגנטלאכער פונדאמענט פון נאַ־טירלאַכן לעבן. ער האָט ניט געזען קיין אַנדער יסוד. און ווען זיי האָבן צו אים געבראַכט איינע וועלכע איז געוואָרן געכאַפּט אין דעם סאַמע אַקט פון זינדיקן און האָבן אים געוויזן איר פּסק געשריבן אין דער תורה, און אים געפרעגט, וואָס זאָל געשען, האָט ער בשעת מעשה געשריבן מיט זיין פינגער אויף דער ערד, אזוי ווי ער וואָלט כלל ניט געהערט וואָס זיי פרעגן, און ענדלאַך, ווען זיי זיינען צו אים צו־געשטאַנען איבער א נייס, האָט ער אַקוק געטאָן און געזאָגט: „זאָל דער פון אייך וועלכער האָט קיינמאָל ניט געזינדיקט, זיין דער ער־שטער צו וואַרפן דעם שטיין אויף איר". עס האָט געלוינט צו לעבן, כדי צו האָבן דאָס געזאָגט.

אזוי ווי אַלע פּאָעטישע נאַטורן האָט ער געליבט די עמי הארצים. ער האָט געוואוסט, אז אין דער נשמה פון איינעם וואָס איז אומ־וויסנדיק איז שטענדיק פאַראַן פּלאַץ פאַר א גרויסער אידייע. נור ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין שוטים, ספּעציעל די יעניקע וועלכע די דערציאונג האָט געמאַכט פאַר אידיאָטן: פּערזאָנען וועל־

כע האבן א פולן קאפ מיט מיינונגען פון וועלכע זיי פארשטייען אפילו איינע אויך ניט, אן אייגנטימלאכער מאדערנער טיפ, וועלכער ווערט צוזאמענגעפאסט פון קריסטוסן, ווען ער באשרייבט אים ווי דעם טיפ פון יענעם וואס האט דעם שליסל פון וויסן, ער אליין קאן עס ניט באנוצן און דערלויבט ניט אנדערע מענטשן עס צו נוצן, כאטש דער שליסל איז געווארן געמאכט, צו עפענען דעם טויער פון גאט'ס מלוכה.

זיין הויפט מלחמה איז געווען געצילט אנטקעגן די פיליסטער. דאס איז דער קאמף וואס יעדעס קינד פון ליכט האט צו פירן. דאס פיליסטערטום איז געווען דער צייכן פון דעם דור און פון דעם שטאט, אין וועלכן ער האט געלעבט. אין זייער שווערער ניט צוגאנגלאכקייט צו אידייען, זייער טעמפער בכבודיקייט, זייער לאנגווייליקער ארטאדאקסיע, זייער פארגעטערן ווולגארע דערפאלגן, זייער פולשטענדיקער ארייננעטאנקייט אין די גראב מאטריאליסטישע לעבנספראגען, אין זייער לעכערלאכער איבערשעצונג פון זיך גופא און זייער וויכטיקייט, זיינען די אידן פון ירושלים אין צייט פון קריסטוס געווען א גענויע קאפיע פון די בריטישע פיליסטער פון אונזערע טעג.

קריסטוס האט חוזק געמאכט פון די „אויסגעקאלכטע קברים" פון בכבודיקייט, און באשטימט אט דעם אויסדרוק פאר אלע צייטן. ער האט באהאנדלט דעם וועלטלאכן דערפאלג, ווי עפעס אזוינס, וואס איז אבסאלוט צו פאראכטן. ער האט כלל גארניט געזען אין דעם. ער האט געקוקט אויף רייכקייט ווי אויף א שווערע לאסט פארן מענטשן. ער האט ניט געוואלט הערן פון א לעבן וועלכן מען איז מקריב צו וואסער עס איז פילאזאפישן אדער מאראלישן סיסטעם. ער האט אנגעוויזן, אז מנהגים און צערעמאניעס זיינען געשאפן פארן מענטשן, ניט דער מענטש פאר די מנהגים און צערעמאניעס. ער האט אנגענומען די קדושה פון שבת ווי א מוסטער פון די זאכן וואס דארפן בטל ומבוטל ווערן. די קאלטע פילאנטראפיעס, די בארימערישע צדקה־אנשטאלטן, דער לאנגווייליקער פארמאליזם, וואס איז אזוי באליבט דעם פארשטאנד פון מיטלקלאס, האט ער ארונטערגעריסן מיט אויסערסטער און אומבארמהערציקער שפאט. ביי אונז, איז דאס וואס מיר באצייכנען מיטן ווארט ארטאדאקסיע ניט מער ווי א באקוועם גייסטלאז יא און אמן זאגען; נור ביי זיי, און אין זייערע הענט, איז דאס געווען א מוראדיקע און פאראליזירנדיקע

טיראַניי. קריסטוס האָט איר אויסגעראַכט. ער האָט באַוויזן, אַז בלויז דער גייסט אַליין האָט אַ ווערט. ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט זייַ אַנצואַווייזן, אַז כאָטש זיי לייענען שטענדיק די תורה און די נביאים, האָבן זיי ניט באמת די קלענסטע פאָרשטעלונג וואָס איינע אָדער די אַנדערע מיינען. אַלס סתירה צו זייער מעשר־געבן פון אייג־צעלנעם טאָג און דעם פעסטען פאָרשטיינערטן סדר פון פאַרגעשרי־בענע פליכטן, ווי זיי האָבן געגעבן מעשר פון מיענטע און רוטע, האָט ער געפּרייידיקט די אומגעהויער גרויסע וויכטיקייט פון לעבן גאַנץ פאַר דעם אויגנבליק.

די וועלכע ער האָט דערלייזט פון זייערע זינד, די זיינען גע־וואָרן דערלייזט פשוט פאַר די שיינע מאָמענטן פון זייער לעבן. מרים מאַגדעלענע, בעת זי זעט קריסטוסן, צעברעכט זי די קאָסטבאַרע וואַזע פון אַלבאַסטער, וועלכע איינער פון אירע זיבן ליב־האָבער האָט איר געשיינקט, און גיסט אויס די וואוילשמעקעדיקע בשמים איבער זיינע פאַרמאַטערטע, פאַרשטויבטע פיס. פאַר אָט דעם איין מאָמענט זיצט זי פאַר דור־דורות צוזאַמען מיט רותן און בעאַטריטשן אונטער די גירלאַנדן פון שניי־ווייסע רויזן אין גן עדן. אַלץ וואָס קריסטוס רעדט צו אונז, איז אַ שטילן וואָרנענדיקן טאָן איז, אַז יעדער אויגענבליק זאָל זיין שיין, אַז די נשמה זאָל תמיד זיין צוגעגרייט פאַרן קבלת פּנים פונם חתן און שטענדיק וואַרטן אויף דער שטים פון געליבטן, אַז פיליסטערטום איז פשוט דער טייל פון מענטשלאַכן וועזן וואָס ווערט ניט באַלויכטן דורך דער פאַנטאַזיע. קריסטוס באַטראַכט אַלע ליבלאַכע איינפלוסן פונם לעבן ווי פאָרמען פון ליכט: די פאַנטאַזיע גופא איז דאָס וועלט־ליכט, — „טאָ פאָהס טוה קאָסמו". די וועלט איז פון איר גע־שאַפן, און דאָך קאָן די וועלט זי ניט באַגרייפן. דאָס איז דערפאַר, ווייל די פאַנטאַזיע איז בלויז אַן אַנטפּלעקונג פון דער ליבע, און דאָס איז די ליבע און די פייאיקייט צו ליבן וואָס אונטערשיידן איין מענטשלאַכן וועזן פון צווייטן.

נור דאָס איז ווען ער האָט אַן עסק מיט אַ זינדיקן, אַז קריסטוס איז מערסטנס ראָמאַנטיש אין זינען פון מערסטנס רעאַליסטיש. די וועלט האָט תמיד געליבט דעם הייליקן ווי די מעגלאַכסט נאָענטע מדרגה צו דער פאַרפולקומונג פון דעם מענטשן. זיין פאַרנעמסטער וואונטש איז ניט געווען אויסצובעסערן לייט, אָקוראַט אַזוי ווייניק ווי עס איז ניט געווען זיין העכסטער וואונטש צו לינדערן יסורים. צו

פאַרוואַנדלען אַז אינטערעסאַנטן גנב אין אַ לאַנגווײַליקן ערלאַכן מענטשן איז ניט געווען זײַן כונה. ער וואָלט ווײניק וואָס גע־האַלטן פון אַ גוזעלשאַפט צו דער אונטערשטיצונג פון פרײַ גע־וואַרענע אַרעסטאַנטן און דער גלײַכן מאָדערנע באַוועגונגען. די באַ־קערונג פון אַ צאָל־באַאַמטן אין אַ פּרושי, האָט אים געוויס ניט אויסגעזען קײן גרויס העלדנטאַט. נור אין אַן אופן וועלכן די וועלט האָט נאָך לעת עתה ניט באַגריפן, האָט ער באַטראַכט די זינד און דאָס לײַדן, ווי אַזוינס, וואָס איז פאַר זיך אַלײן עפּעס שײנס און הײליקס, ווי גראַדן פון פאַרפולקומונג.

דאָס זעט אויס אַ זײער געפערלאַכע אידײע. דאָס איז — אַלע גרויסע אידײען זײַנען געפערלאַך. אַז דאָס איז געווען קריסטוסעס אמונה, אין דעם איז ניט מעגלאַך קײן ספק. אַז דאָס איז די ריכ־טיקע אמונה, בין איך אַלײן ניט מסופק.

על פּי טבע מוז דער זינדיקער חרטה האָבן, נור וואָרום? פּשוט דערפאַר ווײַל ער איז אויף קײן אַנדער אופן ניט געווען ביכולת צו באַ־גרײַפן וואָס ער האָט געטאָן. דער מאָמענט פון חרטה איז דער מאָ־מענט פון אײַנווײַאונג. יאָ, נאָך מער: עס איז דאָס מיטל דורך וועלכן אײנער ענדערט אום זײַן פאַרגאַנגענהײט. די גריכן האָבן דאָס גע־האַלטן פאַר ניט מעגלאַך. זײ זאָגן אָפט אין זײערע באַלערנדיקע אַפאָריזמען: „אפילו די געטער קאָנען ניט איבערמאַכן די פאַרגאַנ־גענהײט". קריסטוס האָט באַוויזן, אַז דער געמײנסטער רשע איז דאָס אימשטאַנד צו טאָן, אַז דאָס איז די אײנציקע זאַך, וואָס ער קאָן טאָן. קריסטוס, אויב מען וואָלט אים געווען געפרעגט, וואָלט געוויס געזאָגט — איך בין אין דעם בטוח — אַז אין דעם מאָמענט ווען דער פאַרלאָרענער זון איז געפאַלן אויף זײַנע קני און געוויינט, האָט ער פאַרוואַנדלט זײַן פאַרשווענדן זײַן פאַרמעגן אויף זונות, זײַן פיטערן חזירים און הונגערן נאָך די שאָלעכץ וואָס זײ האָבן גע־געסן, אין די שײנע און הײליקע מאָמענטן פון זײַן לעבן.

פאַר די מערסטע מענטשן איז שווער צו באַגרײַפן אָט די אי־דײע. לאָם איך אײַך זאָגן, אַז מען דאַרף גײן אין תפיסה, דאָס צו פאַרשטײן. אויב יאָ אַזוי, איז כדאי די טרחה, צו זיצן אין תפיסה.

אין קריסטוסעס געשטאַלט, איז פאַראַן עפּעס אַזוי אײנציקס. געוויס, אַקוראַט אַזוי ווי עס איז פאַראַן אָפּנאַרנדיקע ליכט־שימערס אײדער עס הײבט אָן צו טאָגן, און ווינטערדיקע טעג וועלכע זײַנען פול מיט פלוצימדיקן זונען־שײַן, אַז זײ פאַרנאַרן דעם פאַרזיכטיקן

זאפרען־בלום, צו פארשוועגדן זיין געלד פאר דער צייט, און מאכן א וועלכן עס איז נאריש פויגעל רופן זיין ווייבעלע צו בויען דעם נעסט אויף נאקעטע צווייגען, אט אזוי זיינען געווען קריסטן פאר קריסטוסן. דערפאר זאלן מיר זיין דאנקבאר. ליידער זיינען זינט דעמאלט ניט געווען מער. איך מאך בלויז איין אויסנאם: דער הייליקער פראנץ פון אסיסי. נור דאס איז באשר אים האט גאט ארייגגעגעבן ביי זיין געבורט די נשמה פון א דיכטער, אזוי ווי ער אליין, בעת ער איז נאך געווען יונג, האט ער אין א מיסטישע חתונה, אויסגעווילט די ארימקייט פאר זיין כלה: און מיט דער נשמה פון א דיכטער און דעם גוף פון א בעטלער האט ער געפונען דעם וועג צו דער פארפולקומונג ניט שווער. ער האט פארשטאנען קריסטוסן, און אזוי איז ער גע־ווארן ענלאך צו אים. מיר פארלאנגען ניט קיין באלערונג פון „ליבער קאנפארמיטאטום", אז דאס לעבן פון הייליקן פראנץ איז געווען די אמת'ע „אימיטאציא קריסטי" *), א געדיכט, לגבי וועלכן דאס בוך מיט יענעם נאמען איז לויטער פראזע.

אין דער אמת'ן, נאך דעם אלץ וואס איז געווארן געזאגט מכח קריסטוסן, באשטייט זיין כשוף אין דעם: ער איז פונקט אזוי ווי א קונסטווערק. ער לערנט איינעם ווירקלאך גארניט, נור מען ווערט עפעס וואס, דורך דעם וואס מען קומט אין זיין קעגנווארט. און יעדן איינעם איז פאראויס באשטימט צו זיין אין זיין קעגנווארט. לכל הפחות איינמאל אין לעבן גייט יעדער מענטש מיט קריסטוסן נאך עמאוס.

בנוגע דער אנדער טעמע, „די שייכותן פון קינסטלערלעבן צו דער לעבנסקונסט", וועט דאס דיר אן ספק אויסזען מאדנע, אז איך זאל דאס אויסקלייבן. די מענטשן ווייזן מיט די פינגער אויף דער רעדינגער תפיסה און זאגן: „דאס איז דער ארט וואוהין דאס קינסטלערלעבן פירט א מענטשן". עס קאן נאך פירן צו ערגערע פלעצער. די מעכאנישערע מענטשן, פאר וועמען דאס לעבן איז א שארפזיניקע ספעקולאציע; וועלכע היינגט אפ פון א פארזיכטיקער בארעכענונג פון וועגן און מיטלן, ווייסן אלעמאל וואוהין זיי גייען, און גייען אהין. זיי הייבן אן מיט דעם אידעאלן וואונטש צו ווערן קירכן־שמשים און אין וואס נור פאר א סביבה זיי ווערן ארייגגע־שטעלט, זיינען זיי מצליח צו ווערן קירכן־שמשים, ניט מער. א

*) נאכאמונג פון קריסטוסן

מענטש וועמעס תשוקה איז צו זיין עפעס אזוינס וואס ליגט ניט אין אים גופא, דהינו, צו זיין א מיטגליד פון פארלאמענט, אדער א דערפאלגרייכער בשמים־קרעמער, אדער א פראמינענטער אדוואָ־קאט, אדער א ריכטער, אדער עפעס וואס אנדערש פון דעם מין לאנגווייליקס, דערגרייכט אלע מאל דאס וואס ער האט גע־וואונטשן צו זיין. דאס איז זיין שטראף. ווער עס וויל א מאסקע, דער מוז זי אויך טראגן.

דאך מיט די טרייבנדיקע כחות פונם לעבן, און די יעניקע אין וועמען אט די טרייבנדיקע כחות זיינען פארקערפערט, איז דאס אנ־דערש. מענטשן וועמעס פארלאנג איז איינציק און אליין די זעלבסט־פארפולקומונג, ווייסן קיינמאל ניט וואוהין זיי גייען. זיי קאנען דאס ניט וויסן. אין איין זין פונם ווארט איז דאס נאטירלאך נויטיק, ווי דער גריכישער אראקל האט געזאגט, צו קענען זיך אליין: דאס איז די ערשטע מדרגה פון וויסן. נור צו אנערקענען, אז די נשמה פון א מענטשן איז ניט צו דערגרונטעווען, איז די לעצטע מדרגה פון קלוג־שאפט. דער ענד־סוד פון אלע סודות זיינען מיר אליין. נאכדעם ווי מען האט געוואגן די זון אויפן וואגשאל, און אויסגעמאסטן דעם גאנג פון דער לבנה, און פארצייכנט אויף דער לאנד־קארט די זיבן הימלען שטערן פאר שטערן, בלייבט נאך איבער: מיר אליין. ווער קאן בארעכענען דעם וועג פון זיין אייגענער נשמה ? בעת דער זון איז ארויסגעגאנגען זוכן זיין פאטער'ס אייזליכעס, האט ער ניט געוואוסט אז א מאן פון גאט ווארט אויף אים מיטן סאמע קרוינונגס זאלבאייל, און אז זיין אייגענע נשמה איז שוין תחילת געווען די נשמה פון א מלך.

איך האף נאך צו לעבן לאנג גענוג און צו שאפן ווערק פון אזא כאראקטער, אז איך וועל זיין ביכולת ביים סוף פון מיינע טעג צו זאגן: יא! אט דאס איז גענוי, וואוהין דאס קינסטלערלעבן פירט א מענטשן!"

צוויי פון די פארפולקומסטע לעבנס וועלכע איך האב באגע־גענט אין מיינע אייגענע דערפארונגען, זיינען די לעבנס פון ווערלען און פירסט קראפאטקין:ביידע פון זיי זיינען מענער, וועלכע האבן פארבראכט יארנלאנג אין תפיסה: דער ערשטער, דער איינצי־קער קריסטלאכער דיכטער זינט דאנטע; דער אנדערער, א מאן מיט א נשמה פון יענעם שיינעם ווייסן קריסטוס וועלכער שיינט ארויסצוקומען פון רוסלאנד. און פאר די לעצטע זיבן אדער אכט

חודשים, טראַץ אַ רײַ געוואַלטיקע צרות, וועלכע האָבן צו מיר אַרײַנגעדרונגען פון דער אויסנווייניקסטער וועלט כמעט אָן אונטערברעכונגען, בין איך געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט אַ נײַעם גײַסט, וועלכער איז טעטיק אין אָט דער תפיסה, דורך מענטשן און זאַכן. וואָס האָט מיר געהאָלפן מער וויפיל עס איז מעגלאַך דאָס אויסצודריקן אין ווערטער: אַזוי אַז ווען איך אין דעם ערשטן יאָר זיצן אין תפיסה האָב איך ניט געטאָן עפּעס אַנדערש, און קאָן זיך ניט דערמאָנען צו האָבן געטאָן עפּעס אַנדערש, אַ חוץ ברעכן די הענט אין אַנמעכטיקער פאַרצווייפלונג און אויסרופן: „וואָס פאַר אַ סוף, וואָס פאַר אַ מורא׳דיקער סוף!“ פּרוביר איך אַצינד זאָגן צו זיך אַליין, און אַמאָל, בעת איך פּייניק זיך ניט אַליין, זאָג איך באמת און מיטן גאַנצן הארצן: „וואָס פאַר אַן אָנהייב, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער אָנהייב!“ מעגלאַך אַז דאָס איז ווירקלאַך אַזוי. מעגלאַך אַז דאָס וועט ווערן אַזוי. אויב דאָס וועט ווערן, וועל איך אַ סך פאַרדאַנקן אָט דער נײַער פּערזענלאַכקייט וואָס האָט איבערגעאַנדערשט יעדן מענטשנס לעבן אין אָט דעם פּלאַץ. יעדער זאַך פאַר זיך אַליין שפּילט אַ קנאַפּע ראָל — לאָמיר לכל הפּחות איינמאָל דאַנקען די פילאָזאָפיע פאַר עפּעס וואָס זי האָט אונז געלערנט — איך מיין ניט די רעגולאַציעס, ווײַל די זײַנען באַשטימט לויט אײַזערנע כללים, נור דעם גײַסט, וואָס הערשט אין זיי.

דו קאָנסט זיך דאָס פאָרשטעלן, ווען איך זאָג, אַז אויב איך וואָלט געוואָרן באַפרײַט איינם לעצטן מאַי, ווי איך האָב זיך באַמיט דאָס צו ווערן, וואָלט איך פאַרלאָזן אָט דעם פּלאַץ פאַרהאַסנדיק אים און יעדן באַאַמטן אין אים מיט אַזאַ ביטערער שנאה, וואָס וואָלט געהאַט פאַרסאַמט מײַן לעבן. איך האָב געמוזט בלײַבן נאָך אַ יאָר לײַנגער אין תפיסה. נור מענטשלאַכקייט האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין אָט די מויערן פאַר אונז אַלעמען, און איצטער אַז איך גיי אַרויס וועל איך זיך אַלעמאָל דערמאָנען אָן די גרויסע פרײַנטלאַכקייט, וואָס איך האָב דאָ געקראָגן כמעט פון יעדן איינעם, און אין דעם טאָג פון מײַן באַפרײַאונג וועל איך געבן אַ סך דאַנקען צו אַ סך פּערזאָנען, און זיי פון מײַן זײַט בעטן, אַז זיי זאָלן אויך מיך געדיינקען.

די תפיסה־אָרדנונג איז דורך און דורך קאַפּויר. איך וואָלט אַוועקגעגעבן אַלצדינג, אַבי צו זײַן ביכולת דאָס צו איבעראַנדערשן, בעת איך וועל אַרויסגיין פון דאַנען. איך האָב בדעה דאָס צו פּרובירן. נור קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט אַזוי קאַפּויר, אַז דער גײַסט

פון הומאַניטעט, וועלכער איז דער גייסט פון ליבע, דער גייסט פון קריסטוס, וועלכן מען טרעפט ניט אין די קירכן, זאָל דאָס ניט קאָנען מאַכן, אויב ניט צורעכט, לכל הפחות מעגלאַך צו דערטראָגן אַן צופיל האַרצפאַרביטערונג.

איך ווייס אויך, אַז אין דרויסן וואַרט אויף מיר א סך, וואָס איז זייער מחיה׳דיק, וואָס דער הייליקער פראַנץ פון אַסיסי רופט אָן „מיין ברודער דער ווינט און מיין שוועסטער דער רעגען״, ביידע פון זיי זיינען ליבלאַכע זאַכן, ביז אַרונטער צו די קראָם־פענסטער און זונען־אונטערגאַנגען פון די גרויסשטעט. ווען איך זאָל מאַכן אַ רשימה פון אַלץ וואָס בלייבט מיר נאָך, ווייס איך ניט וואו איך זאָל זיך אָפּשטעלן: ווייל, גאָט האָט, באמת, געשאַפן די וועלט גענוי אַזוי גוט פאַר מיר ווי פאַר עמיצן אַנדערש. אפשר וועל איך נאָך גאָר ארויסגיין מיט עפּעס אַזוינס וואָס איך האָב פריער ניט געהאַט. איך פאַרשפּאָר דיר צו זאָגן, אַז פאַר מיר זיינען רעפאָרמען אין מאָראַל אַזוי זינלאָז און וואולגאַר ווי רעפאָרמען אין טעאָלאָגיע. דאָך וועדליק עס איז אַ שטיק עם האַרצישע צביעות פאַר־צוליינגן צו ווערן אַ בעסערער מענטש, איז דאָס די פּריווילעגיע פון אָט די וועלכע האָבן געליטן, צו ווערן אַ טיפערער מענטש. און אזא, דיינק איך, בין איך געוואָרן.

אויב נאָכדעם ווי איך בין פריי זאָל איינער פון מיינע פריינט מאַכן אַ הוליאַנקע און מיך צו איך ניט איינלאַדן, וועט דאָס מיר בכלל ניט אַרן. איך קאָן זיין גאַנץ גליקלאַך מיט זיך אליין. מיט פרייהייט, בלומען, ביכער און דער לבנה ווער קאָן ניט זיין פולשטענדיק גליקלאַך? א חוץ דעם, הוליאַנקעס זיינען ניט פאַר מיר. איך האָב זיי צופיל געמאַכט, זיי זאָלן מיך אינטערעסירן. אָט דער טייל פון לעבן איז שוין פאַריבער פאַר מיר — צו מיין גליק, ווילט זיך מיר זאָגן.

נור אויב נאָכדעם ווען איך בין פריי, זאָל מיינער אַ פריינט האָבן אַן עגמת נפש און מיר ניט ווען דערלויבן זיך מיט אים צו טיילן, וועל איך דאָס פילן זייער ביטער. אויב ער וועט פאַר מיר פאַרשליסן די טויערן פון דאָס טרויער־הויז וועל איך ווידער און ווידער צוריקקומען און בעטן מען זאָל מיך אַריינלאָזן, כדי איך זאָל קאָנען נעמען אַ טייל אין דעם וואָס איך בין באַרעכטיקט צו נעמען אַ טייל. אויב ער האַלט מיך פאַר ניט ווירדיק, פאַר ניט פּאַסיק צו וויינען מיט אים, וועל איך דאָס באַטראַכטן ווי די שרעקלאַכסטע בזיונות וועלכע מ׳האָט מיר ווען עס איז געקאָנט אָנטאָן. נור דאָס קאָן

כלל ניט זיין. כ'האָב אַ רעכט אָנטייל צו נעמען אין צער, און דער וואָס קאָן אָנקוקן די ליבלאַכקייט פון דער וועלט און טיילן איר צער. און באַגרייפן עפּעס וואָס פון די וואונדער וואָס ליגט אין זייביידן. יענער שטייט אין נאָנטער באַרירונג מיט געטלאַכע זאַכן און איז גע־קומען אַזוי נאָענט צו גאָט'ס סוד׳ אויף וויפיל אימעצער איז דערצו אימשטאַנד.

אפשר דרינגט אויך אריין אין מיין קונסט, ניט ווייניקער ווי אין מיין לעבן אַ נאָך טיפערער טאָן, אַ טאָן פון גרעסערער איינהייט־ליכקייט פון די ליידנשאַפטן, און שטאַרקערער אוממיטלבאַרקייט. ניט ברייטקייט, נאָר פאַראינערלאַכונג איז דער אמת'ער שטרעבן פון דער מאָדערנער קונסט. מיר האָבן אין דער קונסט ניט מער צו טאָן מיטן טיפּ. מיר זיינען פאַרנומען מיט די אויסנאַמען. איך קאָן ניט ברייינגען מיינע ליידן אין אַ פאָרמע, אין וועלכער זיי זיינען פאַר־געקומען — דאָס פאַרשפּאָר איך צו זאָגן. די קונסט הייבט זיך אָן ערשט דאָ וואו די נאָכמאַכונג הערט אויף. נור עפּעס וואָס מוז דאָך אריינקומען אין מיין ווערק, אפשר פולערע ווערטער זכרונות, רייכערע מעלאָדיען, זעלטענערע ווירקונגען, איינפאַכערער אַרכיטעק־טאָנישער סטיל, על כל פנים עפּעס פון עסטעטישן ווערט.

בשעת מאַרסי איז געוואָרן „אַרויסגעצויגען פונם שייד פון זיינע גלידער" — della vagina della membra sue. — צו באַ־נוצן איינעם פון דאַנטע'ס אימה'דיקסטע טאַציטעאישע אויס־דרוקן — האָט ער ניט געהאַט מער קיין ליד, האָבן געזאָגט די גריכן. אַפּאָלאָ איז געוועזן זיגער. די לירע האָט גובר געווען דאָס פאַסטוך־פייפל. נור אפשר האָבן די גריכן געהאַט אַ טעות. איך הער אין אַ סך מאָדערנער קונסט דעם קול פון מאַרסיו. ער איז ביטער ביי באָדלערן, זיס און קלאָגעדיק ביי לאַמאַרטינען, פול מיט סודות ביי ווערלענען. ער איז אין די צוריקגעהאַלטענע אויפלע־זונגען פון שאָפּענ'ס מוזיק. ער איז אין דער אומצופרידנהייט וואָס שוועבט אויף באָירן־דזשאָנס'עס פרויען געשטאַלטן. אפילו מעטיו אַרנאָלד, וועמעס ליד „קאַליקלעס" דערציילט פון דעם „נצחון פון דער זיסער איינדרוקספולער לירע" און דעם „באַרימטן ענדלאַכן נצחון" אין אַזעלכע העלע טענער פון לירישער שיינקייט. אפילו ער האָט ניט ווייניק דערפון: אין דעם קומערפולן אונטער־טאָן פון ספקות און עגמת נפש וועלכע הערן זיך תמיד אַרויס פון זיינע פערזן. ניט געטע און אויך ניט וואָירדסוואָירט האָבן אים גע־

קאַנט עפּעס וואָס העלפֿן דערצו, כאָטש ער האָט זיי זיך ביידן אָפּוועקסלענדיק אָנגעשלאָסן, און בעת ער פֿאַרזוכט צו באַקלאָגן „טהירזים" אָדער ער זינגט פֿון „ציגיינער שטודענט", אַזוי מוז ער זיך נעמען צום פּאַסטוך־פּייפֿל, כּדי איבערצוגעבן זיין שטימונג. נור אויב דער וואָלדגאָט פֿון פֿריגיע איז יאָ אָדער ניט אַנטשוויגען געוואָרן, איך קאָן דאָס ניט. דאָס אויסדריקן זיך איז פֿאַר מיר אַזוי נויטיק אַזוי ווי בלעטער און בליאונג זיינען נויטיק פֿאַר די שוואַרצע צווייגען פֿון די ביימער וועלכע הייבן זיך אַרויס איבער די מויערן פֿון דער תּפֿיסה און זיינען אַזוי רולאָז אין דעם ווינט. צווישן מיין קונסט און די וועלט איז איצט פֿאַראַן אַ ברייטער אָפּגרונט, נור צווישן קונסט און מיר איז ניטאָ קיינער. ווייניקסטנס האָף איך, אַז עס איז ניטאָ.

יעדן איינעם פֿון אונז איז צוגעמאָסטן אַן אַנדער גורל. דיר: פֿרייהייט, פֿריילאַכקייט, נחת, תּענוגים; אויף מיין גורל איז אויסגעפֿאַלן עפּנטלאַכע זלזולים, לאַנגדויערנדיקער תּפֿיסה, עלנט, באַנקראָט, שאַנד. דאָך בין איך דאָס ניט ווערט — על כּל פּנים נאָך ניט אַצינד.

איך דערמאָן זיך, אַז איך בין געווען געוואוינט צו זאָגן, אַז איך דיינק איך קאָן איבערטראָגן אַ ווירקלאַכע טראַגעדיע אויב זי זאָל צו מיר קומען אין דעם פּורפּורמאַנטל און אין דער מאַסקע פֿון אַ נאָבעלן צער, נור די שרעקלאַכע זאַך וועגן דער מאָדערנעקייט איז, וואָס זי טוט אָן די טראַגעדיע אין די לבֿושים פֿון דער קאָמעדיע, אַזוי אַז די גרויסע ווירקלאַכקייטן זעען אויס אַלטעגלאַך, גראָטעסק, אָדער האָבן קיין שום סטיל. בנוגע דער מאָדערנעקייט איז דאָס גאַנץ ריכטיק. דאָס איז מסתּמא שטענדיק געווען ריכטיק בנוגע דאָס ווירקלאַך לעבן. מ'האָט באַהויפּטעט, אַז אַלע מאַרטירערייען זעען אויס געמיין פֿאַרן צוקוקער. דאָס ניינצעגנטע יאָרהונדערט איז ניט קיין אויסנאַם פֿון דער רעגל.

אַלצדינג וואָס איז נוגע מיין טראַגעדיע איז געווען מיאוס, געמיין, אָפּשטויסנדיק, אָן סטיל; שוין אונזער קליידונג אַליין מאַכט אונז אויסזען משונה'דיק. מיר זיינען די בדחנים פֿון ליידן. מיר זיינען פּאַיאַצן מיט געבראָכענע הערצער. מיר זיינען ספּעציעל באַשטימט צו ווירקן אויפֿן חוש פֿון לאַכן.

דעם דרייצענטן נאָוועמבער 1895, בין איך געוואָרן אַראָפּגעבראַכט אַהער פֿון לאָנדאָן. פֿון צוויי אַ זייגער ביז האַלב דריי אין דעם

זעלביקן טאָג האָב איך דעמאָלט געמוזט שטיין אויף דער צענטראַלער פּלאַטפאָרמע פון קלעפּהעם דזשאַנקשאָן אין אָרעסטאַנטסקע קליידער, און מיט קייטן אויף די הענט, אויסגעשטעלט פאַר די בליקן פון דער וועלט. איך בין געוואָרן אַרויסגענומען פון דער קראַנקן אָפּטיילונג ניט ווערנדיק פריער אַ רגע צוגעגרייט דערצו. אונטער אַלע מעגלאַכע צילברעטער בין איך געווען דער גראָטעסקעסטער. די לייט האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט ווען זיי האָבן מיך דערזען. יעדער נייער צוג וואָס איז אָנגעקומען האָט פאַרגרעסערט די צוקוקער. זייער שפּאַס האָט ניט געקענט קיין גרענעץ. דאָס איז געווען נאָטירלאַך, איידער זיי האָבן געוואוסט ווער איך בין געווען. נור אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך דאָס דערוואוסט, האָבן זיי נאָך מער געלאַכט. אַ האַלב שעה לאַנג בין איך דאָרט געשטאַנען אין דעם גרויען נאָוועמבער-רעגען אַרומגערינגעלט פון אַ אָפּלאַכנדיקן המון.

אַ גאַנץ יאָר נאָכדעם ווי דאָס האָט פּאַסירט, האָב איך געוויינט. יעטוועדן טאָג אין די זעלבע שטונדע און פאַר דער זעלבער גלייכער צייט. דאָס איז ניט אַזוי טראַגיש ווי דאָס קלינגט דיר וואַרשיינלאַך. ביי די וועלכע זיצען אין תפיסה זיינען טרערן אַ טייל פון זייערע טעגלאַכע איבערלעבענישן. אַ טאָג אין תפיסה אין וועלכן מען האָט נישט געוויינט איז אַ טאָג אין וועלכן אונזער האַרץ איז פאַרהאַרטעוועט, ניט אַ טאָג אין וועלכן אונזער האַרץ איז גליקלאַך.

נו, ערשט איצטער הייב איך אָן ווירקלאַך צו פילן מער באַדויערן פאַר די לייט וואָס האָבן פון מיר געלאַכט ווי פאַר מיר אַליין. בעת זיי האָבן מיך געזען בין איך אוודאי ניט געשטאַנען אויף מיין פּעדעסטאַל, איך בין געשטאַנען ביים שאַנדקלאָץ. נור בלויז אַזוינע נפשות וואָס האָבן ניט קיין ברעקל פאַנטאַזיע קימערן זיך בלויז פאַר לייט אויף זייער פּעדעסטאַל. אַ פּעדעסטאַל קאָן זיין עפּעס זייער ניט ווירקלאַכס. דער שאַנדקלאָץ איז אָן אימה'דיקע ווירקלאַכקייט. זיי האָבן געזאָלט בעסער וויסן ווי אַזוי אויסצוטייטשן דעם צער. איך האָב שוין געזאָגט, אַז הינטער דעם צער פאַרבאַהאַלט זיך שטענדיק נור דער צער. עס וואָלט געווען נאָך ריכטיקער צו זאָגן, אַז הינטער דעם צער פאַרבאַהאַלט זיך שטענדיק אַ נשמה. און צו פאַרשפּאָטן אַ נשמה אין איר פּיין איז עפּעס שרעקלאַכעס. דער וואָס טוט דאָס, יענעמס לעבן איז מיאוס. אין דער מערקווירדיק פּשוטער באַלעבאַטישקייט פון דער וועלט באַקומען די מענטשן נור מדה כנגד מדה; און צו אָט די וועלכע האָבן ניט גענוג פאַנטאַזיע דורכצוקוקן די בלויזע אוי־

סערלאַכקייטן פון די מעשים, און צו פילן מיטלייד, וואָס פאַר אַ מיט־לייד קאָן צו זיי ווערן געגעבן אַ חוץ דאָס פון דער פאַראַכטונג?

איך פאַרשרייב אַט דעם דין וחשבון, פון דעם אופן ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַריבערגעפירט אַהער אין אַט דער תפיסה, פשוט כדי אַז עס זאָל זיין פאַרשטענדלאַך ווי שווער עס איז פאַר מיר גע־ווען אַרויסצוטראָגן פון מיין שטראַף עפּעס אַנדערש אַ חוץ פאַר־ביטערונג און פאַרצווייפלונג. איך מוז, פון דעסטוועגן, דאָס טאָן, און צייטנווייז האָב איך מאָמענטן פון אונטערוואַרפיקייט און אונ־טערגעביקייט. דער גאַנצער פרילינג קאָן זיך באַהאַלטן אין דער איינ־צעלנער קנאָספּע, און דאָס נעסט פון דער לערכע אין די אַקערבייטן קאָן אַריינעמען די גרויסע פרייד וועלכע האָט אַמאָל געאיילט פאַר־אויס פאַרן אָנקומען פון וועלכע עס איז רויז־רויטע פרימאָרגנס. אַזוי איז אפשר יעדע שיינקייט, וועלכע דאָס לעבן האָט נאָך איבערגעלאָזן פאַר מיר, אַנטהאַלטן אין אַ מאָמענט פון הכנעה, שפלות און עניות. איך קאָן, אַלענפאַלס, נור גיין ווייטער אין די וועגן פון מיין איי־גענער אַנטוויקלונג און דורכדעם וואָס איך בין מקבל באַהבה אַלץ וואָס האָט מיר געטראָפן, מאַך איך זיך אַליין ווירדיק דערצו.

מען פלעגט מיר נאָכזאָגן, אַז איך בין צופיל אינדיווידואַליס־טיש. איך מוז נאָך ווערן אַ פיל גרעסערער אינדיווידואַליסט ווי איך בין ווען עס איז געווען. כ'מוז נאָך פיל מער אַרויסקריגן פון זיך אַליין וויפיל איך האָב ווען אַמאָל געטאָן, און פאַרלאַנגען ווייניקער פון דער וועלט ווי איך האָב ווען עס איז פאַרלאַנגט. כלעבן, מיין חורבן איז ניט געקומען פון אַ צו גרויסן אינדיווידואַליזם אינם לעבן, נאָר פון אַ צו קליינעם. די איינציקע שענדלאַכע, ניט פאַרציילאַכע, און פאַר אַלע צייטן פאַראַכטלאַכע האַנדלונג פון מיין לעבן איז באַ־שטאַנען אין דעם וואָס איך האָב זיך דערלויבט צו אַפּעלירן צו דער געזעלשאַפט פאַר הילף און שוץ. פון אינדיווידואַליסטישן שטאַנד־פונקט וואָלט שוין אויך גענוג שלעכט געווען צו האָבן גע־מאַכט אַזאַ סאָרט אַפּיל; נור וואָס פאַר אַן אַנטשולדיקונג קאָן דאָ טאָקע ווען עס איז ווערן אַרויסגעשטעלט למאַי איך האָב דאָס גע־טאָן? עס פאַרשטייט זיך ממילא, אַז אַזוי גיך ווי איך האָב נאָר איינמאָל געבראַכט אין באַוועגונג די כחות פון דער געזעלשאַפט, האָט זיך די געזעלשאַפט געווענדט אַנטקעגן מיר און אַזוי געזאָגט: „די גאַנצע צייט האָסטו געלעבט אויף צו להכעיס פון מיינע געזעצן, און איצט רופסטו אָט די געזעצן צו דיין שוץ? דו זאָלסט קריגן אָט די

געזעצן אַנגעווענדט מיט אַלע פּרטים און דקדוקים. דו זאָלסט אויך טראָגן די אחריות דערפאַר וואָס דו האָסט אפּעלירט". דער רעזולטאַט איז, אַז איך בין אין תפיסה. און איך האָב אינם פאַרלויף פון מיינע דריי פּראָצעסן געפילט ביטער די איראָניע און די חרפּה פון מיין שטעלונג.

זיכערלאַך איז קיין איין מענטש קיין מאָל ניט געפאַלן אַזוי מיאוס און דורך אַזעלכע מיאוסע געציַיג, ווי איך בין געפאַלן. אין איין שטעל פון מיין „דאָריאַן גריי" שטייט געשריבן: „אַ מענטש קאָן ניט זיין גענוג פאָרזיכטיק אין דער אויסוואַל פון זיינע שונאים". עס האָט זיך מיר דאָס קיינמאָל ניט געחלומט, אַז איך זאָל דורך אַ פּאַריאַ אַליין אַרונטערזינקען צום פּאַריאַ, דעריבער פאַראַכט איך זיך אַזוי.

דער פיליסטערהאַפטער עלעמענט אינם לעבן באַשטייט ניט אין דער אומפייעאיקייט צו באַגרייפן די קונסט באַחנ'טע מענטשן, ווי כדומה למשל פישער, פּאַסטוכער, אַקערער, פויערים און דערגלייכן, וויסן גאָרניט מכח דער קונסט און זיינען דאָך די סאַמע זאַלץ פון דער ערד. דער עכטער פיליסטער איז אָט דער וועלכער האַלט אונטער און שטיצט די שווערפעליקע, לעסטיקע, בלינדע מעכאַנישע כחות פון דער געזעלשאַפט, און דער וועלכער אַנערקענט ניט די טרייבנ־דיקע קראַפט בעת ער טרעפט איר אין אַ מענטשן אָדער אין אַ באַ־וועגונג.

מען האָט מיר שרעקלאַך באַרעדט, נאָכסאָל איך האָב איינגע־לאַדן צו מיין טיש די פּסולת פונם לעבן און געפונען פאַרגניגען אין זייער חברותא. דאָך, פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויס דורך וועלכן איך אַלס קינסטלער אינם לעבן, האָב זיך צו זיי דערנענטערט, זיינען זיי געווען הערלאַך אַנרעגנדיק און סטימולירנדיק. דאָס איז געווען. פונקט אַזוי ווי מען זאָל זיך באַלעווען מיט לעמפּערטן. די סכנה איז געווען אַ העלפט פון דער אויפרעגונג.

איך בין מיר פאָרגעקומען ווי דער שלאַנגען באַשווערער, ווען ער פאַרנאַרט די קאָברא, זי זאָל זיך אויפהויבן פון דער קאָלירטער טוך אָדער פונם ראָר־קאָרב, און לאָזט זי אויף זיין באַפעל פאַנאַנ־דערנעמען איר שילד און אויסשפּרייטן און זיך באַוועגען אַהין און אַהער אין דער לופט, אַקוראַט ווי אַ פלאַנץ באַוועגט זיך רואיק אין דעם שטראָם. זיי זיינען געווען אין מיינע אויגן די לויכטענדיקסטע פון אַלע באַגילטע שלאַנגען. און זייער גיפט איז געווען אַ טייל פון זייער פולקומענהייט. איך האָב ניט געוואוסט, אַז זיי וועלן מאַכן

אַז אַטאַקע אויף מיר, נאָך אַז אַנדערנס פייפל און פאַר געצאָלט. איך שעם זיך ניט, בשום אופן, זיי צו האָבן געקענט. זיי זיינען געווען העכסט אינטערעסאַנט. נור מיט וואָס איך שעם זיך יאָ, דאָס איז געווען די שרעקלאַך פיליסטערהאַפטע אַטמאָספערע, אין וועלכער איך בין געוואָרן אַריינגעשלעפּט.

מיין באַשעפטיקונג ווי אַ קינסטלער איז געווען מיט אַריעל. נור איך האָב זיך פאַרנומען צו ראַנגלען זיך מיט קאַליבאַנען. אַנ־שטאַט צו שרייבן פּראַכטפול פאַרביקע, מוזיקאַלישע ווערק ווי „טאַ־לאַמע", „די פלאָרענטישע טראַגעדיע" און „לאַ סענט קורטי־זאַן", האָב איך זיך געצוואונגען, צו שרייבן לאַנגע אַדוואָקאַטן־בריוו, און זיך געזען געניטיקט, זיך צו שטעלן אונטער דעם שוץ פון גראָד אַט די זאַכן אַנטקעגן וועלכע איך האָב זיך תמיד געווערט. קליבאָרן און עטקינס זיינען געווען וואונדערבאַר אין זייער נידער־טרעכטיקער מלחמה אַנטקעגען דאָס לעבן. זיי צו האָבן פאַר געסט איז געווען אַ דערשטוינלאַכע געוואַגטקייט. דיומאַ, צעליני, גאָיאַ, ערגאַר עלען פאָ, באָדלער וואָלטן געהאַט געטאָן דאָס זעלבע.

עקלהאַפט איז מיר די ערינערונג אָן די ענדלאָזע וויזיטן וואָס איך האָב געמאַכט ביים אַדוואָקאַט הומפּרים. אינם שרעקלאַך בלענדענדיקן ליכט פון אַ פוסטן צימער בין איך געזעסן מיט אַן ערנסטן פנים און דערציילט ערנסטע ליגנס צו אַ פליכע־וואַטן מאַן, ביז איך האָב ווירקלאַך געקרעכצט און געגענעצט פאַר לאַנגווייליקייט. דאָ איז דאָס געווען, וואו איך האָב זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון פלשתים, דערווייטערט פון אַלץ וואָס איז געווען שיין, גלענצנדיק, וואונדערבאַר אָדער מוטיק. איך בין אויפגעטראַטן ווי אַ פאַרקעמפער פון ערבאַרקייט און אויפ־פירונג פון פּיוריטאַניזם אינם לעבן, און פון מאָראַל אין קונסט. Voila ou menent les mauvais chemins.*

און משונה'דיק איז פאַר מיר, וואָס דו האָסט פּרובירט נאָכ־מאַכן דיין טאַטן אין זיינע הויפּוועזנטלאַכע פאָרמען. איך קאָן ניט באַגרייפן, וואָרום ער איז פאַר דיר געוואָרן אַ מוסטער, וואו ער האָט געזאָלט זיין אַן אָפּשרעקנדיקער ביישפּיל; סיידן אַז אומעטום, וואו עס הערשט שנאה צווישן צוויי מענטשן, איז דאָס אַ בונט, אָדער אַ ברידערשאַפט פון וועלכער עס איז אַרט. מחמת

*) דאָס איז וואוהין עס פירן שלעכטע וועגן.

דעם זעלטענעם געזעץ פון אנטיפאַטיע פון די ענלאַכע האָט איר זיך איינע די אַנדערע גוט פאַראַכטעט, ניט ווייל איר זייט געווען אין אַזוי פיל פונקטן פאַרשידן, נאָר ווייל איר זייט אין עטלאַכע געווען אַזוי ענלאַך.

אין יוני 1893, ווען דו האָסט פאַרלאָזן אָקספאָרד, אָן אַקאַדעמישן טיטל און מיט שולדן, ניט אַזאַ גרויסע סומע, דאָך אַ סך פאַר אַ מאַן פון דיין טאַטנס הכנסה, האָט ער דיר געשריבן אַ זייער געמיינעם, גראָבן, באַליידיקנדיקן בריוו. דער בריוו, וועלכן דו האָסט געשיקט ווי אַן ענטפער אויף דעם, איז געווען אין יעדער באַציאונג ערגער און נאַטירלאַך ווייט־ווייניקער צו אַנטשולדיקן, און דערפאַר ביזטו געווען אויסערסט שטאָלץ אויף אים. איך דערמאָן זיך נאָך גאַנץ גוט, דו האָסט צו מיר געזאָגט מיט דיינע טונקלהאַפטעסטע תנועות, אַז דו קאָנסט שלאָגן דיין טאַטן „אין זיין אייגענער קונסט". גאַנץ ריכטיק. דאָך, וואָס פאַר אַ קונסט ? וואָס פאַר אַ וועט־קונסט ! דו פלעגסט אפלאַכן און אָפשפּאָטן פון דעם טאַטן, ווייל ער האָט זיך דערוויטערט פון דיין קוזינס הויז, וואו ער האָט געוואוינט, כדי אים צו שרייבן שמוצבריוו פון אַ שכנישן האָטעל. דו פלעגסט עס מיט מיר אויך אַזוי פירן. דו האָסט תמיד געגעסן מיט מיר מיטאָג אין אַן עפנטלאַכן רעסטאָראַן, פלעגסט ווערן ברוגז אָדער אויפפירן ביים עסן אַ סצענע, זיך דאַן צוריקציען אין וויט'ס קלוב און מיר שרייבן איינעם פון דיינע הינטישגעמיינע בריוו. דער איינציקער אונטערשייד צווישן דיר און דיין טאַטן איז געווען דער, וואָס דו פלעגסט, עטלאַכע שטונדן שפּעטער ווי דו האָסט אָוועקגעשיקט דיין בריוו צו מיר דורך אַן איילנדיקן שליח, קומען צו מיר אין וואוינונג, ניט כדי זיך צו אַנטשולדיקן, נאָר כדי אויסצוגעפינען, אויב איך האָב שוין באַשטעלט דאָס אוונטעסן אין סאַוואָי, און אויב ניט, פאַרוואָס ניט. אַמאָל ביזטו געקומען פּאַקטיש, נאָר איידער דיין באַליידיקנדיקע בריוו איז געווען געלייענט.

איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל: דו האָסט מיר געבעטן איינצולאַדן צום לאַנטש אין קאַפע ראָיאַל צוויי פון דיינע פריינט, פון וועלכע איך האָב איינעם קיינמאָל אין לעבן ניט געזען. איך האָב דאָס געטאָן און באַשטעלט אויף דיין באַזונדערן וואונטש אַ באַזונדערס רייכן מאָלצייט. דער קיך־שעף — איך

זע אים נאָך — איז געוואָרן גערופן און געקראָגן איינצעלנע געניע אָנווייזונגען פאַר די וויינען. נאָר אַנשטאָט צו קומען צום עסן, האָסטו מיר געשיקט אינם קאַפע אַ זידלבריוו, וועלכער איז געווען אַזוי אויסגערעכנט נאָך דער צייט, אַז ער איז מיר אָנגעקומען נאָכדעם ווי מיר האָבן געוואַרט אויף דיר אַ האַלבע שעה. איך האָב דורכגעלייענט די ערשטע שורה און שוין אַלץ פאַרשטאַנען, האָב איך אַריינגעלייגט דעם בריוו אין קעשענע און דערקלערט דיינע פריינט, אַז דו ביזט פּלוצלונג קראַנק געוואָרן ; דער איבעריקער טייל פון בריוו פאַרנעמט זיך מיט די קראַנקהייט־דערשיינונגען. פאַקטיש האָב איך ערשט געלייענט דעם בריוו, ווען איך האָב זיך איבערגעטאָן אין טאָיט־סטריט אין אָוונט צום עסן. איך האָב געהאַלטן אין מיטן פון זיין זומפּ, פול מיט אומענדלאַכן טרויער, ווי אַזוי דו קאָנסט שרייבן אַזוינע בריוו, וועלכע זיינען באמת געווען גלייך צום שוים און שפּייעכץ אויף די ליפּן פון אַן עפּילעפּטיקער. דאָ איז מיר געוואָרן געמאָלדן, אַז דו ביזט אונטן און ווילסט מיט מיר ריידן פינף מינוט. איך האָב דיך געלאָזן גלייך אַרויפברייגנען. דו האָסט אויסגעזען, איך גיב דאָס צו, פאַרלאָרן און בלייך, האָסט מיך געוואָלט בעטן איך זאָל דיר געבן אַן עצה און הילף, אַזוי ווי דו האָסט זיך דערוואוסט, אַז עמיץ פון דעם ביוראָ פון אַדוואָקאַט לומלי האָט זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט אין קאַדאָגען פּליים. און דו ביזט געווען אין שרעק, אַז דיין אַקספאָרדער אומאָנגענעמלאַכקייט אָדער אַ נייע געפאַר שטייגט אַרויף סטראַשנדיק. איך האָב דיך געטרייסט, געזאָגט דיר, ווי עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעשטעלט, וואָרשיינלאָך איז דאָס נור די רעכענונג פון אַ געעשעפטסמאַן, געלאָזט דיך בלייבן צום עסן און פאַרברייגען ביי מיר דעם אָוונט. דו האָסט ניט דערמאָנט מיט קיין וואָרט דיין שרעקלאַכן בריוו ; איך אויך ניט. איך האָב אים איינפאַך באַהאַנדלט ווי אַן אומגליקלאַכן סימפּטאָם פון אַן אומגליקלאַכן טעמפּעראַמענט. דער קעגנשטאַנד איז ניט געוואָרן באַרירט. מיר צו שרייבן אַן עקלהאַפטן בריוו אום האַלב דריי און אום אַ פערטל צו אַכט פון דעם זעלבן נאָכמיטאָג אַריינצולויפן צו מיר זוכן הילף און מיטגעפיל, איז געווען אַ גאַנץ געוויינלאַכע געשעהניש אין דיין לעבן. דו האָסט נאָך ווייט אַריבערגעשטיגן **דיין טאַטן אין אַזעלכע געוואוינהייטן, ווי אויך אין אַנדערע.**

ווען זיינע סקאנדאליעזע בריוו צו דיר זיינען געווארן פאר־געלייענט פארן געריכט, האט ער זיך נאטירלאך געשעמט און זיך געמאכט, ווי ער וויינט. וואלטן דיינע בריוו צו אים געווארן פארגעלייענט פון זיין אדוואקאט, וואלט יעדער מענטש געפילט נאך מער דערשטוינען און עקל. און ניט בלויז סטילים־טיש האסטו אים געשלאגן „אין זיין אייגענער קונסט“, נאר אין דעם אופן אנצוגרייפן האסטו אים געלאזן ווייט הינטער דיר. דו האסט זיך באדינט מיט דעם עפנטלאכן טעלעגראם און מיט דער אפענער פאסטקארט. איך מיין, דו האסט גע־דארפט איבערלאזן אזוינע פארמען פון פייניקן צו לייט ווי אל־פרעד וואוד, וועמעס איינציקער קוואל פון הכנסה דאס איז. ניט אזוי? וואס פאר אים און זיין שטאנד איז געווען א פראפעסיע, איז פאר דיר געווען א פרייד — א זייער שלעכ־טע. דו האסט אויך קיינמאל ניט אויפגעגעבן דיין שוידערהאפטע געוואוינהייט, צו שרייבן באליידיקנדיקע בריוו, נאך דעם אלעם, וואס מיר האט דורך זיי און צוליב זיי פאסירט. דו זעסט נאך אלץ אין דעם ביי דיר א טאלענט און ווענדסט עס אן קעגן מיינע פריינט אדער קעגן די, וועלכע זיינען געווען גוט צו מיר אין תפיסה, ווי ראבערט שעראַרד און אנדערע. דאס איז שענדלאך פון דיר.

בעת ראבערט שעראַרד האט זיך פון מיר דערוואוסט, אז איך וויל ניט דו זאלסט איבער מיר פארעפנטלאכן אן ארטיקל אין „מערקור דע פראנס“, מיט בריוו אדער אן בריוו, האסטו אים געזאלט דאנקען, וואס ער האט איבערגעגעבן מיינע וואונטשן און אט דער זאך און דיך פארהיט פון פארשאפן מיר נאך מער יסורים, ווי דו האסט שוין דאס געהאט געטאן. דו מוזט דאך בא־דיינקען, אז א פאטראניזירנדיקער פיליסטעריעזער בריוו איבער „גערעכטע באהאנדלונג“ פאר „א מאן, וואס ליגט אויף דער ערד“, איז גאנץ שיין און גוט פאר אן ענגלישע צייטונג. ער זעצט פאר די טראדיציעס פון דער ענגלישער פרעסע בנוגע איר האלטונג אנטקעגן קינסטלער. נור אין פראנקרייך וואלט אזא טאן געבראכט מיר לעכערלאכקייט און דיר פאראכטונג. איך האב געקאנט ערשט דעמאלט דערלויבן אן ארטיקל, ווען איך וואלט געקענט זיין צוועק, זיין אינהאלט, דער אופן ווי ער ווערט אויפגעפאסט, און דערגלייכן. אין דער קונסט האבן גוטע כוונות

קיין שום ווערט ניט. יעדע שלעכטע קונסט איז דער רעזולטאַט פון גוטע כוונות.

ראָבערט שעראַרד איז אויך ניט דער איינציקער פריינט פון מיר, צו וועלכן דו האָסט געשיקט בייסנדיקע און ביטערע בריוו. ווייל מען האָט גערעכט, אַז מיינע וואונטשן און געפילן זאָלן ווערן באַריקזיכטיקט, אין אָנגעלעגנהייטן וואָס באַטרעפן מיר, ווי די ווידמונג פון דיינע לידער, די צוריקגעבונג פון מיינע בריוו און מתנות און דערגלייכן. דו האָסט אויך אַנדערע באַ־לעסטיקט אָדער געזוכט צו באַלעסטיקן.

פאַלט דיר ווען איין, אין וואָס פאַר אַן אימה'דיקער לאַגע איך וואָלט זיך געפונען די לעצטע צוויי יאָר. אינם משך פון מיין שוידערלאַכער שטראָפצייט, ווען איך וואָלט געווען אָנגעוויזן אויף דיר אַלס פריינט ? טראַכטסטו ווען דערפון ? פילסטו ווען אַ וועלכע עס איז דאַנקבאַרקייט צו יענע, וועלכע האָבן מיך דער־לייכטערט מיין שווערע לאַסט דורך גוטסקייט אָן אַ מאָס, איבער־געבנקייט אָן אַ גרענעץ, הייטערקייט און פרייד אין שיינקן. האָבן מיך ווידער און ווידער באַזוכט, האָבן מיר געשריבן שיי־נע, טיילנעמענדיקע בריוו, האָבן באַזאָרגט פאַר מיך מיינע אָנ־געלעגנהייטן, איינגעאָרדנט מיין צוקינפטיקן לעבן, און געשטאַ־נען ביי מיר צום טראָץ פון דער פאַרלוימדונג, חוזק און אָפע־נער שפּאָט, אָדער אפילו באַליידיקונגען ? איך דאַנק גאָט, יעדן טאָג וואָס ער האָט מיר געגעבן אַנדערע פריינט ווי דיר. איך פאַרדאַנק זיי אַלצדינג. אפילו די ביכער אין מיין צעל זיי־נען באַצאָלט פון ראָבי'ס טאַשנגעלט ; פון דעם זעלבן קוואַל וועלן קומען קליידער, ווען איך וועל ווערן פריי. איך שעם זיך ניט צו נעמען אַ זאַך וואָס ווערט געשיינקט מיט ליבע און האַרציקייט ; איך בין שטאָלץ אויף דעם. נור האָסטו ווען גע־טראַכט, וואָס פריינט, אַזעלכע ווי מאָר עדי, ראָבי, ראָ־בערט שעראַרד, פריינק העריס, אַרטור קליפטאָן, זיינען גע־ווען צו מיר, דורך זייער געבן מיר הילף, ליבע, סימפּאַטיע און דערגלייכן ? דאָס איז דיר וואויל קיינמאָל ניט איינגעפאַלן. און דאָך, — ווען דו וואָלסט געהאַט אין זיך אַ פונק פון איינ־בילדונגסקראַפט — וואָלסטו געוואוסט, אַז עס איז ניטאָ קיין איין מענטש, וואָס איז ניט געווען גוט צו מיר אין מיין תפיסה־לעבן, ביז אַרונטער צום וועכטער, וואָס האָט מיר געזאָגט „גוט־

מאַרגן" און „אַ גוטע נאַכט" (קיינע פון זיינע פאַרגעשריבענע פּליכטן), ביז אַרונטער צו די פּראָסטע פּאָליציסטן, וועלכע האָבן מיך געזוכט צו טרייסטן אויף זייער פּשוטן, גראָבן שטייגער, בעת איך בין געפאָרן היין און צוריק פון דעם באַנקראָט־געריכט אונטער צושטאַנדן פון שרעקלאַכע גייסטיקע ליידן — ביז אַרונטער צום אָרימען גנב, וועלכער האָט מיך דערקענט ווען מיר האָבן שפּאַצירט רונד־אַרום אין תפיסה־הויף פון וואַנדסוואָירט, האָט ער צו מיר געשעפּטשעט אין דער הייזעריקער תפיסה־שטים, וועלכע מענטשן קריגן פון לאַנגן און געצוואונגענעם שווייגן: „עס טוט מיר לייד פאַר אייך; פאַר אייער גלייכן איז דאָס האַרטער ווי פאַר אונזער גלייכן" — ניטאָ איינער פון די אַלע, זאָג איך, פאַר וועלכן זיך צו לייגן אויף די קני און אים ווישן די שטויב פון די פיס דו זאָלסט ניט זיין צו שטאָלץ.

האָסטו גענוג פאַנטאַזיע צו זען, וואָס פאַר אַ מורא'דיקע טראַגעדיע עס איז געווען פאַר מיר, צו האָבן געלאָפן דיין פאַמיליע אין וועג? וואָס פאַר אַ טראַגעדיע דאָס איז געווען פאַר יעדן, וועלכער האָט צו פאַרלירן גרויס שטעלונג, אַ גרויסן נאָמען, עפּעס וואָס פון באַדייטונג? אונטער די עלטערע פון דיינע פאַמיליענגעהעריקע איז קוים דאָ איינער — מיט דעם אויסנאַם פון פּערסין, וועלכער איז ווירקלאַך אַ גוטער יונג — וועלכער האָט ניט אין געוויסער באַציאונג ביינעטראָגן צו מיין אונטערגאַנג.

איך האָב ניט אָן ביטערקייט צו דיר גערעדט פון דיין מאַמען, און איך ראַט דיר דרינגענדיק, זען, זי זאָל לייענען אָט דעם בריוו. הויפּטזעכלאַך אין דיין אייגענעם אינטערעס. ווען דאָס איז פאַר איר שמערצלאַך, צו לייענען אַזאַ אָנקלאַגע קעגן איינעם פון אירע זין, טאָ זאָל זי באַדיינקען, אַז מיין מאַמע, וועלכע שטייט אויף איין שטופע גייסטיק מיט עליזאַבעט ב. ברוינינג און היסטאָריש מיט מאַדאַם ראָלאַן, איז געשטאָרבן פון אַ געבראָכן האַרץ, ווייל דער זון, אויף וועמעס באַגאַבונג און קונסט, זי איז געווען שטאָלץ און אין וועלכן זי האָט אַלע מאָל געזען דעם ווירדיקן פאָרטזעצער פון אַ לויבטיקן נאָמען, איז געוואָרן פאַראורטיילט צו צוויי יאָריקער טורעמ־מיל.

דו וועסט מיך פרעגן, אָף וועלכן אופן האָט דיין מאַמע

ביינעטראָגן צו מיין פאַרדאַרבן. איך וויל דיר דאָס זאָגן. פונקט אַזוי, ווי דו ביזט געווען באַשטראָפט אַרויפצואוואַרפן אויף מיר אַלע דיינע מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלאַכקייטן, איז דאָס געווען דיין מאַמע, וועלכע האָט מיר צוגעשריבן אַלע אירע מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלאַכקייטן בנוגע דיר. אַנשטאָט פריי און אָפן מיט דיר צו ריידן איבער דיין לעבן, ווי דאָס איז געווען די פליכט פון אַ מוטער, האָט זי שטענדיק מיר געשריבן פריוואַט מיט ערנסטע, פּורכטלאָזע בקשות, דיר ניט צו לאָזן וויסן, אַז זי שרייבט מיר.

דו זעסט אין וועלכע שטעלונג איך בין געוואָרן געדרוקט צווישן דיך און דיין מאַמען. זי איז געווען אַזוי פאַלש, נאַריש און טראַגיש ווי די, אין וועלכע איך בין אַריינגעפאַלן צווישן דיר און דיין טאַטן. אין אויגוסט 1892 און אין דעם 8טן נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר האָב איך געהאַט צוויי לאַנגע אונטעררייידונגען מיט דיין מאַמען איבער דיר. ביידע מאָל האָב איך איר געפרעגט, וואָרום זי רעדט ניט דירעקט מיט דיר. ביידע מאָל האָט זי מיר געגעבן דעמזעלבן ענטפער: „איך האָב אַנגסט; ער ווערט אַזוי אין כעס, ווען מען רעדט מיט אים". דאָס ערשטע מאָל האָב איך דיך געקאָנט אַזוי ווייניק, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. דאָס צווייטע מאָל האָב איך דיך שוין געקאָנט אַזוי גוט, אַז איך האָב דאָס דורכאוים פאַרשטאַנען. (אין דער צווישנצייט האָסטו געהאַט אַן אָנפאַל פון געלזוכט, האָסטו געזאָלט אויף דער פאַראָרדנונג פונם דאָקטאָר גיין אויף אַ וואָך נאָך בוירנמאַט און האָסט מיך איינגערעדט מיטצוקומען, ווייל דו האָסט געהאַסט דאָס זיין אַליין). נאָר די ערשטע פליכט פון אַ מוטער איז: ניט צו האָבן קיין אַנגסט, צו ריידן ערנסט מיט איר זון. וואָלט דיין מוטער גערעדט מיט דיר ערנסט איבער די אומאַנגענעמלאַכקייטן, אין וועלכע זי האָט דיך געזען אינם יאָר 1892, און דיך באַוועגן, זיך איר אַנצופאַרטרויען, וואָלט עס סוף כל סוף געווען פיל בעסער און געזינטער פאַר אייך ביידן. אָט די אַלע באַהאַלטענע, געהיימע מיטטיילונגען צו מיר זיינען געווען ניט ריכטיק. וואָס האָט דאָס געהאַט פאַר אַ צוועק, וואָס דיין מאַמע האָט מיר געשיקט צאָללאָזע בריוולאַך, וועלכע קאָנווערטן זיינען געווען באַצייכנט „פריוואַט", מיט דער

בקשה, דיך ניט איינצולאדן אזוי אפט צום עסן און דיר ניט צו געבן קיין געלט. דערביי האט זיך יעדער בריוו געענדיקט מיט אן ערנסטער נאכשריפט : „לאזט אויף קיין פאל אלפרעדן ניט וויסן, אז איך האב צו אייך געשריבן". וואס פאר א גוטס קאן ארויסקומען פון אזא קארעספאנדענץ ? האסטו ווען אויף דעם געווארט, צו ווערן איינגעלאדן צום עסן ? ניין, דו האסט אנגענומען אלע מאלצייטן מיט מיר אזוי ווי עפעס זעלבסטפארשטענדלאכעס. ווען איך האב קעגן דעם עפעס איינגעווענדעט, האסטו געהאט שטענדיק א באמערקונג : „ווען איך עס ניט מיט דיר, וואו זאל איך דען עסן ? דו גלויבסט דאך ניט, אז איך וועל עסן אין דערהיים ?". אויף דעם איז ניט געווען וואס צו ענטפערן. און ווען איך האב דיר אונטער קיינע אומשטענדן ניט געוואלט לאזן עסן מיט מיר, האסטו שטענדיק געסטראשעט, צו באגיין א נארישקייט, און האסט דאס אויך געטאן.

וואס פאר א מעגלאכן רעזולטאט האבן געקאנט האבן בריוו, ווי דיין מאמע האט מיר געשיקט, א חוץ דעם, וואס איז געקומען : א נאריש, פאטאליש ארויפווארפן די מאראלישע פאראנטווארטלאכקייט אויף מיינע פלייצעם ! פון די פילפאכע איינצעלהייטן, אין וועלכער די שוואכקייט פון דיין מאמען און איר מאנגל אין מוט האט זיך ארויסגעוויזן אזוי פארדארבלאך פאר איר, דיר און מיר, וועל איך ניט מער ריידן ; אבער ווארהאפטיק, ווען זי האט געהערט, אז דיין טאטע איז אריינגעדרונגען אין מיין הויז, כדי צו מאכן א מיאוסע סצענע און ארויסרופן אן עפנטלאכן סקאנדאל, האט זי געקאנט זען, אז עס שטייט פאר א שווערער קריזיס, און געדארפט אננעמען שריט, צו זוכן אים אויסצומיידן. דאך איז איר עפעס בעסערס ניט איינגעפאלן, ווי צו שיקן צו מיר דעם געשייטן דזשארדזש וויינדהעם מיט זיין גלאטן צונג ; זיין פארשלאג איז געווען — וואס ? איך זאל דיך ביסלאכוויז „לאזן ליגן לינקס". אזוי ווי ווען עס וואלט פאר מיר געוועזן א מעגלאבקייט דיך „ביסלאכוויז" צו לאזן ליגן לינקס ! איך האב געהאט פרובירט אויף יעדן מעגלאכן אופן, צו ענדיקן אונזער פריינטשאפט, בין געווען אזוי ווייט געגאנגען, צו פארלאזן פאקטיש ענגלאנד און אנצוגעבן א פאלשן אדרעס אין אויסלאנד אין דער האפנונג מיט איין קלאפ צו צערייסן דעם באנד, וואס מיר איז געווארן לעסטיק,

פֿאַרהאַסט און פֿאַרדאַרבלאַד. גלויבסטו, איך בין געווען איינ־שטאַנד דיך „בּיסלאַכוויז“ צו לאָזן ליגן לינקס ? גלויבסטו, אַז דערמיט וואָלט דיין טאַטע זיך באַנוגנט ? דו האָסט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט געווען דער פֿאַל. וואָס דיין טאַטע האָט געוואָלט, איז ניט געווען דער אָפּברוך פֿון אונזער פֿריינטשאַפֿט, נאָך אַן עפֿנטלאַכן סקאַנדאַל. זיין נאָמען איז יאָרנלאַנג ניט געשטאַנען אין די צייטונגען. ער האָט געזען די געלעגנהייט צו דערשיינען פֿאַרן בריטישן עולם אין אַ גאַנץ נייער ראָל: אין דער פֿונם ליבנדיקן פֿאָטער. זיין הומאָר איז געווען אָנגערייצט. וואָלט איך אָבער געהאַט אָפּגעבראָכן מיין פֿריינטשאַפֿט מיט דיר, וואָלט דאָס פֿאַר אים געווען אַ שרעקלאַכע אַנטוישונג, און דאָס ביסל שטאָטגערייד פֿון אַ צווייטן גט, ווי סקאַנדאַליעז דאָס איז אויך געווען אין זיינע איינצלהייטן און זיין אורזאַך, וואָלט אים געשיינקט בלויז שוואַכן טרייסט. וואָרים זיין ציל איז געווען: פּאָפּולאַריטעט און זיך אַרויסשטעלן, אַזוי צו זאָגן, פֿאַר אַ פֿאַרקעמפֿער פֿון פּיוריטאַניזם — אינם קעגנוואַרטיקן צושטאַנד פֿונם בריטישן עולם דער זיכערסטער אופֿן, צו ווערן פֿאַר דעם מאָמענט אַ העראָישע געשטאַלט. פֿון אָט דעם עולם האָב איך געזאָגט אין איינע פֿון מיינע פּיעסן, ער איז אין איין האַלב־יאָר קאַליבאַן, אין דעם צווייטן טאַרטיף; און דיין טאַטע, אין וועלכן ביידע כאַראַקטערן, ווי מען דאַרף וואָרילזאָגן, האָבן געפֿונען זייער פֿאַרקערפּערונג, איז געווען דערמיט געשטעמפּלט ווי דער איינגנטלאַכער פֿאַרטרעטער פֿון פּיוריטאַניזם אין זיין אַגרעסיווער און כאַראַקטעריסטישער פֿאָרם. דיך ביסלאַכוויז צו לאָזן ליגן לינקס וואָלט ניט געניצט, אַפֿילו ווען דאָס וואָלט געווען אויספֿירבאַר. פֿילסטו איצט ניט, אַז דאָס איינציקע וואָס דיין מוטער האָט געזאָלט טאָן, איז געווען: דיך צו בעטן, צו קומען צו איר, דערביי צו האָבן מיך און דיין ברודער און דערקלערן באַשטימט, אַז די פֿריינטשאַפֿט מוז אויפֿהערן אומבאַדינגט. זי וואָלט אין מיר געפֿונען איר וואַרמסטן מליץ־יושר און ניט געדאַרפֿט האָבן קיין פּחד מיט דיר צו ריידן, ווען דראַמלענריג און איך זיינען געווען דערביי.

זי האָט דאָס ניט געטאָן. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר דער פֿאַראַנטוואָרטלאַכקייט און געזוכט איר אַרויפֿצוואַרפֿן אויף מיר. א י י ן בריוו האָט זי יאָ צו מיר געשריבן. ער איז

געוועז קורץ און האָט אויסגערריקט דעם פאַרלאַנג, אַז דעם אַדוואָקאַט׳ס צושריפט צו דיין טאַטן מיט דער אויפפאָדערונג, אויסצולאָזן ווייטערס, ניט אָפּצושיקן. זי איז געווען גאַנץ גערעכט. עס איז געווען לעבערלאַך פון מיר צו פרעגן עצות ביי אַדוואָקאַטן און זוכן ביי זיי הילף. דאָך האָט זי געמאַכט צו גאָרנישט, יעדע ווירקונג וואָס איר בריוו האָט געקאָנט האָבן, דורך איר פּאָסטסקריפּטום: „לאָזט אַלפּרעדן בשום אופן ניט וויסן, אַז איך האָב צו אייך געשריבן". דו ביזט געווען באַרוישט פון דעם געדאַנק, וואָס איך האָב געשיקט אַדוואָקאַטנ־בריוו צו דיין טאַטן ווי אויך צו דיר. דאָס איז געשען לויט דיין אויפהעצונג. איך האָב דיר ניט געקאָנט זאָגן, אַז דיין מאַמע איז געווען שטאַרק קעגן, ווייל זי האָט מיך געהאַט געבונדן דורך פייערלאַכע פאַרשפּרעכונגען, קיינמאָל דיר ניט צו זאָגן אַ וואָרט איבער אירע בריוו צו מיר, און איך האָב נאַרישערהייט געהאַלטן מיין פאַרשפּרעכן איר קעגנאיבער.

זעסטו ניט, אַז דאָס איז געווען פאַלש פון איר, ניט צו ריידן מיט דיר דירעקט? אַז אַט די אַלע הינטערטרעפּ־אונטער־ריידונגען מיט מיר און דער קליינקרעמעריש־בריוו־וועקסל זיינען געווען פאַלש? קיינער קאָן ניט אַרויפוואַרפן אויפן צווייטן זיין פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. סוף כל סוף קערט זי זיך אַלע־מאָל אום צוריק צו דעם אייגנטלאַכן באַזיצער. דיין איין פאַר־שטעלונג פונם לעבן, דיין איין פילאָזאָפיע, אַזוי ווייט ווי מען קאָן שטעלן אויף דיין חשבון אַ פילאָזאָפיע, איז געווען: וואָס דו זאָלסט ניט האָבן געטאָן, מוז אַן אַנדערער דערפאַר באַצאָלן, איך מיין ניט בלויז אינם פינאַנציעלן זין — דאָס איז געווען פשוט די פּראַקטישע אַנווענדונג פון דיין פילאָזאָפיע אויף דעם טאָג־טעגלאַך לעבן, — נאָר אינם ווייטסטן, פולסטן זין אַריבערגע־טראָגענע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. דאָס האָסטו געמאַכט פאַר דיין אני מאמין. זי האָט געהאַט גרויס דערפאָלג, אַזוי ווייט ווי זי איז געקומען. דו האָסט מיך אַריינגעצוואונגען אין אַ פּראָצעס, ווייל דו האָסט געוואוסט, אַז דיין טאַטע וועט דיך אָדער דיין לעבן אויף קיין אופן ניט אָנגרייפן. און אַז איך וועל ביידע פּאַרטייִ־דיקן ביז צום אויסערסטן און נעמען אויף מיינע פּלייצעס אַלץ וואָס מען וועט מיר אַרויפלייגן. דו האָסט געהאַט גאַנץ רעכט.

דיין טאטע און איך, עס פאַרשטייט זיך, יעדערער צוליב אַנדערע מאָטיוון, האָבן געטאָן געגוי דאָס, וואָס דו האָסט געדעכנט.
דאָך סאַי ווי ביזטו, ניט קוקנדיק אויף אַלץ, ניט אַוועק דערפון בשלום. די „טעאָריע פון קינד שמואל", ווי מען קען זי אָנרופן מחמת קורצקייט, איז זייער שיין אין די אויגן פון דזשעק און דזשאַן. זי מעג ווערן אין לאָנדאָן שטאַרק אָפּגעהוזקט און אין אָקספאָרד, אביסל אויסגעלאַכט, נאָר דאָך בלויז דער־פאַר, ווייל עס זיינען דאָ אַ פּאָר מענטשן, וועלכע קאָנען דיך אין יעדן אָרט, און ווייל דו האָסט אין יעדן אָרט איבערגעלאָזן סמנים פון טריט. אויסערהאַלב אַ קליינער גרופּע אין אַט דיביידע שטעט זעט די וועלט אין דיר אַ גוטן מאַן, וועלכער איז נאָך אַ האָר געוואָרן פאַרפירט פון דעם שלעכטן, אוממאָראַלישן קינסטלער צו בייזע טאטן, נאָר איז גראָד נאָך, אינם רעכטן מאָמענט געוואָרן געראַטעוועט דורך זיין גוטינקן, ליבנדיקן טאַטן. דאָס קלינגט פּראַכטפול. און דאָך, דו ווייסט דאָס, ביזטו דערפון ניט אַרויסגעקומען ריין. איך מיין דערמיט ניט אַ נאַרישע, פון אַ נאַרישן געשוואָרענעם ריכטער געשטעלטע פראַגע, וועלכע איז נאַטירלאַך פון דער אַנקלאַגע און דעם פּאַרזיצנדן באַהאַנדלט געוואָרן מיט פאַראַכטונג. אויף דעם האָט קיינער ניט געלייגט קיין געוויכט. איך מיין: אפשר אינם פּרינציפּ פאַר דיר אַליין, איז דיינע אויגן. דו וועסט נאָך מוזן איין טאָג נאָכדיינקען איבער דיין באַנעמען; דו ביזט ניט, קאָנסט ניט זיין גאַנץ צופרידן מיט דער ווענדונג, וועלכע די זאַכן האָבן גענומען. אין דער שטיל מוזטו טראַכטן פון זיך מיט אַ סך בושה און חרפה. צו ווייזן דער וועלט אַ קופּערנעם שטערן איז עפּעס גרויסאַרטיקס; נור פון צייט צו צייט, בעת דו ביזט אַליין און האָסט ניט קיין צוקוקער, מוזטו וואויל אַרונטערנעמען די מאַסקע, כדי צו קאָנען אָטעמען. ווען ניט וואָלסטו געוואָרן דערשטיקט.
און אַזוי אויך מוז דיין מאַמע צייטנווייז באַדויערן, וואָס זי האָט געזוכט אַרויפצולייגן איר שווערע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט אויף אַן אַנדערן, וועלכער האָט שוין געהאַט צו טראָגן אַ געגנוג גרויסע לאַסט. זי האָט פאַר דיר פאַרטראַטן די שטע־לע פון ביידע עלטערן. האָט זי ווירקלאַך דערפילט די פליכטן באַטש פון איין טייל? אַז איך האָב געקאָנט האָבן איינזעע־

ניש מיט דיינע קאפריזן, דיין אויפגערעגטקייט און דיינע סצע־נעס, האָט זי אויך געדאַרפט דערמיט קאָנען אויסקומען.

ווען איך האָב מיין פרוי צולעצט געזען — עס זיינען שוין איצט פערצן מאָנאטן אריבער — האָב איך איר געזאָגט, אז זי וועט איצט מוזן זיין א טאַטע אזוי ווי א מאַמע צו אונזער סיירילן. איך האָב איר דערציילט אַלץ פון דעם אופן ווי דיין מאַמע האָט דיך באַהאַנדלט, מיט יעדער איינצלהייט וואָס איז געשילדערט אין אַט דעם בריוו, נאָר נאַטירלאַך א סך אויס־פירלאַכער. איך האָב איר אָנגעגעבן די מאָטיוון פאַר די צאָל־לאָזע בריוו מיט „פריוואַט" אויף דעם קאָנווערט, וועלכע פלעגן אָנקומען אין טאַיט סטריט אזוי רעגולמעסיק, אז מיין פרוי האָט געזאָגט לאַכנדיק, מיר פאַרפאַסן ביידע מסתמא א געזעל־שאַפטסדראַמאַן אָדער עפּעס וואָס ענלאַכעס. איך האָב איר געזאָגט, זי זאָל אים אזוי דערציען, אז ווען ער וועט פאַרגיסן אומשולדיק בלוט, זאָל ער צו איר קומען און איר דאָס פאַר־טרויען, כדי זי זאָל אים רייניקן די הענט און נאָכדעם אים מאַכן פילן, ווי אזוי ער קאָן דורך חרטה אָדער תשובה שפּעטער רייניקן זיין נשמה. איך האָב איר געזאָגט, אויב זי האָט מורא צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר דאָס לעבן פון אַן אַנדערן, מעג דאָס זיין איר קינד, טאָ זאָל זי באַ־שטעלן אַן אַפּעקון וואָס זאָל איר אונטערשטיצן. דאָס האָט זי געטאָן, ווי איך פריי זיך צו זאָגן. איר אויסוואַל איז געפאַלן אויף אַדריאַן האָפּ, א מאַן פון הויכן אָפּשטאַם און ביל־דונג און איידעלן כאַראַקטער, איר קוזין, וועלכן דו האָסט אַמאָל געטראָפן אין טאַיט סטריט, און ביי אים האָבן סיירילן און וויוויען גוטע אויסזיכטן אויף א שיינע צוקונפט.

דיין מאַמע, אויב זי האָט געהאַט אַנגסט מיט דיר צו ריידן ערנסט, האָט געדאַרפט אויסוויילן עמיצן פון אירע קרובים, צו וועלכן דו וואָלסט זיך איינגעהערט. נאָר זי האָט ניט געדאַרפט האָבן קיין אַנגסט. זי האָט געדאַרפט ריידן מיט דיר שטרייגע דבורים. קוק זיך נאָר צו, צו דעם רעזולטאַט. איז זי צופרידן און פריילאַך ?

איך וויים, אז דיין מאַמע וואַרפט אויף מיר די שולד. איך הער דאָס, ניט פון לייט, וואָס קענען דיך, נאָר פון לייט וואָס קענען דיך ניט און ווילן דיך ניט קענען. איך הער אָפּט

דערפון. זי רעדט צום ביישפּיל פון דעם איינפאַלום פון דעם על־טערן אויף דעם איינגערן מאַן. דאָס איז איינער פון אירע באַליבטע שטעלונגען צו דער פראַגע, אַזוי ווי דאָס אַפּעלירט אַלעמאָל דערפאַלגרייך צום פּאָפּולערן פּאַראורטייל און אומוויסנ־הייט. איך פאַרשפּאַר דיך צו פרעגן, וואָס פאַר אַן איינפאַלום איך האָב געהאַט אויף דיר. דו ווייסט, איך האָב ניט גע־האַט קיינעם.

דאָס איז דאָך געווען איינע פון דיינע אָפּטע באַרימערייען, אַז איך האָב ניט קיינעם — דאָס איינציקע באמת, וואָס איז גע־ווען ריכטיק באַגרינדעט. וואָס איז דאָרט פּאַקטיש געווען אין דיר, וואָס איך האָב געקאָנט באַאיינפלוסן? דיין מח? ער איז געווען ניט אַנטוויקלט. דיין פאַנטאַזיע? זי איז געווען טויט. דיין האַרץ? עס איז נאָך ניט געווען געבאָרן. פון אַלע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל דורכגעקרייצט מיין וועג, ביזטו געווען דער איין און איינציקער, וועלכן איך בין ניט געווען בכח אויף קיין אופן און אין קיין ריכטונג צו באַאיינפלוסן.

ווען איך בין הילפלאָז אין בעט געלעגן קראַנק אויף פיבער, אַנגעשטעקט פון דיר, האָב איך ניט געהאַט אויף דיר אַזוי פיל איינפלוס, אַז איך זאָל דיך קאָנען באַוועגן, מיר כאָטש ברייג־גען אַ גלאָז מילך צום טרינקען אָדער נאָכצוזען, אַז עס זאָלן מיר ניט פעלן די געוויינלאַכע באַדערפנישן פונם קראַנקנצימער, אָדער דו זאָלסט זיך נעמען די טרחה, צו פאָרן צוויי הונדערט מעטער וויים אין אַ בוכהאַנדלונג און מיר קרינגן אַ בוך אויף מיינע קאָסטן. ווען איך האָב געהאַלטן אין מיטן שרייבן און פאַר־פאַסט קאָמעדיעס, וועלכע האָבן געזאָלט איבערשטייגן קאָנג־ריוו׳ן אין גייסט, דעם איינגערן דיומאַ אין דער וועלט קלוגשאַפט און יעדן אַנדערן אין יעדן אַנדער פאַרצוג האָב איך אַף דיר ניט געהאַט אַזוי פיל איינפלוס, צו פועלן ביי דיר, אַז דו זאָלסט מיך לאָזן אומגעשטערט, ווי דער קינסטלער זאָל דאָס זיין. אומע־טום וואו מיין שרייבצימער איז געווען, איז דאָס געווען פאַר דיר דער געוויינלאַכער זאַל, אַ צימער, אין וועלכן עס לאָזט זיך רויכערן, טרינקען וויסקי און זעלצערוואַסער און פּלוידערן איבער נאַרישע זאַכן. דער „איינפלוס פון דעם עלטערן אויף דעם איינגערן מאַן" איז אַ גלענצנדיקע טעאָריע, ביז זי דערגרייכט צו מיינע אויערן. דאַמאָלט ווערט זי גראָטעסק, ווען זי זאָל דערגרייכן

דיינע אויערן, וועסטו אויך גוט לאכן — פאר זיך אליין ביזטו געווים דערצו בכח.

איך הער אויך א סך דערפון וואס דיין מאמע זאגט מכח דעם געלטפונקט. זי באמערקט, וואס איז דורכאוים ריכטיק, אז זי האט מיך כסדר געבעטן, דיך ניט צו באזארגן מיט געלט. איך גיב דאס צו. אירע בריוו זיינען געווען אן א צאל, און אין אלע קומט פאר די נאכשריפט: „איך בעט אייך, לאזט אל־פרעדן ניט וויסן, אז איך האב אייך געשריבן". נאר עס האט מיר ניט געמאכט קיין שפאס, צו מוזן באצאלן פאר דיר יעדער איינצלהייט, פונם ראזירן אין דער פרי ביז צו דער דראשקע אין מיטננאכט. דאס איז געווען אן אנשיקעניש. איך האב דיר וועגן דעם ווידער און ווידער געמאכט אויסריידונגען. איך האב דיר א סך מאל געזאגט — דו דערמאנסט זיך דאך, ניט אמת? — ווי מיר איז דאס זייער צואווידער, וואס דו זעסט אין מיר א „נוצלאכע" פערזאן, אקוראט אזוי ווי דער קינסט־לער אדער די קונסט גופא וואלטן לויט זייער אינערלאכן ווערט געווען נוצלאז. דו פלעגסט ווערן שטארק אין כעס, יעדעס מאל, ווען איך פלעג דיר דאס זאגן. דער אמת האט דיך אלעמאל אריינגעבראכט אין כעס. דער אמת איז טאקע א זאך, וואס איז העכסט שמערצלאך אנצוהערן און ארויסצוזאגן. ער האט דיר אבער ניט געלאזן ענדערן דיינע אנשויאונגען אדער דיין לעבנס־שטייגער. יעדן טאג האב איך געמוזט צאלן פאר יעדער איינצל־הייט, וואס דו האסט געטאן דורכן טאג. נאר א מענטש פון זינלאזער גוטמוטיקייט אדער אומבאשרייבלאכער נארישקייט וואלט דאס געטאן. ליידער בין איך געווען די פולקומענע פאראיי־ניקונג פוןביידן.

ווען איך האב געגעבן צו פארשטיין, אז דיין מאמע זאל דיך באזארגן מיט דעם נויטיקן געלט, האסטו תמיד געהאט א זייער היבשן, בכבודיקן ענטפער? דו האסט געזאגט, אז די פון דיין טאטן פאר איר באשטימטער הכנסה — איך גלויב, איבער 1500 פונט א יאר — איז זייער ניט גענוג פאר די באדערפעניש פון א דאמע פון איר שטאנד און דו ווילסט פון איר ניט פאר־לאנגען מער געלט, ווי דו האסט שוין געקראגן. דו ביזט געווען גאנץ גערעכט אין דעם, אז איר הכנסה איז געווען ניט צוגע־פאסט פאר א דאמע פון איר שטאנד און געשמאק; דאך האסטו

דאָס ניט געדאַרפט מאַכן פאַר אַ תירוץ, צו לעבן פון מיר אין לוקסוס: אדרבא, דאָס האָט געדאַרפט זיין פאַר דיר אַ וואונק צו זיין שפּאָרזאַם אין דיין אייגענער לעבנספירונג. דער פאַקט איז: דו ביזט געווען און ביזט וואַרשיינלאַך נאָך איצט אויך אַ טיפּישער געפילס־פאַנטאַזיאָר. ווארום דער איז אַ געפילס־פאַנטאַזיאָר, וועלכער וואָלט זיך וועלן געבן דעם לוקסוס פון אַ געמיטס־באַוועגונג און ניט באַצאָלן דערפאַר. צו וועלן שוינען דיין מאַמעס קעשענע איז געווען גאַנץ שיין; צו טאָן דאָס אויף מיין חשבון איז געווען מיאוס.

געפילס־כחות, ווי איך זאָג ערגעצוואו אין די „אינטענשאַנס" זיינען אַזוי באַשרייַנקט אין זייער אויסשפּרייטונג און דויער־האַפטיקייט ווי די כחות פון דער פיזישער ענערגיע. דאָס קליין בעכערל, וואָס איז געוואָרן געמאַכט צו אַנטהאַלטן אַ געוויסע מאָס, קאָן אַריינעמען בלויז אַזוי פיל און ניט מער, אפילו ווען אַלע פּורפּור־פעסער פון בורגונד זיינען אָנגעפילט מיט וויין ביז צום ראַנד און די וויינטרעטער שטייען טיף ביז די קני אין די קופּעס טרויבן פון די שטייניקע וויינגערטנער אין שפּאַניע. קיין טעות איז ניט מער פאַרשפּרייט ווי די מיינונג, אַז יענע וועלכע זיינען די אורזאַך אָדער פאַראורזאַכער פון גרויסע טראַגעדיעס נעמען אַנטייל אין די געפילן וועלכע זיינען פּאַסיק פאַר דער טראַגישער שטימונג: קיין טעות איז ניט פאַטאַלער, ווי דאָס צו דערוואַרטן פון זיי. דער מאַרטירער אין זיין „פלאַמענהעמד" דערזעט אפשר דעם פּנים פון גאָט, נאָר פאַר דעם יעניקן וועלכער לייגט צוזאַמען די בינטלאַך צווייגן, אָדער מאַכט לויז די שייטלאַך האָלץ, כדי, דער ווינט זאָל קאָנען פאַנאַנדערבלאָזן דעם פלאַם, פאַר אים באַדייט די גאַנצע סצענע ניט מער ווי דאָס קוילן פון אַן אָקס איז פאַרן קצב, אָדער ווי דאָס אויסהאַקן פון אַ בוים איז פאַרן האָלצקוילן־ברענער אין וואַלד, אָדער ווי דאָס פאַלן פון אַ בלום פאַר איינעם וועלכער שניידט אָפּ דאָס גראָז מיט אַ קאָסע. גרויסע ליידנשאַפטן זיינען פאַר גרויסע נשמות, און די גרויסע געשעענישן קאָנען ווערן געזען בלויז פון די, וועלכע שטייען אויף אַ גלייכער מדרגה מיט זיי.

מיר דיינקען, אַז מיר קאָנען באַקומען אונזערע געפילן פאַר אומזיסט. מיר קאָנען ניט, מען דאַרף באַצאָלן אפילו פאַר די פיינסטע און זיך זעלבסט אויפאָפּפערנדיקסטע געפילן. מאָדנע,

גראד אט דאס מאכט זיי פיין. דאס פארשטאנדס און געפילס לעבן פון געוויינלאכע מענטשן איז א זייער פאראכטלאכע אנגע־לעגנהייט. פונקט אזוי ווי זיי בארגן זייערע אידייען פון א מין לייַ־ביבליאָטעק פון געדאנק — דער „ציַיטגייסט" פון א דור וואס האט ניט קיין נשמה און שיקט זיי צוריק באפלעקט צום סוף פון יעדע וואך — אזוי האבן זיי זיך אלע מאל געפלייסט צו קריגן זייערע געפילן אויף בארג, אדער זיך אפגעזאגט צו באצאלן די רעכנונג, ווען זי איז אנגעקומען. מיר מוזן אוועקגיין פון אט דעם באגריף פון לעבן ; אזוי גיך ווי מיר וועלן דארפן באצאלן פאר א געפיל, וועלן מיר וויסן זיין אייגנשאפט און ווערן פולקומענער א דאנק אזא וויסן. געדיינק, אז דער סענטימענטאלער איז אין הארצן אלעמאל א ציניקער. יא, סענטימענטאליטעט איז בלויז דער יום טוב פון ציניזם. און ווי אנטציקנדיק ציניזם איז פון זיין אינטעלעקטועלער זייט, קאן ער דאך איצט, ווען ער האט געביטן די באך פארן קלוב, ניט זיין מער ווי די פולקומענע פילאזאפיע פאר א מענטשן וואס האט ניט קיין נשמה. ער האט זיין געזעלשאפטלאכן ווערט ; און פאר א קינסטלער זיינען אינטערעסאנט אלע אויס־דרוקפארמען, נור פאר זיך אליין איז דאס ווערטלאז, ווייל צום עכטן ציניקער ווערט קיין זאך קיינמאל ניט אנטפלעקט.

איך דיינק, אז ווען דו קוקסט צוריק אויף דיין פארהאלטן זיך צו דער הכנסה פון דיין מאמען און דיין פארהאלטן זיך צו מיין הכנסה, ווערסטו ניט זיין שטאלץ אויף זיך, און אפשר דארפסטו איין טאג ווען דו ווייזט ניט דיין מאמען אט דעם בריוו איר געבן צו דערקלערן, אז אין דיין אופן צו לעבן פון מיר, זיינען מיינע וואונטשן קיין מאמענט ניט געווארן גענומען אין אכט. עס איז פשוט א באזונדערע און פאר מיר פערזענלאך העכסט פארדריסלאכע פארם, וועלכע דיין פארערן מיך האט אנגענומען. זיך צו מאכן אפהייננגיק פון מיר, פאר די קלענ־סטע ווי די גרעסטע סומען, האט דיר געגעבן אין דיינע אייגע־נע אויגן דעם גאנצן צויבער פון דער קינדהייט, און ווייל דו האסט מיך כסדר געלאזט צאלן פאר יעדן פון דיינע תענוגים, האסטו געדאכט, אז דו האסט געפונען דעם סוד פון אייביקער יוגנט. איך בין זיך מודה, אז עס טוט מיך וויי, ווען איך הער פון דיין מאמעס באמערקונגען איבער מיר, און איך בין זיכער,

דו ווערסט מיר צוגעבן, ווען דו ווערסט אביסל נאכדיינקען, אז אויב זי האט ניט קיין קיין וואָרט פון באדויערן אָדער מיטלייד פאר דעם חורבן, וואס דיין משפחה האט אויף מיר ארויפבאשוואָרן, אזוי וואָלט עס געווען בעסער, ווען זי שווייגט. זעלבסטפאר־שטענדלאך דארף זי ניט זען דעם טייל פון אט דעם בריוו, וועל־כער רעדט פון א גייסטיקער אנטוויקלונג, וואס איך האב דורכ־געמאכט אָדער פון א פונקט פון דער נסיעה, וועלכן איך האב האפנטלאך דערגרייכט. עס וועט איר ניט אינטערעסירן. ווען איך זאָל זיין דו, וואָלט איך איר ווייזן בלויז יענע טיילן וועלכע פאר־נעמען זיך מיט דיין לעבן.

ווען איך זאָל זיין דו, וואָלט איך ניט געהאט קיין חשק געליבט צו ווערן אונטער פאלשע פרעטענזיעס. עס איז ניטא קיין גרונט, פאר וואס א מענטש זאָל ציינן דער וועלט זיין לעבן. די וועלט פארשטייט ניט אזעלכע זאכן. נאר אנדערש איז מיט מענטשן, וועמענס ליבע מען וויל.

מיינער א גוטער פריינט — א פריינט פון צען יאר טרייער פריינטשאפט — האט מיר אנומלט באזוכט. ער האט מיר גע־זאָגט, אז ער גלויבט ניט קיין איינציק וואָרט פון דאס, וואס איז געוואָרן ארויסגעבראכט קעגן מיר. ער האט מיר געגעבן צו פארשטיין, אז ער באטראכט מיר פאר גאנץ אומשול־דיק, און פאר דעם קרבן פון אן עקלהאפטער פארשווערונג. איך האב אויסגעבראָכן אין טרערן ווען ער האט אזוי גערעדט. איך האב אים געזאָגט, אז כאטש עס זיינען פאראן א סך פונקטן פון דער אנקלאגע וועלכע זיינען כלל ניט אמת און זיינען געוואָרן ארויפגעוואָרפן אויף מיר דורך הימלשרייענדיקער רשעות, איז דאך מיין לעבן געווען פול מיט פערווערזע תענוגים און ניט נאטירלאכע תאוות; און כל זמן ער נעמט דאס ניט אן אלס א פאקט און אנערקענט ניט גאנץ און גאר, אז אט אזוי בין איך געווען, איז מיר ניט מעגלאך צו קאָנען זיין לייִנגער פריינט מיט אים, אבער ווען עס איז פארברייִנגען אין זיין געזעלשאפט. דאס איז פאר אים געווען א שרעקלאכער קלאפ; דאך זיינען מיר נאך פריינט, און איך האב זיין פריינטשאפט ניט ארויסגע־קראגן דורך פאלשע פרעטענזיעס. איך האב דיר געזאָגט, אז זאגן דעם אמת איז א שמערצלאכע זאך. נאר צו מוזן זאגן ליגן איז א סך ערגער.

דאָס איז פאָרגעקומען בשעת מיין לעצטן פּראָצעס : איך בין געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס באַנק און זיך צוגעהערט צו לאַקוואָוד׳ס פאַרניכטנדיקע אָנקלאַגע קעגן מיר. זי האָט געקלונגען ווי אַ שטעל פון טאַציטוס, ווי אַ פּערז פון דאַנ־טע, ווי איינע פון סאַוואָנאַראָלאַ׳ס באַשולדיקונגען אַנטקעגן די רוימישע פּאַפּסטן. מיך האָט אָנגעכאַפּט אַן עקל פון דעם, וואָס מיין אויער האָט פאַרנומען. פּלוצלינג איז מיר דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ : „ווי גרויסאַרטיק וואָלט דאָס גע־ווען, ווען איך וואָלט דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט איבער זיך אַליין״. תיכף איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז דאָס, וואָס ווערט געזאָגט פון אַ מענטשן, איז גאָרנישט ; דער עיקר איז, ווער דאָס זאָגט. דער העכסטער אוינגבליק פון אַ מענטשן — איך האָב כּלל קיין ספק ניט אין דעם — איז דער, ווען ער וואַרפט זיך אין שטויב, שלאָגט זיך אין די ברוסט און איז זיך מתוודה אויף אַלע זינד פון זיין לעבן.

אַזוי איז אויך מיט דיר. דו וואָלסט זיין אַ סך גליק־לאַכער, ווען דו זאָלסט לאָזן דיין מאַמען זיך דערוויסן דורך דיר אַליין וועגן די ניקסטנס אַביסל פון דיין לעבן. אַ היבשן טייל דער־פון האָב איך איר דערציילט אינעם דעצעמבער 1893, בין אָבער, נאַטירלאַך, געווען געצוואונגען צו פאַרשווייגונגען און פאַראַל־געמיינונגען. עס האָט איר באַשיינפערלאַך ניט אַריינגעגעבען מער מוט אין איר שייכות צו דיר. פאַרקערט : זי האָט נאָך אַבזיכטלאַכער ווי פריער, אויסגעמידן אָנצוקוקן דעם אמת. ווען דו אַליין וואָלסט גערעדט מיט איר, וואָלט דאָס געווען אַנדערש. מיינע ווערטער זיינען אפשר אָפט צו ביטער פאַר דיר, נור די פאַקטן קאָנסטו ניט אָפּלייקענען. די זאַכן זיינען געווען, ווי איך האָב דאָס געזאָגט, און אויב דו האָסט געלייענט אויפמערקזאַם אָט דעם בריוו, ווי דו האָסט דאָס געזאָלט טאָן, ביזטו געשטאַנען אויג אַף אויג קעגן זיך אַליין.

איך האָב דיר איצט געשריבן, און טאַקע זייער אויספיר־לאַך, כּדי דו זאָלסט באַגרייפן, וואָס דו ביזט געווען פאַר מיר, אינ׳ם משך פון יענע דריי יאָר פון אַ שלימזלדיקער פריינט־שאַפט ; וואָס דו ביזט געווען פאַר מיר אינעם פאַרלויף פון מיין תפיסה־צייט, וועלכע ווערט אין צוויי חדשים אַרום שוין האָבן

דערגרייכט איר סוף ; און וואָס איך האָף צו זיין פאַר זיך אַליין און אַנדערע, ווען מיין תפיסה־צייט איז פאַראיבער.

איך קאָן מיין בריוו ניט איבערבויען אָדער איבערשרייבן. דו מוזט אים נעמען ווי ער שטייט, אין פיל שטעלן באַנעצט פון טרערן, אין אייניקע מיט די שפּורן פון לייד אָדער ליידנ־שאַפט, און אים אַנטציפערן אַזוי גוט ווי דו קאָנסט, טינטקלעקן, פאַרבעסערונגען און אַלץ. בנוגע די פאַרבעסערונגען און שרייב־פעלערן, האָב איך זיי געמאַכט כדי מיינע ווערטער זאָלן זיין דער דעקנדיקער אויסדרוק פאַר מיינע געדאַנקען און קיין פעל־לערן זאָלן ניט אַנטשטיין דורך איבעריקייט אָדער ניט גענוג־קייט. די שפּראַך וויל זיין געשטימט ווי אַ פידל, און פונקט אַזוי ווי צופיל אָדער צו ווייניק וויברירונגען אין דער שטים פונם זינגער אָדער אינם ציטערן פון דער סטרונע מאַכן אומ־ריין דעם טאָן, אַזוי פאַרדאַרבן צופיל אָדער צואווייניק ווערטער דעם באַריכט. ווי ער שטייט לכל הפּחות, האָט מיין בריוו זיין אויסדריקלאַכע באַדייטונג הינטער יעדן זאַץ. עס איז ניטאָ אין דעם קיין מליצה. אומעטום, וואו עס זיינען דאָ אויסגע־שטראָכענע אָדער צוגעגעבענע שטעלן, אפילו ווען דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק, ניט אַזוי געפיילט, איז דאָס געשען, ווייל איך האָב געזוכט אַרויסצוגעבן מייןווירקלאַכן איינדרוק, צו געפי־נען דעם גענויען גלייכן ווערט פאַר מיין שטימונג. דאָס וואָס איז דאָ אינם געפיל צוערשט, קומט אין דער פאָרם צולעצט.

איך וויל צוגעבן, אַז דאָס איז אַ שטרייגער בריוו. איך האָב דיך ניט געשוינט. יאָ, דו מעגסט זאָגן — בעת איך גיב צו, אַז דאָס וואָלט ווירקלאַך געווען ניט אַנשטענדיק, דיך אָפּצוואווענן קעגן דעם קלענסטן פון מיינע ליידן, דעם מינדסטן פון מיינע פאַרלוסטן — אַז איך האָב פאַקטיש אַזוי געהאַנדלט און דורכגעפירט גראַן פאַר גראַן די גענויעסטע געוויכטספּראָבע פון דיין וועזן. דאָס איז אמת. נאָר דו מוזט נעמען אין אכט, אַז דו האָסט זיך אַליין געלייגט אויף די וואָגשאָלן.

דו מוזט נעמען אין אכט, אַז ווען דו ווערסט געבראַכט צוזאַמען מיט איין איינציקער רגע פון מיין תפיסה־צייט אַזוי שפּרינגט אויף אין דער הויך די שאָל, אין וועלכע דו ליגסט. אייטלקייט האָט דיך געלאָזט ווילן די וואָג, אייטלקייט — זיך האַלטן אָן דעם. דאָ איז געלעגן דער איין פּסיכאָלאָגישער טעות

פון אונזער פריינטשאפט, איר פולשטענדיקער מאנגל אין פּראָ־פּאָרציע. דו האָסט ארויסגעצוואונגען דיין וועג אין אַ פּאָר דיר צו גרויסן לעבן ,וועמעס וועג ציט זיך אַוועק ווייטער איבער דיין כח צו זען, ניט ווייניקער ווי איבער דיין כח פון באַוועגן זיך אין אַ קרייז, אַ לעבן, וועמעס געדאַנקען, ליידנשאַפטן און האַנדלונגען זיינען געווען פון שטאַרקן אינהאַלט, פון ווייטן אינטערעס און אין דער אמתן שווער באַלאַדן מיט וואונדערבאַרע אָדער שווידערלאַכע פּאָלגן.

דיין קליין לעבן פון קליינע קאַפּריזן און שטימונגען איז געווען פּראַכטפול אין זיין אייגענעם קליינעם צירקל. עס איז געווען פּראַכטפול אין אָקספאָרד. וואָס דאָס ערגסטע, וואָס האָט דיך געקאָנט טרעפן, איז געווען אַ טאַדל פונם דיען אָדער אַ פּאָרוואורף פונם רעקטאָר און וואו דער זיג פון מעדע־ליין אינם געוועט־רודערן און דאָס אָנצינדן פון אַ פריידנס־פייער אויפן הויף פון אוניווערזיטעט לכבוד דער דערהאַבענער געשעעניש האָט געגאָלטן ווי דאָס העכסטע פון די געפילן. דיין לעבן האָט זיך געדאַרפט אָפּשפּילן ווייטער אין זיין אייגענעם צירקל, נאָכדעם ווי דו האָסט פאַרלאָזן אָקספאָרד. אין דיר אַליין איז אַלץ געווען אין בעסטער אָרדנונג. דו ביזט געווען אַ טאַדל־לאָזער עקזעמפּלאַר פון אַ זייער מאָדערנעם מין. נאָר אין פּאַראַלעל צו מיר האָסטו ניט געפּאַסט. דיין ריקזיכטסלאָזע פאַרשווענדונג איז געווען אַ פאַרברעכן. יוגנט איז אַלעמאָל פאַרשווענדעריש. דאָס וואָס דו האָסט מיך נעצוואונגען, צו באַצאָלן פאַר דיין פאַר־שווענדונגסזוכט, איז געווען מיאוס. דיין וואונש צו האָבן אַ פריינט, מיט וועלכן דו זאָלסט קאָנען פאַרברענגען דיין צייט פון דער פרי ביז ביינאַכט, איז געווען רייצנדיק. ער איז גע־ווען כמעט אידיליש. דאָך דער פריינט אָן וועלכן דו האָסט זיך אָנגעשלאָסן, האָט ניט געדאַרפט זיין קיין שריפטשטעלער, קיין קינסטלער, ניט עמיצער, וועמען דיין שטענדיקע קעגנוואַרט האָט פאַרניכטעט יעדן שיין ווערק אקוראַט ווי עס האָט פאַרקריפּלט די שאַפונגסקראַפט. עס איז ניט געווען קיין בייז פון דיר דערביי, צו מיינען ערנסט, אַז דער פולקומסטער אופן, צו פאַר־ברענגען אַן אָוונט, איז געווען אַ שאַמפּאַניער־דינער אינם סאַ־וואָי, נאָכדעם אַ לאָזשע אין אַ וואַרייעטי און צום שלום אַ שאַמפּאַניער־סאַפּער ביי ווילים אַלס „באָן בוש". גאַנצע

קאַמפּאַניעס אַנטציקנדיקע יונגע לייט אין לאָנדאָן זיינען מיט דער זעלבער מיינונג. דאָס איז אפילו ניט קיין אויסגעלאַסנקייט. דאָס איז דער באַוויז פון פּאַסיקייט אַריינצוטרעטן אין ווייט׳ס קלוב. דאָך האָסטו ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען פון מיר, אז איך זאָל ווערן דער ליפעראַנט פון אַזעלכע תענוגים פאַר דיר. דאָס ווייזט אַרויס דיין מאַנגל אָפּצושאַצן דעם ריכ־טיקן ווערט פון מיין זשעני.

דיין קאַמף מיט דיין טאַטן ווידעראַמאָל, וואָס מען זאָל ווענן דעם ניט דיינקען, האָט אָפּנבאַר געדאַרפט בלייבן דורכאויס א פראַגע צווישן אייך ביידן. ער האָט געדאַרפט ווערן אויסגע־קעמפט אין אַ הינטערהויף. דאָס קומט פאַר געוויינלאַך מיט אַזעלכע שטרייטיקייטן.

דיין טעות איז געלעגן אין דעם, אים מיט גוואַלט צו לאָזן שפּילן די טראַגיקאָמעדיע אויף אַ הויכן ברעטערגעשטעל פאַר דעם פאָרום פון דער געשיכטע, מיט דער גאַנצער וועלט פאַר צוהערערשאַפט און מיט מיר גופא פאַר א פרייז פאַרן זיגער אין דעם אומווירדיקן שטרייט. דער פאַקט וואָס דיין טאַטע האָט דיך פאַראַכטעט און דו דיין טאַטן, איז ניט געווען פון קיין שום וויכטיקייט פאַרן ענגלישן עולם. אַזעלכע געפילן זיינען גאַנץ געוויינלאַך אינם ענגלישן פאַמיליענלעבן און דאַרפן בלייבן באַ־שריינקט אויף דעם דערפאַר באַשטימטן אָרט: די ליבע היים. אויסערהאַלב אָט דעם קרייז זיינען זיי כלל ניט אויפן פּלאַץ. זיי אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדער סצענע איז אַ באַליידיקונג. דאָס פאַמיליע לעבן לאָזט זיך ניט באַהאַנדלען ווי אַ רויטע פאָן מיט וועלכער מען וואַרפט זיך אין די אויגן אויף די גאַסן, אָדער ווי אַ יעגער־האָרן, וואָס מען בלאָזט הייזעריק פון שפּיץ דאַך. דו האָסט אַרויסגעהויבן הויזלאַכעס פון דער אים געהעריקער סביבה, פּונקט אַזוי, ווי דו האָסט זיך אַליין אַרויסגעהויבן פון דער דיר־געהעריקער סביבה. און ווער עס גיט אויף זיין אייגנט־לאַכס פעלד, דער ענדערט בלויז זיין אומגעבונג, ניט זיין נאַטור. ער נעמט זיך ניט אָן די געדאַנקען אָדער ליידנשאַפטן, וועלכע הערשן אין דעם פון אים באַטראָטענעם קרייז. דאָס ליגט ניט אין זיין מאַכט.

איך קען קיין זאַך ניט אומפאַרגלייכלאַכערס אין דער גאַנ־צער דראַמאַטישער ליטעראַטור וואָס זאָל פון קינסטלערישן

שטאַנדפּונקט, זיין אַנרעגענדיקער אין זיין פיינקייט פון דער באַאַבאַכטונג, ווי שעקספּיר׳ס צייכנונגען פון ראָזענקראַנץ און גילדנשטערן. זיי זיינען האַמלעט׳ס אוניווערזיטעט פריינט. זיי זיינען געווען זיינע חברים. זיי ברענגען מיט זיך זכרונות פון צוזאַמען פאַרבראַכטע פריילעכע טעג. אין דעם מאָמענט ווען זיי באַגעגענען האַמלעטן אין דער פּיעסע, צאַפּלט ער זיך אונטער דער לאַסט פון אַ שווערער משא, וועלכע איז אומדער־טרעגלאַך פאַר אַ מענטשן פון זיין טעמפּעראַמענט. דער מת איז אויפגעשטאַנען באַוואַפנט פון קבר, כדי אַרויפצולייגן אויף אים אַ מיסיע, וועלכע איז גלייכצייטיק צו גרויס און צו געמיין פאַר אים. ער איז אַ טרוימער, און איז באַרופן צו האַנדלען. ער האָט די נאַטור פון אַ דיכטער און מען פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל זיך ראַנגלען מיט דער געוויינלעכער פאַרפּלאָנטערונג פון אורזאַך און ווירקונג, מיט דעם לעבן אין זיין פּראַקטישער געשטאַלט, פון וועלכן ער ווייס גאָרניט, ניט מיט דעם לעבן אין זיין אידעאַלן וועזן פון וועלכן ער ווייס אַזוי פיל. ער האָט ניט קיין באַגריף וואָס ער זאָל טאָן, און זיין שטות איז, זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ שוטה.

ברוטוס האָט באַנוצט די מרה שחורה פאַר אַ מאַנטל צו באַהאַלטן אונטער אים דעם שווערד פון זיין כוונה, דעם שפּיז פון זיין ווילן, נאָר די האַמלעט משוגעת איז בלויז אַ מאַסקע צו באַהאַלטן די שוואַכקייט. אין דאָס מאַכן האַוואַיעס און טרייבן קאַטאָוועס, געפינט ער אַ געלעגנהייט צום אָפּליינען. ער שפּילט תמיד מיט דער טאַט, ווי אַ קינסטלער שפּילט מיט אַ טעאָריע. ער מאַכט זיך אַליין צום שפּיאָן פון זיינע אייגענע האַנדלונגען, און ווען ער הערט זיך איין צו זיינע אייגענע ווערטער, ווייס ער, אַז זיי זיינען בלויז „ווערטער, ווערטער, ווער־טער“. אַנשטאָט זיך צו באַמיען, צו ווערן דער העלד פון זיין אייגענער געשיכטע, זוכט ער צו זיין דער צוקוקער פון זיין איי־גענער טראַגעדיע. ער גלויבט ניט אין קיין שום זאַך, זיך אַליין אויך אַריינגענומען אין כלל, און דאָך העלפט אים ניט זיין צווייפלען, ווייל דאָס קומט ניט פון סקעפּטיציזם, נאָר פון אַ צעשפּאָלטענעם ווילן.

ראָזענקראַנץ און גילדנשטערן באַגרייפן דאָס גאָרניט. זיי פאַרברענגען זיך און מאַכן בוינדלאַך און שמייכלען און וואָס

דער איינער זאָגט, חזר'ט איבער דער צווייטער מיט אַן עקל־האַפטן ניגון. ווען צום סוף, מיט דער הילף פון שפּיל אינם שפּיל, און די מאַריאָנעטן אין זייער שטיפעריי, „פאָנגט" האַמלעט „דעם געוויסן" פונם קעניג און יאָגט אַרונטער דעם נידערטרעכטיקן מאַן אַ צושראָקענעם פון זיין טראָן, זעען גילדנשטערן און ראָזענקראַנץ אין זיין אויפפירונג ניט מער ווי עפּעס אַ פיינליכע איבערטרעטונג פון דער הויף־עטיקעטע, דאָס איז אַלץ ווי ווייט זיי קאָנען דערלאַנגען אין דעם „באַטראַכטן דעם ספּעקטאַקל פונם לעבן מיט אייגענע עמפּפינדונגען". זיי זיינען נאָענט צו זיין עצם סוד און ווייסן גאָרניט דערפון. עס וואָלט אויך קיין צוועק ניט געהאַט זיי אַנצופּאַרטרויען. זיי זיינען די קליינע בעכערלאַך וועלכע קאָנען אַריינגעמען נור אַזוי פיל און ניט מער. צום שלום ווערט אַנגעדייט, אַז געכאַפּט אין אַ כיטרע פּאַסטקע געשטעלט איינער פאַרן אַנדערן, האָבן זיי געפונען, אָדער וועלן געפינען, אַ גוואַלטזאַמען פּלוצלימדיקן טויט. נור אַ טראַגישער סוף פון דעם מין, הגם באַשטריכן פון האַמלעט'ס הומאָר מיט עפּעס וואָס פון דער איבערראַשונג און גערעכטיקייט פון דער קאָמעדיע, איז אין דער אמת'ן ניט פאַר אַזעלכע ווי זיי. זיי שטאַרבן קיינמאָל ניט. האָרייר שיאָ, וועלכער כדי „צו דערקלערן ריכטיק האַמלעטן און זיין זאַך פאַר די אומבאַפרידיקטע".

> דערוווּיטערט זיך אַ ווייל פון דער גליקזעליגקייט,
> און אָטעמט מיט מי אין אָט דער ביטערער וועלט".

האָריישיאָ שטאַרבט, כאָטש ניט פאַר די צוהערער, און לאָזט ניט איבער נאָך זיך קיין ברודער. נור גילדנשטערן און ראָזענקראַנץ זיינען אומשטערבלאַך ווי אַנדזשעלאָ און טאַרטיוף, און האָבן געדאַרפט שטיין מיט זיי אין איין ריי. זיי זיינען די ביישטייערונג פון דאָס מאָדערנע לעבן צום אַלטערטימליכן אידעאַל פון פריינטשאַפט. דער וואָס וועט שרייבן אַ ניי „דע אַמיציטיאַ" מוז געפינען פאַר זיי אַ נישע, און זיי לויבן אין טוסקולאַנישער פּראָזע. זיי זיינען טיפּן פעסטגעשטעלט פאַר אַלע צייטן, טאַדלען זיי, וואָלט אַרויסגעוויזן „אַ מאַנגל אין ריכטיקער אָפּשאַצונג". זיי זיינען בלויז ניט אויף זייער פּלאַץ, דאָס איז אַלץ. אין פאַרנעמקייט פון נשמה איז ניטאָ קיין

אַנשטעקונג. דערהאַבענע געדאַנקען און דערהאַבענע געפילן זיינען אָפּגעזונדערט דורך זייער סאַמע עקזיסטענץ.

וואָס אַן אָפּיליע קאָן ניט פאַרשטיין, זיינען ניט אימשטאַנד צו באַגרייפן גילדנשטערן און דער „ליבער" ראָזנקראַנץ, ראָזנ־קראַנץ און דער „ליבער" גילדנשטערן. איך וועל אייך. נאַטירלאַך, ניט פאַרגלייכן. עס איז אַ ווייטער אונטער־שייד צווישן אייך. וואָס ביי זיי איז געווען צופאַל, איז ביי דיר געווען פרייע וואַל. מיט איבערלייגונג און ניט אויפגעפאָדערט פון מיר, האָסטו זיך אַריינגעדרייט אין מיין סביבה, האָסט אָפּגעריסן פאַר זיך אַ פּלאַץ אויף וועלכן דו האָסט ניט געהאַט קיין רעכט און אויך ניט געווען פּאַסיק פאַר אים; דורך אַ זאָנדערבאַרער עקשנות און דורכדעם וואָס דו האָסט געלאָזט מאַכן דיין אַנוועזנהייט פאַר אַ באַשטאַנדטייל פון יעדן איינצלנעם טאָג, האָסטו דורכגעפירט, גאַנץ צו באַ־הויפּטן פאַר זיך מיין גאַנץ לעבן, און האָסט ניט געוואוסט אַנצוהייבן עפּעס בעסערס מיט אָט דאָס לעבן, ווי דאָס צו־צעברעכן אין שטיקער. ווי מאָדנע דיר זאָל דאָס אויך קלינגען, איז דאָס געווען גאַנץ נאַטירלאַך, אַז דו האָסט דאָס געטאָן. ווען מען גיט אַ קינד אַ שיין שפּילצייג, וואָס איז צו וואונדערבאַר פאַר זיין מח'ל אָדער פאַר זיינע ערשט האַלב וואַכע אויגען, צעברעכט עס דאָס, ווען עס איז איינגעשפּאַרט; ווען עס איז זאָרגלאָז, וואַרפט עס אַוועק דאָס שפּילצייג און לויפט צו זיינע חברים.

אַזוי איז געווען מיט דיר. נאָכדעם ווי דו האָסט געהאַט מיין לעבן אין דיין געוואַלט, האָסטו ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. די האָסט דאָס אויך ניט געקאָנט וויסען. עס איז געווען עפּעס צו וואונדערבאַר צו זיין אין דיין האַנט. דו האָסט דאָס געדאַרפט לאָזן אַרויסגליטשן זיך פון האַנט און ווידער גיין צו דיין אייגע־נע שפּילקאַמראַדן. נור ליידער ביסטו געווען איינגעשפּאַרט, און אַזוי האָסטו דאָס צעבראָכן. דאָס איז אפשר, ווען אַלץ איז גע־זאָגט, דער לעצטער סוד פון אַלע געשעענישן. וואָרום סודות זיינען אַלע מאָל קלענער ווי זייערע אַנטפּלעקונגען. דורך דעם אַוועקרוקן פון איין אַטאָם ווערט אפשר צעטרייסלט אַ גאַנצע וועלט. און כדי ניט צו שוינען מיך מער ווי דיך, וועל איך נאָך צו־געבן אָט דאָס: ווי געפערלאַך עס איז געווען פאַר מיר די באַ־

קאנטשאפט מיט דיר, איז זי געוואָרן פאַטאַל דורך דעם באַזונ־
דערן אויגנבליק, אין וועלכן זי איז פאָרגעקומען. ווארום דו ביזט
געווען אין יענעם עלטער, אין וועלכן אַלץ, וואָס מען טוט, איז ניט
מער ווי דאָס פאַרזייען די זריעה, און איך בין געווען אין דעם
עלטער, אין וועלכן אַלץ, וואָס מען טוט, איז ניט ווייניקער ווי
שניידן די פרוכט.

עס איז נאָך פאַראַן אַ פּאָר אַנדערע פּונקטן, איבער וועלכע
איך מוז דיר שרייבן: דער ערשטער איז נוגע מיין באַנקראָט. מיט
עטליכע טעג צוריק האָב איך געהערט — מיט גרויס פאַרדרוס, ווי
איך גיב צו — אַז עס איז איצט צו שפּעט פאַר דיין פאַמיליע, צו
באַפרידיקן דיין טאַטן, אַז דאָס איז קעגען דאָס געזעץ און אַז איך
מוז נאָך בלייבן אַ היבשע צייט אין מיין קעגנווערטיקער פיינ־
לאַכער לאַגע. עס איז ביטער פאַר מיר, ווייל עס ווערט מיר פאַר־
זיכערט פון געזעצגעבנדיקער זייט, אַז איך קאָר אפילו ניט פאַר־
עפנטלאַכן קיין בוך אָן דערלויבניש פון באַנקראָט־פאַרוואַלטער,
וועמען עס מוזן ווערן פאַרגעלייגט אַלע חשבונות; איך קאָן ניט
שליסן קיין קאָנטראַקט מיט אַ טעאַטער דירעקטאָר אָדער לאָזן
אויפפירן אַ פּיעסע, אָן דעם אַז די פּראָפיטן זאָלן אָנקומען צו דיין
טאַטן און מיינע פּאָר אַנדערע קרעדיטאָרן. אפילו דו אַליין וועסט
איצט וואויל צוגעבן, אַז דער פּלאַן, צו „איבערכיטרעווען" דיין
טאַטן, דורך דעם וואָס מען לאָזט אים מיך דערקלערן פאַר באַנ־
קראָט, איז ווירקלאַך ניט געוואָרן דער גלענצנדיקער דערפּאָלג ווי
דו האָסט אים זיך פאָרגעשטעלט.

פאַר מיר ווייניקסטנס איז דאָס געווען שמערצלאַך, און מען
האָט געדאַרפט באַריקזיכטיקן מיין געפיל פון דערנידעריקונג, וואָס
איז געוואָרן אַרויסגערופן דורך מיין בעטלערישקייט איידער דיין
ווער וויים ווי בייסנדיקן אָדער אומדערוואַרטנדיקן הומאָר. דער
ניט אָפּצולייקנדיקער פאַקט באַשטייט, אַז דורכדעם וואָס דו האָסט
איינגעוויליקט אויף מיין באַנקראָט און מיך אַריינגעהעצט אין
דעם ערשטן פּראָצעס, האָסטו געשפּילט דיין פאָטער אין די קאָרטן
און געטאָן געגוי דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט.

אַליין און אָן אונטערשטיצונג וואָלט ער פון אָנהויב אָן גע־
וועזן מאַכטלאָז. אין דיר — הגם עס איז ניט דיין אַבזיכט, צו פאַר־
נעמען אַז גרויליקע שטעלע — האָט ער געפונען תמיד זיין הויפּט־
פאַרבינדעטן.

איך דערוויס זיך דורך מאַר עדי אין אַ בריוו, אַז דו האָסט לעצטן זומער ביי מער ווי איין געלעגנהייט אויסגעדריקט דעם ווּאונטש, מיר צוריקצוצאָלן „אַ ביסל דערפון, וואָס איך האָב אויסגעגעבן פאַר דיר". ווי איך האָב געזאָגט אין מיין ענטפער צו אים: האָב איך לײדער אוועקגעגעבן פאַר דיר מיין קונסט, מיין לעבן, מיין נאָמען, מיין שטעלונג אין דער געשיכטע; און ווען דיינע אַנגעהעריקע וואָלטן געהאַט צו דינסט אַלע וואונדערבאַרע זאַכן אין דער וועלט אָדער דאָס, וואָס עס זעט אויס דער וועלט וואונדערבאַר: ז ש ע נ י , שיינקייט, רייכקייט, הויכער ראַנג און דאָסגלייכן, און וואָלטן מיר זיי אַלע געלייגט צו די פיס, וועלן זיי מיר ניט צוריקצאָלן קיין צענטל פון די קלענסטע זאַכן, וואָס זיינען געוואָרן צוגענומען פון מיר, אָדער אַ טרער פון די לעצטע טרערן, וועלכע איך האָב פאַרגאָסן, דאָך מוז מען זעלבסטפאַרשטענדלאַך צאָלן פאַר אַלץ וואָס מען טוט. דאָס מוז אַפילו איינער וועלכער איז באַנקראָט.

דו געפינסט זיך, ווי עס זעט אויס, אונטער דעם איינדרוק, אַז דער באַנקראָט איז אַ באַקוועם מיטל, דורך וועלכן מען קאָן פאַרמיידן צו באַצאָלן זיינע שולדן, פאַקטיש „איבערכיטרעוון זיינע קרעדיטאָרן". עס איז גאָר עפּעס אַנדערש.

עס איז דער אופן, דורך וועלכן די קרעדיטאָרן פון אַ מאַן „איבערכיטרעווען אים", אום צו בלייבן ביי דיין ליבלינג-אויסדרוק, און דורך וועלכן דאָס געזעץ צווינגט אים, מיט דער הילף פון פאַרכאַפּן זיין גאַנצען אייגענטום, צו באַצאָלן יעדע פון זיינע שולדן, און, ווען ער איז דערצו ניט אימשטאַנד, לאָזט מען אים איבער מיטללאָז ווי דעם געמיינסטן בעטלער, וועלכער שטייט אין אַ געוועלבטן דורכגאַנג אָדער גליטשט זיך אַרונטער אַ גאַס און שטרעקט אויס זיינע הענט נאָך נדבות, וועלכע, ער האָט אַנגסט צו בעטן, אין ענגלאַנד, ווייניקסטנס. דאָס געזעץ האָט ניט בלויז צוגענומען פון מיר, אַלץ וואָס איך האָב: מיינע ביכער, מעבל, בילדער, מיין קאָפּערייט אויף מיינע פאַרעפנטלאַכע ווערק, מיין קאָפּערייט אויף פּיעסן, פאַקטיש אַלץ פונם „גליקלאַכן פּרינץ" און „ליידי ווינדערמערס פעכער" אָן ביז אַרונטער צום טרעפּן-דיוואַן און צום קראַץ-אייזען פון מיין הויז, נאָר אויך אַלץ, וואָס איך וועל ווען עס איז באַזיצען. אַזוי איז צום ביישפּיל געוואָרן פאַרקויפט מיין חלק אין מיין פרוי׳ס ירושה.

גליקלאַכערוויז בין איך געווען אין דער לאַגע, אים צוריקצור-

קויפן דורך מיינע פריינט. ווען ניט, וואלטן מיינעביידע קינדער, אין פאל מיין פרוי שטארבט, געבליבן ביי מיין לעבן פונקט אזוי מיטלאז ווי איך. מיין חלק אין אונזער אירלענדישן גרונטבאזיץ, וואס מיין פאטער האט מיר געלאזט ירושה, וועט ווארשיינלאך באלד קומען אין דער ריי.

זיין פארקויף וועקט אין מיר זייער ביטערע געפילן, דאך מוז איך זיך אונטערוואַרפן.

דיין טאַטענס זיבן הונדערט פענים — אדער זיינען דאס פונטן?
— שטייען אין וועג און מוזן ווערן צוריקגעצאלט. אפילו ווען מען זאל פון מיר אוועקנעמען אלץ וואס איך באזיץ און וועל ווען באַזיצען, און עס זאל ווערן אפגעשטעלט דער פראצעס וועגען האפּנונגסלאזער צאלונגס אומפעיקייט, בלייבן נאך מיינע שולדן. די דינערס אין סאוואי : די קלארע שילדקרעטזופ; די טייערע, אין אירע זאקיגע סיציליאנישע וויינבלעטער איינגעוויקלטע אָרטאלאַנען; דער שווערער, בורשטינפארביקער, יא, כמעט נאך בורשטין דופטנדיקער שאמפאניער — דאגאנעט, 1880קער, איז געווען, גלויב איך, דיין ליבלינגסוויין — זיינען נאך אלע צו באצאלן. די סאפּערס ביי ווילים : די באזונדערע קאוועס פון פעריע־זשוע, וועלכע מען פלעגט פאר אונז תמיד רעזערווירן; די אויסגעצייכנטע פּירעשקעס אנגעפילט מיט געגזונטע לעבערלאך, וואס זיינען געקומען דירעקט פון שטראסבורג : די וואונדערבארע פיינע שאמפּיין, וואס ווערט שטענדיג סערווירט אויף דעם גרונט פון גרויסע, גלאקנפארמיקע גלעזער. כדי די בלום זאל ווערן בעסער אפגעשעצט פון די אמת'ע עפיקורייאישע געניסער, וועלכע זיינען געווען דאס, וואס איז ווירקלאך אויסגעוויילט אינם לעבן — די קאנען ניט בלייבן ניט באצאלט, ווי בייזוועליקע שולדן פון א ניט ערלאכן גאסט. אפילו די צירלאכע מאנשעטנקנעפּ — פיר הארצפארמיקע לבנה־שטיינער פון זילבערנעם שטריך, אפּוועקסלענדיק איינגעפאסט מיט רובינען און דיאמאנטן — וועלכע איך האב געצייכנט און באשטעלט ביי העגרי לואיס, אלס א ספעציעלע מתנה פאר דיך לכבוד דעם דערפאלג פון מיין צווייטער קאמעדיע — אויך די — כאטש דו האסט זיי, גלויב איך, א פאר חדשים שפעטער פארקויפט פאר א שטיקל ברויט מיט פוטער — זיינען נאך צו באצאלן. איך קאן ניט לאזן ליידן דעם יואוועליער פאר די מתנות, וואס איך האב דיר געשיינקט, קיין אונטערשייד, וואס דו האסט דערמיט געטאן. דו זעסט בכן, אז איך

האב נאך צו באצאלן מיינע שולדן, אפילו ווען דער פּראצעס וועט ווערן אפּגעשטעלט.

און וואס עס גילט פון איינעם וואס איז דערקלערט באנקראט, דאס גילט פון יעדן אנדערן אינם לעבן. פאר יעדע איינצעלע זאך, וואס מען טוט, האט עמיץ צו צאלן. אפילו דו — מיט אלע דיינע פארלאנגען צו זיין פריי פון אלע דיינע פליכטן, דיין עקשנות, צו קריגען יעדער זאך צוגעשטעלט פון אן אנדערן, דיין פארזוכן, צוריקצואווייזן פּרעטענזיעס אויף דיין ליבע, ריקזיכט אדער דאנק־באַרקייט — אפילו דו וועסט איין טאג מוזן נאכדיינקען ערנסט וועגן דעם, וואס דו האסט געטאן, און, מעג דאס זיין ווער ווייסט ווי אומ־זיסט, וועסטו ניט קאנען אויסלאזן א פארזוך דאס ווידער גוטצומאכן.

דער פאקט וואס דו ביזט ניט אימשטאנד דאס אויסצופירן, וועט זיין א טייל פון דיין שטראף. דו קאנסט ניט ריינוואשן דיינע הענט פון יעדער פאראנטווארטלאכקייט און אקסלצוקנדיק אדער לאכנדיק זיך פארנעמען צו גיין פארווערטס צו א נייעם פריינט אדער צו א פריש געדעקטער סעודה. דו קאנסט ניט באהאנדלען אלץ וואס דו האסט געבראכט איבער מיר, ווי א סענטימענטאלע עראינערונג, וועלכע מען ברייננגט ארויף ביי א געלעגנהייט מיט פאפּיראסן און ליקערס, פאר א מאלערישן הינטערגרונט פאר א מאדערנעם לעבן פון פרייד, אקוראט ווי אז אלטן וואנט־טעפּיך, וואס הייגנט אין א שיינק. פאר דעם מאמענט מעג דאס האבן דעם חן פון א נייע שפּייז אדער פון א פרישן וויינ־יארגאנג, נור די ברעקלאך פון א סעודה ווערן הארט, און דער אפּזאץ אויפן דעק פון א פלאש איז ביטער. אדער היינט אדער מארגן אדער וועלכן עס איז טאג וועסטו דאס מוזן באגרייפן. ווען ניט קענסטו שטארבן, אז דאס צו האבן געטאן, און וואס פאר אן ארימען, פארהונגערטן, פאנטאזיעלאזן לעבן וואלסטו דאן געהאט!

אין מיין בריוו צו מאר'ן האב איך געלאזט אנדייטן א שטאנד־פּונקט פון וועלכן דו וואלסט געטאן בעסער אזוי גיך ווי מעגלאך אריינצוטרעטן אין דער זאך. ער וועט דיר זאגן, וואס דאס איז. דאס צו פארשטיין וועסטו מוזן אנטוויקלען דיין פאנטאזיע. באדיינק: פאנטאזיע איז די גאב, וועלכע מאכט איינעם פיאיק, צו זען זאכן און מענטשן אין זייערע רעאלע אזוי ווי אין זייערע אידעאלע באַ־ציאונגען. ווען דו קאנסט זיך אליין ניט ברייננגען דאס צום באַ־וואוסטזיין, טא רייד מיט אנדערע וועגן דעם. איך האב געמוזט אנ־

קוקן מיין פארגאנגענהייט פנים אל פנים, קוק דו אן דיין פאר־ גאנגענהייט פנים אל פנים. זעץ זיך אוועק רואיק און באַ־ טראכט איר. די גרעסטע עבירה איז אויבערפלעכלאכקייט. אלץ וואס קומט צום באוואוסטזיין איז ריכטיק, רייד זיך דורך וועגן דעם מיט דיין ברודער. פערסי איז דער ריכטיקער מענטש דער־ פאר. לאז אים לייענען אט דעם בריוו און זיך דערוויסן אלע אומ־ שטענדן פון אונזער פריינטשאפט. ווען די זאכן וועלן פאר אים ווערן אוועקגעשטעלט קלאר, איז קיינעמס אורטייל בעסער. וואלטן מיר אים געזאגט דעם אמת, וואס פאר א מאסע לייד און שאנד וואלט מיר געבליבן געשפארט! דו דערמאנסט זיך, איך האב גע־ מאכט דעם פארשלאג, דאס צו טאן, אין דעם אווענט ווען דו ביזט געקומען צופארן פון אלזשיר אין לאנדאן. דו האסט דאס פולשטענ־ דיק צוריקגעוויזן. מיר האבן דערפאר, ווען ער איז צוגעקומען נאכן עסן, געהאט צו שפילן די קאמעדיע, אז דיין טאטע איז א גייסטיס קראנקער און איז אונטערגעווארפן נארישע, אומדערקלערבארע משוגענע פארשטעלונגען. דאס איז געווען א פראכטפולע קאמעדיע. אזוי לאנג ווי זי האט געדויערט, באזונדערס, ווען פערסי האט אלץ גענומען ערנסט. לײדער האט זי זיך געענדיקט אויף א זייער סקאנ־ דאליעזן אופן. דאס, איבער וואס איך שרייב איצט, איז איינע פון אירע פאלגען: און אויב דאס איז א באלעסטיקונג פאר דיר, טא פארגעס ניט, זיי מוחל, אז דאס איז די טיפסטע פון מיינע דערני־ דעריקונגען, איינע דורך וועלכע איך מוז דורכגיין. איך האב ניט קיין אנדער אויסוועג. אויך דו האסט ניט קיינעם.

דאס צווייטע, וועגן וואס איך מוז מיט דיר ריידען, איז בנוגע די באדינגונגען, אומשטענדן און דעם ארט פון אונזער באגעגענונג, ווען מיין שטראפצייט וועט זיך ענדיקן. פון שטעלן אין דיין בריוו, וואס דו האסט געשריבן אנהויב זומער פון לעצטן יאר צו ראבי'ן, זע איך, אז דו האסט פארכאסמעט אין צוויי פעקלאך מיינע בריוו און מיינע מתנות צו דיר — לכל הפחות אזוי פיל וויפיל עס זיינען נאך געבליבן פון זיי — און דו וואלסט זיי מיר זייער גערן איבערגעבן פערזענלאך. נאטירלאך מוזן זיי אומבאדינגט ווערן צוריקגעגעבן. דו האסט ניט פארשטאנען, ווארום איך שרייב דיר שיינע בריוו, פונקט ווי דו האסט ניט פארשטאנען, ווארום איך גיב דיר שיינע מתנות. דו האסט ניט באגריפן, אז יענע זיינען ניט צום פארעפנט־ לאכן, פונקט אזוי ווי די זיינען ניט געווארן באשטימט, צום פארזעצן.

אויסערדעם געהערן זיי צו א קאפיטל פון מיין לעבן, וואס איז שוין לאנג פאראיבער, צו א פריינטשאפט, וועלכער דו ביזט ניט געווען בכח אפצושעצן אין איר אמת'ן ווערט. דו מוזט איצט צוריקקוקן מיט דערשטוינען אויף די טעג, ווען דו האסט געהאט מיין גאנץ לעבן אין האנט. אויך איך קוק אויף זיי צוריק מיט דערשטוינען און מיט אנדערע, זייער פארשידענע געפילן.

פאר איינעם וועלכער איז אזוי מאדערנע ווי איך, אזוי פיל Enfant de mon siecle* וועט דאס תמיד זיין א חיות בלויז צו קוקן אויף דער וועלט. איך ציטער פאר פרייד בעת איך טראכט וועגן דעם, אז אין דעם סאמע טאג אין וועלכן איך וועל פארלאזן די תפיסה, וועלן גאלדרעגען און בעז בליען אין די גערטנער, און אז איך וועל זען, ווי דער ווינט באוועגט אין רולאזער שיינקייט דאס ארונטערהייגענדיק גאלד פון דעם איינעם און מאכט דעם אנדערן אפטרייסלען דעם בלאסן פורפור פון זיינע פעדערן, אזוי אז די גאנצע לופט וועט זיין פאר מיר אראביע. לינע איז געפאלן כורעים און געוויינט פאר שמחה, ווען ער האט צום ערשטן מאל דערזען די לאנגע סטעפע פון אן ענגליש בערגיק לאנד, אפגעפארבט געל דורך די ברוין־געלע אראמאטישע בליאונגן פון דעם געוויינלאכן גונסטער; און איך ווייס אז פאר מיר, ביי וועמען בלומען זיינען א טייל פון דער ביינקשאפט, זיינען פאראן טרערן וועלכע ווארטן אויף מיר אין די בלעטלאך פון א רויז. דאס איז תמיד אזוי געוועזן מיט מיר, פון מיין יוגנט אן. עס איז ניטא קיין איינציקער קאליר באהאלטן אין דעם בעכערל פון א בלום, אדער אין דער רונדונג פון א מערקעפל, וואס זאל, א דאנק א צארטער סימפאטיע מיט דער עצם נשמה פון אלע באשעפענישן, ניט געפינען קיין אפקלאנג אין מיין נאטור. פונקט ווי גאטיע, בין איך געווען תמיד איינער פון אט די pour qui le monde visible existe *)

דאך באגרייף איך אצינדערט, אז הינטער אט דער גאנצער שיינקייט, מעג זי אויך זיין ווי איבערצייגענדיק, איז פארבארגן א גייסט פון וועלכן די פילפארביגע געשטאלטן און מוסטערן זיינען בלויז אנטפלעקונגספארמען, און מיט אט דעם גייסט ווינטש איך זיך צו ברייגנען אין איינקלאנג. איך בין שוין געווארן איבער־

---

*)קינד פון מיין דור.

*) פאר וועלכע די זיכטבארע וועלט עקזיסטירט זייער דויטלאך.

דריסיק פון דעם דייטלאַך פאַרנעמבאַרן אויסדרוק פון די מענטשן און זאַכן. דאָס מיסטישע אין דער קונסט, דאָס מיסטישע אינם לעבן, דאָס מיסטישע אין דער נאַטור — דאָס איז דאָס, נאָך וואָס איך קוק אַרום. און איך וועל דאָס אפשר געפינען אין די גרויסע מוזיק סימפאָניעס, אין דעם געהייליקטן שמערץ און אין די אָפּ־גרונטן פון ים. יאָ, עס איז אַבסאָלוט נייטיק פאַר מיר, דאָס צו געפינען ערגעצוואו.

איך האָב אַ מאָדנעם פאַרלאַנגן נאָך די גרויסע פשוטע קדמונים, אַזוינע ווי דער ים, וועלכער איז מיר ניט ווייניקער מאַמע ווי די ערד. עס זעט מיר אויס, אַז מיר קוקן אויף דער נאַטור צופיל און לעבן מיט איר צו ווייניק. איך זע אַ סך געזונטן פאַרשטאַנד אין דער גריכישער שטעלונג. זיי האָבן קיין מאָל ניט געפּלוידערט מכח זונענאונטערגאַנגען, אָדער דיסקוטירט איבער די שאָטנס אויף דעם גראָז זיינען ממש פיאָלעט אָדער ניט. נור זיי האָבן איינגעזען, אַז דער ים איז פאַר דעם שווימער, און דער זאַמד פאַר די פיס פון דעם וועטלויפער. זיי האָבן געליבט די ביימער פאַר דעם שאָטן וועלכן זיי וואַרפן, און דעם וואַלד פאַר זיין שווייגן מיטאָגצייט. דער וויינגערטנער אין דעם וויינגאָרטן האָט באַנקראַנצט זיינע האָר מיט עפּיי, כדי ער זאָל אים פאַרהיטן פון די שטראַלן פון דער זון, בעת ער נייגט זיך איבער די יונגנטלאַכע שפּראָצן, און פאַר דעם קינסט־לער און דעם אַטלעט, די צוויי טיפּן, וועלכע גריכנלאַנד האָט אונז געגעבן, האָבן זיי געפלאָכטן צום קראַנץ די בלעטער פון דעם ביטערן לאַרבערבוים און פון דער ווילדער פעטרעשקע, נועלכע וואָלטן אויף קיין אַנדער אופן ניט געניצט פאַרן מענטשן.

מיר רופן זיך אַז אַ דור פון נוצליכקייט, און מיר ווייסן ניט די נוצבאַרקייט פון קיין איינציקער זאַך. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז וואַ־סער קאָן ריייניקן, און פייער לייטערן, און אַז די ערד איז אונזער אַלעמענס מאַמע. אַלס פועל יוצא דערפון איז אונזער קונסט פון דער לבנה און שפּילט זיך מיט שאָטנס, וועדליק די גריכישע קונסט איז פון דער זון און גיט זיך אָפּ דירעקט מיט זאַכן. איך בין איבער־ציייגט, אַז אין די עלעמענטאַרישע כחות איז פאַראַן לייטערונג, און איך וועל צוריקקערן צו זיי און לעבן אין זייער געזעלשאַפט.

אַלע משפטים זיינען יום הדינ׳ס אויף דעם מענטשנס לעבן. געננוי אַזוי ווי אַלע אורטיילן זיינען טויטסאורטיילן; און דריי מאָל בין איך געווען געמשפּט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך פאַרלאָזן דאָס

גערימטס־הויז, כדי צו ווערן ארעסטירט. דאָס צווייטע מאָל, כדי אַלס אונטערזוכונגס־ארעסטאַנט צו ווערן צוריקגעפירט אין דאָס ארעסט־הויז. דאָס דריטע מאָל, כדי צו ווערן פארשפארט אין א תפיסה פאר צוויי יאָר. די געזעלשאפט, אַט אַזוי ווי מיר האָבן זי איינגעאָרדנט, וועט ניט האָבן קיין פּלאַץ פאר מיר. האָט מיר ניט אָנצובאָטן קיי־נעם; נור די נאטור וועמעס זיסע רעגנס עס פאַלן פאר דעם צדיק ווי פאר דעם רשע, וועט האָבן פאר מיר שלוכטן איז די פעלזנשטיינער וואו איך וועל מיך קאָנען באהאלטן, און געהיימע טאָלן אין וועמענס שטילשווייגן איך וועל קאָנען וויינען ניט געשטערט. זי וועט באַ־היינגען די נאכט מיט שטערן, אַזוי אַז איך וועל קאָנען וואנדערן קיין אויסלאַנד אין דער פינסטערניש און ניט ווערן געשטרויכלט, און זי וועט לאָזן דעם ווינט פארווייען די שפּורן פון מיינע טריט, אַזוי אַז קיינער זאָל מיך ניט קאָנען נאָכשפּירן צו מיין שאָדן: זי וועט מיך רייניקן אין גרויסע וואַסערן, און היילן מיט ביטערע קרייטעכער.

אויב אַלץ וועט גיין ביי מיר כשורה, וועל איך ווערן באַפרייט ארום סוף מאַי, און יעמאָלט האָף איך צו פאָרן תיכף צו אַ קליינעם דערפל ביים ים אין אויסלאַנד, צוזאמען מיט ראָבי׳ן און מאָר עדי.

דער ים, ווי איירפּיד זאָגט אין איינע פון זיינע פּיעסן וועגן אי־פיגעניען, שווענקט אַוועק די פלעקן און די וואונדן פון דער וועלט. איך האָף צו פארברענגען מינדסטנס אַ חודש מיט מיינע פריינט, און צו געווינען אין זייער געזונטער, ליבעפולער געזעלשאפט פריזן און גלייכגעוויכט, און אַ ווייניקער פארצרה׳ט האַרץ, און אַ זאַנפטערע שטימונג. נאָכדעם ווי עס וועט אריבער אַ מאָנאַט, ווען די יוני־רויזן וועלן זיין אין זייער פולער פראכט, וועל איך, אינם פאַל איך וועל זיך פילן דערצו בכח, איינאָרדנען דורך ראָבי׳ן פאר אַ ווידערזען זיך מיט דיר אין אַ שטילער רואיקער שטאָט פון אויס־לאַנד, ווי בריגס, וועמעס גרויע הייזער און גרינע קאַנאַלן און קילע שטילע וועגן האָבן געהאט פאר מיר אַ צויבער מיט יאָרן צוריק.

פאַראיבערגייענדיג וועסטו מוזן ענדערן דיין נאָמען. דעם קליינעם טיטל, וואָס מאַכט דיך אַזוי אייטל — און ווארהאַפּטיק, ער לאָזט קלינגען דיין נאָמען ווי דעם נאָמען פון אַ בלום — וועסטו מוזן אראָפּנעמען, ווען דו ווילסט מיך זען; אַקוראַט ווי איך האָב פון מיין זייט אויפגעגעבן מיין נאָמען, וועלכער איז געווען פריער אַזוי מוזיקאַליש אינם מויל פון רום. ווי באַשריינקט און מיזעראַבל,

ווי ווייניק איז אַט דער יאָרהונדערט אונזערער דערוואַקסן צו זיינע לאַסטן! ער קאָן געבן דעם דערפאָלג זיין פּלאַץ פון פּאַרפירשטיין, נור פאַר לייד און שאַנד האָט ער אַפילו ניט קיין שטרויענעביידל צום וואוינען. אַלץ וואָס ער קאָן טאָן פאַר מיר איז: מיך אויפצו־פאָדערן, אומצובייטן מיין נאָמען אויף אַן אַנדערן, דאָרט וואו אַפילו דאָס מיטלאַלטער וואָלט מיר געגעבן דעם קאַפּ־צודעק פון מאָנאַך אָדער דאָס געזיכטסטוך פון דעם קרעציקן. אַזוי אַז איך זאָל אונטער דעם קאָנען לעבן אין פרידן.

האָפענטליך וועט אונזער באַגעגעניש ווערן דאָס, וואָס דאַרף זיין אַ באַגעגענונג צווישן דיר און מיר נאָך אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען. אין פריהערדיקער צייט איז אַלעמאָל געווען אַ ווייטער מהלך צווישן אונז — דער מהלך צווישן פאָלקומענער קונסט און דערוואָרבענער קולטור; איצט איז נאָך אַ ווייטערער מהלך צווישען אונז: די פונם ליידן, דאָך פאַר דער עניוות איז קיין זאַך ניט אומעגלאָך. און פאַר דער ליבע ווערט אַלץ לייכט.

וואָס עס באַטרעפט דיין בריוו צו מיר אַלס ענטפער אויף דעם, אַזוי קאָן ער זיין לאַנג אָדער קורץ, ווי עס געפעלט דיר. אַדרעסיר צום „דירעקטאָר, קעניגלאַכער תפיסה, רעדינג“. אין אַ צווייטן אָפענעם קאָנווערט לייג אַריין דיין בריוו צו מיר. ווען דיין פּאַפּיר איז זייער דין, באַשרייב ניט ביידע זייטן, ווייל דורכדעם ווערט שווערער דאָס לייענען. איך האָב דיר געשריבן מיט פולסטער פריי־הייט. דו קאָנסט מיר אויך אַזוי שרייבן. וואָס איך מוז פון דיר זיך דערוויסן, איז: וואָרום האָסטו קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פּאַרזוך, מיר צו שרייבן זינט אויגוסט פונם פאַרלעצטן יאָר, באַזונדערס נאָכדעם ווי דו האָסט אינם מאַי פונם לעצטען יאָר, דאָס הייסט מיט עלף חדשים צוריק, דערפאַרן און עס פאַר קיינעם ניט געמאַכט קיין סוד, ווי איך לייד דורך דיר און ווי דאָס איז מיר געקומען צום באַ־וואוסטזיין.

איך האָב חודש נאָך חודש געוואַרט צו הערן פון דיר. אַפילו ווען איך וואָלט ניט געוואַרט, נאָר פאַרשפּאַרט פאַר דיר די טירן, האָסטו געדאַרפט באַדיינקען, אַז קיינער קאָן ניט פאַרשפּאַרן אייביק די טירן פאַר דער ליבע. דער אומגערעכטער ריכטער אין די עוואַנגעליען דערהייבט זיך סוף כל סוף, כדי אַרויסצוגעבן אַ גערעכטן אורטייל, ווייל די גערעכטיגקייט קומט טעגלאָך און קלאַפּט אין זיין טיר: און דער פריינט, אין וועמעס האַרצן ער איז ניטאָ קיין אמת'ע

פריינטשאפט, ניט ביינאכט סוף כל סוף נאך זיין פריינט, „צוליב זיין אומפארשעמטער צודרינגלאכקייט”. אויף דער גאנצער וועלט איז ניטא א תפיסה, צו וועלכער די ליבע קאן זיך ניט דערצווינגען דעם אריינטריט. ווען דו האסט דאס ניט פארשטאנען, האסטו גאר־ניט געוואוסט פון ליבע.

לאז מיר אויך וויסן אלץ פון דיין ארטיקל איבער מיך פאר דעם „מערקור דע פראנס”. איך ווייס אביסל דערפון. ציטיר ליבער פון דעם. ער איז שוין געזעצט. לאז מיר אויך וויסן דעם נוסח פון דער ווידמונג פון דיינע לידער. אויב זי איז אין פראזע, ציטיר די פראזע; אויב אין פערזן, ציטיר די פערזן. איך צווייפל ניט, אז עס וועט אין דעם שטיין עפעס שיינס. שרייב מיר פראנק און פריי וועגן זיך: וועגן דיין לעבן: דיינע פריינט: דיין באשעפטיקונג: דיינע ביכער. דערציייל מיר פון דיין באנד לידער און פון זיין אויפנאמע. וואס דו האסט אויף פאר זיך צו זאגן, זאג דאס אן מורא. שרייב ניט, וואס דו מיינסט ניט: דאס איז אלץ. אויב אין דיין בריוו איז עפעס וואס פאלש אדער ניט עכט. וועל איך דאס תיכף דערקענען נאכן קלאנג.

עס איז ניט אומזיסט, אדער ניט אן א צוועק, וואס אין מיין לעבנסלייגנלאכן קולט פון דער ליטעראטור האב איך זיך אליין גע־מאכט פאר א

„קארגן פון קלאנג און זילבע, ניט מינדער
ווי מידאס פון זיין גאלד”.

געדיינקט אויך, אז איך דארף דיך נאך דערקענען. אפשר דארפן מיר נאך ביידע איינע די אנדערע זיך דערקענען. פון מיין זייט האב איך דיר צו זאגן בלויז אט דאס לעצטע: האב ניט קיין מורא פאר דער פארגאנגענהייט. ווען די מענטשן זאגן דיר, מען קאן איר ניט איבערענדערן, גלויב זיי ניט: פארגאנגענהייט, קעגנוואורט און צו־קונפט זיינען בלויז איין אויגנבליק פאר גאט, פאר וועלכן מיר זאלן זיך באמיען צו לעבן. צייט און רוים, כסדרדיקע נאכפאלגונג און אויס־שפרייטונג זיינען בלויז צופעליקע געדאנקנפארבינדונגען. די פאנ־טאזיע קאן זיי אריבערשפרייזן און זיך באוועגן אין א פרייער סביבה פון אידעאלע עקזיסטענצן. אויך די זאכן זיינען לויט זייער וועזן גאר, דאס וואס מיר ווילן מאכן פון זיי. א זאך איז לויט דעם אופן ווי מען קוקט אויף דעם. „וואו אנדערע”, זאגט בלייק, „זעען בלויז דעם מארגנרויט אנקומען איבער די בערג, זע איך די זין פון גאט יובלען פאר פרייד”. וואס די וועלט און מיר אליין האט אויס־

געזען ווי מיין צוקונפט. דאס האב איך פארלארן אומדערוזעצלאך, ווען איך האב זיך געלאזט אויפהעצן צו פארפירן א פראצעס קעגן דיין טאטן; איך דיינק, אז איך האב זי באמת פארלארן שוין א סך פריער. וואס עס ליגט פאר מיר איז די פארגאנגענהייט. איך דארף זיך אליין מאכן קוקן אויף דעם מיט אנדערע אויגן, מאכן די וועלט קוקן אויף דעם מיט אנדערע אויגן, מאכן גאט קוקן אויף דעם מיט אנדערע אויגן. דאס קאן איך ניט טאן, דורך איגנארירן, גרינגשעצן, לויבן אדער פארלייקענען דאס. דאס לאזט זיך גאנץ דערגרייכן בלויז דורך אננעמען דאס ווי אן אומפארמיידלאכן טייל פון דער אנטוויקלונג פון מיין לעבן און כאראקטער : דורך בייגן מיין קאפ פאר אלצדינג וואס איך האב אויסגעליטן.

ווי ווייט איך בין דערווייטערט פון דער גלייכגעוויכט פון נשמה, ווייזט דיר גאנץ דייטלאך אט דער בריוו מיט זיינע וועקסל־פולע, אומזיכערע שטימונגען, זיין פאראכטונג און ביטערקייט, זיינע שטרעבונגען און זיינע דורכפאלן צו פארווירקלאכן אט די שטרע־בונגען. נור פארגעס ניט, אין וואס פאר א שרעקלאכער שול איך זיץ ביי מיין אויפגאבע. און ווי אומפארשטענדיק, אומפולקומען איך בין, קאנסטו דאך נאך פון מיר געווינען א סך. דו ביזט געקומען צו מיר לערנען די תענוגים פון לעבן און די פריידן פון קונסט. אפשר בין איך דערצו בארופן, צו לערנען דיך עפעס וואס וואונדערפולערעס: די באדייטונג פון לייד און שיינקייט.

דיין דיך ליבנדיקער פריינט,

אסקאר ווײלד.

בריוו פון תפיסה

פיר בריוו צו ראָבערט ראָס

1.

קעניגלאַכע תפיסה, רעדינג.
10טער מערץ, 1896.

מיין ליבער ראָבי!

כ'וויל דו זאָלסט באַלד לאָזן שרייבן א בריוו צום אדוואָקאַט מר — —, מיט אָט דעם אינהאַלט: אַזוי ווי מיין פרוי האָט צוגעזאָגט, אָפּצושרייבן מיר א דריטל, אין פאַל זי וועט שטאַרבן פריער פאַר מיר, ווינטש איך אַז ס'זאָל ניט געמאַכט ווערן קיין אָפּאָזיציע קעגן איר אָפּקויפן מיין לעבנסלאַנגלאַכע הכנסה. כ'פיל, אַז איך האָב געבראַכט אַזוי פיל אומגליק אויף איר און אַזאַ חורבן אויף מיינע קינדער, אַז כ'האָב ניט קיין רעכט צו זיין קעגן אירע וואונטשן, אויף וועלכן ס'איז אופן. זי איז דאָ געוועזן פריינטלאַך און גוט צו מיר, ווען זי האָט מיך באַזוכט. איך האָב צו איר א פולן צוטרוי. איך בעט דיך, זע דאָס באַלד דורכצופירן, און דאַנק מיינע פריינט פאַר זייערע געפעליקייטן. כ'פיל, אַז איך האַנדל ריכטיק, ווען איך לאָז דאָס איבער צו מיין פרוי.

זיי אַזוי גוט, שרייב אויך צו סטואַרט מעריל'ן אין פּאַריז, אָדער צו ראָבערט שעראַרדן, ווי צופרידן איך בין געוועזן איבער דער אויפפירונג פון מיין פיעסע, און גיב איבער מיין דאַנק צו לוּאיניע־פּאָע. ס'איז דאָך עפּעס וואָס, ווען אין דער צייט פון חרפות און בזיונות ווער איך נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר א קינסטלער. כ'וואָלט געוואונטשן צו קאָנען פילן מער תענוג, נאָר כ'בין באַשיינפערלאַך טויט פאַר אַלע געפילן, אויסער פאַר צער און יאוש. אַלץ איינס — טייל מיט לוּאיניע־פּאָע, אַז איך ווייס ווי צו שעצן

דעם כבוד וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט. ער איז זעלבסט אַ דיכ־טער.

כ'האָב מורא, דו וועסט שווערלאַך קאָנען איבערלייענען מיין כתב. נאָר אַזוי ווי מ'דערלויבט מיר ניט צו באַנוצן קיין שרייב־געצייג, זעט אויס ווי איך וואָלט פאַרגעסן ווי אַזוי צו שרייבן. דו מוזט מיר דערפאַר אַנטשולדיקן.

דאַנק מאָר עדי'ן פאַר זיין טרחה, מיר צו שיקן ביכער. צום אומגליק לייד איך פון קאָפּ־שמערצן, ווען איך לייען מיינע גריכישע און רוימישע דיכטער — זיי האָבן מיר דערפאַר נאָך ניט פיל געהאָלפן — נאָר ס'איז געווען זייער פריינטלאַך פון אים מיר צו באַזאָרגן די סעריע.

בעט אים אויך אויסצודריקן מיין דאַנק צו דער דאַמע, וועל־כע וואוינט אין ווימבלדאָן. — — — — — — —

אַלס ענטפער אויף דעם שרייב מיר, כ'בעט דיך, איבער דער ליטעראַטור: וואָסערע נייע ביכער זיינען אַרויס פון דרוק א. ד. ג. אויך איבער דער פּיעסע פון דזשאָנס און דער טעאַטער־דירעקציע פון פאָרבס־ראָבערטסאָן; איבער יעדער נייער ריכטונג אין טעאַ־טער פון פּאַריז אָדער לאָנדאָן. באַמי זיך צו קריגן זען, וואָס לעמעטער, בויער און סאַרסי האָבן געזאָגט וועגן „סאַלאָמע", און גיב מיר דערפון אַ קורצן סך הכל. כ'בעט דיך, שרייב צו אַנרי בויער, און זאָג אים, אַז כ'בין גערירט פון זיין פריינט־לאַכן שרייבן. ראָבערט שעראַרד קען אים.

ס'איז געווען זייער פיין פון דיר מיר צו קומען זען. דו מוזט קומען נאָכאַמאָל. דאָ רינגלט מיך אַרום דער גרויל פון טויט, מיט דעם נאָך גרעסערן גרויל פון לעבן, און שווייגן און עלנט.

— —

כ'ווינטש אַז ערנסט זאָל אָפּנעמען אין אָוקלי סטריט מיין
כ'ווינטש אַז ערנסט זאָל אָפּנעמען אין אָוקלי סטריט מיין
טשעמאָדאַן, מיין פוטער, מיינע קליידער און מיינע אייגענע גע־שריבענע ביכער, וואָס כ'האָב געשיינקט מיין מוטער. פרעג — — אויף וועמעס נאָמען איז געוואָרן גענומען דער קבר פון מיין מוטער.

אַלעמאָל דיין פריינט,

אָסקאַר ווײַלד.

2

קעניגלאַכע תפיסה, רעדינג,
נאָך סעפּטעמבער 1896 (אָן אַ דאַטום)

— — — אויף אַט די ריין געזעלשאַפטלאַכע אנגעלעגנהייטן וועט אפשר מאָר עדי זיין אַזוי גוט צו ענטפערן. זייגעם אַ בריוו וואָס פאַרנעמט זיך בלויז מיט געשעפטלאַכע ענינים מעג איך דער־האַלטן. כ׳מיין ער וועט ניט שטיין אין וועג דיין ליטעראַרישן באַ־ריכט, וועגן וועלכן דער גאַווערנער האָט מיר טאַקע אַקאָרשט ערשט פאַרגעלייענט דיין פריינטלאַכע מעלדונג.

פּערזענלאַך, מיין ליבער ראָבי, האָב איך דיר גאָר ווייניק וואָס צו זאָגן, וואָס זאָל דיר הנאה טאָן. דער אָפּזאָגנדיקער ענטפער אויף מיין באַגנאַדיקונגס־בקשה האָט מיך געטראָפן ווי אַ קלאַפּ פון אַ בלייענעם שווערט. אַ טעמפּער שמערץ־געפיל האָט מיך באַ־טויבט. כ׳האָב זיך געשפייזט מיט דער האָפנונג, און איצט זעט־טיקט זיך מיט מיר די הונגעריק געוואָרענע פּיין, אַזוי ווי זי וואָלט לאַנג ניט געקאָנט דערפילן איר נאַטירלאַכן אַפּעטיט.

דאָך, פריינטלאַכערע עלעמענטן ווי פריער זיינען אַצינדערט אין אַט דער בייזער תפיסה־לופט. ס׳ווערן מיר ארויסגעוויזן סימ־פּאַטיעס, און כ׳פּיל זיך שוין ניט מער גאַנץ אויסגעשלאָסן פון מענטשלאַכע איינפלוסן — וואָס דאָס איז פריער געווען פאַר מיר אַ קוואַל פון שרעקעניש און פאַררדרוס. איצט לייען איך דאַנטע. און מאַך נאָטיצן און אויסצוגן, פון פאַרגעניגן וועגן, צו באַנוצן אַ טינט און פּעדער. ס׳זעט אויס, ווי ס׳וואָלט מיר געגאַנגען בעסער אין אַ סך אופנים. כ׳וועל אויך ווידער אָנהויבן לערנען דייטש. די תפיסה זעט אויס באמת צו זיין דער פּאַסנדיקסטער פּלאַץ פאַר אַזאַ לימוד.

דאָ איז אָבער פאַראַן אַ דאָרן — וואָס איז אַזוי שאַרף ווי דער פון סט. פּאַול הגם פון אַן אַנדער מין — וועלכן כ׳מוז אַרויס־ציען פון מיין פלייש אין אַט דעם בריוו. זיין סיבה איז אַ מיט־טיילונג וואָס דו האָסט געשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר פאַר מיר צו זען. כ׳פּיל, אַז אויב איך וועל עס האַלטן בסוד, וועט עס אויס־וואַקסן אין מיין מח (ווי גיפטיקע פלאַנצן וואַקסן אין דער טונקל)

און זיך באַהעפטן מיט די אַנדערע שרעקלאַכע מחשבות וואָס זויגן מיך . . .

פאַר די וואָס זיצן דאָ שטום און ביחידות געשמידט אין קייטן. איז דאָס טראַכטן ניט קיין „לעבעדיקע בריאה מיט פליגל" ווי פּלאַטאָ האָט זיך פאָרגעשטעלט, נאָר אַ פגר וואָס בריעט אויס שווידערהאַפּטיקעס ,ווי אַ זומפּ וואָס ווייזט דער לבנה פאַרזעעניש.

כ'מיין נאַטירלאַך דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט, אַז די סימפּאַטיעס פון אַנדערע ווערן פון מיר פאַרפרעמדט, אָדער זיינען אין געפאַר דאָס צו ווערן, צוליב די טיפע ביטערקייט פון מיינע געפילן : — — — — — — — — — — — —

כ'גלויב, אַז מיין בריוו איז געוואָרן געליען און געוויזן צו אַנדערע. — — — כ'וויל אָבער ניט אַז מיינע בריוו זאָלן ווערן ארומגעוויזן ווי קוריאָזיטעטן ; דאָס איז מיר העכסט אָפּשטויסנדיק. כ'שרייב צו דיר אָפן, ווי צו איינעם פון די ליבסטע פריינט, וואָס איך האָב, אָדער האָב ווען ס'איז געהאַט : און מיט ווייניק אויסנאַמען באַרירט מיך כמעט גאָרניט די סימפּאַטיע פון אַנדערע, אַזוי ווייט ווי דער פאַרלוסט גייט.

אַ מענטש פון מיין שטאַנד קאָן ניט פאַלן אין דעם שמוץ פון לעבן, אָן דעם אַז ער זאָל קריגן אַ רייכע מאָס מיטלייד פון די, וואָס שטייען אונטער אים. כ'ווייס אויך, אַז ווען אַ טעאַטערשטיק דויערט צו לאַנג, ווערט דער עולם מיד. מיין טראַגעדיע האָט געדויערט ווייט צו לאַנג ; איר קלימאַקס איז אריבער ; איר סוף איז געמיין.

און איך ווייס גאַנץ גוט, אַז בעת ס'וועט זיך דערנענטערן דער סוף, וועל איך צוריקקומען ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט צו אַ וועלט וואָס בייַנקט ניט נאָך מיר ; ווי אַ „רעוועננאַן", ווי די פראַנצויזן זאָגן, ווי איינער, וועמעס פּנים ס'איז, דורך דאָס לאַנג זיצן אין תּפיסה, געוואָרן גרוי און פאַרקרימט פון ווייטאָק. ווי שרעקלאַך מתים זיינען, ווען זיי שטייען אויף פון זייערע קברים, זיינען די לעבעדיקע וואָס קומען אַרויס פון קברים נאָך שרעקלאַכער. דאָס אַלץ ווייס איך גאָר צו גוט. זיצט מען אַכצן שווידערהאַפטיגע חדשים אין אַ צעל פון תּפיסה, אַזוי זעט מען מענטשן און זאַכן ווי זיי זיינען אין דערווירקלאַכקייט. דער אָנבליק פאַרשטיינערט איינעם.

דיינק ניט אַז איך מאַך וועמען ס'איז שולדיק פאַר מיינע

חטאים. מיינע פריינט האָבן דערמיט אזוי וויייניק צו טאָן ווי איך מיט זייערע חטאים. די נאטור איז אין אָט דעם פונקט געווען א שטיפמוטער צו אונז אַלעמען. כ׳וואָרף זיי נאָר פאָר וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט ווי צו שעצן דעם מאַן פון וועלכן זיי האָבן געמאכט א תל. כל זמן מיין טיש איז געווען רויט פון ווײן און רויזן, וואָס האָט זיי געאַרט? מיין זשעני, מיין לעבן אלס קינסטלער, מיינע ארבעטן און די מנוחה וואָס איך האָב דערצו נויטיק געהאַט האָט פאַר זיי ניט געגאָלטן.

כ׳בין מודה אז איך האָב פארלאָרן מיין קאָפּ. כ׳בין געווען צומישט, ניט געהאַט מער קיין אורטיילס־קראַפט. כ׳האָב געמאכט דעם איין אומגליקלאכן טראָט, און איצט זיץ איך דאָ אויף א ביינקל אין א תפיסה־קאַמער.

אין אלע טראַגעדיעס איז דאָ א גראָטעסק עלעמענט. דו קענסט דאָס גראָטעסק אין מיין טראַגעדיע. גלויב ניט, אז איך מאַך זיך ניט קיין פארוואורפן. כ׳פארשילט זיך ביי נאַכט און ביי טאָג פאַר מיין נארישקייט, צו לאָזן א געוויסע מאכט באַהערשן מיין לעבן. ווען ס׳וואָלט געגעבן א ווידער־קול אין אָט די ווענט, אזוי וואָלט פון זיי אָן אָן אויפהער אָפּגעקלונגען: „נאַר, נאַר!“ כ׳שעם זיך זייער שטאַרק מיט מיינע פריינטשאַפטן. — — — ווייל זאָג מיר ווער איז דיין פריינט, און איך וועל דיר זאָגן ווער דו ביזט. דאָס איז א פרוביר־שטיין פאַר יעדן איינעם. און מיך דערפילט מיט ברענענדיקער בושה מיין חבר׳שאַפט — — — פון וועלכער דו קאָנסט לייענען אן אויספירלאכע באַשרייבונג אין באריכט פון מיין פּראָצעס.

טעגלאך איז דאָס פאַר מיר א קוואַל פון גייסטיקער דערנידערונג. וועגן עטלאכע פון זיי טראַכט איך קיינמאָל ניט. זיי באַאומרואיקן מיך ניט. זיי זיינען פון קיין שום וויכטיקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זווירקלאך, מיין גאנצע טראַגעדיע זעט מיר אויס גראָטעסק און ניט מער. ווייל אלס רעזולטאט דערפון וואָס איך האָב זיך געלאָזט אריינאַרן אין א פאַסטקע — — — זיץ איך אין טיפסטן זומפּ פון מאַלעבאָלגע צווישן זשיל דע רעס און דעם מאַרקיז דע סאַד.

אין געוויסע ערטער איז קיינעם ניט דערלויבט צו לאכן א חוץ די עכטע משוגעים, און אויך אין זייער פאַל איז דאָס א פאַרברעכן

קעגן דער אָרדנונג: ווען ניט, דיינק איך, וואָלט איך פון דעם לאַכן.

איבעריקנס, זאָל זיך קיינער ניט איינריידן, אַז איך שטעל אַוועק אומווירדיקע מאַטיוון אויפן חשבון פון אַנדערע. זיי האָבן איבערהויפּט ניט געהאַט קיין מאַטיוון אין לעבן. מאַטיוון געהערן צו דער ממשלה פון גייסט. זיי האָבן געהאַט בלויז תאוות, און אַזוינע תאוות זיינען פאַלשע געטער, וואָס פאַרלאַנגען קרבנות. מעג דאָס קאָסטן ווער ווייס וויפל און אין דעם פאַל האָבן זיי געפונען אַ קרבן, וועמען ס'איז געווען „געפלאָכטן דער לאָרבער קראַנץ אַרום דעם שטערן".

אַט אַזוי האָב איך טאַקע איצטער אין מיין בריף אַרויסגעצויגן דעם דאָרן — די קורצע, פון דיין האַנט אויסגעקריצלטע שורה האָט מורא'דיק געאייטערט. איצט טראַכט איך בלויז דערפון דו זאָלסט ווערן ווידער פולשטענדיק געזונט און סוף כל סוף אויפשרייבן די וואונדערפולע געשיכטע פון — — — — — — — — — — — — — —

כ'בעט דיך איבערצוגעבן מיין גרוס און דאַנק צו דיין ליבע מוטער, אויך צו עליק'ן. די „פאַרגאָלדעטע ספינקס" איז, ווי כ'שטעל זיך פאָר, פּראַכטפול ווי אַלע מאָל. און שיק אין מיין נאָמען אַלץ וואָס איז גוט אין מיינע געדאַנקען און געפילן, און אַזוי פיל גרוסן און אַכטונג וויפל זי וויל פון מיר אָננעמען, צו דער לידי פון ווימבלדאָן, וועמעס נשמה איז אַ בית המקדש פאַר די פאַרוואונדעטע און אַן עיר מקלט פאַר די ליידנדע.

ווייז קיינעם ניט אָט דעם בריוו — דערמאָן אויך ניט אין דיין ענטפער קיין וואָרט פון דאָס וואָס איך האָב דיר געשריבן. דערציי'ל מיר פון דער וועלט פון שאָטנס, וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק געליבט. דערציי'ל מיר אויך פון לעבן און פון דער נשמה — — — כ'בין נייגעריק צו וויסן עפּעס וואָס פון דער פליג וואָס האָט מיך געביסן, און אין מיינע יסורים איז דאָ רחמנות.

דיין אָסקאַר.

3

קעניגלאַכע תפיסה, רעדינג,
1טער אַפּריל, 1897.

מיין ליבער ראָבי,

באַזונדער פון אָט דעם בריוו שיק איך דיר אַ מאַנוסקריפּט,

וואָס וועט האָפּנטלאָך זיכער אַנקומען. אַזוי גיך ווי דו האָסט עס געלייענט, און נאַטירלאָך אויך מאַר עדי, וועלכן איך נעם אַלעמאָל אַריין אין כלל, וויל איך אַז דו זאָלסט עס לאָזן געניי קאָפּירן פאַר מיר.

ס׳זיינען דאָ אַ סך מאָטיוון פאַר וואָס איך וויל דאָס האָבן געטאָן. איינער וועט געניגן. כ׳וויל דו זאָלסט זיין מיין ליטעראַרישער צוואה אויספירער ווען איך וועל שטאַרבן. דו זאָלסט זיין דער גאַנצער בעל דעה איבער מיינע פּיעסן, ביכער און אַרטיקלען. אַזוי גיך ווי איך וועל אויסגעפינען אַז איך האָב געזעצלאָך דאָס רעכט צו מאַכן אַ צוואה, וועל איך דאָס טאָן. מיין ווייב פאַרשטייט נישט מיין קונסט. און סיריל איז נאָך אַ קינד. דערפאַר וועגד איך זיך נאַטירלאָך צו דיר, אַזוי ווי איך טו דאָס פּאַקטיש אין אַלצדינג, און וואָלט גרייליך וועלן דו זאָלסט האָבן אַלע מיינע ווערק. דער דעפיציט וואָס וועט ברייגנען זייער פאַרקויף מעג ווערן געשטעלט אויפן חשבון פון סיריל און וויוויען.

ביזטו מיין ליטעראַרישער צוואה־אויספירער, אַזוי מוזטו באַזיצן דעם איינציקן דאָקומענט וואָס גיט אַ וואָסער ס׳איז דערקלערונג פון מיין אויסערגעוויינלאַכער אויפפירונג — — —. ווען דו וועסט דורכלייענען דעם בריוו וועסטו געפינען די פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פאַר אַ באַנעמען וואָס זעט אויס פון דרויסן ווי אַ פאַראייניקונג פון אַבסאָלוטער אידיאָטישקייט און וואולגאַרער באַרימעריי.

איין טאָג מוז אַרויסקומען דער אמת — דאָס דאַרף נישט זיין דווקא ביי מיין לעבן — — — נאָר כ׳האָב נישט קיין חשק צו שטיין פאַר אַלע צייטן אין דער לעכערלאַכער קונע אין וועלכער זיי האָבן מיך אַריינגעשטעלט, מחמת דעם פּשוטן טעם: כ׳האָב גע׳ירש׳נט פון מיין טאַטע־מאַמען אַ נאָמען פון הויכער אויסצייכנונג אין ליטעראַטור און קונסט, און כ׳קאָן נישט דולדן אַז אָט דער נאָמען זאָל זיין געשענדעט פאַר דור־דורות.

כ׳פאַרטיידיק נישט מיינע מעשים. כ׳דערקלער זיי. אין מיין בריוו געפינען זיך אויך געוויסע שטעלן וואָס באַהאַנדלען מיין גייסטיקע אַנטוויקלונג אין תפיסה, און די אומפאַרמיידלאַכע עוואָלוציע וואָס איז פאָרגעקומען אין מיין כאַראַקטער און אין מיין גייסטיקער באַציאונג צום לעבן. כ׳וויל אַז דו און די אַנדערע, וועלכע זיינען מיר נאָך טריי און סימפּאַטיזירן מיט מיר, זאָלן וויסן

נענוי אין וועלכער שטימונג און האַלטונג כ׳האָב ארויסצוטרעטן אין דער וועלט.

געווים פון איין שטאַנדפונקט ווייס איך, אז אין דעם טאָג פון מיין באפרייאונג, גיי איך איבער בלויז פון איין תפיסה אין דער אנדערער. ס׳זיינען אויך דאָ צייטן ווען די גאַנצע וועלט זעט מיר אוים ניט צו זיין גרעסער פון מיין צעל און אזוי פול מיט גרויל פאַר מיר. דאָך גלויב איך, אז אין אנהויב האָט גאָט באַשאַפן אַ וועלט פאַר יעדן מענטשן באַזונדער און אין אָט דער וועלט וואָס ליגט אין אונז זאָל מען זוכן צו לעבן. אַלנפאַלס וועסטו אָט דעם טייל פון מיין בריוו לייענען מיט ווייניקער פארדרוס ווי די אַנדערע. כ׳דאַרף דיך זיכער ניט דערמאָנען וואָס פאַר אַ פּליסיקע זאַך דאָס דיינקען איז ביי מיר — ביי אונז אַלעמען — און פון וואָס פאַר אַ צוקריכנדיקן שטאָף ס׳באַשטייען אונזערע עמ־פינדונגען. דערביי זע איך אַ סאָרט מעגלאַכן ציל צו וועלכן כ׳קאָן מיך דערנענטערן מיט דער הילף פון דער קונסט. ס׳איז ניט אומ־װאַרשיינלאַך, אז דו וועסט מיר אין דעם באַהילפיק זיין.

בנוגע דער פאָרם פון קאַפּירן, דיינק איך אז דער מאַנוסקריפּט איז צו לאַנג, אז אַ סעקרעטער זאָל דאָס קאָנען אונטערנעמען. און דיין אייגענער כתב, ליבער ראַבי, אין דעם לעצטן בריוו, זעט אוים ספּעציעל באַשטימט מיר צו דערמאָנען אז אָט די אויפגאַבע איז ניט פאַר דיר . . .

כ׳דיינק אז די בעסטע זאַך איז צו זיין גאַנץ מאָדערנע און דאָס מאַכן אויף דער שרייב־מאַשין. ס׳פאַרשטייט זיך, אז דער מאַנוסקריפּט טאָר ניט ארוים פון דיין האַנט. אפשר קאָנסטו פועל׳ן ביי מאַדאַם מאַרשאַל זי זאָל דיר שיקן נאָך האַרנטאַן סטריט אָדער פּעלימאָר גאַרדנס, איינע פון איר שרייב־מאַשין מייד־לאַך — אויף פּרויען קאָן מען זיך מער פאַרלאָזן ווייל זיי האָבן ניט קיין זכרון פאַר דאָס וויכטיקסטע — כדי די קאָפּיע זאָל ווערן געמאַכט אונטער דיין השגחה ?

כ׳פאַרזיכער דיר, אז די שרייב־מאַשין ווען זי ווערט געשפּילט מיט געפיל, איז ניט אומאַנגענעמער, ווי די פּיאַנע, געשפּילט פון אַ שוועסטער אָדער אַ נאָנטער קרובה. אדרבה, אַ סך פון די, וואָס זיינען שטאַרק צוגעבונדן צו דער היים גיבן איר דעם פאָרצוג.

כ׳ווינטש אז די קאָפּיע זאָל ווערן געמאַכט ניט אויף זייד־פּאַפּיר, נאָר אויף גוטן פּאַפּיר אַזאַ וואָס ווערט באַנוצט פאַר טעאַ־

טער־שטיק, מיט א ברייטן, רויט אפגעטיילטן ראנד פאר קארעגירונ־גען — — —

ווען די קאפיע ווערט פארטיק און איז קארעגירט לויטן מא־נוסקריפט, אזוי שיק אפ דעם אריגינאל צו — — — — — . כדי ס'זאל זיין איין עקזעמפליאר פאר דיר און איינער פאר מיר.

וויטערע צוויי קאפיעס זאלן ווערן געמאכט פון זייט 4 און ניינטן בויגן ביז צו דער לעצטער זייט פון 14טן בויגן : „און דער סוף פון דאס אלץ" ביז „אבער ניט צווישן דער קונסט און מיר" (כ'ציטיר פון זכרון). דאס גלייכן פון זייט 3 און 18טן בויגן פון „ווען אלץ גייט כשורה וועל איך ווערן פריי" ביז „צו ביטערע קרייטאכער . . . " אויף זייט 4. בינד דאס צוזאמען מיט אנדע־רע שטעלן, וועלכע דו קאנסט אויסקלייבן ווי דיר געפעלט, כל זמן זיי זיינען גוט און די כונה איז איידל. ווי למשל די ערשטע זייט פון 15טן בויגן, און שיק איין עקזעמפלאר צו לײדי — —, פון וועלכער כ'האב געגעדט ניט דערמאנענדיק איר נאמען. דעם צווייטן צו — — —

כ'ווייס אז ביידע ליבהארציקע דאמען וועלן הערן מיט אינ־טערעס, ווי ס'גייט מיין נשמה — ניט אין טעאלאגישן זין, נאר איינציק און אליין אין זין פון יענעם גייסטיקן באוואוסטזיין, וואס איז אפגעטיילט פון דעם גוף'סווירקלאכע באשעפטיקונגען. דאס איז א מין בשורה אדער בריוו וואס זיי דערהאלטן פון מיר — דאס איינציקע וואס כ'וואג זיי צו שיקן. ווען — — — וויל דאס וויזן איר ברודער, וועמען כ'האב אלעמאל האלט געהאט, מעג זי דאס טאן. נאר פאר דער וועלט זאל דאס זעלבסטפארשטענדלאך בלייבן א שטרייגנער סוד. דאס דארף מען אויך געבן צו פאר־שטיין לײדי — — —

ווערט די קאפיע געמאכט אין הארנטאן סטריט, זאל די שרייב־מאשין דאמע אפשר ווערן געשפייזט דורך א רעשאטקע אין טיר, אזוי ווי די קארדינאלן ווען זיי קלייבן אויס א פאפסט, ביז זי טרעט ארויס אויפן באלקאן און קאן מודיע זיין דער וועלט : „האבעט מונדום עפיסטאלאם"*), אין דער אמת'ן איז עס דאך אן ענציקלישער בריוו, און אזוי ווי די בולן פון הייליקן פא־טער ווערן אנגערופן נאך די ווערטער מיט וועלכע זיי הייבן זיך אן

*) די וועלט האט א שליחות

מעג מען פון אירריידן ווי פון דער „עפּיסטאָלאַ“: אין קאַרצערע עט ווינקולים“ — — — — *).

— — — דאַרף ניט דערפאַרן אַז ס'איז געוואָרן גע־מאַכט אַ קאַפּיע.

ווירקלאַך, ראַבי, דאָס תפיסה־לעבן לערנט אויס צו זען מענטשן און זאַכן ווי זיי זיינען אין דער ווירקלאַכקייט. דערפאַר פאַרשטיי־נערט עס איינעם. דאָס זיינען די מענטשן אויסערהאַלב דער תפיסה, וועלכע לאָזן זיך אַריינאַרן דורך דער אילוזיע פון אַ לעבן אין שטענדיקער באַוועגונג. זיי דרייען זיך אַרום און אַרום מיטן לעבן און העלפן מיט צו זיין אומווירקלאַכקייט. מיר, וועלכע זיינען ניט באַוועגלאַך, מיר זיינען אי זעענדיק און אי ווּיסנדיק.

צי דער בריוו וועט יאָ אָדער ניט טאָן גוט צו איינגהאַרציקע נאַטורן און אויסגעצערטע מוחות, מיר האָט ער געטאָן גוט. כ'האָב „אויסגערייניגט מיין בוזים פון אַ סך געפּערלאַכן שטאָף“ (צו לייען אַ פראַזע ביים דיכטער, וועלכן מיר ביידע — דו און איך — האָבן אַמאָל געוואָלט אָוועקנעמען פון די פּיליסטער).

כ'דאַרף דיר ניט דערמאָנען, אַז דאָס בלויז אויסדריקן זיך איז פאַרן קינסטלער די העכסטע און איינציקע פאָרם פון לעבן. מיר לעבן נאָר דורכדעם, וואָס מיר קאָנען זיך אויסריידן. פון די פיל, פיל זאַכן פאַר וועלכע איך האָב צו דאַנקען דעם גאַווערנאָר, איז ניטאָ קיין זאַך פאַר וואָס איך זאָל אים זיין מער דאַנקבאַר ווי פאַר זיין דערלויבעניש צו דיר צו שרייבן אויספירלאַך און אַזוי באַריכות ווי איך ווינטש.

נאָנט פון צוויי יאָר האָב איך אין זיך געטראָגן אַ וואַקסנדיק לאַסט פון ביטערקייט, פון וועלכער איך האָב זיך איצט באַפרייט אַ היבש ביסל. אויף דער אַנדער זייט פון תפיסה־וואַנט שטייען עטלאַכע אָרימע שוואַרצע, אין סאַזשע באַשמירטע בוימער, וואָס ברעכן אויס גראַד איצט אין שפּראָצונגען פון אַ כמעט שרייענדיקן גרין. כ'ווייס גאַנץ גוט וואָס אין זיי קומט פאָר. זיי געפינען זייער אויסדרוק.

אַלעמאָל דיינער,

אָסקאַר

*) געשריבן אין תפיסה און אין קייטן

4

קעניגלאַכע תפיסה, רעדינג,
6טער אפּריל, 1897

— — — באַטראַכט איצט, מיין ליבער ראבי, מיין פאַרשלאַג. כ'דיינק אַז מיין פרוי, וועלכע איז אין געלטזאַכן זייער פאַרנעם און הויכהאַרציג, וועט אָפּגעבן צוריק די אויסגעצאָלטע 75 פונט וועלכע קומען אוים אויף מיין חלק. כ'בין אין דעם ניט מסופק. נאָר כ'דיינק אַז דער אָנבאַט דאַרף קומען פון מיר און איך וואָלט ניט וועלן אָננעמען פון איר קיין זאַך אלס הכנסה: כ'קאָן אָנ־נעמען ווּאָס מ'גיט מיר אויס ליבע און האַרצליכער צונויגונג, נאָר ניט, וואָס מ'וואַרפט מיר צו ניט וועלנדיק, אָדער אונטער באַדינ־גונגען. כ'וואָלט מיין פרוי ליבער געגעבן גט. זי קאָן מעגלאַך ווי־דער הייראַטן. על כל פנים גלויב איך, אַז זי וועט מיר דערלויבן, אויב זי וועט זיין פריי, צו זען מיינע קינדער פון צייט צו צייט. דאָס איז וואָס איך וויל. נאָר צוערשט מוז איך זי לאָזן פריי, און דאָס ליבער טאָן ווי אַן ערגמאַן דורך איינבויגן מיין קאָפּ און אַלץ מקבל באהבה זיין.

זיי זיך מישב דעם גאַנצן ענין נאָך אַמאָל, אַזוי ווי ער איז געוואָרן דורך דיר, דורך דיין ניט גוט אויסגערעכנטע טאַט: און לאָז מיר ווייסן, וואָס דו און אַנדערע דיינקען. נאַטירלאַך האָסטו געוואָלט דאָס בעסטע; נאָר דיין אויפפאַסונג איז ניט געווען ריכטיק.

כ'קאָן זאָגן פריי און אָפן אַז ביסלאַכווייז קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז אַלץ וואָס קומט פאָר, איז פון אונזער טובה וועגן. אפשר איז דאָס פילאָזאָפיע פון אַ געבראָכן האַרץ, אָדער רעליגיע, אָדער די טעמפּע אַפּאַטיע פון יאוש. אַלץ איינס, וועלכן מקור דאָס געפיל האָט: ס'איז שטאַרק אין מיר. צובינדן צו מיר מיין פרוי קעגן איר ווילן, וואָלט געווען אַן עולה. זי האָט דאָס פולע רעכט אויף איר פרייהייט. און ס'וואָלט געווען פאַר מיר אַ פרייד ניט צו ווערן פון איר אונטערשטיצט. ס'איז אַ דערנידערי־קענדיקע פּאָזיציע צו ווערן אויסגעהאַלטן פון איר. באַראַט זיך מכח דעם מיט מאָר עדי. לאָז זיך פון אים ווייזן דעם בריוו וואָס איך האָב אים געשריבן. בעט אויך דיין ברודער מיר צו געבן

אַן עצה. ער האָט אַ גלענצנדיקן פאַרשטאַנד אין פּראַקטישע זאַכן. אַצינד צו אַנדערע ענינים.

כ׳האָב נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט דיר צו דאַנקען פאַר די ביכער. זיי זיינען מיר געווען זייער ווילקאָמען. דאָס פאַר־באָטן מיר די זשורנאַלן, איז געווען אַ שווערער קלאַפּ; נאָר דער ראָמאַן פון מערעדיט האָט מיך מחיה געווען. וואָס פאַר אַ געזונטע קינסטלער־נאַטור! ער האָט דורכאויס רעכט וואָס ער שטעלט אַרויס דאָס געזונטע אַלס עיקר; נישקשה ביז איצט האָבן געגאָלטן בלויז די ניט נאָרמאַלע אין לעבן און ליטעראַטור.

ראַסעטי׳ס בריוו זיינען מורא׳דיק; דורכזיכטיקע פעלשונ־גען פון זיין ברודער. דאָך האָב איך מיט אינטערעס זיך פון זיי דערוואוסט, אַז מיין עלטער פעטער׳ס „מעלמאָט" און מיין מוטער׳ס „סידאָניע" זיינען געווען צווישן די ביכער וואָס האָבן אים באַצויבערט אין זיין יוגנט.

בנוגע דער פאַרשווערונג, שפּעטער קעגן אים, גלויב איך אַז זי איז באמת באַשטאַנען און אַז די מיטל דערצו זיינען גע־וואָרן געליפערט פון הייק׳ס באַנק. דאָס פאַרהאַלטן פון אַ דראַסל אין טשייני וואָק שיינט העכסט פאַרדעכטיק. הגם וויליאַם ראַסעטי זאָגט: „כ׳האָב אין דעם זינגען פון דראַסל כלל ניט געקאָנט אַנטדעקן עפּעס וואָס אומגעוויינלאַכעס".

געגוי אַזוי זיינען אויך סטיוונסאָנס בריוו אַ ביטערע אַנ־טוישונג. ס׳ווערט מיר דערפון קלאָר, אַז פאַר אַ ראָמאַנטישן שרייבער קאָן ניט געבן קיין ערגערע סביבה ווי אַ ראָמאַנטישע. אין גאָוער סטריט וואָלט סטיוונסאָן געקאָנט שרייבן אַ ניי בוך אַ לאַ „דריי מוסקעטירן". אויף סאַמאָא האָט ער געשריבן בריוו צו דער „טיימס" איבער די דייטשן. כ׳זע אויך שפּורן דערפון, וואָס פאַר אַן אימה׳דיקן קאַמף דאָס האָט קאָסט אָפּ, בעת מ׳וויל פירן אַ נאַטירלאַכן לעבן. ווער ס׳האָקט האָלץ פון זיין אייגענער טובה וועגן, אָדער צום נוצן פאַר אַנדערע, דער זאָל ניט זיין אימשטאַנד צו באַשרייבן ווי דאָס איז צוגעגאַנגען. נאַטירלאַך לעבן איז באמת ניט באַוואוסט לעבן. דערמיט וואָס סטיוונסאָן האָט זיך גענומען צום גראָבן האָט ער בלויז פאַרגרעסערט דעם קרייז פון דאָס גע־קינסטלטע. דאָס גאַנצע טרוקן בוך האָט מיר געלערנט אויב איך זאָל פאַרברייגגען מיין קומענדיק לעבן מיט לייענען באָדלער אין אַ קאַפע, אַזוי וועל איך פירן אַ נאַטירלאַכערן לעבן ווי בעת איך וועל

טאָן די אַרבייט פון אַ בוימלאָך־אַרומשניידער אָדער וועל פלאַנצן שאָקאָלאַד־בוימער אין בלאָטע־זומפּן.

הויסמאַנסעס „עץ רוט" ווערט זייער איבערגעשעצט. ס'איז פּשוטער זשורנאַליזם. מ'הערט אין ערגעץ ניט קיין נאָטע פון דער מוזיק וואָס דאָס באַשרייבט. די טעמע איז אַנטציקנד, נאָר דער סטיל איז געוויס אַן שום ווערט, אָפּגעלאָזן, שוואַך. דאָס פראַנ־צויזיש איז נאָך ערגער ווי ביי אַנע. אַנע באַמיט זיך צו זיין אָפּגעדראָשן, און דאָס געלינגט אים אויך; הויסמאַנס פלייסט זיך דאָס ניט צו זיין, און איז דאָס . . .

האַרדי'ס ראָמאַן איז אַנגענעם, און דער סטיל איז פאָל־קאָם; און האַראַלד פרידריק'ס איז זייער אַן אינטערעסאַנטער שטאָף.

דאָ אין תפיסה איז כמעט ווי ניטאָ קיין ראָמאַנען, וואָס מיינע אָרימע מיט־אַרעסטאַנטן זאָלן קענען לייענען. כ'טראַכט דערפאַר צו געבן שפּעטער אַ מתנה דער ביבליאָטעק אַן ערך פון אַ טוץ גוטע ראָמאַנען, דהיינו: סטיוונסאָן (גאָר ניטאָ אַ חוץ „דער שוואַרצער פייל"), טעלאַכע פון טעקערײַ (גאָר ניטאָ). פון דזשיין אָסטין, (גאָר ניטאָ) און אַ פּאָר גוטע ביכער אויפן שטייגער פון עלטערן דיומאַ'ס, למשל פון סטענלי וויימאַן און פון מאָדערנע יונגע לייט. דו האָסט גערעדט פון הענלי'ס אַ מקורב? ס'קומט אויך אין באַטראַכט איינער פון ענטאָני האָפּ'ס קרייז.

נאָך אָסטערן קאָנסטו אויפשטעלן אַ צעטל פון אַ פערצן בי־כער און באַזאָרגן אַז מ'זאָל זיי מיר לאָזן קריגן. די ווייניקע וואָס רעכענען זיך ניט מיט דעם גאַנקורס טאָג־בוך וועלן זיי גע־פעלן. פאַרגעס ניט, אַז כ'וואָלט וועלן אַליין באַצאָלן פאַר זיי.

ס'גרוילט מיר אַרויסצוגיין אין דער וועלט אָן אַן אייניציקן אייגענעם בוך. נאָר אפשר וועלן מיר שיינקען ביכער אייניקע פון מיינע פריינט, למשל קאָסמאָ לענאָקס, רעדזשי טוירנער, גילבערט באַרגעס, מאַקס א. ד. ג. דו ווייסט, וועלכע איך וואָלט וועלן האָבן: פלאָבער, סטיוונסאָן, באָדלער, מעטער־לינק, דער עלטערער דיומאַ, קיטס, מאַרלאָו, טשעטערטאָן, קאָלערידזש, אַנאַטאָל פראַנס, גאָטיע, דאַנטע און די גאַנ־צע ליטעראַטור איבער דאַנטע, געטע און די גאַנצע לי־

טעראטור איבער געטע, און אזוי ווייטער. כ'וועל דאס באַ־טראַכטן פאַר אַ גרויסע געפעליגקייט, אויב ס'וועלן זיין צוגעגרייט פאַר מיר ביכער — און אפשר האָב איך נאָך פריינט, וועלכע וואָלטן גרייכלאַך וועלן עפּעס וואָס טאָן פאַר מיר. מ'איז באמת זייער דאַנקבאַר, הגם כ'האָב מורא אַז אָפּט זע איך אוים ווי איך וואָלט דאָס ניט געוועזן. נאָר דו מוזט מיר דן זיין לכף זכות. ווייל אַ חוץ דאָס לעבן אין תפיסה האָב איך נאָך כסדר געהאַט פאַרדרוסן.

אַלס ענטפער אויף דעם קאַנסטו מיר שיקן אַ לאַנגן בריוו, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען בלויז מיט פּיעסן און ביכער. דיין כתב אין לעצטן בריוו איז געווען אַזוי שרעקלאַך, אַקוראַט ווי דו וואָלסט געשריבן אַ דריי בענדיקן ראָמאַן מכח די באַאומרואיקנדיקע פאַר־שפּרייטונג פון קאָמוניסטישע אידייען צווישן די גבירים אָדער דו טאַכסט אַ תל פון דיין יוגנט, וואָס איז אַלעמאָל געווען אַזוי פיל צוזאָגנדיק און וועט דאָס אַלעמאָל בלייבן. קריוודע איך דיר וואָס איך גיב אָן אַ פאַלשן מאָטיוו, אַזוי מוזטו דאָס שטעלן אויפן חשבון פון דער קראַנקהאַפטער גערייצטקייט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער לאַנגדויערנדיקער געפאַנגענשאַפט. נאָר איך בעט דיך, שרייב דייטלאַך. וועט ניט זעט דאָס אוים אַקוראַט ווי דו האָסט נאָרניט וואָס צו באַהאַלטן.

דאָ איז פאַראַן אַ סך וואָס איז אָפּשטויסנדיק. נאָר איך מוז דיך טאַדלען פאַר דיר אַליין, ניט פאַר אַנדערע. גיב מיין בריוו לייענען צו מאָד עדי. הערים וועט מיך באַזוכן שבת, האָף איך.

גרים פון מיר אַרטור קליפטאָן און פרוי. כ'געפין, זי האָט אַ סך ענלאַכקייט צו ראָסעטי'ס פרוי: די זעלבע הערלאַכע האָר. נאָר זי איז נאַטירלאַך אַ זיסערעס ווען. הגם מים סידאָל איז אויך באַצויבערנד און איר ליד געווים.

אַלעמאָל דיין,

אָסקאַר.

צוויי בריוו צו דער לאָנדאָנער „דיילי קראָניקל״

1. דער פאַל פון וועכטער מאַרטין: עטלאַכע גרויזאַמקייטן פון תפיסה־לעבן.*)

צום רעדאַקטאָר פון דער „דיילי קראָניקל״.

געערטער הער — איך דערוויס זיך מיט גרויס באַדויערן, דורך די קאָלומס פון אייער צייטונג, אַז דער וועכטער מאַרטין, פון רעדינג־גער תפיסה, איז געוואָרן אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט, דורך די תפיסה־פאַרוואַלטער, דערפאַר וואָס ער האָט געגעבן עטליכע זיסע קיכלאַך צו אַ קליין הונגעריק קינד.

איך האָב אַליין געזען די דריי קינדער אין דעם מאָנטיק פאַר מיין ווערן באַפרייט. זיי זיינען אַקערשט געוואָרן פאַראורטיילט, און זיינען געשטאַנען אין אַ ריי אין דער צענטראַלער האַלע אין זייערע אָרעסטאַנסקע קליידער, טראָגנדיק זייערע ליילעכער אונטער זייערע אָרמס איידער זיי ווערן געשיקט צו די פאַר זיי באַשטימטע צעלן. איך בין גראָד פאַרבייגעגאַנגען, איבער איינע פון די גאַלעריעס, אויף מיין וועג צום אויפנאַמס צימער, וואו איך האָב געדאַרפט האָבן אַן אונטערריידונג מיט אַ פריינט. זיי זיינען געווען נאָך גאָר קליינע קינדער, דער אינגסטער — דער וועמען דער וועכטער האָט געגעבן די קיכלאַך — איז געווען אַ דאַרער קליינער אינגל, פאַר וועלכן זיי זיינען קענטיק ניט געווען אימשטאַנד צו געפינען קליידער וואָס זאָלען זיין גענוג קליין אים צו פּאַסן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געזען גענוג קליינע קינדער

---

*) פאַרעפענטלאַכט שבת דעם 28טען מאַי, 1897 — צען טעג נאָך ווײַלד׳ס אַרויסגיין פון תפיסה.

אין תפיסה אינם פארלויף פון די צוויי יאר אין וועלכע איך בין אליין געווען פארשפארט. באזונדערס האט די וואנדסוואירטער תפיסה אנטהאלטן אלעמאל א גרויסע צאל קינדער. נור דאס קליין קינד וועלכן איך האב געזען אין דעם נאכמיטאק פון מאנטיק, דעם 17טן מאי, אין רעדינג, איז געווען קלענער ווי וועלכער עס איז פון זיי. איך פארשפאר צו זאגן ווי שטארק עס האט מיר וויי געטאן צו זען אט די קינדער אין רעדינג. ווארום איך האב געוואוסט וואס פאר א באהאנדלונג עס דערווארט זיי דארטן. די אכזריות וואס ווערט פראקטיצירט טאג און נאכט אויף קינדער אין ענגלישע פריזאנס איז אומגלויבלאך, אויסער פאר די יעניקע וואס האבן דאס אליין צוגעזען און זיינען באקאנט מיט דער ברוטאליטעט פון דער סיסטעם.

מענטשן פארשטייען ניט היינטיקע צייטן וואס אכזריות איז. זיי באטראכטן איר פאר א מין שרעקלאכער מיטל־אלטערלאכער ליידנשאפט, און פארבינדן איר מיט דעם מין מענטשן ווי עקעלין דא ראמאנא, און אנדערע, וועמען דאס אבזיכטלאך פאראור־זאכן שמערצן האט געגעבן אן עכט משוגענעם פארגניגען. נור מענטשן פון דעם סארט פון עקעלין זיינען בלויז אבנארמאלע טיפן פון פארדארבענעם אינדיווידואליזם. געוויינלאכע אכזריות איז פשוט׳ע אידיאטישקייט. דאס איז דער פולשטענדיקער מאנגל פון פאנטאזיע. דאס איז דער רעזולטאט אין אונזערע צייטן פון סטערעאטיפישע סיסטעמען, פון שטרייננג בינדנדיקע געזעצן, און פון דומהייט. דאס אוממענטשלאכסטע אינם מאדערנעם לעבן איז ביוראקראטישקייט. אויטאריטעט איז אזוי פארדארבלאך פאר די וואס פראקטיצירן דאס אקוראט ווי פאר די אויף וועמען דאס ווערט פראקטיצירט. דאס איז די תפיסה פארוואלטונג, און די סיס־טעם וועלכע זי פירט דורך, וואס איז דער הויפט קוואל פון דער אכזריות וואס ווערט פראקטיצירט אויף א קינד אין תפיסה. די מענטשן וואס האלטן אויף אט די סיסטעם האבן גוטע קאוואנעס. די וואס פירן איר דורך זיינען אויך מענטשלאך אין קאוואנע. די פאר־אנטווארטליכקייט ווערט ארויפגעווארפן אויף די דיסציפלינארע רע־גולאציעס. עס ווערט אנגענומען, אז ווען א זאך איז געזעצלאך איז דאס רעכט.

די איצטיגע באהאנדלונג פון קינדער איז שרעקלאך, הויפט־זאכלאך פון לייט וואס פארשטייען ניט די פסיכאלאגיע פון א קינד׳ס נאטור. א קינד קאן פארשטיין א שטראף געגעבן פון א יחיד,

ווי פון טאטע־מאמע אדער פון אפטרופוס, און קאן דאס איבער־טראגן מיט א געוויסער מאס פון הסכמה. וואס דאס קאן ניט פאר־שטיין, איז א שטראף ארויפגעלייגט פון דער געזעלשאפט. דאס קאן ניט באגרייפן וואס געזעלשאפט איז. נאטירלאך, ביי דערוואקסענע מענטשן איז פונקט דער היפך. די יעניקע פון אונז וואס זיינען אין תפיסה, אדער ווערן געשיקט אהין, קאנען פארשטיין, און פארשטייען אויך, וואס דאס מיינט אזוינס דער קאלעקטיווער כח וואס מען רופט געזעלשאפט, און וואס מיר זאלן ניט דיינקן איבער זיינע מעטאדן אדער באהויפטונגען, קאנען מיר זיך צווינגען דאס אנצונעמען. פון דער אנדער זייט, איז שטראף ארויפגעלייגט אויף אונז פון א יחיד, א זאך וואס קיין דערוואקסן פערזאן דולדעט, אדער ווערט דערוואַרט צו דולדן.

דער רעזולטאט איז, אז דאס קינד, אוועקגענומען פון זיינע על־טערן דורך מענטשן וועלכע עס האט קיינמאל ניט געזען, און פון וועלכע עס וויים גארניט, ווען עס געפינט זיך אין אן איינזאם און ניט באקאנט צעל, באהאנדלט פון פרעמדע פנימער, און געגעבן בא־פעלן און באשטראפט פון די פארטרעטער פון א סיסטעם וואס עס קאן ניט פארשטיין, ווערט עס באלד פארצוקט פון דעם ערשטן און באדייטנדיקסטן געפיל וואס ווערט פראדוצירט פונם מאדערנעם תפיסה־לעבן — דאס געפיל פון פחד.

דער פחד פון א קינד אין תפיסה איז כלל אן א גרענעץ. איך דערמאן זיך איינמאל אין רעדינג, ווען איך בין ארויסגעגאנגען מאכן קערפערלאכע איבונגען, האב איך געזען, אין דעם טונקל באלויכטנדן צעל אנטקעגן מיין אייגענעם, א קליין אינגל. צוויי וועכטער — ניט קיין אומפריינטלאכע מענטשן — האבן צו אים גערעדט, מיט א בא־שיינפערלאכער שטרייִנגקייט, אדער אפשר אים געגעבן א וועלכן עס איז אנווייז וועגן זיין אויפפירונג. איינער איז געווען מיט אים אין צעל, דער אנדערער איז געשטאנען פון דרויסן. דאס קינדס פנימל איז געווען ווי א ווייסער קלין פון לויטער פחד. אין זיינע אויגן איז גע־ווען דער שרעק פון א פארפאלגטער חיה. דעם קומענדיקן פרימארגן האב איך אים געהערט פרישטיקצייט וויינען, און שרייען מען זאל אים ארויסלאזן. זיין געוויין איז געווען נאך זיינע עלטערן. פון צייט צו צייט האב איך געהערט דעם שטארקן קול פון דעם וועכטער אין דינסט, וואס הייסט אים שווייגן. דאך איז ער אפילו נאך ניט געווען פאראורטיילט פאר דעם קליין פארברעכן אין וועלכן ער איז

געוועז אנגעקלאגט. ער איז געווען פשוט ארעסטירט. דאָס האָב איך דערקענט נאָך זיין גיין אין די אייגענע מלבושים. פון דעסטוועגן האָט ער געטראָגן ארעסטאנסקע שיך און זאָקן. דאס האָט באוויזן, אז ער איז געווען אַן אָרים אינגל, וועמעס אייגענע שיך, אויב ער האָט געהאַט וועלכע, זיינען געווען אין אַ שלעכטן צושטאַנד.

ריכטער און מאגיסטראטן, אין דער רעגל אַ גאַנץ אומוויסנדיק קלאַס, פארשפארן אָפט קינדער פאר אַ וואָך, און מילדערן נאָכדעם אפשר דעם אורטייל וועלכן זיי זיינען בארעכטיקט צו באַשטימען. זיי רופן דאָס אַן „ניט אריינזעצן אַ קינד אין תפיסה". עס פארשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ נארישער שטאַנדפונקט פון זייער זייט. פאר אַ קליין קינד איז צופיל חריפות צו באגרייפן דעם אונטערשייד אין דער געזעלשאפטלאכער לאגע צווישן זיין ארעסטירט ביזן משפט אָדער נאָך דער פאראורטיילונג. פאַר אים איז די שרעקלאכע זאַך צו זיין דאָרט איבערהויפט. אין די אויגן פון דער מענטשהייט האָט דאס געדאַרפט זיין אַ שרעקלאכע זאַך פאַר אים צו זיין דאָרט איבערהויפט.

אָט דער פחד וואָס באפאלט און באהערשט דאָס קינד, אזוי ווי עס באפאלט אויך דעם דערוואַקסענעם מענטשן, ווערט נאטירלאך פארשטארקט איבער די קראפט דאָס אויסצודריקן דורך דער איינזאַמער צעלן סיסטעם פון אונזערע תפיסות. יעדעם קינד ווערט געהאַלטן פארשפארט אין זיין צעל דריי און צוואַנציג שטונדן פון די פיר און צוואַנציג. דאָס איז אַ מורא'דיקע זאַך. צו פארשפארן אַ קינד אין אַ טונקל באלויכטענדיקער צעל, פאר דריי און צוואַנציג שטונדן פון פיר און צוואַנציק, איז אַ ביישפיל פון דער אכזריות פון דער דומהייט. אויב אַ יחיד, טאַטע־מאַמע אָדער אַפּעקון, וואָלט דאָס געטאָן צו אַ קינד, וואָלט ער געוואָרן שטריינג באשטראָפט. די געזעלשאפט צו פארהיטן אכזריות צו קינדער וואָלט תיכף אויפגענומען די אנגעלעגנהייט. עס וואָלט געווען אַלגעמיין די אויסערטע פיינטשאפט פאַר יעדן ווער עס וואָלט נור געווען שולדיק אין אזא אכזריות. אַ שווערער שטראָף וואָלט, אַנצווייפל, נאָכגעפאָלגט די פאַראורטיילונג. נור אונזער אייגענע אַקטועלע געזעלשאפט טוט אַליין ערגערס, און פאַר אַ קינד צו ווערן אזוי באהאנדלט פון אַ פרעמדער אַבסטראַקטער קראפט, פון וועמעס פאָדערונגען עס האָט ניט קיין אַנונג איז אַ סך ערגער ווי ווען עס וואָלט געקראָגן די זעלבע באהאנד־

לונג פון זיין טאטן אדער מאמען, אדער פון וועמען עס איז וועלכן עס קען.

די אוממענטשלאכע באהאנדלונג פון א קינד איז אלעמאל אוממענטשלאך, קיין חלוק פון וועמען דאס זאל ווערן געטאן. נור די אוממענטשלאכע באהאנדלונג פון דער געזעלשאפט איז פארן קינד שרעקלאכער, ווייל עס איז ניטא צו וועמען צו אפעלירן. א טאטע־מאמע אדער אן אפעקון קאן ווערן באוועגט, און ארויס־לאזן דאס קינד פון דעם טונקעלן איינזאמען קאמער אין וועלכן עס איז פארשפארט. נור א וועכטער קאן דאס ניט. די מערסטע וועכ־טערס האבן האלט קינדער. נור די סיסטעם פארבאט זיי צו געבן דאס קינד וועלכע עס איז הילף. טוען זיי דאס, ווי וועכטער מארטין האט געטאן, ווערן זיי אפגעזאגט.

די צווייטע זאך פון וואס א קינד ליידט אין תפיסה איז הונגער. די שפייז וואס ווערט אים געגעבן באשטייט פון דעם געוויינלאכן שלעכט־געבאקענעם תפיסה־ברויט און א קענדל וואסער פאר פריש־טיק ארום האלב נאך זיבן. ארום צוועלף א זייגער קריגט עס מיטאג עסן, באשטייענדיק פון א צינענעם טעלער מיט קאשע פון גראבער קוקורוזע; און האלב נאך פינף קריגט עס א שטיקל טרוקן ברויט מיט א קענדל וואסער פאר זיין וועטשערע. אט די דיעטע איז אין דעם פאל פון א שטארקן דערוואקסנעם מענטשן, שטענדיק פראדוקטיוו פון קראנקהייט פון א געוויסן מין, הויפטזעכלאך, נאטירלאך, א לויזן מאגען, מיט דער באגלייטנדיקער שוואכקייט. פאקטיש, ווערן אין א גרויסע תפיסה אויסגעטיילט רעגוליאר פארהארטונגס מעדי־צינען, דורך די וועכטער, ווי א זעלבסט־פארשטענדלאכקייט. אין פאל פון א קינד, ווערט דאס קינד, געוויינלאך, אומבאפייאיקט צו עסן שפייז איבערהויפט. יעדער איינער וואס ווייס נור עפעס וועגן קינ־דער, ווייס ווי גרינג א קינד'ס פארדייאונג ווערט איבערגעפירט דורך אן אויסברוך פון געוויין, אדער פארדרוס און גייסטיגע יסורים פון וועלכע עס איז מין. א קינד וואס האט געוויינט א גאנצען טאג, און אפשר א האלבע נאכט, אין אן איינזאם טונקל צעל, און ווערט פאר־צערט פון פחד, קאן איינפאך ניט עסען קיין שפייז פון אט דעם גראבן שרעקלאכן מין.

אין פאל פון דאס קליין קינד צו וועמען וועכטער מארטין האט געגעבן די קיכלאך, האט דאס קינד געוויינט פאר הונגער דינסטיק אין דער פרי, און איז געווען בכלל ניט אימשטאנד צו עסן דאס ברויט

און וואסער וואס מען האט אים דערלאנגט פאר זיין פרישטיק. מאר־טין איז ארויסגעגאנגען נאכדעם ווי דער פרישטיק איז געווען גע־געבן, און געקויפט די עטלאכע זיסע קיכלאך פאר דאס קינד איידער צו זען עס הונגערן. דאס איז געווען א שיינע טאט פון זיין זייט, און אזוי געווארן אנערקענט פון דאס קינד, וואס, גאנץ אומבאוואוסט פון די רעגולאציעס פון דער תפיסה־פארוואלטונג, האט דערציילט איינעם פון די העכערע וועכטער ווי גוט אט דער קלענערער וועכטער איז געווען צו אים. דער רעזולטאט איז געווען, נאטירלאך, א מעלדונג און אן אפזאגונג.

איך קאן מארטינען זייער גוט. איך בין געווען אונטער זיין אויפזיכט די לעצטע זיבן וואכן פון מיין זיצן אין תפיסה. ווען ער איז געווארן באשטימט אין רעדינג האט ער געהאט אויפזיכט איבער גאלעריע „סי", אין וועלכער איך בין געווען פארשפארט, אזוי האב איך אים גענען כסדר. איך בין געווען גערירט פון זיין אייגנטימלא־בער גוטסקייט און מענשלאכקייט אין דעם אופן ווי ער האט גערעדט צו מיר און צו די אנדערע ארעסטאנטן. גוטהערציקע ווערטער האבן א סך ווערט אין תפיסה, און א ליבלאכן „גוט מארגן" אדער „גוטן אוונט" וועט עמיצן מאכן גליקלאך אין תפיסה, אויף וויפיל מען קאן דאס זיין אין א תפיסה. ער איז אלעמאל געווען איידל און פריינטלאך. איך ווייס צופעליק פון אן אנדער פאל אין וועלכן ער האט ארויס־געוויזן א סך גוטסקייט צו איינעם פון די ארעסטאנטן, און איך האב ניט קיין קווייגקלעניש דאס צו דערמאנען.

איינע פון די שרעקלאכסטע זאכן אין תפיסה איז די שלעכטס־קייט פון די סאניטארע איינארדנונגען. קיין ארעסטאנט איז ניט דערלויבט אונטער קיינע אומשטענדן צו פארלאזן זיין צעל נאך האלב־נאך פינף פארנאכט. עס פארשטייט זיך, אז ער ליידט פון לויזליי־ביקייט, מוז ער באנוצען זיין צעל פאר אן אפטרעט, און פארברייי־נגען די נאכט אין א שטינקנדיקע און אומגעזונטע לופט.

עטלאכע טעג פאר מיין ווערן פריי פלעגט מארטין דורכגיין רונד ארום, ביי האלב נאך זיבן, מיט איינעם פון די העכערע וועכטער, פאר דעם צוועק צונויפקלייבן די צוזופטע אלטע שטריק און די געצייג פון די ארעסטאנטן. א מאן, אקערשט ערשט פאראורטיילט, און געליטן גוואלטיק פון א לויזן מאגן, אלס רעזולטאט פון דער שפייז, ווי דאס איז אלעמאל דער פאל, האט געבעטן דעם העכערן וועכטער אים צו דערלויבן אויסצולייזיקן דעם טאפ שמוץ אין זיין

צעל, מחמת דעם שרעקלאַכן ריח אין צעל און די מעגלאַכקייט צו
ווערן ווידער קראַנק אין דער נאַכט. דער העכערער וועכטער האָט
דאָס אַנטזאָגט אַבסאָלוט; דאָס איז געווען קעגען די געזעצן. דער
מאַן האָט געדאַרפט פאַרברייגגן די נאַכט אין אַט דעם שרעקלאַכען
צושטאַנד. דאָך מאַרטין, איידער צו זען אַט דעם עלנטן מאַן אין
אַזאַ אַבשײַלאַכן צושטאַנד ה״ז ער געזאָגט, אַז ער וועט אַליין
אויסלײדיקן דעם מאַן׳ס טאָפּ *שם.* *. און האָט דאָס אויך געטאָן. אַ
וועכטער זאָל אויסלײדיקן אַן אַרעסטאַנט׳ס טאָפּ שמוץ איז, נאַטיר־
לאַך קעגען די געזעצן; נור מאַרטין האָט דאָס געטאָן אַט דעם אַקט
פון גוטהערציגקייט צו דעם מאַן צוליב דער איינפאַכער מענטשלאַכ־
קייט פון זיין כאַראַקטער, און דער מאַן איז געווען זייער דאַנקבאַר.
בנוגע די קינדער, איז לעצטענס געוואָרן אַ סך געשריבן וועגען
דעם פאַרדאַרבלאַכן איינפלוס פון תפיסה אויף יונגע קינדער. דאָס
וואָס איז געוואָרן געזאָגט איז גאַנץ אמת. אַ קינד ווערט פולשטענדיק
פאַרדאָרבן דורך דאָס תפיסה־לעבן. נור דער פאַרדאַרבלאַכער איינ־
פלוס איז ניט דער פון די אַרעסטאַנטן. ער איז דער פון דער גאַנ־
צער תפיסה סיסטעם — פון דעם דירעקטאָר, דעם פריסטער, דעם
וועכטער, די איינזאַמע צעל, די אָפּגעזונדערטקייט, די עקלהאַפטע
שפּייז, די געזעצן פון די תפיסה־פאַרוואַלטער, די אַרט פון דער דיס־
ציפּלין, ווי דאָס ווערט באַצייכנט פון דאָס לעבן. יעדעס מיטל ווערט
אָנגענומען אָפּצוזונדערן אַ קינד פון דעם אַנבליק פון אַלע אַרעס־
טאַנטן איבער זעכצן יאָר. קינדער זיצן אונטער אַ פאָרהאַנג אין
קאַפּעלע, און ווערן געשיקט מאַכן איבונגען אין קליינע זונלאָזע
הינטער־הויפן. — אָפּטמאָל אַ שטייניקער הינטער־הויף, אָפּטמאָל אַ
הויף הינטער די פאַבריקן — איידער אַז זיי זאָלן זען די עלטערע
אַרעסטאַנטן ביים מאַכן איבונגען. נור דער איינציקער ווירקלאַכער
פאַרמענטשלאַכנדיקער איינפלוס אין תפיסה איז דער איינפלוס פון
די אַרעסטאַנטן. זייער מונטערקייט, אונטער שווידערהאַפטע אומ־
שטענדען, זייער סימפּאַטיע איינער פאַרן צווייטן, זייער באַשיידנ־
קייט, זייער איידלקייט, זייערע ליבלאַכע באַגריסונג שמייכלס ווען
זיי באַגעגענען איינעם די אַנדערע, זייער פולשטענדיקער אונטער־
וואַרפונג אין זייערע שטראָפן, זיינען אַלע גאַנץ וואונדערבאַר, און
איך אַליין האָב פון זיי געלערנט אַ סך גוטע לעקציעס. איך שלאָג
ניט פאָר, אַז די קינדער זאָלן ניט זיצן הינטער אַ פאָרהאַנג אין
קאַפּעלע, אָדער אַז זיי זאָלן מאַכן איבונגען אין אַ ווינקל פון דעם

אַלגעמיינעם הויף. איך ווייז בלויז אַן, אַז דער שלעכטער איינפלוס אויף די קינדער איז ניט, און קאָן קיינמאָל ניט זיין, דער פון די אַרעסטאַנטן, נור איז, און וועט בלייבן אַלעמאָל, דער פון דער תפיסה סיסטעם גופא.

עס איז ניטאָ קיין איינציקער מענטש אין רעדינגער תפיסה וואָס וואָלט ניט גערן איבערגענומען אויף זיך די דריי קינדער'ס באַשטראָפונג פאַר זיי. ווען איך האָב זיי געזען דאָס לעצטע מאָל איז דאָס געווען דער דינסטיק נאָך זייער פאַראורטיילונג. איך האָב געמאַכט איבונגען האַלב נאָך עלף, מיט אַן ערך אַנדערע צוועלף מענער, ווען די דריי קינדער זיינען פאַרבייגעגאַנגען נאָענט פון אונז, אונטער דער אויפזיכט פון אַ וועכטער, קומענדיק פון דעם פייכטן, האַרטן שטיינערנעם הינטערהויף, אין וועלכן זיי זיינען געווען מאַכן איבונגען. איך האָב געזען די גרעסטע מיטלייד און מיטגעפיל אין די אויגען פון מיינע חברים ווען זיי האָבן געקוקט אויף זיי.

אַרעסטאַנטן זיינען, אַלס קלאַס, אויסערסט גוטהערציק און מיטפילנדיק איינער צום אַנדערן. ליידן און די געמיינשאַפטליכקייט פון ליידן מאַכן מענטשן גוטהאַרציק, און טאָג נאָך טאָג, ווען איך האָב דורכגעטראָטן דעם הויף פלעג איך פילן מיט נחת און פרייד וואָס קאַרליל רופט ערגעצוואו „דער שטילשווייגנדיקער ריטמישער צויבער פון מענטשלאַכער חבר'שאַפט". אין אַט דער, ווי אין אַלע אַנדערע זאַכן, זיינען פילאַנטראָפן און לייט פון זייער אַרט, ניט אויפן ריכטיקן וועג. דאָס זיינען ניט די אַרעסטאַנטן וואָס באַדאַרפן רעפאָרמירונג. דאָס זיינען די תפיסות.

עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין קינד אונטער פערצן יאָר אַלט דאַרף כלל ניט ווערן געשיקט אין תפיסה. דאָס איז אַן אומזיניקייט, און, ווי אַ סך אַנדערע אומזיניגקייטן, פון אַבסאָלוט טראַגישע רעזולטאַטן. אויב זיי ווערן דאָך געשיקט אין תפיסה, טאָ זאָלן זיי אין פאַרלויף פון טאָג זיין אין אַ ווערקשטאַט אָדער שולצימער מיט אַ וועכטער. ביי נאַכט זאָלן זיי שלאָפן אין אַן אַלגעמיינעם שלאָפצימער, מיט אַ וועכטער וואָס זאָל אויף זיי געבן אַכטונג. מען זאָל זיי דערלויבן צו מאַכן איבונגען פאַר ווייניקסטנס דריי שטונדן אַ טאָג. די פינסטערע, שלעכט ווענטעלירטע, שטינקנדיקע תפיסה־צעלן זיינען שוידערהאַפט פאַר אַ קינד, שוידערהאַפט באמת פאַר יעדן איינעם. איינער אָטעמט שטענדיק איין שלעכטע לופט אין תפיסה. די שפּייז געגעבן צו קינדער זאָל באַשטיין פון טיי מיט ברויט־און־פּוטער און

זופ. תפיסה זופ איז זייער גוט און געזונט. א רעוואלוציע אין פאר־לאמענט קאן באשליסן די באהאנדלונג פון קינדער אין א האלב שטונדע. איך האף אז איהר וועט אויסנוצן אייער איינפלוס צו האבן דאס געטאן. דער אופן ווי קינדער ווערן באהאנדלט קעגני־ווערטיק איז ווירקלאך א מיאוסער פארברעכן קעגן מענטשלאכקייט און שכל הישר. דאס קומט פון דומהייט.

לאמיך ציען אייער אויפמערקזאמקייט צו אן אנדער שרעקלא־כער זאך וואס גייט אן אין ענגלישע תפיסות, באמת, אין די תפיסות פון דער גאנצער וועלט, וואו עס ווערט פראקטיצירט די סיסטעם פון שווייגען און צעלן־פארשפארונג. איך וויל אנווייזן אויף דער גרויסער צאל מענטשן וועלכע ווערן משוגע אדער גייסטיק שוואך אין תפיסה. אין קאטארגעס איז דאס, נאטירלאך, זייער געוויינלאך; דאס איז אויך צו געפינען אין געוויינלאכע תפיסות, אזוינע ווי די אין וועל־כער איך בין געווען פארשפארט.

מיט דריי חדשים צוריק האב איך באמערקט צווישן די ארעס־מאנטן, וואס האבן געמאכט איבונגען מיט מיר, א יונגערמאן, וועל־כער האט מיר אויסגעזען צו זיין נאריש אדער אידיאטיש. יעדער תפיסה, נאטירלאך, האט אירע אידיאטישע קליענטן, וועלכע קומען ווידער און ווידער אמאל, און מען קאן זאגן אז זיי וואוינען אין תפיסה. נור אט דער יונגערמאן האט מיר אויסגעזען צו זיין מער ווי געוויינלאך אידיאטיש, מחמת זיין נארישן שמייכלן און אידיאטישן לאכן צו זיך אליין, און די אייגענטימלאכע אומרואיקייט פון זיינע אומאויפהערלאך זיך טרייסלנדיקע הענט. ער איז געווארן באמערקט פון אלע אנדערע ארעסטאנטן מחמת די זאנדערבארקייט פון זיין אויפפירונג. פון צייט צו צייט האט ער אויסגעפעלט ביים מאכן אי־בונגען, וואס איז געווען פאר מיר א סימן אז ער איז געווארן בא־שטראפט דורך פארשפארונג אין זיין צעל. ענדלאך האב איך אויסגע־פונען, אז ער געפינט זיך אונטער באאבאכטונג, און ווערט באאבאכ־טעט פון וועכטער טאג און נאכט. ווען ער האט זיך באוויזן ביים מאכן איבונגען האט ער אלעמאל אויסגעזען היסטעריש, און פלעגט גיין ראדארום וויינענדיק אדער לאכנדיק. אין קאפעלע פלעגט ער זיצן גלייך אונטער דער באאבאכטונג פון צוויי וועכטער, וועלכע פלעגן אים באאבאכטן אויפמערקזאם די גאנצע צייט. אפטמאל פלעגט ער באגראבן זיין קאפ אין זיינע הענט, א פארברעכן קעגן די רעגולא־ציעס פון דער קאפעלע, און זיין קאפ פלעגט תיכף קריגן א קלאפ פון

א וועכטער, אזוי אז ער זאָל האַלטן זיינע אויגן אַנגעשטעלט שטענדיק אין דער ריכטונג פון אבענדמאָל טיש. אָפּטמאָל פּלעגט ער וויינען — ניט אָנמאַכן דערביי קיין שום טומל — נור מיט טרערן וואָס פליסן אַרונטער זיין פּנים און מיט א היסטערישן כליפּן אין האַלז. אָפּטמאָל פלעגט ער שמייכלען אידיאָטיש צו זיך אַליין און מאַכן האַוואַיעס. ביי מער ווי איין געלעגנהייט איז ער געוואָרן אַרויסגעשיקט פון קאַ־פּעלע צו זיין צעל, און איז נאַטירלאַך געוואָרן כסדר באַשטראָפט. אַזוי ווי דער באַנק אויף וועלכן איך בין געזעסן אין קאַפּעלע איז געווען דירעקט קעגן דעם באַנק אויף וועמעס ברעג דער אומגליקי־לאַכער מענטש איז געוואָרן אוועקגעזעצט, האָב איך געהאַט די פולע מעגלאַכקייט אים צו באַאָבאַכטן. איך האָב אים אויך געזען, נאַ־טירלאַך, כסדר ביים מאַכן איבונגען, און באַמערקט אז ער ווערט משוגע און ווערט באַהאַנדלט אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאָס כלומרשט מאַכן.

פאַראַכטאַגן שבת בין איך געווען אין מיין צעל, אַרום איינס אזייגער, פאַרנומען אין רייניקן און שייערן די צינענע כלים וואָס איך פלעג נוצען פאַר מיטאָק. פּלוצלונג בין איך געוואָרן אויפגעשווידערט דורך דעם וואָס דער תפיסה־שוויגען איז געוואָרן אונטערגעבראָכן פון זייער שרעקלאַכע און רעוואָלטירנדיקע קולות, אָדער געגויער, פון א רעווען, ווייל פון אָנהויב האָב איך געטראַכט, אז א וועלכע עס איז בהמה, אַן אָקס אָדער א קו, ווערט געפירט פאַרטאַטשנע צום שלאַכט הויז, אויסערהאַלב די תפיסה־ווענט. נור איך האָב דאַך באַלד באַ־מערקט, אז דאָס רעוון קומט פון קעלער, און איך האָב פאַרשטאַנען אז אַן עלנטער מענטש ווערט געשמיסן. איך פאַרשפּאַר צו זאָגען ווי עקלהאַפט און שווידערהאַפט דאָס איז געווען פאַר מיר, און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן וואָס קאָן דאָס זיין וואָס ווערט באַשטראָפט אויף אַזאַ סקאַנדאַליעזן אופן. פּלוצלונג האָט מיר אויפגעשיינט, אַז זיי שמייסן מעגלאַך אָט דעם אומגליקלאַכן משוגענעם. מיינע געפילן אין דער אַנגעלעגנהייט דאַרפן ניט ווערן פאַרצייכנט: זיי האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דער פראַגע.

דעם קומענדיקן טאָג, זונטיק דעם 16טן מאַי, האָב איך געזען דעם עלנטן פאַרריקטן ביים מאַכן איבונגען. זיין שוואַך, מיאוס, צרה'דיק פּנים, פאַרשוואָלן פון טרערן און היסטעריע, כמעט אומ־מעגלאַך צו דערקענען. ער איז אַרומגעגאַנגען אין מיטל־רינג מיט די אַלטע לייט, די בעטלער, און די הינקדיקע לייט, אַזוי אַז איך בין

געוועז אימשטאנד אים צו באאבאכטן די גאנצע צייט. דאס איז געוועז מיין לעצטער זונטיק אין תפיסה. א פולשטענדיק ליבלאכער טאג, דער פיינסטער טאג וואס מיר האבן געהאט אין א גאנץ יאר, און דא, אין דער שיינער זונליכט, איז ארומגעגאנגען אט די עלנטע באשעפעניש — באשאפן אמאל אין דער געשטאלט פון גאט — שטשירנדיק מיט די ציינער ווי אן אף, און מאכנדיק מיט זיינע הענט די פאנטאסטישע גרימאסן, אזוי ווי ווען ער וואלט געשפילט אין דער לופט אויף א וועלכן עס איז אומזיכטבארן שטרייך־אינסטרומענט, אדער אראנזשירט און געמאכט קעגן באוועגונגען אין א וועלכן עס איז קוריאזן שפיל. אלע ווײלע פלעגן אט די היסטערישע טרערן, אז וועלכע קיינער פון אונז האט אים ניט געזען, מאכן שמוציקע ריטשקעלאך אויף זיין ווייסן געשוואלענעם פנים. דער שוידערהאפטער און קאלטבלוטיקער רייץ פון זיינע גרימאסן האבן אים געמאכט אויסזען ווי א חוזק. ער איז געוועזן א לעבעדיק גראטעסק. די אנדערע ארעסטאנטן האבן אים אלע באאבאכטעט, און קיינער פון זיי האט ניט געשמייכלט. יעדער האט געוואוסט וואס אים איז געשען, און אז ער ווערט געטריבן צו משוגעת — איז שוין געוועזן משוגע. נאך א האלב שעה האט אים דער וועכטער אוועקגערופן, און איך בין זיך משער, באשטראפט. לכל הפחות איז ער ניט געוועזן מאנטיק ביים מאכן איבונגען, הגם איך דיינק, אז איך האב אים באמערקט ביים ראג פון דעם שטיינערנעם הינטערהויף, ארומגייענדיק אונטער דער אויפזיכט פון א וועכטער.

דינסטיק — מיין לעצטער טאג אין תפיסה — האב איך אים געזען ביים מאכן איבונגען. ער איז געוועזן ערגער ווי פריער, און איז ווידער געווארן אריינגעשיקט. זינט דאן ווייס איך ניט מער פון אים, נור איך האב אויסגעפונען פון איינעם פון די ארעסטאנטן וואס איז ארומגעגאנגען מיט מיר ביים מאכן איבונגען, אז ער האט געקראגן פיר און צוואנציק שמיץ אין קיכהויז. שבת נאכמיטאג לויטן באפעל פון די וויזיטנדיקע ריכטער, לויטן באריכט פון דאקטאר. דאס רעוועז וואס האט אונז אלעמען אויפגעשוידערט איז געוועזן זיינער.

אט דער מאן ווערט אן צווייפל, משוגע. תפיסה־דאקטוירים האבן ניט קיין ידיעה פון קיין שום גייסטיקער קראנקהייט. זיי זיינען אלס א קלאס אומוויסנדיקע מענטשן, די פאטאלאגיע פון מח איז זיי אומבאוווסט. ווען א מענטש ווערט משוגע, באהאנדלען זיי אים ווי ער מאכט זיך עס כלומרשט. זיי לאזן אים באשטראפן ווידער און

ווידער אמאָל. נאַטירלאך ווערט דער מענטש ערגער. ווען געוויינלאַכע שטראָפן ווערן אויסגעשעפּט, מעלדעט דער דאָקטאָר די פאַלן צו די ריכטער. דער רעזולטאַט איז שמייסן. זעלבסטפאַרשטענדלאך ווערן געגעבן די שמיץ ניט מיט א קאַנטשיק מיט ניין לעדערנע לאַקשן. דאָס איז וואָס ווערט אָנגערופן שמייסן מיט ריטער. דער אינ־סטרומענט איז א שטעקן; נור דער רעזולטאַט אויף דעם עלנטן אי־דיאָטישן מענטשן קאָן מען זיך פאָרשטעלן.

זיין נומער איז, אדער איז געווען, א. 2. 11. עס איז מיר אויך געלונגען אויסצוגעפינען זיין נאָמען. ער איז פּרינץ. עפּעס וואָס דאַרף ווערן געטאָן פאַר אים. ער איז א סאָלדאַט, און זיין שטראָף איז באַשטימט פון קריגס געריכט. דער טערמין איז זעקס חדשים. דריי דאַרפן נאָך דורכגיין.

מעג איך אייך בעטן אויסצונוצן אייער איינפלוס, מען זאָל אונ־טערזוכן אָט דעם פאַל, און צו זען אז דער משוגענער אַרעסטאַנט זאָל ווערן ריכטיק באַהאַנדלט ?

א באַריכט פון די מעדיצינישע פאַרוואַלטער איז פון קיין שום ווערט. מען קאָן זיך פּשוט אויף זיי ניט פאַרלאָזן. די מעדיצינישע אינספּעקטאָרן שיינען ניט צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן אידיאָטסטווע און משוגעת — צווישן די גאַנצע אַפּוועזנהייט פון א פונקציע אָדער אָרגאַן און די קראַנקהייט פון א פונקציע אָדער אָרגאַן. אָט דער מאַן א. 2. 11. וועט, איך האָב קיין ספק, זיין אימשטאַנד צו זאָגן זיין נאָמען, דעם כאַראַקטער פון זיין פאַרברעכן, דעם טאָג פונם חודש, דעם דאַטום פון דעם אָנהייב און דעם אויסגיין פון זיין שטראָף, און ענטפערן אויף יעדער איינפאַכער פראַגע : נור אז זיין מח איז קראַנק לאָזט ניט איבער קיין ספק. פאַרלויפיק איז דאָס א שווי־דערהאַפטער דועל צווישן אים און דעם דאָקטאָר.דער דאָקטאָר קעמפט פאַר א טעאָריע. דער מאַן קעמפט פאַר זיין לעבן. איך בין שטאַרק געדן, אז דער מאַן זאָל געווינען. דאָך זאָל דער גאַנצער פאַל ווערן עקזאַמינירט פון ספּעציאַליסטן וועלכע פאַרשטייען מאַרד־קראַנק־הייט, און פון מענטשן מיט מענטשלאַכע געפילן וועלכע האָבן נאָך שכל הישר און רחמנות. עס איז ניטאָ קיין גרונט, אז דער סענטי־מענטאַליסט זאָל ווערן אויפגעפאָדערט זיך אַריינצומישן. ער טוט אַלעמאָל אָן צרות.

דער פאַל איז א באַזונדער ביישפּיל פון דער אכזריות אומצור־שיידבאַר פון א נאַרישער סיסטעם, ווייל דער איצטיקער דירעקטאָר

פון רעדינג איז אַ מאַן פון איידלן און מענטשלאַכן כאַראַקטער, שטאַרק באַליבט און רעספּעקטירט פון אַלע אַרעסטאַנטן. ער איז געוואָרן אויסגעקליבן לעצטן יולי, און כאָטש ער קאָן ניט ענדערן די רעגעלן פון ד'ער תפיסה סיסטעם האָט ער געענדערט דעם גייסט אין וועלכן זיי פלעגן ווערן דורכגעפירט אונטער זיין פאַרגייער. ער איז זייער פּאָפּולער ביי די אַרעסטאַנטן און ביי די וועכטער. ער האָט ווירקלאַך פולשטענדיק געענדערט דעם גאַנצן טאָן פון דעם תפיסה־לעבן. פון דער אַנדער זייט, איז די סיסטעם, אויסער זיין מאַכט אויף וויפיל עס איז נוגע דאָס ענדערן אירע רעגעלן. איך האָב ניט קיין צווייפל, אַז ער זעט טעגלאַך אַ סך פון וואָס ער ווייס צו זיין אומ־גערעכט, דום, און גרויזאַם. נור זיינע הענט זיינען געבונדן. נאַטיר־לאַך האָב איך ניט קיין ידיעה איבער זיינע ווירקלאַכע אַנזיכטן אי־בער דעם פאַל, פון א. 2. 11. ווי אויך ניט, באמת, איבער זיינע אַנ־זיכטן וועגען אונזער איצטיקער סיסטעם. איך אורטייל אים בלויז דורך דער פולשטענדיקער ענדערונג וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין רעדינגער תפיסה. אונטער זיין פאַרגייער איז די סיסטעם געווען דורכגעפירט מיט די גרעסטע גרויזאַמקייט און דומהייט. — איך פאַרבלייב, מיין הער, אייער געהאָרכזאַמער דינער,

אָסקאַר ווײַלד.

מאי 27, (1897).

2. תפיסה רעפאָרם. — „לייענט דאָס ניט אויב איר ווילט זיין היינט גליקלאַך".

צום רעדאַקטאָר פון דער „דיילי קראָניקל".

געערטער הער, — איך פאַרשטיי, אַז דעם אינערן מיניסטער'ס געזעץ־פאָרשלאַג, צו רעפאָרמירן די תפיסות, וועט אָט די וואָך ווערן פאַרגעלייגט צום ערשטן אָדער צום צווייטן מאָל, און אַזוי ווי אייער צייטשריפט איז געווען די איינציקע צייטונג אין ענגלאַנד וואָס האָט גענומען אַ ווירקלאַכן און לעבהאַפטן אינטערעס אין אָט דער וויכטיקער פראַגע, האָף איך, אַז איר וועט מיר דערלויבן, ווי איינער וועלכער האָט געהאַט לאַנגע פּערזענלאַכע דערפאַרונגען פון לעבן אין אַן ענגלישער תפיסה, אָנצואווייזן וואָסערע רעפאָרמען

זיינען זייער דרינגנדיק נויטיק איז אונזער איצטיקער דומער און בארבארישער סיסטעם.

פון א ליטעראַטיקל וואָס איז געווען געדרוקט אין אייערע קאָלומס מיט אַן ערך א וואָך צוריק, דערוויס איך זיך, אַז די הויפּט רעפאָרם וואָס איז פאָרגעשלאָגן איז א העכערונג אין צאָל פון אינספּעקטאָרן און אַפּיציעלע באַזוכער וועלכע זאָל האָבן צוגאַנג צו אונזערע ענגלישע תפיסות.

אַזאַ רעפאָרם ווי די איז גאַנץ נוצלאָז. די סיבה איז אויסערסט איינפאַך. די אינספּעקטאָרן און פרידנס ריכטער וועלכע באַזוכן די תפיסות, קומען דאָרט מיטן צוועק צו זען, אַז די תפיסה רעגולאַציעס זאָלן פּינקלאַך ווערן אויסגעפירט. זיי קומען ניט פאַר קיין אנדער צוועק, זיי האָבן אויך ניט קיין מאַכט, אפילו ווען זיי זאָלן האָבן דעם ווילן, צו ענדערן אַן איינציק פּאַראַגראַף אין די רעגולאַציעס. קיין ארעסטאַנט האָט נאָך ניט געהאַט די מינדסטע פאַרלייכטערונג, אויפמערקזאַמקייט, אָדער באַאַכטונג פון וועלכע עס איז אַפּיציעלע באַזוכער. די באַזוכער קומען ניט צו העלפן די ארעסטאַנטן, נאָר צו זען, אַז די געזעצן זאָלן ווערן דורכגעפירט. זייער ציל אין קומען איז צו פאַרזיכערן די דורכפירונג פון א נאַריש און אוממענטשלאַך געזעץ. און, אַזוי ווי זיי מוזן האָבן עפּעס א באַשעפטיקונג, נעמען זיי זייער גוט אכט דאָס צוטאָן. אַן ארעסטאַנט וועלכן מען האָט דערלויבט די קלענסטע פּריווילעגיע ציטערט פאַרן אָנקומען פון די אינספּעקטאָרן. זייער צוועק איז, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, צו באַווייזן די אויסגעצייכנטע דיסציפּלין וואָס זיי האַלטן אויף.

די נויטיקע רעפאָרמען זיינען זייער איינפאַך. זיי זיינען נוגע די באַדערפנישן פון קערפּער און די באַדערפנישן פון גייסט פון יעדן אומגליקלאַכן ארעסטאַנט.

בנוגע דעם ערשטן, זיינען פאַראַן אין די ענגלישע תפיסות דריי פּערמאַנענטע שטראָפן אויטאָריזירט פון געזעץ :

1. הונגער.
2. שלאָפלאָזיגקייט.
3. קראַנקהייט.

די שפּייז צוגעשטעלט צו ארעסטאַנטן איז כלל ניט גענוג. די מערסטע פון איר איז רעוואָלטירנדיק אין איר כאַראַקטער. קיינע פון איר איז ניט גענוג. יעדער ארעסטאַנט ליידט טאָג און נאַכט פון הונגער. א געוויסע מאָס פון שפּייז ווערט גענוי אויסגעוואויגן אונז

פֿאַר אונדז פֿאַר יעדן אַרעסטאַנט. עס איז יוסט געגוג אויפֿצוהאַלטן, ניט געגוי דאָס לעבן; נאָר די עקזיסטענץ. נור מען איז תמיד גע־קוועלט פֿון די שמערצן און יסורים פֿון הונגער.

דער רעזולטאַט פֿון די שפּייז — וועלכע באַשטייט אין די מערסטע פֿאַלן פֿון שלעכטער קאַשע, פּעטס און וואַסער — איז קראַנק־הייט אין דער פֿאָרם פֿון אומאויפֿהערלאַכער לויזלייביקייט. אַט די חלאת, וועלכע ווערט סוף כל סוף אַ כראָנישע קראַנקהייט ביי די מערסטע אַרעסטאַנטן, איז אַן אַנערקענטע אינסטיטוציע אין יעדער תּפֿיסה. אין וועגדסוואַירטער תּפֿיסה, צום ביישפּיל — וואו איך בין געווען פֿאַרשפּאַרט פֿאַר צוויי חדשים, ביז מען האָט מיך געדאַרפֿט אַריבערפֿירן אין האָספּיטאַל, וואו איך בין געבליבן פֿאַר נאָך צוויי חדשים — גייען די וועכטער רונד אַרום צוויי אָדער דריי מאָל אַ טאָג מיט פֿאַרהאַרטונגס מעדיצינען, וועלכע זיי טיילען אויס צו יעדן אַרעסטאַנט אַלס אַ געוויינלאַך זאַך. נאָך אַן ערך אַ וואָך פֿון אַזאַ באַהאַנדלונג איז ניט נייטיק צו זאָגען, אַז די מעדיצינען מאַכן קיין איינדרוק ניט. דער עלנטער אַרעסטאַנט ווערט דעמאָלט אַי־שום איינגעלאָזן אַ פֿאַרצוקונג צו דער אָפּשוואַכנדיקסטער אונטערדריקנ־דיקסטער און דערנידערנדיקסטער קראַנקהייט, וואָס מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן: און אויב, ווי דאָס טרעפֿט אָפֿט, ער פֿאַרפֿעלט, מחמת פֿיזישער שוואַכקייט, צו פֿאַרענדיקן די פֿון אים פֿאַרלאַנגטע באַווע־גונגען ביים שטראָפֿראָד אָדער ביים מיל, ווערט ער געמאָלדן פֿאַר פֿוילקייט און באַשטראָפֿט מיט דער גרעסטער שטרייגיקייט און ברוטאַליטעט. אויך דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

קיין זאַך קאָן ניט זיין ערגער ווי די סאַניטאַרע איינאָרדנונגען פֿון ענגלישע תּפֿיסות. אין די אַלטע צייטן פֿלעגט יעדער צעל ווערן באַזאָרגט מיט אַ וועלכן עס איז מין אָפּטרעט. אַט די אָפּטרעטן זיינען איצט געוואָרן אָפּגעשאַפֿט. זיי עקזיסטירן ניט מער. אַנשטאָט דעם ווערט צוגעשטעלט יעדן אַרעסטאַנט אַ קליין בלעכענע כּלי. דריי מאָל אַ טאָג איז דעם אַרעסטאַנט דערלויבט אויסצולײדיקן זיין אורינאַל. נור אים איז ניט דערלויבט צו האָבן אַ צוגאַנג צו די תּפֿיסה־טואַלעטס, אַ חוץ איין שעה ווען ער איז ביים מאַכן איבונגען. און נאָך פֿינף אַ זייגער אין אָוונט איז אים ניט דערלויבט צו פֿאַר־לאָזן זיין צעל אונטער קיין שום אויסרייד, אָדער פֿאַר קיין שום אורזאַך. אַלס פֿועל יוצא דערפֿון ווערט אַ מענטש, וואָס ליידט פֿון אַ לויזן מאָגען, אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ עקלהאַפֿטער לאַגע אַז עס איז

ניט נויטיק זיך לייגער אפצושטעלן אויף דעם, אז עס וואלט געוועז אומפאסנדיק זיך אפצושטעלן אויף דעם. דער עלנט און די מאטערנישן וואס די ארעסטאנטן מאכן דורך אלס רעזולטאט פון רעוואלטירנדיקע סאניטארע איינארדנונגען זיינען גאנץ אומבאשרייבלאך. און די עקלדיקע לופט פון די תפיסה־צעלן, פארמערט דורך א סיסטעם פון ווענטילאציע וואס איז גאנץ אומווירקזאם, איז אזוי איבלדיק און קראנקהאפט, אז עס איז ניט קיין אומגעוויינלאכע זאך פאר וועכטער, צו ווערן שטארק קראנק ווען זיי קומען ארויס אין פרימארגנען פון דער פרישער לופט און עפענען און אונטערזוכן יעדער צעל. איך האב דאס אליין געזען ביי מער ווי דריי געלעגנהייטן, און עטלאכע פון די וועכטער האבען דאס מיר דערמאנט אלס איינע פון די עקלהאפטסטע זאכן וואס זייער אמט לייגט ארויף אויף זיי.

די שפייז צוגעשטעלט צו די ארעסטאנטן זאל זיין גענוג און געזונט. עס זאל ניט זיין פון אזא כאראקטער וואס זאל פראדוצירן אומאויפהערלאכע לויזלייביקייט. וואס איז צוערשט א פאראיבערגייענדיקע קראנקהייט און ווערט שפעטער א פערמאנענטע חלאת.

די סאניטארע איינארדנונגען אין ענגלישע תפיסות דארפן ווערן אין גאנצן איבערגעאנדערשט. יעדן ארעסטאנט זאל ווערן דערלויבט דער צוגאנג צו די טואלעטס ווען נויטיק, און אויסצולײדיקן זיין אורינאל ווען נויטיק. די איצטיקע סיסטעם פון ווענטילאציע אין יעדער צעל איז גאנץ נוצלאז. די לופט קומט דורך איינגע גראטעס, און דורך א קליינעם ווענטילאטאר אין דעם קליינינקן פארגראטעוועטן פענסטער, וואס איז ווייט צו קליין, און צו שלעכט געבויט אריינצולאזן א גענוגנדיקע מאס פון פרישער לופט. איינעם איז דערלויבט ארויסצוגיין פון זיין צעל בלויז אין איין שעה פון די פיר און צוואנציק וואס שטעלט צוזאמען דעם לאנגען טאג, און אזוי אטעמט מען איין די מעגלאכסט עקלהאפטסטע לופט פאר דריי און צוואנציק שטונדן.

וואס באטרעפט די באשטראפונג פון שלאפלאזיקייט, עקזיסטירט זי בלויז אין כינעזישע און ענגלישע תפיסות. אין כינע ווערט זי דורכגעפירט דורך אריינשטעלן דעם ארעסטאנט אין א קליינעם באמבו־שטייג; אין ענגלאנד דורך די מיטלען פון דער ברעטערבעט. דער צוועק פון דער ברעטערבעט איז צו פראדוצירן שלאפלאזיקייט. עס איז ניטא קיין אנדער צוועק אין דעם, און געלינגט תמיד. און אפילו ווען איינעם ווערט שפעטער דערלויבט א הארטן מאטראץ, ווי דאס פאסירט אינם לויף פון זיצן אין תפיסה, ליידט מען אלץ

פון שלאפלאזיקייט. ווארום שלאף, אזוי ווי אלע געזונטע זאכן, איז א געוואוינהייט, יעדער ארעסטאנט וואס איז געלעגן אויף א ברעטער־בעט ליידט פון שלאפלאזיקייט. דאס איז א רעוואלטירנדיקע און איגנאראנטע שטראף.

וואס איז שייך צו די באדערפנישן פון גייסט, בעט איך, אז איר זאלט מיר דערלויבן צו זאגעז עפעס וואס:

די איצטיקע תפיסה־סיסטעם, זעט אוים כמעט ווי צו האבן פאר איר ציל די צעברעכונג און די צעשטערונג פון די גייסטיקע פייאיקייטן. די פראדוקציע פון משוגעת איז, אויב ניט איר ציל, זיכער אירע רעזולטאטן. דאס איז א גוט פעסטגעשטעלטער פאקט. אירע אורזאכן זיינען דייטלאך. בארויבט פון ביכער, פון יעדן אומגאנג מיט מענטשן, איזאלירט פון יעדן מענטשלאכן און פארמענטשלאכנדיקן איינפלוס, פארדאמט צו אייביקן שטילשווייגן, בארויבט פון יעדער פארבינדונג מיט דער אויסערלאכער וועלט, באהאנדלט ווי א פארשטאנדלאזע חיה, ברוטאליזירט אונטער דעם ניווא פון וועלכער עס איז טירישער באשעפעניש, קאן דער עלנטער מענטש וואס איז פארשפארט אין אן ענגלישער תפיסה זיך שווער ארויסדרייען פון צו ווערן משוגע. איך וועל זיך ניט אפשטעלן אויף אט די גרוילקייטן: נאך וויניקער ארויסרופן וועלכע עס איז אויגנבליקלאכע סענטימענטאלע אינטערעסן אין אט די קענגשטאנדן. דערפאר וועל איך, מיט אייער דערלויבניש, בלויז אנדייטן וואס עס זאל ווערן געטאן.

יעדער ארעסטאנט זאל האבן א גענוגנדיקן זאפאס פון ביכער. קעגנווערטיק איז קיינעם ניט דערלויבט כלל קיין ביכער, אין משך פון די ערשטע דריי חדשים פון זיצן אין תפיסה, א חוץ א ביבל, געבעטבוך און הימנענבוך. נאכדעם איז דערלויבט יעדן איין בוך א וואך. דאס איז ניט בלויז ניט גענוג, נור די ביכער וואס שטעלן צוזאמען א געוויינלאך תפיסה־ביבליאטעק זיינען פולשטענדיק נוצלאז. זיי באשטייען הויפטזעכלאך פון דריטקלאסיקע, שלעכט געשריבענע, אזוי גערופענע רעליגיעזע ביכער, געשריבן באשיינפערלאך פאר קינדער און כלל ניט פאסנדיק פאר קינדער אדער פאר וועמען עס איז אנדערש. ארעסטאנטן דארפן ווערן דערמוטיקט צו לייענען, און זאלן קריגען וואס פאר א ביכער זיי ווילן, און די ביכער זאלן ווערן גוט אויסגעקליבן. קעגנווערטיק ווערט די אויסוואל פון ביכער געמאכט פון תפיסה־פריסטער.

אונטער דער איצטיקער סיסטעם ווערט אן ארעסטאנט דער־

לויבט צו זען זיינע פריינט פיר מאָל א יאָר, יעדעס מאָל צו צוואַנציק מינוט. דאָס איז זייער ניט ריכטיק. אַן ארעסטאַנט זאָל ווערן דערלויבט צו זען זיינע פריינט איינמאָל א חודש, און פאַר א פארנונפטיקער צייט. די קעגנווערטיק אַנגענומענע פאָרם אויסצו־שטעלן אַן ארעסטאַנט פאַר זיינע פריינט, זאָל ווערן געענדערט. אונ־טער דער איצטיקער סיסטעם, ווערט דער ארעסטאַנט אָדער איינגע־שלאָסן אין א גרויסן אייזערנעם שטייג אָדער אין א גרויסן הילצער־נעם קאַסטן, מיט א קליינער עפענונג, באַדעקט מיט דראָטענער נעץ. דורך וועלכער עס איז דערלויבט אים אַנצוקוקן. זיינע פריינט ווערן אריינגעשטעלט אין אַן ענלאכן שטייג, א דריי אָדער פיר פוס אָפּגע־רוקט, און צווײ וועכטער שטייען צווישן זיי זיך צוצוהערן, און, אויב זיי ווילן, אָפּצוהאַלטן אָדער אונטערברעכן די אונטעררעדונג, אַזוי ווי עס קאָן פאַסירן.

איך שלאָג פאָר, אַז אַן ארעסטאַנט זאָל ווערן דערלויבט צו זען זיינע קרובים אָדער פריינט אין א צימער. די איצטיקע רעגולאַציעס זיינען אומבאַשרייבלאָך רעוואָלטירנדיק און פלאַגנדיק. א באַזוך פון (אונזערע) קרובים אָדער פריינט איז פאַר אַן ארעסטאַנט א פארשטאַרקונג פון דערנידעריקונג און גייסטיקן עלנט. א סך ארעס־טאַנטן, איידער צו אונטערשטיצן אַזא אָפּקומעניש, זאָגן זיך אָפּ אין גאַנצן פון צו זען זייערע קרובים. און איך קאָן ניט זאָגן, אַז איך בין איבעראַשט. ווען איינער זעט זיין אַדוואָקאַט, זעט ער אים אין א צימער מיט א גלעזערנער טיר, וואָס פון דער אַנדער זייט שטייט דער וועכטער. ווען א מאַן זעט זיין ווייב און קינדער, אָדער עלטערן, אָדער זיינע פריינט, זאָל אים ווערן דערלויבט די זעלבע פריווילעגיע. צו ווערן אויסגעשטעלט, ווי אַן אָף אין א שטייג, פאַר מענטשן וועלכע מען האָט ליב, און וועלכע האָבן יענעם ליב, איז א ניט נייטיקע און שוידערהאַפטע דערנידעריקונג.

יעדן ארעסטאַנט זאָל ווערן דערלויבט צו שרייבן און קריגן א בריוו וויכּניקסטנס איינמאָל א חודש. קעגנווערטיק איז איינעם דערלויבט צו שרייבן בלויז פיר מאָל א יאָר. דאָס איז כלל ניט גענוג. איינע פון די טראַגעדיעס פון תפיסה־לעבן איז וואָס עס פארוואַנדלט א מענטשנס האַרץ אין שטיין. די געפילן פון נאַטירלאַכער ליבשאַפט, ווי אַלע אַנדערע געפילן, פארלאַנגען צו ווערן געשפייזט. זיי שטאַרבן לייכט פון אויסגעמאָרעטקייט. א קורצער בריוו, פיר מאָל א יאָר, איז ניט גענוג צו דערהאַלטן ביים לעבן די איידעלערע און מענטשלאַכערע

צונייגונגען דורך וועלכע די נאַטור ווערט סוף כל סוף געהאַלטן עמפינדלאַך צו יעדן פיינעם אָדער שיינעם איינפלוס וואָס קאָן היילן אַ צובראָכענעם און רואינירטן לעבן.

די געוואוינהייט צוצעקריפּלן און אויסשטרייכן אַרעסטאַנטן־בריוו דאַרף ווערן אָפּגעשטעלט. קעגנווערטיק, ווען אַן אַרעסטאַנט, מאַכט אַ וועלכער עס איז קלאַגע קעגן דער תפיסה־סיסטעם, ווערט אַט דער טייל בריוו אויסגעשאָרן מיט אַ שער. פון דער אַנ־דער זייט, אויב ער מאַכט אַ וועלכע עס איז קלאַגע בעת ער רעדט צו זיינע פריינט דורך די גראַטעס פון דעם שטייג, אָדער דער עפענונג פון דעם הילצערנעם קאַסטן, ווערט ער ברוטאַליזירט פון די וועכטער, און געמעלדעט פאַר שטראָף יעדער וואָך ביז דער נייער באַזוך קומט אָן, אין וועלכער צייט ער וועט דערוואַרט צו האָבן געלערנט, ניט קלוגשאַפט, נאָר ביטרעקייט. און דאָס דערלערנט מען שטענדיק. דאָס איז איינע פון די עטלאַכע זאַכן וואָס מען לערנט זיך אויס אין תפיסה. גליקלאַכערווייז זיינען די אַנדערע זאַכן, אין געוויסע פאַלן, פון העכערער וויכטיגקייט.

אויב איך זאָל אַנגיין אַ ווייל לייננער, מעג איך זאָגן אַט דאָס ? איר האָט פאַרגעשלאָגן אין אייער לייטאַרטיקל, אַז קיין תפיסה־פּריסטער זאָל ניט ווערן דערלויבט צו האָבן וועלכע עס איז פאַרוואַלטונג אָדער באַשעפטיקונג אויסערהאַלב די תפיסה גופא. נור דאָס איז אַ זאַך פון ניט־וויכטיקייט. די תפיסה־פּריסטער זיינען אין גאַנצן נוצלאָז. זיי זיינען, אַלס אַ קלאַס, גוט מיינענדיקע, נור באמת נאַרישע, דומע מענטשן. זיי זיינען פון קיין הילף צו קיין אַרעסטאַנט. איינמאָל אין יעדע זעקס וואכן אָדער אין דעם ערך, דרייט זיך אַ שליסל אין דעם שלאָס פון יעדענס צעלן־טיר, און דער פּריסטער קומט אַריין. ער פרעגט איינעם צי מען האָט געלייענט די ביבל. מען ענטפערט „יע" אָדער „ניין", ווי דער פאַל קאָן זיין. ער ציטירט דעמאָלט עטלאַכע פסוקים, און גייט אַרויס און פאַרשליסט די טיר. אָפטמאָל לאָזט ער איבער אַ ביכל.

די באַאמטע וועמען עס זאָלן ניט זיין דערלויבט צו האָבן אַ וועל־כע עס איז באַשעפטיקונג אויסערהאַלב דער תפיסה, אָדער צו האָבן וועלכע עס איז פּריוואַטע פּראַקטיק, זיינען די תפיסה־דאָקטוירים. קעגנוועערטיק האָבן די תפיסה־דאָקטוירים געוויינלאַך, אויב ניט אַלעמאָל, אַ גרויסע פּריוואַטע פּראַקטיק, און האַלטן שטעלעס אין אַנדערע אַנשטאַלטן. דער רעזולטאַט איז, אַז די געזונטהייט פון די

ארעסטאַנטן איז גאַנץ פאַרנאַכלעסיקט, און דער סאַניטאַרער צו־שטאַנד פון דער תפיסה ווערט גאַנץ פאַרזען. אַלס אַ קלאַס, באַטראַכט איך, און האָב פון מיין פריסטער יוגנט אָן שטענדיק באַטראַכט, דאָקטוירים אַלס די מענטשלאַכסטע פּראָפעסיע אין דער געזעלשאַפט. נור איך מוז מאַכן אַן אויסנאַם פאַר תפיסה־דאָקטוירים. ווי־פיל איך האָב זיי באַגעגנט, און פון וואָס איך האָב געזען פון זיי אין האָספּיטאַל און אַנדערשוואו, זיינען זיי ברוטאַל אין מאַנירן גראָב אין טעמפּעראַמענט, און גאַנץ גלייכגילטיק צו דער געזונטהייט פון די ארעסטאַנטן, אָדער זייער באַקוועמליכקייט. אויב תפיסה־דאָק־טוירים וואָלטן ווערן פאַרבאַטן צו פּראַקטיצירן פּריוואַט, וואָלטן זיי געווען געצוואונגען צו נעמען אַ וועלכן עס איז אינטערעס אין דער געזונדהייט און סאַניטאַרע באַדינגונגען פון די מענטשן אונטער זייער אויפזיכט.

איך האָב זיך באַמיט אַנצואווייזן אין מיין בריוו אויף עטלאַכע פון די רעפאָרמען וואָס זיינען נויטיק פאַר אונזער ענגלישער תפיסה־סיסטעם. זיי זיינען איינפאַך, פּראַקטיש, און מענטשלאַך. זיי זיינען, נאַטירלאַך, בלויז אַן אָנהויב. נור עס איז צייט, אַז אַן אָנהייב זאָל ווערן געמאַכט, און דאָס קאָן זיך אָנהייבן בלויז דורך אַ שטאַרקן דרוק פון דער עפנטלאַכער מיינונג פאָרמולירט אין אייער איינפלוס־רייכער צייטונג, און געשטיצט פון איר.

נור צו מאַכן ווירקזאַם אַפילו אָט די רעפאָרמען, מוז ווערן אַ סך געטאָן, און די ערשטע, און אפשר די שווערסטע אויפגאַבע, איז צו פאַרמענטשלאַכן די דירעקטאָרן פון די תפיסות, צו ציוויליזירן די וועכטער און פאַרקריסטלאַכן די פריסטער. — אייערער א. א. וו.

דער פאַרפאַסער פון דער „באַלאַדע פון רעדינג תפיסה".

מערץ 23, (1898)

באמערקונגען און דערקלערונגען

פון איבערזעצער *)

*) אריגינעל האב איך געפלאנט אנמערקן בלויז אויף ווײלד'ס פער־זענלאכע אנדייטונגען. נור כדי זיין ווערק זאל זיין קלאר פאר יעדן אידישן לייענער, האב איך צוגעגעבן אויך אזוינע באמערקונגען (און פארטייטשונגען) וואס זיינען נויטיק צוליבן מאנגל אין אן ענציקלאפעדיש ווערטערבוך אין אידיש.

ק. מרמר

א

אויבערהערשער פון דער ביר־גערלאַכער גערעכטיקייט (זייט 102 דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פון יהודה, שמרון און אדום, פון יאָר 47 ביז 35 פאַר'ן אונטערגאַנג פון דער צווייטער אידישער מלוכה. זיינע נגישות און אכזריות צו אידן האָבן אַרויסגערופן אַ סך רעוואָלטן, און ער האָט געמוזט פאָרן נאָך רוים זיך פאַרענטפערן פאַר זיינע פאַרברעכנס. (לויט אַ שפּעטערע קריסטלאַכע לע־גענדע, האָט פּילאַטוס חרטה געהאַט וואָס ער האָט געקרייציקט יעזוס'ן און איז צוזאַמען מיט זיין ווייב איבער־געגאַנגען צו קריסטנטום.)

אָוקלי סטריט. די גאַס אין טשעלסי, לאָנדאָן, וואו ווײַלד'ס מאַמע און ברודער האָבן געוואוינט און וואו ער האָט זיך איפּגעהאַלטן די לעצטע טעג פאַר זיין פאַראורטיילונג.

אָסטען אַלפרעד (1913—1835), זינט 1896 איז ער געווען דער אָפי־ציעלער „פּאָעט לאָריעט" (געקרוינטער דיכטער) פון ענגלאַנד, וואָס דאַרף באַזינגען מאָנאַרכיסטישע און פּאַ־טריאָטישע געשעענישן.

אַרנאָלד, מעטיו (1888—1822) ענגלישער דיכטער און קריטיקער, פּראָפעסאָר פון פּאָעזיע אין אָקספאָרד. אַ טייל ווײַלד־פאָרשער זוכן צו באַ־ווייזן אַרנאָלד'ס איינפלוס אויף ווײַלד'ן, נאָר דער לעצטער האָט דאָס קיינמאָל ניט אָנערקענט און פאַרהאַלט זיך צו אַרנאָלד'ן זייער קריטיש.

„**איינע פון די שענסטע באַ־שעפענישן** וועלכע איך האָב ווען עס איז געקענט" (זייט 94 — פרײַלין שוסטער (זע לײַדי פון ווימבלדאָן).

אַפּאָלאָ. דער גאָט פון מוזיק און דער באַשיצער פון די שיינע קונסטן אין אַלטן גריכנלאַנד. ער ווערט אָפט פאַרגעשטעלט מיט דער לירע אין האַנט. (זיין אָנהייב איז סעמיטיש. אַפּאָל־אַבאַל (עבל) איז איינער פון די נעמען פון סעמי־טישן זונענגאָט „תמוז". ביי די אַל־טע אידן איז „יובל" געווען דער פאָ־טער פון מוזיק. בראשית ד' 21).

אוירופּיד (זע פּעלאָפּידן).

אינפערנאָ (זע מאַלעבאָלגע).

אָנע, זשאָרזש (געב. 1848). דער שרייבער פון פּאָפּולערע פּראָנצויזי־שע ראָמאַנען.

אָסטן, דזשיין (1817—1775). זי ווערט געציילט צווישן די ענגלי־

שע קלאסיקער און אירע ראמאנען ווערן נאך אויך איצט א סך גע־לייענט.

אבענדמאל טיש. אלטאר אין קריסטלאכער קירך, וואו עס ווערט אפגעריכט די צערעמאניע פון הייליקן אוונטמאלצייט (זע מעסע).

אגנאסטיציזם. די לערע אז דער „יסוד כל היסודות", דער עצם פון אלץ וואס עקזיסטירט וועט תמיד בלייבן פארבארגן פונעם מענטשן. די ויכוחים וועגן גאט, פאר און קעגן וועלן אייביק בלייבן ניט אנטשידן. אט די לערע איז געווארן באגרינדעט דורך די ענגלישע געלערטע ספענסער (1820־1904) און האקסלי (1825־1895). דער לעצטער האט דאס א נאמען געגעבן „אגנאסטיציזם" (ניט וויסן) אלס קעגנזאץ צו דער לערע פון „גנאסטיציזם", וועלכע מיינט, אז זי ווייס דעם גאנצן אמת.

„אלטן מאטראז" — (זע קאלע־רידזש).

אלטרואיסט פון איטאליענישן ווארט „אלטער" (דער אנדערער), וואס שטעלט זיין לעבן אינם דינסט פון אנדערע. דער קעגנזאץ פון עגאאיסט (עגא — איך) וואס לעבט נאר פאר זיך אליין.

אנטינאמיסט. דער וואס האלט, אז מען קאן זיין גוט און וואויל, אפילו ווען מען פירט זיך אויף קאפויר פון דער אנערקענטער מאראל. (אין 17טן י. ה. זיינען אנטינאמיסטן געווען קריסטלאכע סעקטאנטן. איצט זיינען זיי ניט מער פארבונדן מיט קיין קירך).

„איפסיסימא ווערבא". די סאמע אייגענע ווערטער

אלד ביילי. הויפט קרימינאל גע־ריכט פון לאנדאן.

אקצידיע. דאס ווארפן אז אומ־חן אויף דאס לעבן.

ארטאלאנען. אלע פויגל וועמעס פלייש איז א געשמאקער ביסן ווערן אין ענגלאנד אנגערופן מיטן נאמען פון דעם קליינעם פויגל ארטאלאן, וואס ווערט ספעציעל געשטאפט פאר דער קיך.

אומגליקלאכער מאן (זייט 64) א געוויסער מר. טיילאר, איז געווען אנגעקלאגט אין פארפירן די יונגע לייט וואס ער האט אין זיין „פלאץ" פארגעשטעלט פאר ווייילד'ן. ער איז געזעסן צוזאמען מיט ווייילד'ן אויף דער אנקלאג־באנק און געווארן פאר־אורטיילט צו דער זעלבער שווערער שטראף.

אטענא (אדער מינערווא). די געטין פון חכמה, שלום, פארטיידיקנ־דיקע און וויסנשאפטלאכע קריגספי־רונגען, און נאדל־ארבעט. אראכנע, א מענטשלאכע טאכטער, איז געווען א ספעציאליסטין אין וועבן. האט זי ארויסגעפאדערט די געטין זיך צו פארמעסטן מיט איר אין דער וועבעריי־קונסט. אראכנע האט פארלארן כאטש נאך א האר און זי האט זיך אויסגעגליכן מיט די געטין. האט זי זיך געוואלט אויפהענגען אויף א מאטאק פאדים, נאר אטענא־מינערווא האט איר פארוואנדלט אין א שפין,

זי זאָל אייביק שפּינען איר שייגעם געוועב.

אַנדזשעלאָ. דער היפּאָקריט אין שעקספּיר'ס דראַמע „מדה כנגד מדה".

אַריסטאָטל (384—322 פ. ק.) ווײַלד שרייבט אין די „אינטענשאַנס" אַז אַריסטאָטעל'ס אָפּהאַנדלונג איבער פּאָעזיע, איז אַ פּולקומען קליין ווערקל פון עסטעטישע קריטיק. „עס איז ניט פּולקום אין דער פאָרם, ווייל עס איז שלעכט געשריבן, עס באַשטייט מעגלאַך פון נאָטיצן אַנגעפינטלט פאַר אַ לעקציע איבער קונסט, אָדער פון אָפּגעזונדערטע פראַגמענטן באַשטימט פאַר אַ גרעסער בוך, נאָר אין טעמפּעראַמענט און באַהאַנדלונג איז דאָס פּולקום".

אַרטור (אָדער אַרטוס). לויט דער אַלטער לעגענדע איז ער געווען אַ מין „וועלט־קייזער". ער האָט רעגירט איבער ענגלאַנד און פון דאָרט איינגענומען אַ סך לענדער און צוגעקומען מיט זיינע אַרמייען ביז צו די טויערן פון רוים. צולעצט ווערט ער פאַרראַטן און פאַלט אין מלחמה. אַ טייל פאַרשער מיינען, אַז ער איז געווען אַן אַלט־ענגלישער קריגסהעלד און צוריקגעשלאָגן די זאַקסישע אַריינדרינגער אין אָנהויב פון 5טן יאָרהונדערט. אַנדערע ווידער דענקען, אַז ער איז אַ מיטאָלאָגישע געשטאַלט, אַן אַלטער נאַטור גאָט, וואָס איז אונטערן איינפלוס פון קריסטנטום געוואָרן אַ לעגענדע פון אַ קעניגלאַכן העלד און צום סוף אויך אַ פאַרשפּרייטער פון דער קריסטלאַכער אמונה.

אַריעל, און קאַליבאַן, פיגורן פון שעקספּיר'ס דראַמע „שטורעם". אַריעל (אַריאל) איז „אַ גייסט פון דער לופט„ אַ „רואה ואינו נראה" (זעט און ווערט ניט געזען) און פירט דורך גוטע שליחות. קאַליבאַן, איז „אַ ווילדער מיאוסער קנעכט", דער זון פון אַ העסלאַכער מכשפה, וואָס חבר'ט זיך מיט שכורים און גנבים.

ב

בעאַטריטשע, די פרוי וועלכע דאַנטע באַזינגט אַלס די, וועלכע ער האָט געליבט זינט זיין נייַנטן יאָר. עס ווערט געזאָגט, אַז זי איז געווען אַ יאָר אינגער פון דאַנטען. צו 21 יאָר האָט מען איר פאַרהייראַט מיט אַן אַנדערן און אין צוויי יאָר אַרום איז זי געשטאָרבן. דאַנטע שילדערט איר אין „די געטלאַכע קאָמעדיע" אַלס זיין פירערן אין גן עדן, וואו זי זיצט באַלד אונטערן כסא הכבוד צווישן די מוטער רחל און די מוטער שרה, צוזאַמען מיט יהודית, רבקה און רות.

באָרדזשיאַ, צעזאַר (1475 — 1507), זון פון דעם פאַרברעכערישן פּאַפּסט אַלעקסאַנדער דעם זעקסטן — (1431 — 1503), קאַרדינאַל און פירסט. ער איז באַגאַנגען אַ סך פאַרברעכנס. צווישן די וואָס ער האָט געלאָזט דערמאָרדן געפינט זיך אויך זיינער אַ לייבלאַכער ברודער.

בויער, אַנרי (געב. 1852). איי־

נער פון פאריזער קאמונארן וואס זיינען אין יאר 1871 געווארן פארשיקט נאך נייקאלעדאניע. קומענדיק צוריק קיין פאריז, נאך דער אמנעסטיע פון יאר 1886, האט אנרי בויער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קאמף פארן בעסערן טעאטער. ער האט ארויפגעפירט איבסען'ען און אנדערע אויסלענדישע דראמאטורגען אויף דער פראנצויזישער בינע. ער איז אויך דער פארפאסער פון א ריי ווערק, קריטיקן און דראמען.

בירבאָם, מאקס (געב. 1872), ענגלישער עסייאיסט און קארטוניסט. ער איז געווען פריינטלאך צו ווײַלד'ן ביז צום סוף. ער האט אויך געמאכט א ריי קונסטפולע קארטונס און צייכנונגען פון ווײַלד'ן.

באָזי — דער ליבלאכער צונעמעניש פון לארד אלפרעד ברוס דאגלאס. (געב. 1870), וועמען ווײַלד האט אין זיין נויט באטראכט פאר זיין בייזן גייסט, וואס האט אים ארונטערגעפירט פון וועג און צושטערט זיין לעבן. אלס ענטפער אויף ווײַלד'ס באשולדיקונגען האט דאגלאס פארעפנטלאכט א בוך „אסקאר ווײַלד און איך" (1913). ער האט אויך פרובירט אנקלאגן דעם בריטישן מוזייאום, פאר וואס ער האלט דעם אריגינאל פון ווײַלד'ס באשולדיקונגען (דעם „דע פראפונדיס" וואס איז דא איבערזעצט אין אידיש), וואס וועט ווערן פארעפנטלאכט אין ענגליש, אין 1960, ווען דאס האט אים נים געלונגען האט ער פרובירט מאכן געלט פון זיין שאנד און פארקויפן די קאפיע, וואס ער האט געקראגן אין אויגוסט 1897, נאר אזוי ווי דאגלאס האט קיינמאל ניט דערהאלטן דעם אריגינאל, האט ראבערט ראס, ווײַלדס ליטערארישער צואה־אויספירער, אים דאס געקאנט פארבאטן דורכן געריכט.

ווען ראבערט ראס האט אויסגעצאלט ווײַלד'ס חובות, האט ער אויך אומגעקערט די 700 פונט געריכטסקאסטן צו דעם מארקיז פון קווינסבערי, דאגלאס'עס טאטן, צוליב וועלכע ווײַלד האט דעמאלט געמוזט באנקראטירן. ראס האט אין 1906 אויסגעצאלט דאס געלט מיט פיר פראצענט, פאר עלף יאר, צו קווינסבערי'ס יורשים. דאגלאס האט דערפון געקראגן א פערט־חלק, לויט זיין טייל אין זיין טאטנס ירושה.

דאגלאס האט געהאט א סך פראצעס: צוליב זיין געוועזענער פריינטשאפט מיט ווײַלד'ן און איז געווען פאראכטעט פון ביידע צדדים, סיי פון ווײַלד'ס פארערער און סיי פון ווײַלד'ס באליידיקער. כדי זיך צו רעהאביליטירן ביים הערשנדיקן קלאס, איז דאגלאס, אזוי ווי זיין טאטע אין קאמף קעגן ווײַלד'ן, פלוצלינג געווארן א פארקעמפער פון פיוריטאניזם, פאטריאטיזם, רעליגיע און מאראל. ער האט אנגענומען קאטאליציזם, ארויסגעגעבן א שווארצמאה'דיק אנטי־סעמיטישע צייטונג. ער איז ארויסגעטראטן קעגן אויפפירן אסקאר ווײַלד'ס „סאלאמע", אלס א ניט

מאראליש ווערק. ער האט פארמסר'ט צו דער פאליציי ביכער, וועלכע „זיינען ניט געגוג צנועת'דיק", און איז בכלל געווארן א חטאים־זוכער. ביי איינעם פון זיינע פראצעסן אין 1921 האט דאגלאס דערקלערט, אז „ווײלד'ס ביכער דארף מען אויסראטן, ווייל זיי זיינען א סכנה פאר דער געזעלשאפט". אזוי אז דאגלאס איז איצט, אין עלטער פון 55 יאר א בכבודיקער ענגלישער באלעבאס, אזא פיינער מאן ווי יענער, וואס האט אנגעשפיגן ווײלד'ן אין פנים, ווען ער איז געשטאנען געשמידט אין קייטן . . . דאך, אין זיין באנד „סאנעטן" (1909) האט דאגלאס איבערגעלאזן דאס ליד וואס ער האט געשריבן באלד נאך ווײלד'ס טויט. דאס ליד איבערזעצט ווארט ביי ווארט, און אן גראמען, לייענט זיך אזוי:

„כ'האב געטרוימט פון אים
לעצטע נאכט, געזען זיין גע־
שטאלט אין גאנצן שטראלנדיק
און אומבאשאטנט פון שמערצן,
און פונקט אזוי ווי אמאל, אין
מוזיק אן א מאס, האב איך
געהערט זיין גאלד'נע שטים
און באמערקט אים זוכן אונטער
דער געמיינער זאך דעם בא־
האלטענעם חן, און ארויסצו־
ציבערן וואונדער פון דער
ליידיקייט, ביז געמיינע זאכן
טוען אן שיינקייט ווי א
קלייד און די גאנצע וועלט
ווערט א פארכשופ'טער פלאץ.

און דאן דוכט מיר, אין
דרויסן פון א פעסט פארשלאסן
טויער באקלאג איך דעם פאר־
לוסט פון ניט פארצייכנטע
ווערטער, פארגעסענע מעשה־
לאך און סודות האלב געזאגט;
וואונדער, וועלכע האבן גע־
קאנט זיין קלאר אויסגעשפראכן,
און שטומע מחשבות ווי דער־
מארדעטע זינג־פויגל. און אזוי
האב איך דערוואכט און גע־
וואוסט ער איז טויט".

אלפרעד דאגלאס האט ביז איצט ארויסגעגעבן איבער א צענדליק ביכער. דערפון פיר לידער־זאמלונגען און פיר סאטירעס.

באדלער, שארל (1867—1821), איז געווען אין אלע צייטן ווײלד'ס באליבטסטער דיכטער. זיינע לידער „בלומען פון בייז" איז ווײלד ניט מיד געווארן צו לויבן. ער רעדט וועגן אים מיט באגייסטערונג אויך אין זיינע „אינטענשאנס".

בייראן (1824—1788), האט דורכגעמאכט אין לעבן עטוואס ענלאכעס צו אסקאר ווײלד. דער בארימטסטער און באליבטסטער וועלטדיכטער פון זיין צייט, האט בייראן דאך געמוזט פארלאזן ענגלאנד אויף אלעמאל, צוליב א מיאוס'ן גט־סקאנדאל. און כאטש ער איז געשטארבן יונג א מארטירער פאר דער באפרייאונג פון גריכנלאנד, האט אים די ענגליש בירגערלאכע געזעלשאפט לאנג ניט מוחל געווען אויף זיין אוממאראלישקייט.

בריוו צו ראבי. ערשטער בריוו. דער אויסשניט אונטן פאר די לעצטע פינף שורות, איז געמאכט דורך דער שער פון דעם רעדינגער תפיסה דירעקטאר מיידזשאר אייזיקסאן. —

וויילד האט גערעדט פון אייגענער דערפארונג, ווען ער האט גשעריבן אין זיין בריוו צו די „דיילי קראניקל“, ווענן דער „געוואוינהייט צו צעקריפלען און אויסשטרייכן ארעסטאנטן־בריוו“ און אז „ווען אן ארעסטאנט מאכט א וועלכער עס איז קלאגע קעגן דער תפיסה סיסטעם, ווערט אט דער טייל בריוו אויסגעשארן מיט א שער“.

צווייטער בריוו. דער „איין אומגליקלאכער טראט“ וואס ווילד באדויערט, מיינט זיין אנקלאגן קווינסבערי'ן פאר פארלוימדונג.

„א דארן ווי דער פון סט פאול“

אין זיין צווייטן בריוו צו די קארינטער (י״ב 7), שרייבט פאול אזוי: „כדי איך זאל זיך ניט צופיל באגייסטערן צוליב דער שפע פון אנטפלעקונגען, איז מיר אריינגעגעבן געווארן א דארן אין מיין פלייש, דער שליח פון שטן זאל מיר שלאגן מיטן פויסט, כדי איך זאל זיך ניט אויפהייבן צו הויך“.

דריטער בריוו. דער „מאנוסקריפט“, מיינט ווילד'ס בריוו צו באזי'ן (לארד אלפרעד דאגלאס), די „עפיסטאלא“ ווי ער רופט עס אן אדער „דע פראפונדיס“, ווי ראבערט ראס האט דאס א נאמען געגעבן. דער מאנוסקריפט האלט 20 גרויסע בויגן, 80 זייטן מיטן רעגירונגס שטעמפל אויף זיי. נאכדעם ווי ווילד האט אוועקגעשיקט דעם בריוו צו ראס'ן האט ער אויסגעפונען אז דעם מאנוסקריפט איז אים ניט דערלויבט צו שיקן. האט ווילד ערשט איי־מארגן נאך זיין פארלאזן די תפיסה עס געגעבן ראס'ן. דער לעצטער האט געמאכט דערפון עטלאכע קאפיעס און איינע האט ווילד פיר מאנאטן שפעטער געשיקט צו דאגלאס'ן. ער האט אים געשיקט א קאפיע און ניט דעם אריגינאל, ווי ער האט לכתחילה אינסטרואירט ראס'ן אין דריטן בריוו פון תפיסה, און געוואלט אפילו אז דאגלאס זאל ניט דערפארן אז עס איז געמאכט געווארן א קאפיע. דעם אריגינאל האט ראס אין 1909 אוועקגעגעבן דעם בריטישן מוזייאום, וואו דאס זאל בלייבן ניט פארעפנטלאכט ביז 1960. אלע אויסגאבן פון דעם פארקירצטן „דע פראפונדיס“ אין ענגליש, ווי אויך פון דעם פולן אין דייטש און אידיש, איז געדרוקט פון גענויע קאפיעס וואס ראס האט געלאזט מאכן פון אריגינאל.

די צוויי „ליבהארציקע דאמען“ צו וועלכע ווילד האט געהייסן שיקן אויסצוגן פון דעם מאנוסקריפט, זיינען געווען זיינע צוויי ענגליש־אידישע פריינדינס, פריילין שוסטער (ליידי פון ווימבלדאן) און פרוי לעווערסאן (די „פארנאלדעטע ספינקס“).

די פראזע פון דעם דיכטער, וועלכן ווילד און ראס האבן געוואלט אוועקנעמען פון די ענגלישע פיליסטער, איז שעקספיר'ס. אין „מאקבעט“ (5טער אקט, 3טע סצענע) בעט דער העלד ביים דאקטאר, ער זאל „אויסרייניקן דעם אנגעשטאפטן בוזים פון אט דעם שעדלאכן שטאף וואס דריקט שווער דאס הארץ“. דעם פארזוך צוועקצונעמען שעקספיר'ן פון די פיליסטער, רופט ווילד קענטיק אן זיין אפהאנדלונג „דאס בילד פון מר. וו. ה.“, וואו ער האט געזוכט צו באווייזן, אז וויליאם שעקס־

פיר האט געהאט אבנארמאלע לײדנשאפטן צו א יונגנמאן.

„באַן בוש". — נאשערײ.

בולן. פאבסטלאכע דאקומענטן.

בראַנקאַ ד'אָריאַ. איטאליענישער פירסט וואס האט דערמארדעט זײן שווער. דאנטע שילדערט די פײניקונג פון דעם מערדער'ס נשמה אין דער נײנטער אפטײלונג פון גיהנם, כאטש בראנקא ד'אריא איז נאך געווען פול מיט לעבן.

ברידערשאפט פון אומגליביקע (זײט 84). ראבערט ראס וויל דא לײענען „פאדהערלעס" (פאטערלאזן) אנשטאט „פײטלעס" (אומגלויביק). דאס ווארט איז אין אריגינאל פארצוקט. (ווײלד האט אלס שטודענט געהערט צו די פרײמויערער, נאר ער האט עס ניט באטראכט פאר קײן ברידערשאפט פון אומגלויביקע אדער פאטערלאזע).

בלײק, וויליאם (1757—1827) ענגלישער מאלער און דיכטער, געשריבן מיסטישע נביאות'שע דיכטונגען און פאנטאסטישע קינדער לידער. אין זײנע „אינטענשאנס" שרײבט ווײלד מיט אנטציקונג איבער בלײק'ס קונסטאידײען.

בראונינג, עליזאבעט בארעט — (1806—1861). ענגלישע דיכטערין, פרוי פון דיכטער ראבערט בראונינג (1812—1889), וועמען ווײלד דערקלערט אין די „אינטענשאנס" פאר א גרויסן פראזע־דיכטער, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין פאעזיע, און פאר א באשאפער פון דראמאטישע כאראקטערן, וואס איז דער צווײטער פון שעקספיר'ן.

בוירן־דזשאָנס, סער עדווארד (1833—1898). דער תלמיד פון דעם מאלער גאבריעל דאנטע ראסעטי, וועמעס פארטזעצער ער איז געווען אין דער פרע־ראפאעליטישער באוועגונג אין דער מאלערײ. אזוי ווי זײן חבר וויליאם מאריס (זע דארט) האט אויך בוירן־דזשאונס זיך באזונדערס אפגעגעבן מיט דעקאראטיווער קונסט (געמאכט צײכנונגען פאר מעבל און טאפעטן, פארביקע שויבן, קאכלעס, טעפיכער א. א. וו.) און שטארק באאײנפלוסט אסקאר ווײלד'ס אידײען וועגן הויז־דעקאראציעס. (ווען ווײלד איז געווארן פאראורטײלט, האט בוירן־דזשאונס פארלאנגט צוריק זײנע בריוו צו ווײלד'ן. ראבערט ראס האט געפאדערט ער זאל דערפאר צוריקשיקן ווײלד'ס בריוו. האט בוירן־דזשאונס געענטפערט, אז ער האט זײ שוין פריער פארניכטעט).

בעקאָן, לארד פרענסיס (1561—1620) דער ענגלישער פילאזאף וואס פיל ענגלענדער גלויבן, אז ער האט געשריבן שעקספיר'ס ווערק, באזונדער „האמלעט". ווײלד פלעגט פון דעם חוזק מאכן.

באַקאַראַט. קארטן־גליק־שפיל, וואס ווערט אין מאנטע קארלא ניט געשפילט. נאר ווײלד האט קײנמאל ניט אויסגעבראכט קײן צײט אויף קארטן אדער אנדערע גליק־שפילערײען און בײ אים איז געווען רעכט או דאגלאס האט דארט געשפילט באקאראט.

ברוטוס, דער רוימישער רעפובליקאנער, וועלכער האט דערמארדעט זײן גוטן פרײנט יוליוס צעזאר אין יאר 42 פ. ק. ווען עס האט אויסגעזען אז יענער וועט אפשאפן די רעפובליק און ווערן קײסער פון רוים.

ג

געטע (1831—1741) האט געהאט א גרויסן איינפלוס אויף ווײַלד'ס לעבן. ווײַלד האט זיך פיל געשטיצט אויף די מיינונגען וועגן קונסט און לעבן וואס געטע האט געשריבן אין זיין יוגנט. ער רעדט פון אים מיט גרויס אכטונג אין זיינע „אינטענשאנס" און רופט אים אן „גרויסער אלטער געצנדינער".

גאטיע, טעאפיל (1872—1811), פראנצויזישער ראמאנטיקער. ווײַלד האט זיך צו אים געפילט באזונדערס נאנט פארוואנדט. זיין איינפלוס איז קענטיק אין ווײַלד'ס שאפונגען.

גאווער סטריט. א גאס אין לאנדאן.

גאנקור, דע זשול (1870—1830) און עדמאנד (1896—1822), די צוויי ברידער האבן געשריבן צוזאמען אויסער זייערע ראמאנען און היסטארישע ווערק, אויך זייער טאגבוך, אדער „זשורנאל". אין זיין ניינטן באנד פון „זשורנאל" וואס איז ארויס אין 1896 דערמאנט עדמאנד אסקאר ווײַלד'ן. דער לעצטער האט דאס בוך געקראגן צוגעשיקט אין תפיסה. (ראבערט שעראַרד, דערקלערט אין זיין בוך „אסקאר ווײַלד", אז ער האט צוגעשטעלט גאנקור'ן די אינפארמאציע וועגן ווײַלד, נאר יענער האט אזוי צודרייט די פאקטן, אז ער, שעראַרד, נעמט ארונטער פון זיך יעדער פאראנטווארטלאכקייט איבער דאס, וואס דארט איז געשריבן).

גנאסטיקער. אין די ערשטע יארהונדערטן פון קריסטנטום האבן זיך אזוי גערופן יענע סעקטן, וואס האבן געגלויבט אז זיי זיינען די איינציקע, וועלכע באזיצן דעם עכטן רעליגיעזן אמת, דעם „גנאזיס" (וויסן), אדער גנאסטיציזם.

גריי, דזשאן. ענגלישער דיכטער.

גריכישער כארוס (זייט 102) דער זינגערכאר אין דער גריכישער דראמע איז ניט גאנץ פארלארן געגאנגען פאר דער קונסט. ער געפינט זיך ווידער אין א באנייטער פארם אין די אויפפירונג פון רוסישן סינטעטישן טעאטער.

גאיא, א' לוציענטעס פראנציסקא (1828—1746) גרויסער שפאנישער מאלער. פון וויכטיקער באדייטונג פאר דער מאדערנער קונסט.

דזשיאטא די באנדאנע (1266—1337). דער ערשטער גרויסער מאלער פון דער נייער קונסט־עפאכע אין איטאליע, מיט וועלכער עס הויבט זיך אן די רענעסאנס, די ווידערגעבורט פון קונסט און ליטעראטור אין אייראפע. צווישן זיינע וואנט־מאלערייען געפינען זיך נאנט פון דרייסיק בילדער פון פראנץ פון אסיסי'ס לעבן און וואונדערטאטן. ער איז אויך געווען אן ארכיטעקט און אויסגעבויט אין פלארענץ א שיינע קירך מיט א גלאקנטורם.

ד

דאנטע'ס גלות. צוליב זיין פאליטישע טעטיקייט, וואס איז געווען פייטלאך צום פאפסט און די הערשער פון זיין שטאט, איז דער

איטאַליענישער וועלטדיכטער, **אַליגיערי דאַנטע** (1265—1321), פאַראורטיילט געוואָרן אין מערץ 1302, צו ווערן פאַרברענט לעבעדיקערהייט. איז ער אַנטלאָפן און 17 יאָר ביז זיין טויט, געווען נע ונד אין גלות. וויילד האָט אין זיין נויט זיך פאַרטיפט אין דאַנטע׳ס „געטלאַכע קאָמעדיע", אין וועלכע דער מיטלאַלטערלאַכער דיכטער האָט פאַראייביק זיינע איידייען פון גוט און שלעכט, דורך דער פּאָעטישער שילדערונג פון די רשעים אין דער „אינפערנאָ" (גיהנם) און די צדיקים אין פּאַראַדיז (גן עדן).

„דריי מוסקעטירן", ראָמאַן פון עלטערן דיומאַ (1802—1870).

דיומאַ, אינגערער (1824—1895) פאַרפאַסער פון דער „קאַמעליענדאַמע".

דראַמלענריג, לאָרד, דאַגלאַס׳עס עלטערער ברודער, ער איז געווען פון קעניגין וויקטאָריעס סוויטע.

„דע אַמיציטיאַ" (איבער די פריינטשאַפט), פון מאַרקוס טוליוס ציצעראָ (106—43 פ. ק.), דער פּראַכטפולער רעדנער און טיכטיקער שטאַטסמאַן פון די רוימישע האַרן. (ציצעראָ איז געווען אַ שונא פון דער פרייהייט באַוועגונג פון די מאַסן בכלל און פון די שקלאַפן בפרט). וויילד זאָגט אין די „אינטענשאַנס" איז אין ציצעראָ׳ס רעדעס איז דאָ מער פאַנטאַזיע ווי אמת.

דזשאָנס, הענרי אַרטור (געב. 1851). ענגלישער דראַמאַטורג (לעצטנס באַקאַנט אַלס ווילדער רעאַקציאָנער). וויילד שרייבט אין זיינע „אינטענשאַנס", אַז די פּיעסן פון דזשאָנס האָבן קיין ליטעראַרישן ווערט.

דעמעטער (אָדער צערערע). די געטין פון לאַנדווירטשאַפט און ציוויליזאַציע, פון דער גערעטעניש און באַזונדערס פון תבואה. זי איז די מוטער ערד און טיילט די מענטשלאַכע ליידן און פריידן. איר טאָכטער פּראָסערפּינאַ (אָדער פּערסעפאָנע) איז געוואָרן אַוועקגענבעט ווען זי, דעמעטער־צערערע איז געווען אויף אַ באַזוך אין קליין־אַזיע, וואו די מאַמע ערד, די גרויסע געטין און די מאַמע פון די געטער איז געוואָרן פאַרהערלאַכט אונטערן נאָמען קיבעלע. דער פאַרפירער פון דער יונגער פּראָסערפּינאַ איז געווען פּלוטאָ, דער גאָט פון דער אונטערוועלט, וואָס האָט איר אַוועקגענומען צו זיך אין האַדעס (וועלט פון טויטע), וואו ער האָט זי געמאַכט פאַר זיין ווייב און געטין. נאָך פיל זוכעניש און ליידן געפינט אויס הערא וואו איר טאָכטער איז און די געטער מאַכן אַ פּשרה, ווינטער זאָל פּראָסערפּינאַ זיין אין האַדעס און פרילינג און זומער אויף דער ערד. איז פּראָסערפּינאַ פון אויבן — גרינט און בליט די ערד. איז פּראָסערפּינאַ אונטן — איז די ערד וויסט און פּרוכטלאָז. דערפאַר איז אַ ביגטל זאַנגען דער סימבאָל פון דעמעטער־צערערע, וועמעס פּרוכט ווערט באַגראָבן אין דער ערד, כדי אויפצושטיין צו „תחית המתים" אין פרילינג.

דיאָניס (אָדער באַקכוס). דער גאָט פון וויין, פריילאַכקייט, רעכט און פרידן, דערלייזונג און באַפרייאונג. ער שטעלט מיט זיך פאַר דעם פרילינג און די פרייד פון לעבן.

אין זיין נאמען האבן זיך ארגאניזירט די זינגער און שפילער פון דער גריכישער וועלט, און צו אים האבן זיך גערופן אין זייער נויט מיליאנען ארימע און אונטערדריקטע גריכן און רוימער. זיין טאטע איז געווען צעאוס־יופיטער און זיין מאמע, סעמעלע, א פשוט'ע בשר ודם (א טאכטער פון קאדמוס, דער סעמיטישער „קדם" וואס האט געבראכט דעם אלף בית אין גריכנלאנד). סעמעלע איז געווארן פארניכטעט דורך הערא (זע דארט).

ה

הערים, פריינק (געב. 1856). רעדאקטאר, פריינט און ביאגראף פון אסקאר ווײַלד. זיין ווײַלד־ביאגראפיע, אין צוויי בענד, איז ביז איצט, פעברואר 1926, די בעסטע, וואס איז געשריבן. (זיין ראמאן „די באמבע", פון לעבן און טויט פון די שיקאגער ארבעטער־מארטירער, איז די געלונגענסטע שילדערונג פון יענער עפאכע).

הויק, עדזשמאָנט, פארפאסער פון בוך „פרייהאנדל און קאפיטאל" און א פארטיידיקער פון א נייעם באנקנעשעפט־פלאן, וואס האט ווײַלד'ן שטארק אמוזירט.

האָפּ, ענטאָני, סער א. ה. האוקינז (1925—1863) זיין ראמאן „דער געפאנגענער פון זענדא" (1894) האט אין יענע יארן געשאפן א שול און געהאט א סך נאכמאכער אין ענגלאנד.

הענלי, וויליאַם ערנסט (1849—1903), ענגלישער דיכטער און קריטיקער, וואס איז געווען רעדאקטאר פון א ריי ליטערארישע און קינסטלערישע אויסגאבן.

הענלי'ס א מקורב (זע וועלס).

הויסמאַנס, זשאָרי קאַרל — (1848—1908), פראנצויזישער ראמאנשרייבער. אין זיין ראמאן "עו רוט" שילדערט הויסמאנס, ווי אזוי זיין העלד, וואס האט זיך אין א פריערדיקן ראמאן אפגעגעבן מיט שרייבן די ביאגראפיע פון זשיל דע רעס, און לאזט זיך אריין אין דער פאריזער שטנ'יסטישער באוועגונג, באקענט זיך צו מיסטיציזם און קאטאליציזם (צו וואס הויסמאנס אליין האט זיך דעמאלט באקערט).

האַרדי, טאָמאָס (געב. 1840) דער ענגלישער דיכטער און ראמאנשרייבער, האט סוף יאר 1895 פארעפנטלאכט זיין בעסטן, נאר אומפאפולערסטן ראמאן „דזשודי דהי אבסקיור", אין וועלכן ער שילדערט די מלחמה צווישן לייב און זעל ביי צארטע פיינפילנדיקע נאטורן. ווײַלד האט דאס בוך געקראגן צו לייענען אין תפיסה. עס ווערט דערקלערט, אז ווען פריינק הערים, וואס האט געזוכט אונטערשריפטן אויף א פעטיציע צו באפרייען ווײַלד'ן פון תפיסה, וואלט זיך געווענדט צוערשט צו הארדי'ן אנשטאט צו מערעדיט'ן, וואס האט זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבן, אזוי וואלט די זאך דעמאלט מעגלאך דורכגעפירט געווארן.

(הארדי, וואס האט 25 יאר געשריבן פראזע און נאכדעם 28 יאר

פּאָעזיע (פּערזן), האָט לעצטנס אין עלטער פון עטליכע און אכציק יאָר פאַרעפנטלאַכט אַ פּאָר נייע ווערק. נאָר ווײַלד האָט ווייניק געהאַלטן פון האַרדי'ס פּאָעזיע.)

הומפריס (סער) טרעוויז (געב. 1867) ווײַלד'ס אַדוואָקאַט. האָט אויך געפירט ווײַלד'ס גט־פּראָצעס. איצט הויפּט פּראָקוראָר אין קרימינאַל געריכט (אין 1925 געפירט דעם פּראָצעס קעגן די ענגלישע קאָמוניסטן).

היאַקינט. דער שיינער יונגער בחור'ל, אין וועלכן דער זונענגאָט אַפּאָלאָ האָט זיך פאַרליבט. ער האָט אים ניטווילנדיק געטראָפן אין קאָפּ מיטן שווערן רעדל (מיט וועלכן ער האָט אים געלערנט זיך שפּילן). היאַקינט איז געבליבן טויט אויף אַן אָרט און פון זײַן בלוט האָט אַרויסגעשפּראָצט די בלום היאַצינטע.

הילאַס. דער שיינער פּרינץ, וואָס איז געווען דער ליבלינג פון גריכישן לעגענדאַרן העלד הערקול. ער איז פאַרשלעפּט געוואָרן פון די וואַסער־מיידלאַך, די נימפן, ווען ער איז נענאַנגען שעפּן וואַסער פון אַ קוואַל.

העדאָניסט, וואָס לעבט בלויז פאַר תענוג. „העדאָן" — פאַרגעניגן, אין גריכיש. דער „העדאָניזם", אַלס פילאָזאָפיע פון פאַרגעניגן, איז געוואָרן באַגרינדעט פון דער גריכישער פילאָזאָפישער שול אין קירענאַיקאַ, אין 4טן יאָרהונדערט פ. ק. (ווי שעראַרד שרײַבט, זײַנען געווען אין ענגלאַנד „ניי־העדאָניסטן", וואָס האָבן געגלויבט אַז זיי זײַנען דערמיט נאָכפאָלגער פון אָסקאַר ווײַלד).

הערא (אָדער יונאָ). די שוועסטער און ווײַב פון צעאוס אָדער יופּיטער, דער טאַטע און קעניג פון די געטער אויפן באַרג אָלימפּ. די קעניגין־מוטער, די מיטהערשערין אויפן אָלימפּ, איז געווען זייער אייפערזיכטיק און האָט שטאַרק פאַרפאָלגט איר מאַנס געליבטע. די פּאַווע איז געווען הערא־יונאָ'ס ליבלינג פויגל.

הוגאָ, וויקטאָר (1802—1885). ווײַלד האָט שטאַרק פאַרערט דעם רעוואָלוציאָנערן טאַטן פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיק. ער האָט אפילו געזוכט צו שרײַבן אויף דעם זעלבן מין פּאַפּיר וואָס דער אַלטער דיכטער פלעגט באַנוצן. ראָבערט שעראַרד שילדערט הומאָריסטיש ווײַלד'ס באַזוך ביים אַלטן ליטעראַרישן קעניג, וואָס האָט געדרעמלט, ווען ווײַלד האָט די אייניקלאַך אַנטציקט מיט זײַן שיין ריידן.

וו

ווײַלד'ס בריוו צו דאָגלאַס'ן. דער בריוו וואָס ווײַלד האָט געשריבן צו דאָגלאַס'ן, און וועלכן דער פּראָקוראָר האָט אַרויסגעשטעלט אַלס באַווייז קעגן ווײַלד'ס אומאָנשטענדיקייט, לייענט זיך אַזוי:

„מײַן ליבער אינגל, דײַן סאָנעט איז פול מיט חן, און עס איז צו באַוואונדערן, אַז דײַנע רויזנליפּן זײַנען געשאַפן ניט ווייניקער פאַרן וואַנזין פון מוזיק און געזאַנג ווי פאַרן וואַנזין פון קושן זיך. דײַן צאַרט־גאָלדענע זעל שוועבט

צווישן לײדנשאפט און פאעזיע. קיין היאקינטאס, אין די גריכישע צייטן, האט ניט נאכגעפאלגט די ליבע אזוי װאנזיניק ווי דו. פאר וואס ביזטו אליין אין לאנדאן, און ווען פארסטו נאך סאליסבערי? גיי טאקע אהין און קיל דויגע הענט אין דעם גרויען בין השמשות ליכט פון גאטישן אלטערטום. קום אהער, אזוי אפט ווי דאס געפעלט דיר. דא איז א פראכטפולער פּלאץ און בלויז דו פעלסט. נאר צוערשט פאר נאך סאליסבעראי. תמיד מיט אומשטערבלאכער ליבע.

דיין

אסקאר".

פיער לואיס, דער פארפאסער פון „די געזאנגען פון בעליטיס", האט געהאלטן אט דעם בריוו פאר א קונסטווערק און עס איבערזעצט אין פערזן פאר א פראנצויזישער צייטשריפט. ווײלד האט דאס געשריבן אלס ענטפער אויף א ליד וואס דער יונגער דאגלאס האט אים צוגעשיקט, פון אקספארד. ווײלד דערקלערט אין זיין וידוי, אז אזא בריוו וואלט ער געשיקט צו יעדן חנ'עוודיקן סטודענט וואס וואלט אים צוגעשיקט א חנעוודיק ליד און ווען ער, ווײלד, וואלט זיך געפילט בשעת מעשה אין א גוטער שטימונג.

וויסטלער, דזשיימס עבאט מאקניל (1834—1903). דער אין אמעריקע געבארענער גרויסער אייראפייאישער מאלער, איז א געוויסע צייט געווען שטארק באפריינדעט מיט דעם צוואנציק יאר אינגערן אסקאר ווײלד. שפעטער איז דער פארפאסער פון דאס בוך „די איידעלע קונסט צו מאכן שונאים" (1890) געווארן א שונא אויך פון דעם אים טיף איבערגעגעבענעם יונגן עסטעט. ער האט ווײלד'ן באשולדיקט, אז ער גיט ארויס אין אייגענעם נאמען די קונסט־אידייען, וואס ער האט געהערט פון אים. וויסטלער'ן האט ווײלד ניט מוחל געווען אפילו ווען יענער איז אפגעקומען זיין שווערע שטראף אין תפיסה און גערעדט פון אים מיט אפראכטונג. נאר כאטש וויסטלער איז געווען פון נאטור אויך א בייזער פארביטערטער מענטש, האט דאס ניט געהאט קיין שום ווירקונג אויף זיין קונסט. ווען ער האט גענומען אין האנט זיין פענזל, איז ער געווען ווי אן אויפריכטיקער כהן גדול אין קדש הקדשים פון זיין גאט, אינגאנצן געהייליקט צו זיין געטלאכער קונסט און פריי פון יעדער בייזער מחשבה.

וועלס, הערבערט דזשארדזש — (געב. 1866), האט אין יאר 1895 פארעפנטלאכט זיין פאנטאסטישע דערציילונג „די צייט מאשין", וואס האט ארויסגערופן גרויס אויפזען. ווײלד האט זיך דערפון דערוואוסט אין תפיסה. ווײלד רופט אים „א וויסנשאפטלאכער זשול ווערן".

ווײמאן, סטענלי דזשאן (געב. 1855). א היבשער טייל פון זיינע ראמאנען זיינען געבויט אויף פאקטן פון דער פראנצויזישער געשיכטע, אויך אין צייט פון דער רעוואלוציע. אין 1925 האט ער פארעפנטלאכט נייע צוויי ראמאנען.

װאָרדסוואָרט, וויליאם (1770—1850). ענגלישער קלאסיקער. אין די

„אינטענשאַנס“ לויבט ווײַלד וואַירדס־וואַירט׳ס „לאַראַמיאַ“, „די פּיינע סאַנעטן און די גרויסע אָדע“.

„וויטאַ נאָוואַ“, דאָס נײַע לעבן, דאָס ווערק אין וועלכן דאַנטע האָט באַזונגען זײַן ליבע צו בעאַטריטשע׳ן (זע דאָרט).

ווייוויען. ווײַלד׳ס אינגערער זון (זע באַמערקונג צו דער אײַנלײַטונג, אַף זײַט 69).

וויטמאַן, וואָלט (1892־1819). ווײַלד איז געווען איינער פֿון די ערשטע צו אָנערקענען די גרויסקייט פֿון אַמעריקע׳ס באַדײַטנדיקסטן דיכטער, וועמען זײַן געבורטסלאַנד האָט ניט פֿאַרשטאַנען. ניט געקוקט אַף זײַן ליבע צו פּוץ און טעאַטראַלישקייט, איז דאָך אָסקאַר ווײַלד געוואָרן מיטגעריסן פֿון וויטמאַנ׳ס אײנפֿאַכקייט. ווײַלד פֿלעגט דערצײלן מיט אַנטציקונג, ווי אַזוי וויטמאַנ׳ס צימער איז געווען כמעט אָן מעבל, נאָר דערפֿאַר פֿול מיט זונענשטראַלן און אַפֿן טיש איז געשטאַנען ניט קיין ווײַן נאָר פֿריש, קלאָר וואַסער. אויך דער אַלטער וויטמאַן איז געווען אַנטציקט פֿון ווײַלד׳ס באַזוך.

ווײַלד (אַלס פֿרײַהײטס קעמפֿער) טיש ט. ספּרײַדינג, אין זײַן בוך „די פֿרײַהײט און די גרויסע באַפֿרײַער“ (לאָס אַנגעלעס, 1913), — רעכנט אַרײַן ווײַלד׳ן צווישן די אַלוועלטלאַכע פֿרײַהײטסקעמפֿער, צוליב זײַן עסיי „די מענטשלאַכע נשמה אונטער סאָציאַליזם“.

ווײַלד (אין שול). פּראָפֿעסאָר ערנסט בענדז פֿון שווײדן וואָס האָט פֿאַרעפֿנטלאַכט אַ רײ אָפּהאַנדלונגען איבער ווײַלד, שרײַבט, אַז אין זײַן פֿאַקולטעט (ער איז פּראָפֿעסאָר פֿון ענגלישע ליטעראַטור) ווערן ווײַלד׳ס ווערק באַנוצט פֿאַר טעקסטביכער.

ווײַלד (לעגענדע). אין יאָר 1913 האָט די ניו יאָרקער „טײַמס“ געדרוקט אַ קײבל פֿון פּאַריז, אַז אָסקאַר ווײַלד לעבט. עס האָט געהײסן, אַז ווײַלד האָט דעם 23טן מערץ 1913 באַזוכט זײַן ווײַב׳ס פּלימעניק, אַרטור קרײוון לויד, דיכטער און אַטלעט, אין פּאַריז. די קײבל האָט אויך באַשריבן ווײַלד׳ס אויסזען. דעם אָרט פֿון זײַנע שײנע בלאָנדע לאָקן פֿאַרנעמט אַ פּליך. דאָס ביסל האָר בײַ די זײַטן איז גאַנץ גרוי. ווײַלד זאָל האָבן געזאָגט, אַז ער אַרבעט אויף זײַנע מעמוּאַרן דער „טײַמס“ קאָרעספּאָנדענט האָט פֿאַרזיכערט, אַז באַלד וועט די וועלט ווידער זען אַ לעבעדיקן אָסקאַר ווײַלד. נאָכדעם זײַנען וועגן דעם געווען געדרוקט מאַסן אַרטיקלען, און דער ענגליש לײענענדיקער עולם האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף ווײַלד׳ס ווידערדערשײַנונג. (שעראַרד מײנט, אַז די קלאַנגען זײַנען צוערשט געוואָרן פֿאַרשפּרייט דורכן אַמעריקאַניש־דײַטשן דיכטער דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק). ווען עס איז געוואָרן זיכער, אַז ווײַלד איז ווירקלאַך געשטאָרבן, און אַז זײַן קבר איז ניט קײן ליידיקער, ווי די ווײַלד־לעגענדע האָט באַהויפּטעט, האָבן ספּיריטואַליסטן אָנגעהויבן פֿאַרעפֿנטלאַכן אין זײערע אויסגאַבן ווײַלד׳ס נײַע שריפֿטן, געשריבן עקסטראַ אויף יענער וועלט. ס׳איז אויך אַרויס אַ באַזונדער בוך פֿון ה. ט. סמיט מיט „פּסיכישע מיטטיילונגען פֿון אָסקאַר ווײַלד“ (לאָנדאָן 1924).

ווייסן קריסטוס פון רוסלאנד. (זייט 120). סימבאל פון מארטי־רערטום.

ווינדהעם, דזשארדזש (1863־1913). ענגלישער קאנסערוואטיווער פאליטיקער. געווען מיניסטער פאר אירלאנד אין באלפור'ס מיניסטע־ריום, און דאס אירלאנדישע לאנד־געזעץ פון 1903 האט געהייסן אויף זיין נאמען „ווינדהעם־אקט".

ווירגילישער דיכטער. דער רוי־מישער דיכטער ווירגיל (70־19 פ. ק.) איז דער איינציקער פון די גריכישע און רוימישע דיכטער וואס דאס קריסטנטום האט פארהערלאכט אין מיטלאלטער. דאס איז געווען ניט צוליב זיין זעלטענעם סטיל, און אויך ניט פאר זיין אויסדריקן הייכע און איידעלע מענטשלאכע געפילן און שטרעבונגען. די מיטלאלטערלאכע קריסטלאכע וועלט האט אויסגעטייטשט א שטעלע אין ווירגיל'ס ווערק אלס א נבואה אויפן אנקום פון משיח. ער איז דערפאר ארומגעוועבט גע־ווארן פון לעגענדן ווי א קריסטלאכער הייליקער. דאנטע שילדערט אים פאר זיין פירער דורכן גיהנם. דאס בא־גריף „ווירגילישער דיכטער" איז גע־ווארן כמעט דאס זעלבע וואס א נביא־דיכטער.

וואוד, אלפרעד. געגנב'עט ווײַלד'ס בריף צו דאגלאס'ן און געקוי־מען זיי פארקויפן צו ווײַלד'ן. ער האט געזאגט, אז ער האט זיי געפונען אין א גארניטער וואס דאגלאס האט אים געשײנקט. האט אים ווײַלד געגעבן א קליינע סומע פאר זיין „טרחה".

ווייט'ס קלוב. עלטסטער קלוב אין לאנדאן. געגרינדעט אין יאר 1698. געווען הויפטקווארטיר פון דער קאנ־סערוואטיווער פארטיי. איצט אפן פאר אלע גבירים.

ווערליין, פאול (1844—1896). ווײַלד האט אלעמאל פיל געהאלטן פון ווערליינ'ס פאעזיע. ער האט אויך געהאט גרויס סימפאטיע מיט זיין פערזאן. וואס איז געווען געשטראפט מיט די זעלבע קראנקהייטן וואס ער. נאר ווערן נאנט מיט ווערליינען האט דער עסטעטישער ווײַלד ניט גע־קאנט צוליב יענעמס אפגעלאזנקייט. דאך האט ווערליין פון אים פיל גע־האלטן.

„ווינטער מעשה'לע" דראמע פון שעקספיר (דער מאטיוו איז באנוצט אין א אידיש מעשה־ביכל „די פרינצע־סין אין וואלד").

ז

זשיד, אנדרעי פאל גוויאם — (געב. 1869). רעכנט זיך דער מיטל־פונקט צווישן די קלאסיקער און די מאדערנע אין דער נייער פראנצוי־זישער ליטעראטור. זיינע מערסטע ווערק אפעלירן ניט צו דעם געוויינ־לאכן לעזער. ער איז דער דיכטער פון די ווייניקע. נאר א דאנק זיין ראמאן „דער איינגער טויער" (1909) איז ער געווארן אנערקענט ביי די קריטיקער און לייענער צוגלייך. מלחמה־צייט האט ער איינגאנצן גע־שוויגן. לעצטנס האט מען אים אנגעהייבן איבערזעצן אויך אין ענג־ליש און אנדערע אייראפייאישע שפראכן. זיין ביבלישע דראמע „שאול"

איז שוין לאנג געווען איבערזעצט. אנדריי זשיד איז געווען איינער פון ווײַלד'ס נאנטע פריינט אין פראנקרייך. ער האט אויך וועגן אים אנגעשריבן א בוך מעמוארן.

זוכן זיין פאטער'ס אייזלען.
זייט 120). דער יונגער שאול גייט ארויס זוכן זיין פאטער'ס אייזלען און דערווייל קרוינט אים דער נביא שמואל פארן קעניג פון ישראל — (שמואל א'ט—י).

ט

טעבאניש הויז. א גריכישע לעגענדע דערציילט, אז אמאל האבן אין דער שטאט טעבען געקעמפט צוויי ברידער פאר דעם קעניגלאכן טראן פון זייער זיידן און פאטער, וועלכע זיינען אומגעקומען אויף א געוואלטזאמען אופן. דער סוף איז, אז ביידע ברידער פאלן טויט. (די טראגעדיע פון דאס טעבאניש הויז ווערט געשילדערט פון גריכישן דיכטער עסכיל, אין זיין דראמע „זיבן אנטקעגן טעבען" און פון רוימישן דיכטער סטאטיוס (45—96) אין זיין עפיק „טעבאאיס". אין 12טן יארהונדערט איז ארויס א פראנצויזישער ראמאן איבער דער זעלבער טעמע).

טאמאס (תומא הישראלי), איינער פון די צוועלף אפאסטל. ער ווערט געשילדערט ווי א מאן מיט א גוט הארץ, נאר א גרויסער צווייפלער, וועלכער גלויבט בלויז אין דעם וואס ער קאן „אנטאפן און אנקוקן". (פאראן אויך אן עוואנגעליום אויף זיין נאמען, נאר ער רעכנט זיך פאר אפאקריפיש, נים עכט, און גייט נים אריין אינם נייעם טעסטאמענט (ברית חדשה), וואס אנטהאלט בלויז פיר עוואנגעליען (בשורות) נאך מתי, מארק, לוקס און יוחנן.

טשעטערטאן, טאמאס (1752 — 1770), דער ענגלישער דיכטער וואס האט זיך גענומען דאס לעבן נאך נים זייענדיק אלט קיין אכצן יאר און ציילט זיך דאך צווישן די ענגלישע קלאסיקער.

טשיוני-וואק, די גאס אין טשעלסי, לאנדאן, וואו ראסעטי האט געהאט זיין הויז און גארטן. (די דיכטער מערעדיט און סווינבורן זיינען געווען זיינע שכנים).

טעקערײ, וויליאם מייקפיס — (1811—1863). אין די „מענטשלאבע נשמה אונטער סאציאליזם" זאגט ווײַלד, אז „טעקערעי'ס „עסמאנד" איז א שיין קונסטווערק, ווייל ער האט דאס געשריבן זיך אליין צופרידן צושטעלן. אין זיינע אנדערע ראמאנען, אין „פענדעניס", „פיליפ" און אפילו „וויינטי פער", פילט ער צייטנווייז צופיל דעם עולם און פירט איבער זיין ווערק דורך אפעלירן צו די סימפאטיעס פון עולם אדער דורכן דירעקטן חוזק מאכן פון זיי".

טאסקאנישע סקולפטור. זינט דעם 13טן יארהונדערט זיינען די שטעט פלארענץ, פיזא און סיענא, אין דער איטאליענישער פראווינץ טאסקאנא, געווען מיטלפונקטן פון מאלעריי און סקולפטור. (די דיכטער דאנטע און פעטראַרקא האבן געשריבן אויף די שפראך פון טאסקאנא און דערמיט קענטיק מיטגעהאלפן זי זאל ווערן די ליטעראטור-שפראך פון איטאליע)

טוירנער, רעדזשי (רעדזשינאלד) ענגלישער שריפטשטעלער.

טוסקולאנישע פראזע. אויך ציצעראנישע. ציצערא (זע „דע אמיציטיא") האט געשריבן זיינע פראזע־ווערק „טוסקולאנישע דיספוטן" און אנדערע שריפטן אין טוסקולום, וואו ער האט געהאט זיין זומער־פאלאץ.

טרעט־מיל. דער שטראף־ראד, ארום וועלכן עס ארבעטן די פארורטיילטע צו שווערע ארבעט אין די ענגלישע תפיסות.

טאטע פון די געטער. צעאוס־יופיטער (זע דיאנים און הערא).

„טארטיף". דער צבועק און גאטס גנב אין דער קאמעדיע מיט אט דעם נאמען פון דעם פראנצויזישן קאמעדיען שרייבער און אקטיאר זשאן מאליער (1622—1673).

טאנהייזער. מיטלאלטערלאכער ריטער און זינגער פון 13טן יארהונדערט, וואס ווערט, לויט א לעגענדע, פארנארט פון וועגוס. וואגנער (1813—1883) האט די לעגענדע באנוצט פאר זיין אפערע מיטן זעלבן נאמען.

טאציטייאישע אויסדרוקן. — אין דעם שטארקן שטורמדיקן, נביאאישן סטיל פון רוימישן היסטאריקער קארנעליוס טאציטוס (55—120).

טעאטער דירעקטאר (זייט 33). סער הערבערט בירבאם טרי — (1853—1917). ענגלישער שוישפילער און טעאטער דירעקטאר. האט אויפגעפירט ווײַלד'ס קאמעדיעס „א פרוי אן באדייטונג" (1893) און „אן אידעאלער מאן" (1895). ער האט אויך געשריבן א ריי דערציילונגען (ארויס אין בוכפארם אין 1917). אן אויספירלאכע ביאגראפיע פון אט דעם באדייטנדיקן ענגלישן שוישפילער איז ארויס אין 1920, געשריבן פון מאקס בירבאם.

י.

יאנקוויל. די צוויבלארטיקע פלאנץ מיט די העלגעלבע בלומען, וואס בליט זיך פאנאנדער אנהויב פרילינג, ווערט אויך אנגערופן דיכטער־נארציסע און איז דערפאר אויך אזוי ווי די נארציסע פארבונדן מיט דער לעגענדע פון נארקיסאס (זע דארט).

ל

לואינע־פאע (געב. 1870). פראנצויזישער שוישפילער און טעאטער־דירעקטאר. דער גרינדער פון א פאריזער קונסט־טעאטער, וואס האט אויפגעפירט איבסענ'ס און אנדערע מאדערנע דראמען. ער איז געווען דער ערשטער אויפצופירן (אין יאר 1896) ווײַלד'ס „סאלאמע", אין וועלכע ער האט געשפילט די ראל פון קעניג הורדוס.

לידי פון ווימבלדאן (פריער פריילין ס. שוסטער) ווײַלד'ס ענגליש־אידישע פריינדין, וואס האט גענומען אנטייל אין זיין לאגע און אים געשטיצט אין זיין נויט. זי האט אויך געשיקט בלומען צו זיין לויה און איז קענטיק די נאמענלאזע דאמע וואס האט געגעבן 2000 פונט (ארום 10,000 דאלער) פאר דעם מאנומענט אויף ווײַלד'ס קבר. זי איז

איינע פון די צוויי פרויען (די צווייטע איז געווען מרס. לעווערסאן), וועלכע ווײַלד האָט געהייסן ראָבערט ראָס'ן שיקן אויסצוגן פון „דע פּראָפונדיס". ראָבערט ראָס האָט איר געווידמעט די נייע אויסגאַבע פון ווײַלד'ס טראַגעדיע „די הערצאָגין פון פּאַדואַ.

לעמעטער, זשול (1914—1853) פראַנצויזישער דראַמאַטורג און קריטיקער).

לינע, קאַרל (1778—1707). דער שוועדישער גאון אויף דעם געביט פון באָטאַניק.

„לאַ בעל דאַם סאַן מערסי" (די שיינע פרוי אָן מיטלייד), דאָס האַרציק ליד פון דזשאָן קיטס, וואָס ראָסעטי האָט איבערגעזעצט אין מאָלערײַ.

לייִמענע פיס. אין „דניאל" ווערט סימבאָליזירט אַ מלוכה וואָס איז פון דרויסן אַ ריזיקע מאַכט און פון אינעווייניק צופוילט, אַלס סטאַטוע פון זילבער, קופּער און אייזן מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ און לייִמענע פיס

„לאַ סענט קורטיזאַן". די פּיעסע אין גאַנצן איז פאַרלאָרן געגאַנגען ביי דער ליציטאַציע אויף ווײַלד'ס פאַרמעגן, ווען אַ סך מאַנוסקריפּטן זיינען צושלעפּט און צוגנב'עט געוואָרן. די איינצעלנע פראַגמענטן וואָס מען האָט געפונען צווישן ווײַלד'ס כתבים, און עס צוזאַמענגעשטעלט אין אַ באַזונדער ווערק זיינען אין שפּראַך און פאָרם ענלאַך צו „סאַלאָמע". ווײַלד שילדערט דאָרט ווי אַ זינדיק מיידל פון פּאַרצייטיקן אַלעקסאַנדריע, עגיפּטן, טרעפט זיך אין מדבר מיט אַ קריסטלאַכן הייליקן. ער ווירקט אַף איר מיט זיינע רייד זי זאָל חרטה האָבן און תשובה טאָן אויף איר זינדיק לעבן, נאָר גלייכצייטיק וועקט זיך אויף אין אים אַ שטאַרקע ליידנשאַפט צום לעבן וואָס זי האָט פאַרלאָזן. איצט בלייבט זי תשובה טאָן אין דער מדבר און ער גייט פירן אַ זינדיקן לעבן אין אַלעקסאַנדריע.

לאָמבראָזאָ, טשעזאַרע (1836—1909). דער איטאַליעניש־אידישער פסיכיאַטאָר און קרימינאַלאָג, האָט אין זיין ווערק „געניאַליטעט און משוגעת" געזוכט צו באַווייזן, אַז געניאַליטעט איז אַ דעגענערירטער צושטאַנד פון גייסט. אַ צושטאַנד וואָס איז נאָענט פון פּערווערזיטעט און פאַרברעכן.

לואי, פּיער (1925—1870) דער פראַנצויזישער דיכטער, וועמעס „אַפראָדיטאַ" איז געוואָרן באַארבעט אין אַן אָפּערע, איז געווען אַ שטאַרקער פאַרערער פון אָסקאַר ווײַלד, און אים געווידמעט אַ סאָנעט. פּיער לואי, דער פאַרפאַסער פון „די געזאַנגען פון ביליטיס", האָט אויך איבערגעדיכטעט אין פראַנצויזישע פערזן ווײַלד'ס בריוו צו לאָרד דאַגלאַס, וואָס איז פאַרגעלייענט געוואָרן אויף ווײַלד'ס פּראָצעס, אַלס טייל פון באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל. אַ יאָר פאַר ווײַלד'ס פאַראורטיילונג, האָט זיך פּיער לואי אָפּגעזאָגט פון זיין פריינטשאַפט מיט ווײַלד'ן. ער האָט דאָס געטאָן צוליב זיין ברודער דעם דיפּלאָמאַט, וואָס האָט מורא געהאַט עס זאָל אים ניט שאַדן צו זיין קאַריערע פּיער'ס פריינטשאַפט מיט דעם „אוממאָראַלישן דיכטער". ווײַלד'ן האָט דאָס שטאַרק וויי געטאָן. ער האָט דערקלערט שעראַרד'ן, אַז ווען ער וואָלט קאָנען דועלירן, וואָלט ער

דערפאר ארויסגערופן פיער לואי'ן צו א דועל.

„ליבע וואס געטרויט זיך ניט אנצורופן איר נאמען" (זייט 34) די לעצטע שורה פון דאגלאס'עס ליד „צוויי ליבעס", וואס איז פארגעלייענט געווארן אף ווײַלד'ס פראצעס.

„ליבער קאנפארמיטאטום". בוך פון דאגמעס, אני מאמינס, עקרים.

לעגיאן קריסטוס באנוצט דעם נאמען „לעגיאן" (רוימישע סאלדאטן אפטיילונג פון 4 ביז 6 טויזנט מאן) צו באצייכענען די ברייטע נאמענלאזע מאסן.

לאמארטין, אלפאנס דע (1790—1869). פראנצויזישער דיכטער, פאליטיקער און היסטאריקער.

לאנסעלאט (אדער לאנצעלאט) פון דער אזערע. איינער פון די היפט־פיגורן אין דעם לעגענדן־קרייז פון קעניג ארטור־ארטוס (זע דארט) די לעגענדע פון אנסעלאט האט מער ווי איין נוסח. נאר אומעטום ווערט דערציילט פון דער ליבע צווישן אים און די קעניגין גווינעוויר (די פרוי פון קעניג ארטור) וועלכע איז א סך עלטער פון איר געליבטן. לאנסעלאט איז געבארן געווארן ווען גווינעוויר איז שוין געווען פארהייראט. ווען קעניג ארטור געפינט אוים זייער ליבע, ברעכט אוים א קריג צווישן קעניג'ס צד און לאנסעלאט'ס צד. דער סוף ענדיקט זיך אויף פארשידענע אופנים.

לאקוואוד, סער פ. פראקוראר אויף ווײַלד'ס פראצעס.

מ

מעריל, סטוארט (1863—1915), אן אמעריקאניש־פראנצויזישער דיכטער און קריטיקער.

מיינעל, עלים קריסטיאנא — (1850—1922). ענגלישע דיכטערין און עסייאיסטין. אין יאר 1896, ווען ווײַלד איז געזעסן אין תפיסה, איז ארוים איר בוך „די קאליר פון לעבן און אנדערע עסיים".

מעדעליין קאלעדזש. די אוניווערזיטעט אין אקספארד אין וועלכע ווײַלד האט שטודירט.

מעטערלינק, מאריס (געב. 1862) דער „בעלגישער שעקספיר" האט, לויט דער מיינונג פון איניקע קריטיקער מיט זיין פיעסע „די זיבן פרינצעסינס" באאיינפלוסט ווײַלד'ס סטיל אין „סאלאמע", וואס איז געשריבן אריגינעל אין פראנצויזיש.

„מעלמאט דער וואנדערער", ראמאן פון טשארלז מאטורין (1781—1824), האט געהאט אן איינפלוס אויף דער פראנצויזישער ראמאנטיק פון יאר 1830 און איז געווען שטארק געפעלן באלזאק'ן און באדלער'ן. — טשארלז מאטורין, דער פריינט פון בייראן און געטע, איז געווען ווײַלד'ס אן עלטער־פעטער פון זיין מאמע'ס צד. ווײַלד האט אנגענומען דעם נאמען מעלמאט ביים ארויסגיין פון תפיסה. אונטער אט דעם נאמען האט ער אויך איבערזעצט פון פראנצויזיש דעם ראמאן „וואס שטארבט קיינמאל ניט", פון בארבי ד'ארעווי (זשול אמעדע).

מערעדיט, דזשארדזש (1828—1909), דער ענגלישער ראמאנשרייבער און דיכטער, איז לויט ווײַלד'ן

„אומפארגלייכבאר“. אין „די מענטשלאכע נשמה אונטער סאציאליזם“, שרייבט ווילד: „צו דזשארדזש מערעדיט געהערט די פילאזאפיע אין ראמאנען. זיינע ראלן־שפילער זיינען ניט בלויז לעבעדיק, נאר זיי לעבן אין געדאנקען. מען קאן זיי באמערקן פון צענדליקע טויזנטער שטאנדפונקטן. זיי זיינען באלערנט“. ווילד שטרייכט דארט אויך אונטער, אז מערעדיט האט געשריבן „בלויז צוליב זיין אייגענעם פארגעניגן וועגן“. ער האט זיך קיינמאל ניט געקימערט צו וויסן וואס דער עולם וויל, אדרבה, „ער האט אלץ מער און מער פארשארפט און פארשטארקט זיין אייגענער פערזענלאכקייט און האט ארויסגעגעבן אייגענע אינדיווידועלע ווערק“. פון אנהויב האט אים קיינער ניט באמערקט „נאר אים האט דאס ניט געקימערט“. נאכדעם זיינען געקומען די ווייניקע. „דאס האט אים ניט איבערגעמאכט אדער אומגעאנדערשט“ „איצט זיינען שוין צו אים געקומען די פילע. ער איז נאך אלץ דער זעלבער. ער איז א נאוועליסט אן גלייכן“. אין יאר 1896 איז ארויס מערעדיט'ס ראמאן „עמייזינג מערידזש“, וואס ווילד האט געקראגן צו לייענען אין תפיסה. (צווישן מערעדיט'ס ראמאנען געפינט זיך אויך איינער „טראגיקאמיקער“, וואס איז באגרינדעט אויף לאסאל'ס טראגישן סוף).

מאלעבאלגע (בייזע גראבנס). לויט דאנטע'ס שילדערונג פון דער „אינפערנא“ (גיהנם), באשטייט איר אכטער אפטיילונג פון צען בייזע גריבער ארומגערינגלט פון שטיינער. דארט ווערן געפייניגט די ערגסטע רשעים (זע דאנטע'ס גלות).

מאקס (זע בירבאם).

מארלאו, קריסטאפער (1564—1593), דער באדייטנדיקער ענגלישער דראמאטורג פאר שעקספיר. ער האט אויך געשריבן א מין שיילאק „דער איד פון מאלטא“.

מאלארמע, סטעפאן (1842—1898) דער פראנצויזישער דיכטער און עסטעטישער קריטיקער (וואס איז אויך געווען א פראפעסאר אויף ענגליש), איז באזונדערס געווען פאראינטערעסירט אין ווילד'ן אלס פארקעמפער פון עסטעטישע אידייען אין ענגלאנד.

מאנטיטשעלי, אדאלף (1824—1886). דער פראנצויזיש־איטאליענישער „פארבן מכשף“. זיינע בילדער „דער גארטן פון ליבע“, „דער באנקעט“ „די שיינע באפעלערין“ א. ד. ג. ווירקן מיט זייער שיינקייט און צארטקייט אפילו געדרוקט בלויז אין שווארץ־ווייס. נאר די פולע שיינקייט פון די בילדער פון אט דעם ראמאנטיקער, מיט וועלכע ווילד האט באצירט זיינע ווענט, קאן מען זען בלויז אין אריגינאל.

מעדוזא איינע פון די דריי מאנסטערס אין דער גריכישער לעגענדע, מיט שלאנגען אנשטאט האר און מיט א בליק וואס פארשטיינערט. מעדוזא'ס קאפ האט ניט פארלארן אט דעם צויבער אפילו נאכדעם, ווען ער איז געווארן אפגעשניטן פון איר קערפער דורך דעם העלד פערזעאוס, א זון פון צעאוס־יופיטער. א סך פון זיינע שונאים האט פערזעאוס פארוואנדלט אין שטיין, דורכדעם וואס ער האט זיי געוויזן דעם טויטן קאפ פון מעדוזא.

מעסע. קאטויליש־רעליגיעזע צערעמאניע ביי וועלכע עס ווערט געפייערט קריסטוסעס לעצטער אוונט־

מאַלצייט. לויט די עוואַנגעליען האָט קריסטוס ביי זיין לעצטן אוונטמאָלצייט געזאָגט צו זיינע תּלמידים: דאָס ברויט וואָס איר עסט איז מיין קערפּער. דער וויין וואָס איר טרינקט איז מיין בלוט, דאָס בלוט פון נייעם בונט, וואָס ווערט פאַרגאָסן פאַר פילן" (מאַרק, י"ד 24־25). ווערט ביי דער מעסע געמאַכט קידוש אויף ברויט און וויין, און דאָס פאַרזוכן עס איז אַ „סאַקראַמענט" אַ צייכן פון הייליקן בונט צווישן די גלויביקע מיט זייער גאָט־זון. די צערעמאָניע מיט דעם ברויט און וויין ווערט אויך באַטראַכט פאַר אַ קרבן געבראַכט פון קריסטוסעס ווירקלאַך לייב און בלוט, וואָס איז מכפּר אויף אַלע זינד. די אָוונדמאָל־צערעמאָניע איז הייליק ביי אַלע גלויביקע קריסטן. לוטער האָט אַפילו דערקלערט, אַז דאָס הייליק ברויט און וויין אַנטהאַלט באמת יעזוס'עס לייב און בלוט. אַנדערע רעפאָרמער טייטשן עס אויס סימבאָליש. נאָר אויך זיי באַטראַכטן עס פאַר די הייליקסטע צערעמאָניע פון זייער קירך.

מיקעלאַנדזשעלאָ (1475—1564). דער גרויסער מייסטער האָט אויסער זיינע סקולפּטורן, מאָלערייען און אַרכיטעקטורן אויך געשריבן סאָנעטן. ווײַלד האָט זיי באַנוצט, אַזוי ווי שעקספּיר'ס סאָנעטן, צו גערעכטפערטיקן זיין ליבע צו אַלפרעד דאָגלאַס.

מאַרסי (אָדער מאַרסיאַס). דער סאַטיר (וואַלד גאָט) פון פריגיע, קליין אַזיע, וואָס האָט געקאָנט שפּילן גוט אַף דאָס פאַסטוכשע פייפל, האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דעם זונענגאָט אַפּאָלאָ אין דער מוזיקאַלישער קונסט. אַפּאָלאָ האָט געזיגט און האָט אַראָפּגעצויגן די הויט פון מאַרסי'ן. אַף אַנדערע גריכישע סטאַטועס איז אַפּאָלאָ'ס לירע באַצירט מיט דאָס בילד פונם הייגנענדיקן מאַרסיאַס. (אין די „אינטענשאַנס" זאָגט ווײַלד, אַז „דער זינגער פון לעבן איז ניט אַפּאָלאָ, נאָר מאַרסיאַס").

מאָריס, וויליאַם (1834—1896) האָט געמאָלן אין דעם סטיל פון דער רענעסאַנס, אין קוואַטראָ־טשענטאָ — 15טן יאָרהונדערט). מאָריס האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף אָסקאַר ווײַלד'ס עסטעטישע אידייען דורך זיין איינפירן קונסטפאָרמען אין בוך־דרוקעריי, בוך־בינדעריי, הויז דעקאָראַציעס, מעבל, גלאָז באַפּוצונגען א. א. וו. מעגלאַך אַז אויך ווײַלד'ס „מענטשלאַכע נשמה אונטער סאָציאַליזם" איז געוואָרן אינספּירירט דורך מאָריס'עס סאָציאַלער דיכטונג, זיין אוטאָפּיע פון אַ קאָמוניסטישע אָרדנונג אין ענגלאַנד, און זיין טעטיקייט אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

נ

נעראָ (37—68), קייסער פון רוים. די עלף יאָר פון זיין מלוכה ווערט געשילדערט אַלס אַ שורה פון פאַרברעכן און מאָרדן. ער ווערט באַשולדיקט אין אָרגאַניזירן דעם מאָרד פון זיין אייגענער מאַמען, און אונטערצינדן די שטאָט רוים, כדי זיך צו אַמוזירן מיט דעם „ספּעקטאַקל", און, לויט דער קריסטלאַכער טראַדיציע, אויך לאָזן איינוויקלען די ערשטע קריסטן אין פּעכיקע קליידער און זיי אָנצינדן אַלס פאַקלען אין זיין

גארטן.

נאַרקיסאָס. דער שיינער יונגער יעגער דערזעט זיין געשטאַלט אין וואַסער און פאַרליבט זיך אין זיין אייגענער שיינקייט. ער גייט אויס פאַר בענקשאַפט און אַף דעם פּלאַץ, וואו ער שטאַרבט, וואַקסן אויס די בלומען וואָס רופן זיך אויף זיין נאָמען: נאַרציסן. (ווײַלד האָט שטאַרק ליב געהאַט די נאַרקיסאָס־לעגענדע, און צווישן די שיינע מעשה׳לאַך וואָס ער האָט דערציילט פאַר אַנדריי זשיד (זע דאָרט) געפינט זיך איינע וועגן נאַרקיסאָס. געדרוקט אויף צווישן ווײַלד׳ס „לידער און פּראָזע", ניו יאָרק, 1919)

נאַפּאָלעאָן (1821—1769). ווײַלד רעדט אין די „אינטענשאַנס" מיט גאַל איבער נאַפּאָלעאָנ׳ס טרעטן איבער פעלקער.

ניאָבע. די ווייב פון געטלאַכן מוזיקער אַמפיאָן. די געטין ניאָבע האָט געהאַט פערצן קינדער, זיבן זין און זיבן טעכטער. האָט זי זיך אַרבערגענומען מיט איר מוטערשאַפט קעגנאיבער אַפּאָלאָ׳ס מוטער, לאַטאָנאַ. האָט לאַטאָנאַ אַנגערייצט אויף ניאָבע׳ן איר צווילינג, איר זון אַפּאָלאָ און טאָכטער דיאַנאַ (אָדער אַרטעמיס). אַפּאָלאָ האָט דערשאָסן מיט גילדערנע פיילן ניאָבע׳ס אַלע זיבן זין און זיין שוועסטער דיאַנאַ האָט דאָס זעלבע געטאָן צו ניאָבע׳ס זיבן טעכטער. אומזיסט האָט ניאָבע געזוכט צו באַשיצן מיט איר קערפּער איר אינגסטן קינד, און געבעטן מען זאָל עס איר איבערלאָזן. אַפּאָלאָ און דיאַנאַ־אַרטעמיס האָבן ניט געוואוסט פון רחמנות. פון גרויס צער איז ניאָבע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַרמאָרנע סטאַטוע וואָס באַוויינט אייביק איר גרויסן אומגליק.

ס

סאַרסי, פראַנסיסק (1827—1899), פראַנצויזישער פעליעטאָניסט און קריטיקער. זיין מיינונג איבער אַ טעאַטער־שטיק האָט געגאָלטן אין פראַנקרייך פאַר דער העכסטער אויטאָריטעט.

„סידאָניע די כשוף־מאַכערין", אַט די היסטאָרישע דערציילונג האָט ווײַלד׳ס מאַמע איבערזעצט פון דייטש (איין קאַפּיטל „שם המפרש", רעדט וועגן אידן אין אַ ניט פריינטלאַכן טאָן).

סטיוונסאָן, ראָבערט לואיס — (1894—1858). ענגלישער דיכטער און ראָמאַנען־שרייבער. האָט צוליב זיין שוואַכן געזונט געוואוינט די לעצטע פינף יאָר פון זיין לעבן אויף דעם אינזל סאַמאָאַ, נאָנט פון אויסטראַליע. אין יאָר 1875 זיינען אַרויס די „וויילאימע בריוו", מכח וועלכע ווײַלד רעדט. אין זיינע „אינטענשאַנס" באַצייכנט ווײַלד סטיווענסאָנ׳ען פאַר דעם אַנגענעמען מייסטער פון צאַרטער און פאַנטאַסטישער פּראָזע. נאָר סטיוונסאָנ׳ס ראָמאַן „דער שוואַרצער פייל" ווערט דאָרט פון ווײַלד׳ן באַטראַכט פאַר ניט קיין קונסטווערק.

סאַד, מאַרקיז דע (1814—1740). פראַנצויזישער אַדעליקער שריפטשטעלער. אין עלטער פון 32 יאָר איז ער געוואָרן פאַרמשפט צום טויט פאַר גיפטמישעריי און סאָדאָמיע (סדום׳ישע זינד), וואָס רופן זיך זייט דעמאָלט אויך אויף זיין נאָמען „סאַ־

דיזם". איז ער אנטלאפן נאך איטאליע. שפעטער איז ער צוריקגעקומען נאך פראנקרייך או איז געוואָרן באלד (אין 1877) פארשפארט אין תפיסה פאר נייע עבירות. נאכדעם ווי ער האט געמאכט א יאר שפעטער א פארזוך צו אנטלויפן, האט מען אים אריבערגעפירט אין דער פעסטונג באסטיל. דארט האט ער אנגעהויבן שרייבן פיעסן און אומאנשטענדיקע ראמאנען. די גרויסע רעוואלוציע האט אים באפרייט פון באסטיל. האט ער דעמאלט פארעפנטלאכט זיין פירבענדיקן ראמאן „זשוסטין" אדער „דער אומגליק פון דער טוגנד", און אנדערע דערציילונגען. נאר ביים דערשיינען פון זיינע געזאמלטע שריפטן אונטער נאפאלעאנ'ס ממשלה, אין 1803, איז דער אלטער מארקיז ווידער געווארן ארעסטירט.

„סענדפארד און מערטאן". דאס פאפולער קינדער־בוך מיט אט דעם נאמען, פון טאמאס דיי (1748—1789) טאמאס דיי איז געווען באגייסטערט פון רוסא'ס אידייען, איז געווען פול סימפאטיע פאר די נעגער, וועמעס לייד ער האט באזונגען און פאר די אמעריקאנער רעוואלוציאנערן קעגן זיין ענגלישן פאטערלאנד. נאר קיין מייסטער פון דער קינדער מעשה איז ער ניט געווען. זיינע העלדן זיינען צוויי אינגלאך חברים הערי סענדפארד און טאמאס מערטאן. דער לעצטער באזוכט דעם ערשטנ'ס הויז. וואו דער אלטער סענדפארד דערציילט זיי מעשיות מיט א מאראל, וואס דאס מאכט אויף זיי א שטארקן איינדרוק.

סאפאקל (זע פעלאפידן).

„סאטורדעי רעוויו". אנגעזען וואכנבלאט. ארויסגעגעבן פון פריינק הערים מיט בערנארד שאו, ה. דזיש. וועלס, מאקס בירבאם א. ד. ג. אלס מיטארבעטער).

סאלאמאן, שמעון (1834—1905). דער ענגליש־אידישער מאלער וואס איז געשטאנען גאנץ אונטער דעם איינפלוס פון די פרע־ראפאעליטן, באזונדערס פון ראסעטי'ן (זע דארט). סאלאמאנ'ס מוסטער־צייכנונגען צו „שיר השירים" און זיינע בילדער פון אידישע רעליגיעזע צערעמאניעס זיינען דורכגעדרונגען פון מיסטיציזם און סענסואליטעט. זיין דעגענערירט אבנארמאל לעבן האט אים יונג געבראכט אין סאניטאריום און צו לעצט צו א וואגאבונדן־לעבן. ווײַלד האט פיל געהאלטן פון סאלאמאנ'ס קונסט און שטארק באדויערט זיין טראגישן סוף

סאליסבערי. דאגלאס'עם חיים ביי זיין מאמען.

סאקראמענט. (זע מעסע).

סטריט, דזשארדזש (געב. 1867) ענגלישער בעלעטריסט און קריטיקער. אין יאר 1896, ווען ווײַלד איז געזעסן אין תפיסה זיינען ארויס די קאמעדיעס פון קאנגריוו (זע דארט) מיט סטריט'ס איינלייטונג.

סעמעלע. (זע דיאנים).

סווינבורן, עלדזשערנאן טשארלז (1837—1909). ווײַלד איז נאך אלס סטודענט געווען באגייסטערט פאר סווינבורנ'ס פאעזיע. דאגלאס דערציילט, אז ווײַלד האט אלעמאל גערעדט מיט אנטציקונג פון סווינבורנ'ס „לידער און באלאדן". שעראד זאגט, אז כאטש דער יונגער ווײַלד האט שטארק פארטיידיקט סווינבורנ'ן, ווען יענעמס פאעזיע איז געווארן פארדאמט פאר אוממאראליש, האט דער אלטער דיכטער ניט געהאט קיין גוט ווארט פאר ווײַלד'ן

אין זיין אומגליק.

סיבילע. די נביאה'טע אין די גריכישע און רוימישע לעגענדן, וואס זאגט פאראויס דעם שיקזאל פון פעלקער און לענדער (די עקזיסטירנדיקע פראפעטישע סיבילן־שריפטן, שטאמען פון אידישע קוועלן פון 2טן יארהונדערט).

סידאל (זע ראסעטי).

סיריל (1885—1915) ווײַלד'ס עלטערער זון. (זע באמערקונג צו דער איינלייטונג אויף זייט 69).

סעמעפטער. זמן.

סט. פאול קאטעדראל (אין לאנדאן). איבערגעבויט פון דאס ניי אין לעצטן פערטל פון 17טן יארהונדערט.

סאוואנאראלא, גיראלאמא (1452—1498). דער איטאליענישער פאליטיקער און רעליגיעזער רעפארמער, וועמען פאפסט אלעקסאנדער דער 6ער (זע דארט) האט געלאזט פארברענען אויפן שייטערהויפן.

ע

ערנסט, דער דיכטער ערנסט דאוסאן (1867—1900) וועמען ווײַלד האט שטארק מקרב געווען, אדער ערנסט לעווערסאן, דער מאן פון דער „פארגאלדעטער ספינקס".

עסביל (זע פעלאפידן).

עמערסאן, רעלף וואלדא (1803—1882).

עדי, מאר, טרייער פריינט פון ווײַלד'ן. רעדאקטאר פון ווײַלד'ס בריוו־זאמלונג „עפטער בערנוואל" (וועסטמינסטער 1922), וואס שטאמען פון דער צייט ווען ער האט געשריבן די „באלאדע פון רעדינגער תפיסה".

ענגלישע ווערטער: — ברעקפעסט (איבערבייסן), דינער (מיטאגעסן. אין אנדערע ערטער דאס אוונטעסן). לאנטש (א מאלצייט, צווישן איבערבייסן און מיטאגעסן). סאפער (נאכטעסן). פונט (קנאפע פינף דאלער.). קריסטמאס (ווייסנאכטן — קריסטוסעס געבורטסטאג). שילינג (א צוואנציקסטל פון א פונט) דיען (עלטסטער פון א לער־אפטיילונג אין אוניווערזיטעט).

עליזאבעטישע ליריק. די לירישע פאעזיע אין ענגלאנד אין די צייטן פון שעקספיר'ן, וועלכער איז געווען דער באדייטנדיקסטער דיכטער אויך אויף אט דעם געביט. די ענגלענדער רופן אז יענע גרויסע עפאכע אויפן נאמען פון דער קעניגין עליזאבעט (1533—1603).

עליק. עלטערער ברודער פון ראבערט ראס (זע דארט).

ענציקליקא. פאפסטלאכער צירקולאר.

עקעלין דא ראמאנא (1194—1259). הערשער פון וועראנא, פאדוא א. א וו. אין איטאליע. איידים פון רוימישן קייזער פרידריק 2. זיינע שונאים האבן אים דערקלערט פארן גרעסטן אכזר פון זיין צייט. דער פאבסט האט אים אריינגעלייגט אין חרם און ארגאניזירט א קרייצוגג קעגן אים, ביז זיי האבן אים באזיגט. אריינפאלנדיק אין פלען א פארוואונדעטער, רייסט עקעלין (עקעלינא אדער עזעלינא) ארונטער די באנדאזשן פון זיינע וואונדן און נעמט ניט קיין שפייז ביז ער גייט אוים. דאנטע שילדערט אים צווישן די רשעים אין א בלוטיקן טייך, אין

דער לעצטער אפטיילונג פון גיהנם. עקעלינ'ס לעבן איז אויך די טעמע פון א ראמאן אין איטאליעניש און א דראמע אין דייטש.

עטקינס. אונטערוועלט העלד און „בלעקמיילער" (געלט אויספרעסער). ער האט זיך ארויסגעוויזן אלס פאלשער עדות קעגן ווײלד'ן.

ענא. דער בארג אין סיציליע, וואו עס איז געשטאנען דאס הייליקטום פון דעמעטער־צערערע. (דארט איז געווען די באפעסטיקטע הויפטשטאט פון דער שקלאפן רעוואלוציע און שקלאפן־מלוכה אונטער דעם סעמיטישן פירער נביא און משיח אייז, אין מיטן פון צווייטן יארהונדערט פ. ק.).

עמא, אדער עמאוס, א דערפל נית ווייט פון ירושלים. לויט דער קריסטלאכער לעגענדע (לוקס כ"ד, 13־13), האט קריסטוס, דעם דריטן טאג נאכדעם ווי ער איז געווארן געקרייציקט, געוואנדלט אלס אן אומבאקאנטער און פרעמדער מיט צוויי פון זיינע תלמידים אויפ'ן וועג פון ירושלים קיין עמא. ביים אוונטעסן, אין עמא, האבן זיי אים דערקענט, איז ער באלד פארשוואונדן.

פ

פייטער, וואלטער (1894—1839). זיינע קונסטווערק „די רענעסאנס, שטודיען און קונסט און פאעזיע" (1873) און „מאריוס דער עפיקורייער, זיינע געפילן און אידייען" (1885) האבן געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דער ענגלישער ליטעראטור און קונסט אין לעצטן פערטל פון 19טן יארהונדערט. באזונדערס גרויס איז געווען זיין איינפלוס אויף דער עסטעטישער באוועגונג און איר נביא אסקאר ווײלד.

פלאטא (427—347 פ. ק.) דער תלמיד פון סאקראט (470—399), און דער רבי פון אריסטאטל (384—323), האט געהאט א שטארקן איינפלוס אויף ווײלד'ס אידייען באזונדערס איז ווײלד געווען אנטציקט פון פלאטא'ס בוך „סימפאזיאן" וואו דער גריכישער פילאזאף שילדערט איז א פאעטישער שפראך און געשליפענעם דיאלאג, א מאלצייט פון געלערטע און קינסטלער אין אלטן גריכנלאנד. די געסט, צווישן זיי אויך סאקראט, אריסטאפאן און אנדערע וועלטבארימטהייטן, טרינקען ווײן און דיסקוטירן וועגן ליבע. זיי פארהערלאכן יענע ליבע וואס איז פריי פון געשלעכט, די אזוי גערופענע „פלאטאנישע ליבע", און באזונדערס די צווישן מאן און מאן, די ליבע וואס וואגט ניט אויסצורײדן איר נאמען, וועלכע ווײלד האט פארטיידיקט אויף זיין לעצטן פראצעס. ווען ווײלד איז צום ערשטן מאל געווארן ארעסטירט, האט ער געבעטן אים ברײנגען פלאטא'ס בוך „אפאלאגיא", וואו ער שילדערט סאקראט'ס פראצעס און פארטיידיקונג. (פלאטא'ס איינפלוס אויף דאס אידיש דײנקען איז אומגעהייער גרויס. אין דער אידישער ליטעראטור פון מיטלאלטער און ביי פיל לומדים פון אלטן דור פארנעמט דער נאמען „אפלטון" — (אפאלטאן), ווי זיי רופן אן פלאטא'ן) אזא בכבודיקן פלאץ, אקוראט ווי ער

וואלט געווען א נביא אדער א תנא. פלאטא'ס נאמען איז אויך פארבונדן מיט קאמוניזם. אין זיין ב״ד „רעפובליק״ פלאנט ער א פרייע געזעלשאפט געגרינדעט אויף קאמוניסטישע יסודות).

פעלאפידן. זייער עלטער־עלטער־זיידע פעלאפ, א זון פון נעטער, דערציילט די גריכישע לעגענדע, האט חתונה געהאט מיט א גריכישע פרינצעסין און איבערגענומען איר טאטנ'ס מלוכה. ווען דער מאן וואס האט אים געהאלפן איר געווינען האט פארלאנגט זיין לוין, האט אים פעלאפ געלאזט דערמארדן. פאר זיין טויט האט דער אומשולדיק דערמארדעטער פארשאלטן דאס גאנצע פעלאפ'ס הויז פאר אלע צייטן. דאס לעבן פון די פעלאפידן, פעלאפ'ס קעניג־הויז איז דערפאר פול מיט פארברעכן און ליידן. אגאמעמנאן, פעלאפ'ס אייניקל ברענגט זיין טאכטער איפיגעניע צו דער עקדה, און ווערט דערפאר דערמארדעט פון זיין פרוי. זיין זון ארעסטעס נעמט נקמה און טויטעט די אייגענע מאמען. עס העלפט אים דערביי זיין שוועסטער עלעקטרא. דער מוטערמערדער ווערט פארפאלגט פון וואנזין א. א. וו. די טראגעדיע איז באשריבן אין די דראמען פון די גריכישע קלאסיקער עסכיל (525—456 פ. ק.), סאפאקל — (496—405 פ. ק.) און איירופיד (480 — 406 פ. ק.), ווי אויך פון א סך אלטע און נייע אייראפייאישע דיכטער.

פאנטעאיסט. דער אנהייגער פון דער לערע פון פאנטעאיזם, אז גאט און די וועלט איז איינס, און אלץ איז דורכגעדרונגען מיט געטלאכקייט (א טייל מקובלים און אויך גרינדער פון חסידיזם זיינען געווען פאנטעאיסטן. זיי האבן זיך געשטיצט אויף די פסוקים „אל־עולם״ (גאט איז וועלט, און וועלט איז גאט), ואתה מהיה את כלם״, גאט באלעבט אלץ, און „מלא כל הארץ כבודו״, ער פילט אן מיט זיך די גאנצע וועלט)

פארצן. די דריי רוימישע געטינס פון געבורט, שפעטער — פון שיקזאל. זיי זיינען ארויסגעטראטן פון נויט אדער נאכט, און שטייען אויסערהאלב דער קאנטראל פון די געטער. זיי שפינען דעם פאדים פון לעבן, וועבן אים אויס אין א סך אוזארן, און ברעכן אים אונטער ווען זיי ווילן.

פערל פון מיין נשמה אין א בעכער וויין (זייט). די רוימישע אריסטאקראטן פלעגן טראקטירן זייערע געסט מיט א בעכער וויין אין וועלכן זיי פלעגן צולאזן א צושטויסענעם פערל.

פערסי. ברודער פון אלפרעד דאגלאס (זע באזי) ער האט צוזאמען מיטן יונגן גייסטלאכן סטוארט העדלעם, געגעבן דאס געלט ארויסצולאזן ווילד'ן אויף „בייל״ (ערבות). נאך זיין פאטער'ס טויט האט ער געקראגן דעם טיטל 9טער מארקיז פו קווינסבערי.

פרושי. די אידישע פרומאקעס וואס ווערן דערמאנט אין נייעם טעסטאמענט, האבן געהערט צו דער „פרושים״־פארטיי.

פראווענסאלישער פאעזיע. די דרום־פראנצויזישע געגנט אונטערן נאמען „פראווענס״, וואס איז ביזן סוף פון פופצנטן יארהונדערט גע־

ווען א באזונדער מלוכה, האט אנטוויקלט א ליטעראטור שוין אין אנהויב פון צענטן יארהונדערט. דארטן האט געבליט אין 12 און 13טן יארהונדערט די לירישע פאעזיע פון די טרובאדארן. שפעטער די רעליגיעזע און היסטארישע דיכטונגען. אין מיטן פון 19 יארהונדערט האט זיך די פראווענסאלישע פאעזיע ווידער פאנאנדערגעבליט, א דאנק די ארבעט פון מיסטרעל (1830-1914) און אנדערע.

פאו, ערגאר עלן (1809—1841). א דאנק באדלער'ן, וואס האט פאו'ן איבערזעצט אין פראנצויזיש און פארגעשטעלט פאר דער קונסטוועלט, איז פאו געווארן אנערקענט אין אייראפע, נאך אין דער צייט, וואס זיין נאמען איז געווען אין אמעריקע צו שאנד און שפאט.

פאלאדיא, אנדרעא (1518—1518—1580). איטאליענישער ארכיטעקט. גרינדער פון א נייעם סטיל אין ארכיטעקטור.

פאפ, אלעקסאנדער (1688—1744). קלאסישער ענגלישער דיכטער. בייראן האט געהאלטן פון זיינע סאטירעס.

פעטרארקא, פראנצעסקא (1304—1374). דער באדייטנדיקסטער לירישער דיכטער פון איטאליע און דער גרעסטער געלערטער פון זיין דור. זיין אנערקענונג האט ער געקראגן הויפטזאכלאך פאר זיינע לאטיינישע לידער. דער רוימישער סענאט האט אים געקרוינט עפנטלאך פארן דיכטער פון דער וועלט, און זיין דור האט עם אנערקענט. נאר היינט איז זיין רום געבויט דוקא אף זיינע לידער אין איטאליעניש, דעמאלט א פאראכטעטער „זשארגאן“.

פראסערפינא (זע דעמעטער).

פראטאגאניסט. ערשטער שוישפילער (וואס שפילט די הויפטראל) אין דער גריכישער דראמע.

פ

פריינט וואס פארלייקנט קריסטוסן (זייט 102). לויט די עוואנגעליען האט קריסטוס געזאגט צו פעטרוס'ן (שמעון בריונה), דער ערשטער פון די צוועלף אפאסטל: „אויף אט דעם פעלז וועל איך בויען מיין קהלה“ און „איך וועל דיר געבן די שליסלען פון דער הימלישער מלוכה“ (מתי טז. 18). אין דער נאכט ווען קריסטוס איז געווארן ארעסטירט איז פעטרוס נאכגעגאנגען פון וויטן צום הויף פון כהן גדול. די דינסטן האבן אים דערקענט אז ער איז פון קריסטוס'עס קאמפאניע. פעטרוס האט דאס געלייקנט. ווען ער האט אנגעהייבן שווערן צום דריטן מאל: „איך קען ניט אט דעם מאן“ האט דער האן געקרייט אויף טאג.

פלאבער גוסטאוו (1821—1880), דער פראנצויזישער ראמאנענשרייבער, ווערט פון וויילד'ן אנערקענט פאר זיין מייסטער. פלאבער'ס קורצע דערציילונג „העראדיא“ האט אויך אנגערעגט וויילד'ן צו שאפן זיין דראמע „סאלאמע“. אין „די מענטשלאכע נשמה אונטער סאציאליזם“ באצייכנט וויילד פלאבער'ן פאר „אן אויסערגעוויינלאכן קינסטלער“. ער פארעכנט אים צוזאמען מיט דעם ענגלישן דיכ־

טער דזשאן קיטס צווישן די יעניקע וועלכע זיינען „אימשטאנד זיך אפ־צוזונדערן, אויסצומיידן די פאדערונ־גען פון אנדערע" און „אויף דעם אופן צו פארווירקלאכן די פארפלקאמענקייט פון די אלע פייאיקייטן, וועלכע זיי באזיצן אין זיך — צום גרעסטן פארגעניגן פון זיי גופא און דעם גרעסטן און אומענדלאכן געווינס פון דער גאנצער וועלט".

פארבס־ראבערטסאן, סער דזשאנ־סטאן (געב. 1853). ענגלישער שוי־שפילער און טעאטער דירעקטאר. ער האט זיך איסגעצייכנט סיי אין קלא־סישע און סיי אין מאדערנע דראמען. ווײַלד דריקט אויס וועגן אים א הוי־כע מיינונג, אין זיינע „אינטענשאנס". זיין רייכע 50 יאריקע טעאטער־קא־ריערע איז באשריבן אין זיין ווערק „א שוישפילער אונטער דריי הער־שער" (1925).

פראנס, אנאטאל (1924—1844).

פרידריק, הערעלד (1898—1856) ענגליש־אמעריקאנער ראמאנענשרייבער אין יאר 1896 איז ארויס זיין רא־מאן „אילומענײשאן: אדער „דהי דעמנײשאן או טהעראן ווייר" פון אירלענדישן רעליגיעזן לעבן אין אמע־ריקע. ווײַלד האט דאס בוך גע־קראגן אין תפיסה. (הארלד פריד־ריק האט אויך געשריבן סימפאטיש איבער אידישע אנגעלעגנהייטן).

"פארגאלדעטע ספינקס", צונע־מעניש פון פרוי לעווערסאן, די ענג־ליש־אידישע פארפאסערן פון „די עלפטע שעה" און אנדערע הומאריס־טישע זאכן. זי איז געווארן בא־קאנט מיט אסקאר ווײַלד דורך אירע ליבלאכע פאראדיעס אויף זיינע ווערק, אין דעם לאנדאנער הומאריסטישן זשורנאל „פאנטש". זי האט אים אויפגענומען גאסטפריינטלאך אין איר הויז, אין מאי 1895, ווען ער איז ארייסגעלאזן געווארן אויף „בעיל" (ערבות) צווישן זיינע פראצעסן. (דאס איז געווען אין דער צייט פון די ערג־סטע העצעס קעגן ווײַלד, ווען קיין האטעל האט נית געוואגט אים צו פארדינגען א צימער). (זע ליידי פון ווימבלדאן).

פאלשער פרוינט, וואס האט פארראטן קריסטסן מיט א קוש (זייט 101), לויט די עוואנגעליען האט יודאס (יהודה איש קריות), איינער פון די צוועלף אפאסטל, פאראטן זיין רבי'ן פאר 30 זילבער־שטיק. בעת די רעגירונגסלייט באפאלן קריסטוס־עס לאגער, קושט אים דער מסור צום צייכן, אז דאס איז דער, וועמען זיי זוכן. נאר באלד האט יודאס חרטה געהאט און ווען מ'האט קריסטוס'ן אויפגעהאנגען האט ער זיך גענומען דאס לעבן.

פיליסטער. פלשתים (פאלק אין דרום־מערב פון אידנלאנד). זינט דעם 17טן יארהונדערט איז דאסווארט פלשתים געווארן א צונעמעניש צו־ערשט פאר יעדן נית־שטודענט, אדער אלטער יוסטער באלעבאס. אין דער נייער צייט ווערט דאס אנגעווענדט אויף אלע באלעבאטישע עלעמענטן, וואס ליבן רו און ארדנונג און זיי־נען פארטאן בלויז מיט זייערע איי־גענע קליינלאכע אינטערעסן.

„פייל האט דורכגעלעכערט א קעניג צווישן די געלענקען פון זיין פאנצער" (זייט (57—56). וועגן קעניג אחאב'ס טויט אין מלחמה קעגן

ארם, דערציילט דער תנ"ך, אז „א
מאן האט אפגעשנעלט א בויגן סתם
אזוי און געטראפן דעם קעניג פון
ישראל צווישן די געלענקען פון דעם
פאנצער" (מלאכים א כ"ב 34).

„פלאר דע לי". די „ליליע־ענ־
לאכע צייכנונג אויף וואפן אדער
הערבן" איז געווען איז געברויך אין
דער אלטער קונסט פון מערב־אזיע און
מצרים. אין 12טן יארהונדערט האט
עס דער פראנצויזישער קעניג אנגע־
הויבן באנוצן פאר זיין הערב. זיי
פלעגן אויך קומען אין די פארם
פון א „סגל" אלס סימבאל פון דער
קריסטלאכער דרייאיניקייט.

„פלארענטינישע טראגעדיע". —
ווײלד האט זיין קונסטווערק
אנגעהויבן אין ווייסע פערזן און נים
געענדיקט. כדי עס אויפצופירן אויף
דער בינע האט דער דיכטער סטארדוש
מאר צוגעגעבן א סצענע, און אזוי איז
עס אויך געדרוקט.

**„פרייד וואס לעבט אן אויגני־
בליק" און „זארג וואס דויערט איוי־
ביק"** (זייט 98). אין זיינע „לידער
אין פראזע" דערציילט עס ווײלד
פונקט קאפויר. דארט פארוואנדלט
ער דאס בראנזענע בילד פון דער
זארג, וואס דויערט אייביק, אין דאס
בילד פון דער פרייד, וואס לעבט אן
אויגנבליק.

**פארמען פארשטיינערטע פראנ־
צויזישע טראגעדיע** (זייט 109). גע־
שאפן אונטערן איינפלוס פון דער
הויף־עטיקעטע אין אנהויב פון 17טן
יארהונדערט. איר באדייטנדיקסטער
פארשטייער איז פיער קארנעל (1606
—1684).

פראנץ פון אסיסי (1182—1228)
דער גרינדער פון דעם בארימטן
קאטוילישן ארדן פון די „פראנציס־
קאנער". די קריסטלאכע וועלט דער־
ציילט פיל פון זיין קדושה, צדקות
(צידקעם) און מופתים.

פארלארענער זון. דער העלד
פון קריסטוס'עס א משל (לוקס ט"ו
11).

צ.

צאל באאמטער די שטייער־מא־
נער זיינען געווען באזונדערס פאר־
אכטעט און פארהאסט אין דער אי־
דישער מדינה אין דער צייט פון
רוימישער הערשאפט, ווען זיי האבן
נעארבעט פאר די אינטערעסן פון
שונא.

צעליני, בענוועגוטא. (1500—
1571) איטאליענישער גאלדשמיד,
סקולפטאר און גראווירער פון דער
רענעסאנס עפאכע. זיין לעבנסבא־
שרייבונג, געשריבן פון אים אליין, איז
פול מיט שילדערונגען פון אוואנטורעס
און נעוואגטקייטן. נאר ווײלד (אין
זיינע „אינטענשאנס") באטראכט איר
פאר מער דיכטונג ווי ווארהייט.

ק

**קייסער פון רוים און פריס־
טער פון דער זון.** דער רוימישער
צעזאר ווארויס אוויטוס (205—222)
באקאנט אונטערן נאמען העליאגאבאל

אדער עלאגאבאל. צוליב זיין שיינקייט און יחוס (ער איז געווען א קוזין פון צעזאר קאראקאלא (דערמארדעט אין 217) און מען האט געגלויבט אז ער איז יענעמס אן אומגעזעצלאכער זון, איז ער אין עלטער פון דרייצן יאר, געווארן באשטימט אין זיין געבורטסשטאט האמס, אין צפון פון דמשק, פארן כהן גדול פון סירישן זונענגאט אלאגאבאל (אלי־גבל). א יאר שפעטער האבן אים די רוימישע סאלדאטן אין סיריע פראקלאמירט פארן צעזאר פון רוים. אנקומענדיק אהין אין 219 האט ער איינגעפירט די רעליגיע פון זיין היימישן זונענגאט און דערקלערט די אלטע רוימישע געטער פאר זיינע קנעכט. ארומגערינגעלט פון הויפאינטריגעס און פיינטלאכע רעליגיעספארשטייער, האט דער יונגער קייסעריל זיך דערווארבן א נאמען פאר דעם גרעסטן אכזר און הולטאי אויפן רוימישן טראן. אין עלטער פון 18 יאר איז ער געווארן דערמארדעט צוזאמען מיט זיין מאמען סאעמי און זיין קערפער איז ארייגעווארפן געווארן אין טייך טיבער.

קיטס דזשאן (1821—1795). דער יונג פארשטארבענער ענגלישער דיכטער ווערט פון ווײַלד'ן פארגליכן צו פלאבערן אין זיין פולקומענהייט (זע פלאבער). ער אנערקענט אויך זיין איינטאלום אויף זיך.

קעניגין פון פרייסן — לואיזע (1810—1876). זי איז געשיקט געווארן פון די פריישישע שטאטסלייט אין נאפאלעאנ'ס לאגער, כדי צו פועלן ביי אים, דורך איר שיינקייט, וועלכע עס איז הנחות פאר דער פריישישער מלוכה. נאפאלעאן האט איר מיליטעריש צוריקגעוויזן. דער פריישישער קעניג האט פארלארן זיין מלוכה און זי איז מיטגעגאנגען אין זיין גלות.

קעלטישע פאבלען. ווײַלד אלס אן אירלאנדער שטאמט פון די קעלטן וועלכע האבן אמאל פארנומען דעם גרעסטן טייל פון דרום און מערב־אייראפע. איצט געפינען זיך קעלטן בלויז אין וועלש, אירלאנד, די שאטישע בערג און ברעטאניע. א סך אירלענדישע פויערים רייח: נאך היינט א ריינעם קעלטיש.

קאלערידזש, סעמיועל טיילאר (1834—1772) דער ענגלישער דיכטער וועמעס באלאדע „דהי איינשענט מערינער" (דער אלטער מאטראז), איז אין איר פארם געווען א מוסטער פאר ווײַלד'ס „באלאדע פון רעדינגער תפיסה".

קארליל, טאמאס (1881—1741) אט „דער לעבהאפטיקסטער און אריגינעלסטער פון אלע ענגלישע פראזע שרייבער" האט זיך גערעכנט ווי דער נביא און מוסר־זאגער פון זיין דור. זיינע ווערק זיינען ארויס אין א פאלקס־אויסגאבע פון 87 בענדער. כדי צו ווערן באאיינפלוסט פון קארליילס געריטמטער התמדה האט ווײַלד זיך דערווארבן קארליילס שרייבטיש (אין זיינע „אינטענשאנס" דערקלערט ווײַלד אז קארליילס „פראנצויזישע רעוואלוציע" איז „איינע פון די באצויבערנדסטע היסטארישע ראמאנען וואס זיינען אמאל געווען געשריבן, פאקטן ווערן געהאלטן אדער אין זייער אונטערגעארדנטער שטעלונג, אדער ווערן אין גאנצן אויסגעשלאסן צוליב דעם אלגעמיינעם טעם פון לאנגווייליקייט.

קאנגריוו, וויליאם — (1670 — 1729). ווען ווײַלד האט אויפגעפירט זײַן ערשטע קאמעדיע, האט הערים געשריבן, אז זי קאן זיך פארגלײַכן מיט די בעסטע קאמעדיעס פון ענג־לאנד'ס באדײַטנדיקסטן קאמעדיע־שרײַבער, קאנגריוו.

„קאזערי אינטים". אינטימער, פאמיליערער פלוידערײַ.

קאוועס. פעסלאך ווײַן.

קליא. די ערשטע פון די נײַן מוזן, די טעכטער פון צעאוס־יופיטער און מנעמאזענע (זכרון), וועלכע האבן די אויפזיכט איבער די קונסטן און וויסנשאפטן. קליא ווערט פארגע־שטעלט מיט א מגילה אין האנט.

קווינסבערי, (דזש. ש. דאגלאס) 8טער מארקיז פון (1844—1890), דער פאטער פון לארד דאגלאס — באזי (זע דארט). געשטאמט פון הויכן ענגלישן יחוס, וואס טראגט אט דעם נאמען שוין ארום דרײַ הונדערט יאר. א ליבהאבער פון קולאקן־קאמף. די נײַע תקנות פון 186־ ווי אזוי זיך צו שלאגן בײַ א „פרײַז־פײַט" הייסן אויף זײַן נאמען — קווינסבערי גע־זעצן. (אפטאן סינקלער, אין זײַן בוך „מאמאנארט" (1925) מיינט, אז ווײַלד איז פאראורטיילט געווארן ניט פאר זײַנע זינד, און אויך ניט פאר זײַן זשעני, נאר ווײַל ער האט אטאקירט אזא זײַל פונ'ם הערשנדיקן קלאס, ווי דעם 8טן מארקיז פון קווינסבערי).

קלײַדער (פאר ווײַלד) געווען צוגעשיקט ניט פון ראס, נאר פון הערים. דער שנײַדער האט זיך צו־ערשט אפגעזאגט צו נײַען פאר ווײַלד'ן און הערים האט אים געמוזט וואס צוצאלן.

קלעפעם דזשאנקשאן. א לאנ־דאנער פארשטאט־סטאנציע אויפן וועג פון וואנדסווארטער תפיסה קיין לאנ־דאן.

קראפאטקין, פעטער אלעקסאנדער (1842—1921) איז געווען שטארק באליבט אין די אינדיווידואליסטישע אריסטאקראטישע קרײַזן וואו ווײַלד האט זיך באוועגט.

קריזאליט. קאסטבארער גרינער שטיין (געפינט זיך אין מצרים און בראזיל).

קארמיד. גריכישער אדלמאן, אנקל פון פילאזאף פלאטא, וועלכער האט אויף זײַן נאמען („קארמיד") געשריבן א פילאזאפישן דיאלאג.

קאטעדראל אין שארטערס — (נארד־וועסט פראנקרײַך). אויסגעבוי־ט אין די ערשטע העלפט פון 13טן יאר־הונדערט.

קיטעראן. היכער בארג אין גריכנלאנד, ארומגעוועבט מיט מאסן לעגענדן פון געטער־לעבן. דארט פלעגן פארקומען פארשידענע געצנדינערישע צערעמאניעס און פײַערלאכקייטן.

קאדאגען פליים. האטעל וואו דאגלאס האט געוואוינט.

קאליבאן (זע אריעל).

קליבארן. געבראכט ווײַלד'ן פארקויפן דעם פאעטישן בריוו וואס ער האט געשריבן צו דאגלאס'ן (זע באזי). ווײַלד האט אים דערפאר גע־געבן א האלבן פונט (ארום צוויי און א האלב דאלאר).

ר

רעס, זשיל דע, אדער רעטז — (1404—1440). פראנצויזישער באראן. ער האט געקעמפט אונטער דער פאן פון דער יונגפרוי פון ארלעאנס (זשאן

דע אַרק) קעגן ענגלאַנד. אין עלטער פון 22 יאָר האָט ער זיך דערוואָרבן דעם טיטל „מאַרשאַל פון פראַנקרייך“. אין עלטער פון 36 יאָר איז ער געווארן אַנגעקלאַגט אַלס פאַרפירער פון הונדערטער קינדער, וועלכע ער האָט מקריב געווען צו זיין אַבגאָרטאַלער תאוה. דעם 26טן אָקטאָבער 1440 איז ער געוואָרן אויפגעהאַנגען און נאָכדעם פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן. זיין נאָמען איז פאַרבונדן מיט דער לעגענדע פון דעם „בלוי באָרד“, וואָס האָט דערמאָרדעט זיינע ווייבער. ס׳האָבן זיך אויך געפונען אַזוינע היסטאָריקער וואָס האָבן געזוכט נאָכצואווייזן, אַז דאָס איז געווען אַ בלבול פון קעניג, כדי אָוועקצונעמען דעם באַראָנ׳ס רייכן פאַרמעגן.

ראָסעטי גאַבריעל דאַנטע — (1828—1882) דער ענגלישער מאָלער און דיכטער, דער באַגרינדער פון קינסטלער־בונט „פּרע־ראַפאַעליט“, וואָס האָט זיך אומגעקערט צוריק צו דער נאַטירלאַכקייט און תמימות פון דער מיטלאַלטערלאַכער קונסט, האָט אין מיטן פון די זיבציקער יאָרן אין פאַריקן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס. אין יאָר 1869 האָט דער דיכטער איינגעוויליקט אויסצוגראָבן זיין בוך געשריבענע לידער פון זיין ווייב׳ס קבר. (זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, עליזאַבעט עליאַנער סידאַל, איז פריער געווען אַ איינפאַכע נוימעריו. צוליב איר באַצויבערנדיקע שיינקייט האָט זי פיגורירט אַלס מאָדל פאַר אַ סך פון ראָסעטי׳ס געמעלן. אונטער זיין השפעה האָט זי זיך אַנטוויקלט צו אַ מאָלערן און דיכטערין. אין יאָר 1860 האָט ראָסעטי מיט איר חתונה געהאַט און אין יאָר 1862 איז זי פּלוצלינג געשטאָרבן. דער קינסטלער, אין זיין „צער און יאוש“ האָט איר מיטגעגעבן אין קבר זיינע געשריבענע לידער, צו וועלכע זי האָט אים באַגייסטערט). אין יאָר 1872 ווען ראָסעטי האָט פאַרעפנטלאַכט די פון זיין ווייב׳ס קבר אויסגעגראָבענע לידער, האָט אַן ענגלישער קריטיקער שטאַרק אַנגעגריפן די פערזענלאַכקייט פון דיכטער און אים געשטעלט אין איין ריי מיט געוויסע פראַנצויזישע אוממאָראַלישע שריפטשטעלער. ראָסעטי, וועמעס נערוון ס׳זיינען געווען צעשרויפט זינט דעם פריצייטיקן טויט פון זיין ווייב, האָט זיך איינגעבילדעט אַז מ׳פּלאַנט קעגן אים אַ קאָנספּיראַציע און אין יעדער טרעפונג האָט ער געזען אַ פאַרשווערונג. (לויט דער מיינונג פון זיין ברודער וויליאַם, אין די פאַמיליע בריוו (זייט 302—303) איז ראָסעטי׳ס פאַנטאַזיע געווען פון אַ היפּאָכאָנדריק וואָס ליידט פון מרה שחורה, און ניט פון קיין משוגענעם) נאָר ווילד גלויבט אַז מ׳האָט ווירקלאַך געפּלאַנט אַ פאַרשווערונג קעגן דעם אומגליקלאַכן קינסטלער (מעגלאַך אים אַריינצוברענגען אין אַן אַנשטאַלט).

רענאַן, זשאַזעף ערנסט (1823—1892). דער געלערנטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער האָט אויסער זיין ראָמאַנטישן יעזוס־לעבן (1863) געשריבן אויך פון אַנדערע קריסטלאַכע עפּאָכן, פון וועלכע עס באַשטייט זיין „געשיכטע פון דעם אַנפאַנג פון קריסטענטום, אין 6 בענד. ער האָט אויך געשריבן אַ „געשיכטע פון פאָלק ישראל“, אין 5 בענד. די פאַריזער קאָמונע האָט דעם סקעפּטישן ליבעראַל רענאַן געמאַכט פאַר אַ רעאַק־

ציאַנער, און דאָס פילט זיך אויך אין זיינע לעצטע היסטאָרישע ווערק. אין די „אינטענשאַנס" פאַרגלייכט ווײַלד רענאַנ'ען צו דאַרווינען. „איינער איז דער קריטיקער פון בוך פון דער נאַטור" דער צווייטער — דער קריטיקער פון די ביכער פון גאָט".

ראָבי (ראָבערט) ראָס (1869—1918). דער טרייער פריינט, ליטעראַרישער צואה דורכפירער, אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון ווײַלד'ס געזאַמלטע שריפטן, בריוו א. א. וו. ער איז געווען אַ באַדייטנדיקער קונסט־קריטיקער און פלעגט אָפּשאַצן קונסט ווערק פאַר דער ענגלישער רעגירונג.

רות, די העלדין פון דער מגילה „רות" אין תנ"ך. זיצט אין דאַנטע'ס גן עדן גאַר אויבנאָן צווישן די „מאַמעס" שרה, רבקה און רחל.

רוסישע ראָמאַנען. זייער טאָן פון מיטלייד (זייט 110). אין „די מענטשלאַכע נשמה אונטער סאָציאַליזם", שרייבט ווײַלד: „קיין איינציקער וואָס האָט געלעבט אין מאָדערנעם רוסלאַנד (אונטער די צאַרן) האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרווירקלאַכן זיין פולקומענהייט אויסער דורך ליידן. אייניקע רוסישע קינסטלער האָבן זיך פאַרווירקלאַכט (אַנטוויקלט צו פולקומענהייט) אין אַ בעלעטריסטיק וואָס איז מיטלאַלטערלאַך אין כאַראַקטער, ווייל איר הערשנדיקער טאָן איז די פאַרווירקלאַכונג פונם מענטשן (צו פולקומענהייט) דורך ליידן".

רעווענאַן. אַ גאַסט פון יענער וועלט.

רעקטאָר. דער הויפּט פון אַן אוניווערזיטעט.

ראַפאַעל (1483—1520). אין „די מענטשלאַכע נשמה אונטער סאָציאַליזם" שרייבט ווײַלד, אַז „ראַפאַעל איז געווען אַ גרויסער קינסטלער ווען ער האָט געמאָלן זיין פאָרטרעט פון פּאָבסט. ווען ער האָט געמאָלן זיינע מאַדאָנאַס און קריסטוס־קינדער איז ער כלל ניט קיין גרויסער קינסטלער".

ראַפאַעל'ס פרעסקאָס (וואַנט־מאַלערייען מיט וואַסער פאַרבן) זיינען געמאָלן הויפּטזאַכלאַך אויף די ווענט פון פּאַפּסטלאַכן פּאַלאַץ אין וואַטיקאַן פון רוים.

ש.

שעראַרד ראָבערט ה. (געב 1861), אַן ענגלישפראַנצויזישער שריפטשטעלער. ער איז דער פּראָפעסאָר פון אַ ריי ראַדיקאַלע ווערק: „דער געשריי פון די אָרימע", „די ווייסע שקלאַפן פון ענגלאַנד", „די פאַרלאָרענע טיר" (פון אַמעריקע) א. א. וו. ער איז געווען אַ זייער טרייער פריינט פון אָסקאַר ווײַלד און האָט פאַרעפנטלאַכט וועגן אים דריי ביכער: „די געשיכטע פון אַן אומגליקלאַכער פריינטשאַפט" (1902), „דאָס לעבן פון אָסקאַר ווײַלד" (1906) און „דער ווירקלאַכער אָסקאַר ווײַלד" (1915). די ניו יאָרק „סאַן" האָט שטאַרק אַטאַקירט שעראַרד'ן פאַר וואָס ער פאַרהערלאַכט אַ פאַרברעכער . . .

שעלי, פּערסי ביש (1792—1822) ווײַלד רעדט אין די „אינטענשאַנס" און אין דער „מענטשלאַכער נשמה"

מיט גרויס אכטונג פון דעם ענגלישן דיכטער פון רעוואלוציע, וועמעס הארץ איז געווען פול מיט ליבע צו אלע אונטערדריקטע.

שאָפּען, פרײדעריק פראַנסואַ — (1809—1849). ווײלד איז אַלעמאָל געווען אַנטציקט פון די „נאַקטורנען“ (נאַכטמוזיק) פון דעם פראַנצויזיש־פּויליש קאָמפּאָזיטאָר און פּיאַניסט.

שטראָף־ראָד (זע טרעטמיל).

שמואל. דער נביא שמואל אַלס נאַאיוו אומשולדיק קינד אין היילי־קטום פון שלה (שמואל א״ג).

שפּיצבויגן סטיל. די אויבער־שטע פאָרם פון די פענסטער און טויערן אין דער גאָטישער קונסט — די קונסט פון 13, 14 און 15טן יאָר־הונדערט.

א י נ ה א ל ט :

פֿאָרוואָרט — — — — — — — — — — 3 — 5

אָסקאַר ווײַלד און זײַן טראַגעדיע פֿון ק. מרמר 80 — 5

דע פּראָפֿונדיס — — — — — — — — 196 — 3

באַמערקונגען. ק. מרמר — — — — — 231 — 199